STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02588

ALE VERK

Sholem Aleichem

Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Este libro se terminó de imprimir
el día 30 de junio de 1954, en los
Talleres Graficos Kafifón S. R. L.
Miró 747, Buenos Aires

אַלע ווערק
פֿון
שלום עליכם

איקוף פאַרלאַג
בוענאס איירעס

1954

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO VI

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES, 1954

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק

פון

שלום עליכם

•

באַנד VI

ערשט בוך

קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות

צווייט בוך

אַלט-נײַ כתרילעווקע

קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות

ערשט בוך

אינהאַלט:

די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך — 11

אַן אָנגעלייגטער ברית — 18

נחת פון קינדער — 25

אַ פאַרשטערטע חתונה — 31

נישט פאַר קיין ייִדן געדאַכט — 36

דרייפוס איז כתרילעווקע — 41

קיין עין־הרע ניט — 47

אים מעג מען מקנא זײַן — 52

צוויי שלח מנות — 57

נישטאָ קיין מתים! — 70

פאַרבענקט אַהיים — 75

ווען איך בין רויטשילד — 85

די יורשים — 89

די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך — 104

אויסגעטרייסלט — 148

די גאָלדשפינערס — 155

בערל־אײַזיק — 172

די שטאָט פון די קליינע מענטשעלעך

די שטאָט פון די ק ל יי נ ע מ ע נ ט ש ע ל ע ך, וואָס איך פיר דיך אַהין אַריַין, פּריַינט לעזער, געפינט זיך פּונקט אין דער מיט פונעם געבענטשטן „תּחום”, וווּ מע האָט אוועקגעזעצט יִידן קאָפּ אויף קאָפּ, ווי הערינג אין אַ פעסל, און אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך פּרוכפּערן און מערן — און דער נאָמען פון דער דאָזיקער באַרימטער שטאָט איז כ ת ר י ל ע וו ק ע.

פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען כּתרילעווקע? אָט פון וואַנען:

באַ אונדז אַן אָרעמאַן, דאָס וויים יעדערער, האָט יתרוס נעמען: פאַראַן אַ געמיינער מאַן, און אַן אָרעמאַן, און נעבעך אַן אָרעמאַן, און אַ גרויסער אָרעמאַן. און אַ געפאַלענער, אַ מקבל, אַ קבצן, אַ דלות, אַ דלפן, אַן עני, און אַן עני ואביון. איטלעכער פון די דאָזיקע אויסגערעכנטע נעמען ווערט אַרויסגערעדט מיט אַן אַנדער מין ניגון... און פאַראַן נאָך אַ נאָמען: אַ כ ת ר י א ל, אָדער אַ כ ת ר י ל י ק. דער דאָזיקער נאָמען ווערט אַרויסגערעדט שוין גאָר מיט אַן אַנדער מין ניגון, למשל: „אוי, בין איך, קיין עין־הרע, אַ כּתריליק!”... כּתריליק — דאָס איז שוין נישט גלאַט אַזוי אַ קבצן, אַ שלימ־מזל: דאָס איז שוין, פאַרשטייט איר מיך, אַזאַ מין אָרעמאַן, וואָס פאַלט נישט, חס־ושלום, אַראָפּ באַ זיך מיט זיַין אָרעמקייט: אדרבה, ס'איז גאָר אַ גדולה! אויף אונדזער לשון הייסט עס „אַן אָרעמס און אַ פריילעכס”...

פאַרשטעקט אין אַ ווינקעלע העט־וויַיט, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, שטייט זיך אָט די שטאָט עפּעס ווי פאַריתומט, פאַרחלומט, פאַרכשופט און פאַרטיפט אין זיך זעלבסט, גליַיך ווי מיט איר געהער זיך גאָרנישט אָן אָט דער גאַנצער טאַרעראַם מיטן האַרמידער, מיטן לויפעניש, יאָגעניש, העצעניש, פרעסעניש איינס דאָס אַנדערע מיט

די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן, וואָס מענטשן האָבן זיך מטריח געווען צו באַשאַפן און צוגעטראַכט צו דעם פאַרשיידענע נעמען, ווי: „קולטור", „פּראָגרעס", „ציוויליזאַציע" וכדומה אַזעלכע שיינע ווערטער, פאַר וועלכע אַ רעכטער מענטש נעמט אראָפּ דאָס היטל מיט גרויס דרך־ארץ. קליינע, קליינע מענטשעלעך!... נישט נאָר פון אויטאָמאָבילן, פון לופטשווי־מערן און אַוויאַטיקאַ — זיי האָבן אַ לאַנגע צײַט פון אונדזער אַלטער געוויינלעכער אײַזנבאַן נישט געוואָלט הערן און נישט געוואָלט גלייבן אַפילו, צי ס'איז גאָר פאַראַן ערגעץ אַ באַן אויף דער וועלט. „וויים איך וואָס, — האָבן זיי געזאָגט, — חלומות, נעכטיקע טעג, אויפן הימל אַ יאַריד, אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך" — וכדומה אַזעלכע שאַרפע ווערטער. ביז עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, איינער אַ כתרילעווקער בעל־הבית האָט באַדאַרפט האָבן קיין מאָסקווע, איז ער געפאָרן און געקומען צוריק און געשוואָרן מיט כל השבועות, אַז ער אַליין איז געפאָרן ביז סאַמע מאָסקווע מיט דער באַן דרײַ פערטל שעה... האָט מען דאָך מסתמא געמאַכט אים אויסצודרייען: ווי שווערט דאָס אַ ייִד אַ בעל־הבית אויף אַזאַ הארטן ליגן? לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז מע האָט אים נישט גוט פאַרשטאַנען: ער איז טאַקע מער נישט געפאָרן מיט דער באַן ווי דרײַ פערטל שעה; דאָס איבעריקע איז ער שוין געגאַנגען צו־פוס. ווי די מעשה איז — דער פאַקט מיט דער באַן איז אַ פאַקט, וואָס מע קאָן קעגן אים גאָרנישט זאָגן: אַ ייִד אַ בעל־הבית שווערט זיך מיט אַזעלכע שבועות, וועט ער מן הסתם פונעם פינגער נישט אויסזויגן, ובפרט, ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין מיטן שכל דעם כח פון אײַזנבאַן און אויסגעמאָלט אויף פּאַפּיר, ווי אַזוי די רעדער דרייען זיך, און דער קוימען פּײַפט, און דער וואַגאָן פליט, און ייִדן פאָרן קיין מאָסקווע... האָבן אים די קליינע מענטשעלעך אויסגעהערט — אויסגעהערט, כלומרשט צו־געשאָקלט מיט די קעפּ און אינעווייניק אין האַרצן גוט געלאַכט און גע־זאָגט: „וואָס קומט אַרויס — די רעדער דרייען זיך, דער קוימען פּײַפט, דער וואַגאָן פליט, ייִדן פאָרן קיין מאָסקווע — און קומען צוריק"...

אָט אַזוי ווי איר זעט, זײַנען זיי אַלע, די קליינע מענטשעלעך, נישט קיין בעלי־מרה־שחורה, קיין פאַרזאָרגטע בעלי־ביתלעך. אדרבה, זיי האָבן אַ שם אויף דער וועלט פאַר גרויסע בעלי־המצאות, ווערטלזאָגערס, לעבעדיקע פריילעכע נשמות, אָרעמע, נאָר פריילעכע. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס איז, אייגנטלעך, מיט זיי די גדולה? גאָרנישט, חי־געלעבט!... גע־

לעבט? אָנו, פרעגט זיי, למשל: „פון וואַנען לעבט איר?" — וועלן זיי אײַך ענטפערן: „פון וואַנען מיר לעבן? אַט זעט איר דאָך, כאַ־כאַ, מע לעבט"... און מערקווירדיק! ווען איר זאָלט זיי נישט באַגעגענען, לויפן זיי ווי די פאַרסמטע מײַז, דער אַהער, דער אַהין, און האָבן קיינמאָל קיין צײַט נישט. „וווהין לויפט איר?" — „וווהין מיר לויפן? אַט זעט איר דאָך, כאַ־כאַ, מע לויפט. מע מיינט, טאָמער וועט מען עפּעס כאַפּן, פאַרדינען אױף שבת"...

פאַרדינען אױף שבת — דאָס איז זייער אידעאַל. אַ גאַנצע וואָך וועלן זיי אײַך אַרבעטן, מיט בלוטיקן שווייס האָרעווען, פאַרשוואַרצט ווערן, קײַען די ערד, עסן מכות, טרינקען קדחת, אַבי ס'זאָל זײַן אױף שבת, און באמת, קומט דער ליבער הייליקער שבת — איז אַ כפּרה יעהופּעץ, אַ כפּרה אַדעס, אַ כפּרה אַפילו פּאַריז! מע זאָגט, — און דאָס זאָל זײַן אַ פאַקט, אַז זינט כתרילעווקע איז אַ שטאָט האָט זיך נאָך נישט געטראָפן, אַז אַ ייִד זאָל דאַרטן שבת חלילה דאַרפן הונגערן. וואָרעם ווי געשיקט זיך עס, אַז אַ ייִד זאָל נישט האָבן קיין פיש אױף שבת? האָט ער נישט קיין פיש, האָט ער פלייש; האָט ער נישט קיין פלייש, האָט ער הערינג; האָט ער נישט קיין הערינג, האָט ער חלה; האָט ער נישט קיין חלה, האָט ער ברויט מיט ציבעלע; האָט ער נישט קיין ברויט מיט ציבעלע, לײַט ער באַם שכן; איבעראַכטאָג שבת וועט דער שכן לײַען בײַ אים — „די וועלט איז אַ רעדל און עס דרייט זיך"... אַזוי זאָגט ער אײַך אַ גלײַכוווערטל און באַווײַזט מיט דער האַנט, ווי דאָס רעדל דרייט זיך... בײַ די קליינע מענטשעלעך, אַז עס קומט צו אַ גלײַכוווערטל, איז גאָרנישט שײַך. פאַר אַ גלײַכוווערטל וועלן זיי אײַך אָוועקגעבן, ווי מע זאָגט, דעם טאַטן מיט דער מאַמע. די וועלט דערציילט זיך אָן פון זיי אַזעלכע מעשיות, וואָס זעען אויס ווי אָנגעקלאָרט, נאָר מע קאָן זיכער ערב זײַן, אַז דאָס זײַנען לויטער פאַקטן.

למשל, מע דערציילט פון איינעם אַ כתרילעווקער בעל־הבית, וואָס ס'איז אים נמאס געוואָרן צו הונגערן אין כתרילעווקע, האָט ער זיך אַוועק־געלאָזט וואַנדערן איבער דער וועלט זוכן גליק, געוואָרן אַן עמיגראַנט, און האָט פאַרבלאָנדזשעט אַזש קיין פּאַריז. האָט ער מסתמא זייער חשק געהאַט זיך דערשלאָגן צו רויטשילדן. וואָרעם ווי איז דאָס אַ ייִד אין פּאַריז און מע זעט זיך נישט מיט רויטשילדן? איז אָבער אַ חסרון — מע לאָזט נישט צו. „וואָס איז די מעשה?" „אַ צעריסענע קאַפּאָטע".

„חכמים איר זײַט! — טענהט דער ייד. — איך זאָל האָבן אַ גאַנצע קאַפּאָטע וועלכע גוטע יאָר וואָלט איך געפֿאָרן קיין פּאַריז?" הקיצור — ס׳איז נישט גוט. אַ כתריליעווקער ייד אָבער פֿאַלט בײַ זיך נישט אַראָפּ און גיט זיך אַן עצה. ער איז זיך מיישב און רופֿט זיך אָן צום שומר, וואָס בײַ דער טיר: „גיי זאָג דעם פּריץ, אַז צו אים איז געקומען חלילה נישט קיין שנאָרער, נאָר אַ ייד אַ סוחר, וואָס האָט אים געבראַכט צו פֿירן אַזאַ מין אַרטיקל, וואָס מע קריגט דאָס, נישט דאָ אין פּאַריז פֿאַר כל הון דעלמא".

דערהערט אַזעלכע דבורים, הייסט ראָטשילד, מע זאָל אים אַרײַנפֿירן אַף ציקאַווייעסט דעם דאָזיקן סוחר. „שלום עליכם". „עליכם שלום". „זיצט. פֿון וואַנען איז אַ ייד?" „פֿון כתריליעווקע". „וואָס וועט איר זאָגן גוטס?" „וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, פּאַניע ראָטשילד? די מעשה דערפֿון איז אַזוי: אַף אײַך שמועסט מען בײַ אונדז, אַז איר זײַט, קיין עין־הרע, נישקשהדיק אין מעמד, אַף מיר געזאָגט געוואָרן כאָטש האַלב, כאָטש אַ דריטהלק איז אויך גענוג. נו, און כבוד מסתמא זײַט איר אוודאי אויך נישט זשעדנע; וואָרעם ווער עס האָט די מאות, זאָגט מען, דער האָט די דעות. הכלל, וואָס פֿעלט אײַך? איין זאַך: דאָס אייביקע לעבן. האָב איך עס אײַך געבראַכט צו פֿירן אַף צו פֿאַרקויפֿן".

דערהערט „דאָס אייביקע לעבן", מאַכט צו אים ראָטשילד: „מה יקר — וואָס וועט דאָס קאָסטן?" „עס וועט אײַך קאָסטן, פּאַניע, אַזוי גרויס (דאָ האָט זיך דער ייד פֿאַרטראַכט) — אַזוי גרויס ווי דרײַ הונ־דערטער". „אפֿשר וועלן מיר זיך דינגען?" „ניין, פּאַניע ראָטשילד, ס׳וועט נישט גיין. איך זאָל האָבן די ברכות, וואָס איך וואָלט אײַך געקאָנט זאָגן מער פֿון דרײַ הונדערט. נאָר גאָרנישט, געזאָגט — איז פֿאַרפֿאַלן". אַזוי מאַכט צו אים דער ייד, און ראָטשילד נעמט מסתמא און ציילט אים אויס דרײַ הונדערטער מזומנים, אחת ואחת. מײַן ייד קודם־כל לאָזט אַראָפּ דאָס ביסל מזומנים אין קעשענע און רופֿט זיך אָן צו ראָטשילדן בזה הלשון: „ווילט איר לעבן אייביק, איז עצתי, איר זאָלט אַוועקוואַרפֿן אָט דאָס טומלדיקע פּאַריז און אַריבערפֿעקלען זיך בעסער צו אונדז קיין כתריליעווקע, וועט איר קיינמאָל נישט שטאַרבן, וואָרעם זינט כתריליעווקע איז אַ שטאָט, איז בײַ אונדז נאָך קיין גביר קיינמאָל נישט געשטאָרבן"...

און נאָך אַ מעשה האָט זיך געטראָפֿן, איינער האָט אָנגעשפּאַרט אַזש קיין אַמעריקע... נאָר איך זאָל האַלטן בײַ דערציילן מעשיות, אײַנפֿאַלן

און המצאות פון די קליינע מענטשעלעך, וואָלט איך באַדאַרפט זיצן מיט אײַך דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט און דערציילן און דערציילן. לאָמיר בעסער אַריבערגיין צו די באַשרײַבונגען פון דער שטאָט גופא.

איר ווילט אוודאי וויסן, וויאַזוי זעט אויס כתרילעווקע? שיין, אַזוי ווי גאָלד. און ווער שמועסט, פון דער ווײַטנס! פון דער ווײַטנס כאַפּט דאָס דעם אָנבליק פון... אַ וואָס זאָל איך אײַך, אַשטייגער, זאָגן? פון אַ סאָנישניק, וואָס איז געדיכט אָנגעזעצט מיט סעמיטשקעס, אָדער פון אַ לאָקשנברעט מיט פאַרפּל אַ סך. ווי אַף אַ טעלער, ליגט פאַר אײַך די שטאָט, און איר קאָנט זי זען פאַר אַ מײַל מיט אַלע אירע אַנטיקלעך. וואָרעם די שטאָט גופא, פאַרשטייט איר מיך, שטייט אַף אַ באַרג, דאָס הייסט, אַף דער שטאָט האָט זיך אָנגערוקט אַ באַרג, און אונטערן באַרג שטייען הײַזלעך אַ סך, איינס אַף דאָס אַנדערע, ווי קברים אַף אַן אַלטן בית־עלמין, ווי אַלטע שוואַרצע אײַנגעבויגענע מצבות. קיין גאַסן איז נישט שײַך צו זאָגן, מחמת די הײַזער גייען נישט געבויט, אויסגערעכנט און אויסגעמאָסטן נאָכן צירקול, און קיין סך פּלאַץ צווישן די הײַזער איז אויך נישטאָ; למאי זאָל שטיין אומזיסט־אומנישט אַ ליידיקער פּלאַץ, אַז מע קאָן דערויף אָנידערשטעלן אַ שטוב? סע שטייט אין פּסוק: „לשבת יצרה" — איז דער פּשט: די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן אַף ישוב, אַף צו זיצן, נישט אַף צו קוקן. וואָס פאַר אַ קוקן?...

פונדעסטוועגן, האָט קיין יסורים נישט, פאַראַן גאַסן אויך, גרויסע גאַסן און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און הינטערגעסלעך, אַי וואָס, ס'איז נישט עפּעס אַזוי גלײַך, אַביסל געדרייט באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף — און פּלוצעם נאָט אײַך אַ שטוב אָדער אַ קעלער, אָדער גלאָט אַ גרוב? וועט איר אַ ברירה האָבן נישט גיין איינער אַליין באַנאַכט אָן אַ לאַנטערנע! פאַר די קליינע מענטשעלעך זאָלט איר זיך נישט זאָרגן: אַ כתרילעווקער אין כתרילעווקע צווישן כתרילעווקער וועט נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן קיינמאָל; איטלעכער טרעפט צו זיך אַהיים, צו זײַן אייגן ווײַב און קינדער, ווי אַ פייגעלע צו זיך אין נעסט אַרײַן...

און ווײַטער איז פאַראַן אין מיטן שטאָט אַ ברייטער האַלב־קײַלעכיקער, און אפשר אַ פירעקעכיקער פּלאַץ, וואָס דאָרטן זײַנען די קלייטן, די געוועלבן, די יאַטקעס, טישלעך און שטעלכעלעך, און דאָרטן שטעלט זיך אויס דער מאַרק אַלע פרימאָרגן, ווו עס פאָרן זיך צונויף אַ סך גוים

מיט אַ סך גויעם מיט אַלערליי מינים סחורות און עסנוואַרג, פיש מיט ציבעלעס, מיט כריין, מיט פּעטרעשקע און מיט שאַר ירקות. דאָס ביסל שאַר ירקות פאַרקויפט מען און מע קויפט בײַ די ייִדן אַנדערע באַדער־פעניש, און דערפון ציִען דאָס די ייִדן פּרנסה, אפילו נישט אַזוי ברייט, נאָר פאַרט פּרנסה. בעסער פון גאָרנישט איז דאָך עס... און דאָרטן, טאַקע אויף דעם זעלביקן פּלאַץ, ליגן אויסגעצויגן באַטאָג אַלע ציגן פון שטאָט און וואַרעמען זיך קעגן דער זון, און דאָרטן טאַקע זײַנען, להבדיל, די בתי־מדרשים מיט די שולן מיט די קלײַזלעך מיט די חדרים פון שטאָט, וווּ ייִדישע קינדער לערנען תורה, דאַוונען, לייענען און שרײַבן; די רבים מיט די תלמודים זינגען און שרײַען אויף קולי־קולות, אַז מע קאָן טויב ווערן... און אויך דאָס מרחץ, וווּ ווײַבער באָדן זיך, און אויך דער „הקדש", וווּ ייִדן שטאַרבן, און אַלע איבעריקע גוטע ערטער, וואָס לאָזן זיך הערן פון דער ווײַטן... ניין, כתרילעווקע ווייס נאָך נישט פון קיין „קאַנאַליזאַציע", וואַסערלייטונג, עלעקטריציטעט און נאָך אַזעלכע לוקסוס־זאַכן: נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? „מע שטאַרבט, הערט איר, אומעטום מיט אַלץ איין טויט און מע לייגט אַרײַן, הערט איר, אומעטום אין אַלץ איין ערד אַרײַן, און מע קלאַפּט־צו אומעטום, הערט איר, מיט דער אייגענער לאָפּעטע!" — אַזוי פלעגט זאָגן אַלע מאָל מײַן רבי רב ישראל מלאך אויף אַ שמחה, דווקא דעמאָלט, ווען ער איז געווען רעכט פריילעך, גוט אונטערן גלעזל און שוין פאַרטיק צו פאַר־קאַטשען די קאַפּאָטע און גיין אַ „דײַטש", אָדער כאַפּן אַ קאַזאַק"...

מיט וואָס כתרילעווקע מעג זיך יאָ באַרימען — דאָס איז מיט אירע בית־עולמס. צוויי רײַכע בית־עולמס פאַרמאָגט די דאָזיקע געבענטשטע שטאָט: אַן אַלטן בית־עולם און אַ נײַעם בית־עולם. דאָס הייסט, דער נײַער בית־עולם איז, מאַלט אײַך, אויך גענוג אַלט און גענוג רײַך אין קברים. עס וועט שוין באַלד נישט זײַן וווּ צו „לייגן", טאָמער חלילה אַ פּאָגראָם, אַ חלירע אָדער אַזוי עפּעס אַן אומגליק פון די הײַנטיקע אומגליקן.

איבערהויפּט, נעמען זיך איבער די כתרילעווקער קליינע מענטשעלעך מיטן אַלטן בית־עולם. דאָס אַלטע בית־עולם זייערס, כאָטש ס'איז שוין פאַרוואַקסן מיט גראָז און מיטביימלעך און כמעט אָן איין גאַנצער מצבה, האַלטן זיי דאָס פונדעסטוועגן פאַר אַ צירונג, אַ שײַנדעלע, אַ רײַכטום, און היטן דאָס אָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. וואָרעם אַחוץ וואָס

דאָרטן ליגן זייערע אבות־אבותיהם, רבנים, צדיקים, לומדים, מפורסמים, גרויסע לײַט, — איז אַ סברה, אַז דאָרט געפֿינען זיך אַ היפּש ביסל קדושים נאָך פֿון דער הנדזאַמאַטשינע, פֿון כמעלניצקיס צײַטן... אַט דאָס „הייליקע אָרט" — דאָס איז זייער איינציק שטיקל אייגנס אַף דער וועלט, ווו זיי זײַנען די איינציקע בעלי־בתים, זייער איינציק שטיקל ערד, זייער איינציק שטיקל פֿעלד, ווו עס שפּראָצט אַ גרעזל און עס וואַקסט אַ ביימל און די לופֿט איז פֿריש און עס אָטעמט זיך פֿרײַ...

איר זאָלט זען, וואָס דאָרטן טוט זיך אָפּ, אַז עס קומט סוף זומער, אַרום ראש־חודש אלול, די „וויינענדיקע טעג" — אײַ־אײַ־אײַ! יידן און ווײַבער — דערהויפּט, ווײַבער — אויף און אָפּ, סע ווימלט און סע שווימלט — אַ וווּרטעלע „קבר־אָבות! פֿון דער גאָרער וועלט קומט מען אַהער אַביסל זיך אויסוויינען און אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ אַף די הייליקע קברים. הערט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? אין ערגעץ וויינט זיך נישט אַזוי גוט און אַזוי געשמאַק, ווי אין כתרילעווקע „אַפֿן פֿעלד". דאָס הייסט, אין די שולן דאָרטן וויינט זיך אַפֿילו אויך גאַנץ נישקשהדיק. נאָר ווי קומט דאָס צו קבר־אָבות? דאָס „קבר־אָבות" איז אַ שטיק פּרנסה פֿאַר די כתרילעווקער שטיינשנײַדערס, בעלי־אכסניות, חזנים און שמשים, און דער ראש־חודש־אלול איז פֿאַר די דאָרטיקע אָרעמע לײַט, ווײַבער און קאַליקעס די אמתע „שניטצײַט".

„זײַט איר שוין געווען בײַ אונדז אַפֿן פֿעלד?" — וועט אײַך פֿרעגן אַ כתרילעווקער מיט גדלות, גלײַך ווי ער וואָלט אײַך, אַשטייגער, פֿרעגן, צי זײַט איר געווען בײַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן? אויב איר זײַט נאָך נישט געווען, טוט אים צוליב און גייט זיך דורך צו זיי „אַפֿן פֿעלד", לייענט איבער די אַלטע שטאַרק־אָפּגעריבענע אויפֿשריפֿטן אַף די האַלבּ־אײַנגעפֿאַלענע מצבות, וועט איר געפֿינען אין זיי אַ שטיק געשיכטע פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק... און אויב איר זײַט אַ מענטש פֿון התפּעלות און באַגײַסטערונג, וועט איר, באַטראַכטנדיק די דאָזיקע אָרעמע שטאָט מיט אירע רײַכע בית־עולמס, זיך נישט קאָנען אײַנהאַלטן און איבערחזרן דעם אַלטן פּסוק: מ ה ־ ט ו ב ו — ווי גוט זײַנען דײַנע געצעלטן, יעקב! דײַנע רו־ערטער, ישראל!...

געשריבן אין יאָר 1901

אַן אָנגעלייגטער ברית

— שלימזל! ווען קומט איר אוים גיין צו־קינד? ערב יום־טוב!

— קוים דערלעבט אַ נחת!

— אַז מיר ווען ווערט זײַן באַ גאָט, וועט נאָך זײַן אַ ייִנגל אויך. אָט וועט איר זען!

— זי מוז געבוירן משיחן, נישט אַנדערש!

אַזעלכע וכדומה אַזעלכע ווערטלעך זײַנען געפלויגן דעם גאַנצן טאָג באַ הענעך דעם סטאָלער אין שטוב, און רייזל האָט זיך געקנייטשט, געיאָקעט, זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען.

עס זײַנען געווען מינוטן אַזעלכע, וואָס זי האָט זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, זיך געקנײַפּט דאָס פּנים, געריסן פון זיך שטיקער פלייש און געבעטן אַף זיך דעם טויט.

— רבונו של עולם! זיסער פאָטער, האַרציקער, געטרײַער, העלף מיר שטאַרבן!...

רייזל איז געגאַנגען צו־קינד נאָך פון גאַנץ פרי אָן, נאָר זי האָט זיך באַהאַלטן, קיינער זאָל נישט וויסן. אַרום פאַרנאַכט, אַז עס האָבן זי אַ כאַפּ געטאָן די רעכטע „ווייען", איז זי אַרײַנגעפאַלן אין בעט אַרײַן, אָנגעהויבן ברעכן די הענט, צונויפגעקרעמפּעוועט די ציין, געוואָרן ברוין און בלוי און האָט אויסגעשריִען נישט מיט איר קול:

— מאַמעניו! גיב מיר כח.. איך זאָל קאָנען שטאַרבן!

שרה־רחל די באָבע, וואָס איז געשטאַנען איבער איר בעט, האָט שוין, נישקשה, געזען אַזעלכע זאַכן. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו איר מיט פאַר־קאַטשעטע אַרבל ביז די שפּיצעכיקע שוואַרצע עלנבויגנס און האָט זי געטרייסט:

— שרײַ, שרײַ, מײַן קינד! א געוווינערן באַראַף שרײַען. נאָך איין געשריי, וועסטו, אם ירצה השם, איבערקומען געזונטערהייט. די מאַמע דײַנע פון יענער וועלט טוט זיך פאַר דיר איצטערט מיִען. דער טאַטע דײַנער שטייט איצינדערט פאַרן בית־דין־של־מעלה און טוט טאָן בעטן פאַר דיר. דו וועסט, אם ירצה השם, איבערקומען געזונטערהייט און וועסט האָבן א זון, א טרייסט צו דײַנע צרות...

די „ווייען" גייען איבער, און רייזל בלײַבט ליגן, ווי א פּריטשמע־לעטע, א פאַרשכורטע, און עס קלינגט איר אין די אויערן, און זי שלאָפט נישט, נאָר זי איז פאַרטומלט. זי ווייס נישט, ווו זי איז אין דער וועלט. עפּעס טוט זיך מיט איר. עפּעס וועט מיט איר זײַן. אפשר איז דאָס אַן עק צו אירע צרות? אפשר שטאַרבט זי? רייזל וויל נישט שטאַרבן. ניין! זי האָט נאָך א האָפענונג אַף דעם וואָס לעבט אייביק, אַז איר זעטל וועט קומען, קומען צו פאָרן פונעם ווײַטן אמעריקאַ, און זי וועט נאָך ווּיסן פון א לעבן מיט איר ליבן טײַערן זעטלען.

ווו איז זעטל?

זעטל דער שנײַדער האָט זיך עטלעכע חדשים נאָך דער חתונה אוועק־געלאָזט זוכן פּרנסה. קיין אמעריקאַ איז ער אוועקגעפאָרן. אַלע פאָרן איצט קיין אַמעריקאַ. אוועקגעפאָרן זעטל — און נישטאָ, ווי אין וואַסער אַרײַן.

„געוויס איז ער דאָרט א חתן געוואָרן, גענומען פּריש נדן, אויס־קרענקען זאָל ער דאָס דאָרטן, רבונו של עולם!"

אַזוי האָט מען געשמועסט וועגן אים אין כּתרילעווקע, בײַ הענעך דעם סטאָלער אין שטוב, אַלע — אַחוץ רייזלען.

רייזל האָט א נ ד ע ר ש געקלערט וועגן איר זעטלען. זי האָט אים געקענט בעסער פון אַלעמען, כאָטש זי איז געווען מיט אים אינ־איינעם נישט מער ווי פיר חדשים.

רייזל האָט אַרויסגעקוקט אַף אים אַלע מינוט, אַלע רגע; אויב ער לעבט נאָר און איז געזונט, וועט ער געוויס קומען, אָדער כאָטש שרײַבן א בריוול און צושיקן איר זײַן „פּאַטרעט". אוי, ווען גאָט העלפט איר, עס קומט איר אָן דאָס גוטע בריוול מיטן „פּאַטרעט", ווער איז צו איר דעמאָלט גלײַך?

א סך טעג האָט רייזל אָט אַזוי אַרויסגעקוקט. א סך נעכט איז זי נישט געשלאָפן. א סך טרערן האָט זי אויסגעגאָסן שטילערהייט, באַגראָבן

דעם קאָפּ אין קישן, לײַט זאָלן נישט זען, גוטע פרײַנט זאָלן נישט האָבן קיין יסורים, שונאים זאָלן זיך נישט פרייען אַף אירע צרות.

און אירע צרות זײַנען געווען גענוג גרויס, וואָרעם ווי האָט דערפילט, אַז זי באַדאַרף ווערן אַ מוטער... וויי און ווינד, וואָס וועט זי טאָן? וווּהין וועט זי זיך קערן און ווענדן? זי זאָל נישט מורא האָבן פאַר גאָט און פאַרן גיהנם, וואָלט זי זיך אַ מעשה אָנגעטאָן!

ס׳איז אַ סברה, אַז איינמאָל איז זי געווען באַם טײַך, געוואַשן גרעט, האָט זי זיך געוואָלט אַרײַנוואַרפן אין וואַסער אַרײַן. האָט זי זיך דערמאָנט אָן יענער וועלט, האָט זי געכאַפּט דאָס פּעקל גרעט און האָט זיך געלאָזט, נישט טויט, נישט לעבעדיק, לויפן אַהיים. אַזוי ווי זי לויפט, באַגעגנט זי זיך מיט שרה־רחלען די באָבע.

— וואָס לויפסטו אַזוי, טאָכטער מײַנע? — פרעגט זי שרה־רחל.

האָט זיך רייזל צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און שרה־רחל, וואָס האָט געהאַט אַ „געניט אויג״, האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז, און זי האָט איר גענומען אויסריידן דאָס האַרץ, ווי ווײַט זי האָט געקאָנט.

— ס׳איז אַ גאָטס־זאַך, — האָט איר שרה־רחל געזאָגט — ס׳איז פון גאָט. אַ קשיה, אפשר אין דעם זכות וועט קומען זעטל?...

דערהערט דעם נאָמען זעטל, האָט זי דערפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז איר צוגעטרעטן צום פּנים — און ביידע ווײַבער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אַף אַ פרעמדער פּריזבע, זיך געשושקעט־געשושקעט, גערעכנט אַף די פינגער און צעגאַנגען זיך.

וויפל רייזל האָט געקאָנט האָט זי דעם סוד געהאַלטן טיף באַ זיך פאַרבאָרגן, ביז עס איז איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסגעשפּרונגען און ס׳איז געוואָרן אויס סוד, און פון דעמאָלט אָן איז הענעך דעם סמאָלערס שטוב געוואָרן פאַר איר אַ גיהנם. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז אַלע קוקן אַף איר, אַלע ריידן פון איר, און מער פון אַלץ האָט זי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דאָס, וואָס מע שילט איר זעטלען. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן באַדט זיך אין זײַן בלוט.

מער פון אַלעמען איז איר דערגאַנגען די יאָרן לאה די בעקערן. לאה די בעקערן האָט אַף איר שטאַרק רחמנות געהאַט, פלעגט זי איר אונטערטראָגן אָפטמאָל אַ פריש שטיקל בולקע, אַ ברייטל, אַ „ווישקראָבעק״ און זאָגן בשעת מעשה:

— נאַ, רייזל, פאַרזוך דאָס געבעקס, ווערגן זאָל ער זיך דאָרטן אין אַמעריקע, דער שאַרלאַטאַן דײַנער, מיטן ערשטן ביסן, זיסער גאָט!

— ער זאָל כאַטש וויסן דאָרטן, אַז אָט־אָט ווערט ער אַ טאַטע, דער רוח זאָל אים נעמען! — העלפֿט איר אונטער פֿרומע די מלמדקע.

— און אַז ער וועט וויסן, וועט ער זיך צעקראַצן דאָרטן, דער שנײַדערוק, פֿאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! — לייגט צו אַ קנייטל אסנה די קורעלאַפּניטשקע.

די דאָזיקע ווײַבער — דאָס זײַנען אַלץ שכנים, וואָס זיצן מיט רייזלען בײַ הענעך דעם סטאָלער אין שטוב. איטלעכע פֿון זיי האָט זיך איר אַלקערל, איר בעל־הבתישקייט, איר בעטגעוואַנט, איר מאַן און אירע קינדערלעך. און קינדערלעך זײַנען דווקא בײַ זיי, ברוך השם, גענוג. ס'איז דאָרטן שטענדיק אַ הו־האַ, אַ געשריי, אַ געפּילדער: די קינדער צווישן זיך רײַסן זיך; די בעל־הביתטעס קאָכן און באַקן אַלע בײַ איין אויוון, פֿירן צווישן זיך רכילות, ריידן איינע אויף דער אַנדערער לשון־הרע, קריגן זיך און בעטן זיך איבער, לײַען און פֿאַרלײַען איינע דער אַנדערער, אַבי ס'איז נאָר פֿאַראַן וואָס. פֿרייען זיך אַלע אינאיינעם אויף איין שמחה און לעבן כמעט ווי איין משפּחה.

רייזל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿונעם שלאָף מיט אַ נײַעם מין געשריי:

— גאָט! גאָט! גאָט!...

— אָט אַזוי, אָט אַזוי, טאָכטער! — האָט זי שרה־רחל געטרייסט. — אַצינדערט גייען ערשט די רעכטע „ווייען". נאָך איינע צוויי־דרײַ גוטע געשרייען וועסטו, אם ירצה השם, איבערקומען געזונטערהייט... אָט אַזוי, אָט אַזוי... מזל טוב דיר, טאָכטער, האָסט געהאַט אַ יינגל!

אַז ס'איז געבאָרן געוואָרן בײַ רייזלען דאָס יינגל, איז דאָס ערשטע געווען אויסבאָדן דאָס קינד, איבערוויקלען און באַטראַכטן אין וועמען איז דאָס געראָטן — און אַלע דרײַ ווײַבער האָבן אויסגעשריגן אין איין קול:

— אַ וויטיק אים אין פּנים! אינגאַנצן „ער" מיט די ביינער!

נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן שמועסן מכוח אַ יאַיכל פֿאַר דער קימפּעטאָרן. האָט איינע האָט אויפֿגעוואָרפֿן דער אַנדערער פֿאַרוואָס מען

האָט נישט פאַרזאָרגט די קימפּעטאָרן כאָטש מיט אַן עוף. די גאַנצע באָד האָט מען אַרויפגעלייגט, געוויינטלעך, אַף אַסנה די קורעלאַפּניטשקע.

— איר זײַט אַ ייִדענע, וואָס קאָטאָרי איר האַנדלט מיט עופות, זײַט איר נישט קליין געווען פּריער מיט צוויי וואָכן אוועקזעצן אַן עוף פֿון רייזלס וועגן! ? פּראָסע וואָלטן מיר שוין אַליין געקויפט, און שחיטה־געלט וואָלטן מיר גענומען אַף זיך.

לאה די בעקערן האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט זיך אוועק־געשטעלט מאַכן פּוטערגעבעקס פאַר דער קימפּעטאָרן, און פרומע די רביצן איז אוועקגעלאָפן צו איר מאַן, רב חיים־חנא דער מלמד, און האָט בא אים געפּועלט, ער זאָל באַלד אָנשרײַבן שיר־המעלותן פאַר דער געווינערן.

האָט חיים־חנא דער מלמד פאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט אָנגע־שריבן שיר־המעלותן, וואָס בא דער רײַכסטער געווינערן האָט מען אַזעלכע נישט געזען. אין מיטן איז געשטאַנען אויסגעמאָלט אַ געצאַצקעטע פּיראַמידע:

אדם	וחווה
אברהם	ושרה
יצחק	ורבקה
יעקב	ולאה

בא די זײַטן איז געשטאַנען דער געוויסער פּסוק:

מכשפה לא תחיה
לא מכשפה תחיה
תחיה מכשפה לא

און אונטן, מיט גאַנץ גרויסע אותיות:

ס י נ י ׳ ו ס נ ס י נ י ׳ ו ס מ נ ג ל ף

די געוויסע פאַרבאָרגענע ווערטער, וואָס זײַנען אַ סגולה צו אַ „גוט־אויג" און צו אַלע צרות. הכלל, עס איז באַשאַפן געוואָרן אַלצדינג, וואָס מע באַדאַרף.

די קימפּעטאָרן איז געלעגן און האָט נאָר באַטראַכט די דאָזיקע ווײַבער:

— גאָט זאָל זיי צאָלן! פאַרוואָס קומט דאָס מיר? פאַר וועלכע מעשים טובים?...

אַז די מאַנצבילן האָבן זיך אַביסל אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלע אַרבעט, האָבן זיי געמאַכט אַ שמועס מכּוח פאַרוואָס אַ ברית.

הענעך דער סטאָלער, כאָטש ער איז אַ ייִד נישט קיין גביר און קיין יונגלעך איז ער נישט זשעדנע באַ זיך, פונדעסטוועגן האָט ער גע־זאָגט, אַז ווי באַלד די שמחה איז באַ אים אין שטוב, וויל ע ר די מצווה און נעמט דעם ברית אויף זיך. האָט זיך דער איבעריקער אוילעם געפונען ווי באַליידיקט:

— פאַרוואָס קומט אים איינעם אַליין אַזאַ מצווה? ער האָט זייער שיין גערדרשנט? דער ברית איז אַ ל ע מ ע נ ע ס ברית!

אַז ס'איז געקומען צו די כבודים אויסטיילן, איז געוואָרן אַ שטיקל סכסוך.

הענעך דער סטאָלער האָט גערעכנט, אַזוי ווי ער איז בעל־הבית, וועט מען אים מסתמא געווים אָפּגעבן סנדק, — האָט ער אָבער געהאַט אַ מיאוסן טעות. סנדק, האָבן אַלע געזאָגט, קומט רב חיים־חנא דעם מלמד, מחמת רב חיים־חנא דער מלמד איז אַ ייִד, וואָס קאָן, פאַרשטייט איר מיך, לערנען, האָט שוין הענעך דער סטאָלער געמוזט נאָכשטופּן די קאַרעטע און זאָגן, אַז ער האָט אַליין אויך גאָר אַנדערש נישט גע־רעכנט... דערפאַר האָט מען אים מכבד געווען מיט כּסא־של־אליהו, און מציצה האָט מען געמוזט אַוועקגעבן אַסנה דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן, מחמת אַסנה דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן איז אַ בייזער ייִד. ער קאָן מאַכן אַ סקאַנדאַל!

הקיצור, מע האָט זיך מיט די כבודים ווי עס איז אײַנגעטיילט.

איז געבליבן נאָך איין זאַך, סאַמע דאָס בעסטע: ווו וועט מען נעמען משקה?

— משקה? — רופט זיך אָן שרה־רחל די באָבע. — איר זאָלט שוין אַזאַ דאגה האָבן מיט אַלדאָס גוטס, ווי איר האָט אַ דאגה מיט משקה!

און שרה־רחל האָט געכאַפּט אויף זיך דעם קעצענעם בורנוס און איז אַוועק צו איר איידעם יודל דעם ווײַנער, וואָס מאַכט די זיסע בראָנפנס, און האָט אים געבראַכט צו פירן אַפן ברית מיט צוויי פלעשלעך רויטן בראָנפן, וואָס מע רופט דאָס „קראַמבאַמבולי". און אַז דער עולם האָט

נאָך די פֿיש גענומען צו גלעזלעך „קראַמבאַמבולי", איז מע באַלד געוואָרן לעבעדיק, פֿריילעך, און עס האָבן אָנגעהויבן פֿליִען לחיימס.

— לחיים! — האָט געזאָגט דער „סנדקא", רב חיים־חנא דער מלמד, אַ ייִד מיט אַן אויסגעפּליקטער באָרד פֿון איין זײַט און מיט אַ שוואַרצער גלאַנצנדיקער פּאַטשיילע אָפּן האַלדז. — לחיים! לאָז גאָט העלפֿן, מיר זאָלן דערלעבן טרינקען אַף זײַן בר־מצווה.

— לחיים! — האָט געזאָגט „כּסא־של־אליהו", העניך דער סטאָלער. — לחיים! לאָז גאָט געבן, מיר זאָלן דערלעבן טרינקען אַף זײַן חתונה!

און דער „בעל־מציצה", אַסנה דער קורעלאַפּניטשקעס מאַן, אַן אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט מיט גראָבע שוואַרצע ליפּן, האָט אַרײַנגעהאַקט דרײַ כּוסות מיט אַ מאָל און איז אַוועק מיט זײַן ווינטשעוואַניע נאָך ווײַטער:

— לחיים! לאָז גאָט געבן, מיר זאָלן דערלעבן טררררינקען אַף בריתן, אַף בר־מצוותס און אַף חתונהס בײַ אים, און בײַ זײַנע קינדער, און בײַ זײַנע אייניקלעך, און בײַ זײַנע אור־אור־אור־אייניקלעך!

און די ווײַבער האָבן אויך גענומען צו קאַפּעטשקעלעך, און זײַנען געוואָרן רויטפּאַרביק און שטאַרק באַריידעוודיק, און האָבן גערעדט אַלע אינאיינעם, ווי די גענדז.

נאָכדעם האָבן די מאַנצבילן אַרויסגעטראָגן די טישן מיט די בענקלעך, אַראָפּגעוואָרפֿן מחילה, די קאַפּאָטעס און האָבן געכאַפּט אַ טענצל, מחילה, אין די תחתונים, ווי, להבדיל, שמחת־תורה.

און אָפּן בעטל, פֿאַרהאַנגען מיט אַן אַלטן צעריסענעם לײַלעך, אַרומגעשטעקט פֿון אויבן ביז אַראָפּ מיט שיר־המעלותן, איז געזעסן רייזל די מימפּעטאָרן מיט אַ ברעקעלע קינד אַף די הענט, געוויקלט אין שמאַטעס, צוגעטוליעט צו דער ברוסט. זי האָט געקוקט אַף די דאָזיקע גוטע מענטשן, וואָס האָבן געווינטשן איר אַזויפֿיל גוטס, זי ווייס נישט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען, און האָט געקוקט אַף איר קינד, איר טרייסט:

— אינגאַנצן ע ר! ע ר מיט די ביינער!

און צוויי טרערן האָבן אַראָפּגעקאַפּעט פֿון אירע שיינע בלויע טיפֿע אויגן, געקוויקלט זיך איבער איר בלאַס אויסגעמוטשעט פּנים און אַראָפּגעפֿאַלן אַף דער ווײַסער יונגער ברוסט.

געשריבן אין יאָר 1901

נחת פון קינדער

(מאָנאָלאָג)

— קיין נגיד, הערט איר, בין איך נישט. ווײַט פון אַ נגיד. גאָרנישט. אַ בעל־הבית מיט אַ דירה אַן אייגענע. כּמעט וואָס האָט מען, מ׳שטיינס געזאָגט, בײַ אונדז פון אַ דירה? מכות! — נאָר נחת פון קינדער, קאָן איך מיך באַרימען, האָב איך, ברוך־השם, מער פונעם גרעסטן גביר אין כּתרילעווקע! בײַ מיר, הערט איר, אַז עס קומט אַ יום־טוב און עס קומען זיך צונויף אַלע קינדער, קיין עין־הרע, זין און טעכטער, שניר און איידעמס מיט אַלע אייניקלעך — ווער איז צו מיר גלײַך?

למשל, נעמט פּורים צו דער סעודה.

וואָס פאַר אַ טעם, פרעג איך אײַך, האָט אַ סעודה, אַז מע זעצט זיך צום טיש איינער אַליין מיטן ווײַב און מע עסט?

נו, שטעלט אײַך פאָר, אַז איך האָב שוין אָפּגעגעסן די פיש מיט דער יויך, לאָקשן, צימעס, דאָס, יענץ — נו וואָס? בלאָטע שעבעבלאָטע! אַ פערד, להבדיל, עסט אויך. אַ מענטש איז דאָך אָבער נישט קיין פערד. ובפרט אַ ייִד. ובפרט יום־טוב. ובפרט אַזאַ יום־טוב, ווי פּורים צו דער סעודה!

קודם כּל — די קינדער, קיין עין־הרע.

אַכט האָב איך, זאָלן געזונט זײַן, אַלע אויסגעגעבענע. (געווען צוועלף — פיר זײַנען, די צו לענגערע יאָר, אַוועקגעגאַנגען). האַלב זײַנען זין, האַלב זײַנען טעכטער; פיר איידעמס און פיר שניר; האָט איר שוין, קיין עין־הרע, אַ קיימאַ־לן פון זעכצן.

הײַנט אייניקלעך, לעבן זאָלן זיי!

נישט צו פאַרזינדיקן. וואָרעם אַלע טעכטער און אַלע שניר קינדלען,

ברוך־השם, אַלע יאָר; באַ וועמען ס'איז פֿאַראַן עלף, באַ וועמען — נײַן, באַ וועמען זיבן. קיין עקרות, אַזעלכע, הייסט דאָס, וואָס זאָלן חלילה נישט האָבן גאָרנישט, איז באַ מיר נישט פֿאַראַן.

נאָר מיט איין זון, מיטן מיטלסטן, האָב איך געהאַט אַביסל צו טאָן: מײַן שנור האָט אַ צײַט קיין קינדער נישט געהאַט. נישטאָ און נישט — און גענוג!

האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה: דאָקטוירים, דער רבי, להבדיל דער טאַטער — עס העלפֿט נישט.

קיצור־הדבר ס'איז געבליבן — גטן זיך.

מילא, גטן זיך — גטן זיך. ס'איז געקומען צום גטן זיך — ווער? וואָס? זי וויל נישט!

וואָס הייסט, זי וויל נישט? זי האָט אים, זאָגט זי, ליב, טפּש איינער! וואָס הערסטו זי, זאָג איך, וואָס זי האָט דיך ליב? זאָגט ער: איך האָב זי אויך ליב. וואָס זאָגט איר אַף דעם חכם? איך זאָג אים „קינדער" — זאָגט ער „ליב"!... וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ לעקיש?

קיצור־הדבר, זיי האָבן זיך נ י ש ט געגט. און גאָט האָט געהאָלפֿן — שוין אַ יאָר זעקס, אַז זי האָט אָנגעהויבן צו קינדלען, קינדלט זי וואָס אַ יאָר, וואָס אַ יאָר; שיט אַף מיט אייניקלעך!

איר זאָלט זען באַ מיר אייניקלעך — אַלע געראָטענע. איינס שענער פֿונעם אַנדערן, אין זייערע פּנימער נישט אַרײַנצוקוקן! איך זאָג אײַך — אַנטיקלעך!

הײַנט וויאַזוי לערנען זיי! טאָמער ווילט איר אַ בלאַט גמרא — איז אַ בלאַט גמרא אויסווייניק. פֿון חומש מיט רש"י, מיט תנ"ך, מיט דקדוק, מיט די אַלע איבעריקע הײַנטיקע שאַלעמויזן שמועסט מען נישט. זייער לייענען און זייער שרײַבן יִדיש און רוסיש און דײַטש און פֿראַנצייזיש, און און און...

אַז איך באַדאַרף אַמאָל אַ בריוול איבערלייענען, אַן אַדרעס אָנשרײַבן, צי וואָס, — ווערט אַ מלחמה: „זיידעניו, אָט וועל איך! זיידעניו, אָט וועל איך!"

אי וואָס, איר וועט פֿרעגן, „פּרנסה"? עט, פֿאַראַן אַ גרויסער גאָט! ער פֿירט אויס, אַ מאָל אַזוי, אַ מאָל אַזוי. אַ מאָל בעסער, אַ מאָל ערגער. מאָלט אײַך, מער ערגער ווי בעסער — מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיטן יאָר, אַבי געזונט, ווי זאָגט איר.

מײַן עלטערן זון איז געגאַנגען נישט שלעכט. ער איז געזעסן אין א דאָרף, אין זלאָדיעווקע איז ער געזעסן, און געהאַט גאַנץ פײַן פּרנסה; נאָר אַז ס'איז אַרויס דער אוקאַז פונעם דריטן מײַ, האָט מען אים געבעטן מחילה; האָט ער דאָך מסתמא געבריהט זיך, געוואָלט אויסווײַזן, אַז ער איז נישט קיין „פּאָסעליוושייסיאַ", געבראַכט פּאַפּירן, אַז ער זיצט דאָרטן נאָך פון ששת ימי בראשית, דערלאַנגט אין סענאַט. בקיצור, ס'האָט נישט געהאָלפן קיין שמע־ישראל, מע האָט אים אַרויסגעטריבן, און ער קאָן נאָך עד היום צו זיך נישט קומען... זיצט ער בײַ מיר מיט ווײַב און קינדער, א ברירה האָט מען?

און דעם אַנדערן זון מײַנעם גייט נעבעך גלאַט נישט. וואָס ער זאָל נישט טאָן — איז שלים־שלימזל, ווי זאָגט איר, „מיט דער פּוטער אַראָפּ". קויפט ער תבואה, ווערט א זול. האַנדלט ער אײַן אָקסן, פּגרן זיי. רירט ער זיך צו צו וואַלד, איז א וואַרעמער ווינטער — א בר־מזל! ער זאָל א קוק טאָן אין טײַך, וואָלטן געפּגרט אַלע פיש... האָב איך מיך מיישב געווען און זאָג אים: „ווייסטו וואָס? פּעקל זיך אַריבער מיט ווײַב און קינדער צו מיר. ממה נפשך!...

דעם דריטן זון מײַנעם איז יאָ געווען נישקשה, איז ער אין דער גרויסער שׂרפה, נישט הײַנט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרן, אַרויס ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און האָט נאָך געהאַט אַף זיך א גוט פּעקל מיט א מסירהלע, מיט א סלעדאָוואַטעל, מיט צרות, מיט א פּריזיוו — פרעגט נישט — ס'איז גוט!... הײַנט זיצט ער בײַ מיר מיט דער גאַנצער באַליאַסטרע. וואָס דען?...

נאָר איין קלענערן זון מײַנעם איז, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשהדיק. שײַך זאָגן נשקשהדיק? קיין געלט האָט ער נישט. נאָר ער האָט א רײַכן שווער. דאָס הייסט, ער איז נישט אַזוי רײַך, ווי א בעל־פּרנסה, האָט געשעפטן א סך, א גרויסער דרייער, א „קרוטין", זאָל דער אייבער־שטער שומר ומציל זײַן! ער דרייט אַזוי לאַנג, ביז ער פאַרדרייט אי זיך, אי יענעם. נאָר וואָס דען? ער דרייט זיך אַלע מאָל אוים, דער הונט. ער האָט שוין נישט איין מאָל געפּטרט אי זײַן געלט אי די קינדערס געלט. זאָג איך צו אים: „וואָס האָט איר געהאַט צו מײַן זונס געלט?" זאָגט ער: „איר האָט עפּעס אַרײַנגעלייגט א סך פּוטער?... זאָג איך: „מײַן זון איז מיר דערווײַל א קינד". זאָגט ער: „און מײַן טאָכטער איז בײַ מיר נישט קיין קינד?" זאָג איך: „עט!" זאָגט ער: „בע!" זאָג

איך: „מילא!" זאָגט ער: „בקיצור!" אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — האָב איך אָוועקגערופן מײַן שמויגער און זאָג צו אים: „טו אַ שפּײַ, זאָג איך, אױף דײַן שווער דעם נגיד, דעם דרייער, און זעץ דיך אַוועק בײַ מיר — וואָס גאָט וועט געבן, אַבי אינאיינעם"...

זעט איר, צו איידעמס האָב איך גאָר קיין גליק נישט. אָבער טאַקע לחלוטין נישט! דאָס הייסט, איך האָב צו זיי קיין טענות נישט, און שעם זיך חלילה נישט מיט זיי, וואָרעם איך האָב, מעגט איר מיר גלייבן, אַזעלכע איידעמס, וואָס דער גרעסטער גביר פאַרמאָגט זיי נישט. פײַנע קינדער, מיוחסים, פאַרשוינען, קעפּמענטשן!

איינעם האָב איך אַן איידעם פון גאָר אַ גרויסן יחוס. אַ צאַצקעלע, אַ זײַדן קינד, אַ געראָטענער מיט אַלע מעלות און אַ גרויסער למדן, זיצט און לערנט. איך האַלט אים בײַ זיך אױף קעסט פון נאָך דער חתונה אָן, וואָרעם ווען איר זאָלט אים קענען, וואָלט איר אַליין געזאָגט, אַז ס'איז גאָר אַן עבירה אַרויסצולאָזן אַזעלכע אױף דער וועלט — וואָס וועט פון אים ווערן?

דעם אַנדערן איידעם האָב איך שוין נישט אַזאַ יחוס, נאָר דאָס קרן איז אָבער אַן אַנטיק, דהיינו: וואָס ווילט איר? שרײַבן, און לייענען, און חשבונען, און זינגען, און טאַנצן, און וואָס נישט? הײַנט שפּילט ער אין שאַך — אַז מע שמועסט, ער יכולט! פונדעסטוועגן, הערט איר, אַז ס'איז נישט באַשערט, ווי זאָגט שלמה המלך: ל א ל ח כ מ י ם ל ח ם — אַלע קענערס גייען אַן שטיוול. איך האָב אים שוין געפּרוּווט אױף אַלע זײַטן: ער איז שוין געווען אַ פּאַסעסער, און אַ קרעמער, און אַ מלמד, און אַ שדכן — עס גייט נישט, כאָטש צערײַס זיך! זיצט ער איצט בײַ מיר מיט די קינדער. איך וועל דאָך מײַן טאָכטער אױף דער גאַס נישט אַרויסוואַרפן!

נאָך איין איידעם האָב איך, שוין נישט אַזאַ גרויסער קענער, נאָר אויך נישט קיין אַבי־וועד. דער גוטער קאָפּ מיט דער שיינער האַנט, מיט דעם בלאַט גמרא מיטן שיינעם פּיסק — אַז ער רעדט, שיטן זיך פּערל, אַ חיות צו הערן!

איין חסרון נאָר, וואָס ער איז צו אַן איידעלער, כמעט אַ רוחניות, דאָס הייסט, ער איז נישט איבעריק געזונט. דאָס הייסט, אַפילו אַז איר וועט אַ קוק טאָן אױף אים אַזוי, איז ער, דאַכט זיך, גאָרנישט... נאָר וואָס דען? דאָס וואָס ער שוויצט. און דערצו נאָך דער הוסט! פון אַ

צײַט אַז ער האָט באַקומען אַ פֿאַסקודנע הוסט מיט אַ מין קוויטש, און ס'איז אים שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. דאָקטוירים הייסן אים טרינקען מילך און פֿאָרן קיין בויבעריק אױף דאַטשע. אַהין פֿאָרן, זאָגט מען, אַלע קראַנקע. דאָרטן, זאָגט מען, איז פֿאַראַן אַ וואַלד אַזעלכער, וואָס איז אַ רפֿואה צום הוסט. רעכן איך, אם ירצה השם, איבעראיאָר זומער, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, זיך דורכפֿאָרן מיט אים קיין בויבעריק. דערווײַל, ביז ער וועט אַמאָל ווערן געזונט, ליגט ער מיטן ווײַב און קינדער, געוויינטלעך, אױף מײַנע פּלייצעס. עפּעס אַ טערעץ?

הײַנט האָב איך נאָך אַן אײדעם, שוין גאָר אַ פּראָסטן, נאָר אַ האָרעפּאַשנעם יונג, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין בעל־מלאכה, נישט קיין שנײַדער, נישט קיין שוסטער, נאָר קיין חדר־יִינגל אויך נישט.

ער איז אַ „פּיליער" איז ער; ער האַנדלט מיט פֿיש האַנדלט ער. זײַן טאַטע האַנדלט מיט פֿיש, זײַן זיידע האָט געהאַנדלט מיט פֿיש, די גאַנצע משפּחה זייערע ווייסן — נאָר פֿיש און נאָר פֿיש!

דאָס הייסט, זיי זײַנען אַפֿילו גאַנץ ערלעכע ייִדן, אָרנטלעכע, נאָר פּראָסטע מענטשלעך.

וועט איר דאָך פֿרעגן: ווי קומט צו מיר אַזאַ אײדעם? מסתמא איז דרינען פֿאַראַן אַ מעשה, ווי זאָגט מען: אין אַ טײַך וואַרפֿן זיך דורך אַלערליי העכט. מסתמא איז מײַן טאָכטערס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבן אַ ז אַ מאַן.

דאָס הייסט, האָבן האָב איך צו אים גאָרנישט; מײַן טאָכטער לעבט פֿאַר אים דווקא גליקלעך. וואָרעם בטבע איז ער דווקא אַ גוט מענטשל, אַ דימענט, צוגעלאָזט, הערט איר, צו אונדז אַלעמען ביז גאָר, וויפֿל ער פֿאַרדינט גיט ער אָפּ איר, און העלפֿט אויס יענע אײדעמס מײַנע און די זין ווי ווײַט מעגלעך. וואָס איז שײַך זאָגן? — ער האָרעוועט כמעט אײַנגאַנצן אױף אונדז, און האָט פֿאַר אונדז אַלעמען דרך־ארץ, וואָרעם ער ווייס גאַנץ גוט, ער פֿילט, פֿאַרשטייט איר מיך, ווער ע ר איז און ווער מ י ר זײַנען; ער איז ער און מיר זײַנען פֿאָרט מיר! מיט דער האַנט, הערט איר, קאָן מען דאָס נישט אָוועקמאַכן.

וואָרעם אַז עס מאַכט זיך אַמאָל, מע קומט זיך צונויף צווישן מענטשן, און מײַנע קינדער מאַכן אַ שמועס מכוח די קליינע אותיות, עפּעס אַ דין אין שולחן־ערוך, צי אַ שאַרף שטיקל גמרא, צי גלאַט אַ פּסוק, מוז ער

נעבעך זיצן און שטומען, ווארעם ס'איז פאר אים, נישט דא געדאכט, א סוד!

אוודאי מעג ער זיך איבערנעמען, וואס ער האט אזוינע שוואגערס, און מעג הארעוועו פון זייערטוועגן! ווי זאגט איר? נישט אזוי? הא?

אצינד, אז איר זײט שוין אביסל באקאנט מיט מײַן געזינדל, פאר־שטייט איר שוין וואס פאר א שמחה בא מיר איז און וואס פאר א נחת איך האב, אז עס קומט א יום־טוב, למשל, פורים צו דער סעודה, אוז אלע קינדער מיט אלע אייניקלעך, קיין עין־הרע, זעצן זיך אוים ארום טיש, און מע מאכט המוציא איבער דעם שיינעם גרויסן פורים־קוילעטש, וואס מיט זאפראן און מיט ראזשינקעס ארומגעשטעקט, מיט די גוטע געפעפערטע און געצוקערטע פיש מיט כריין, מיט די גוטע געלע לאנגע לאקשן מיט יויך, און מע נעמט צו קאפלעך משקה, אז גאט העלפט א פלעשל ווימאראזיג, אן אמתער א „קאוועשאנער", אדער א גלעזעלע גוטן ווישניק, אבי ס'איז נאר דא, און פאר נויט — איז א פראסט ביסל יי"ש אויך א סחורה, און מע טוט א זינג, איך דעם שושנת יעקב, און נאך א מאל — שושנת יעקב! און ווידער א מאל — שושנת יעקב! טוען א כאפ־אונטער די קינדער:

צהלה ושמחה!

און די קליינע שקצים, די אייניקלעך, אפן דינעם קולכל:

אור ליהודים! אור ליהודים! אור ליהודים!

און מע גייט נאך א טענצל אויך, — דעמאלט ווער איז צו מיר גלײַך? וואס מיר בראצקי? ווער מיר רויטשילד? א מלך, ווי איר זעט מיך א יידן, א מלך!

קיין נגיד, הערט איר, בין איך נישט, נאר נחת פון קינדער האב איך, ברוך־השם, מער פונעם גרעסטן גביר אין כתרילעווקע!

געשריבן אין יאר 1901

אַ פֿאַרשטערטע חתונה

וווּאַזוי זאָל זיך נח צעלניקער נישט פֿרייען אַז גאָט האָט אים גע־האָלפֿן, ער גיט אוים דאָס לעצטע קינד, ער מאַכט חתונה די יינגסטע טאָכטער?

פֿאַר וועמען?

למאַי נפֿקא־מינה — צי פֿאַר ברוכן, צי פֿאַר זרחן, צי פֿאַר פֿײַטלען, צי פֿאַר טרײַטלען? — אויסגעגעבן, חתונה געמאַכט — און אַן עק!

מיינט איר דאָך, אַז נח צעלניקער איז אַזאַ פֿאָטער וואָס פּטרט אָראָפּ אַ טאָכטער, אַ האָרב פֿון די פּלייצעס, גלאַט אַזוי, אַבי פּטור געוואָרן? האָט איר אַ טעות!

אַזאַ פֿאָטער, ווי נח האָט איר נישט דעם צווייטן אין דער וועלט.

דאָס גאַנצע לעבן זײַנס האָט ער מקריב געווען פֿון די קינדערס וועגן: געהאָרעוועט, אויסגעריסן געוואָרן. גאַנצע טעג אַף דער היץ, גאַנצע נעכט אָפּן פֿראָסט, זיך געשלעפּט אין רעגנס און אין בלאָטעס, שוין געלעגן וויפֿל מאָל אונטערן וואָגן אויך, אַ פֿאָר מאָל ווינטער אין אַ פֿאָלאָנקע, זיך צוגע־קילט די לונג, באַקומען אַ מאָדנע הוסט — איר פֿרעגט, וווּאַזוי מע ווערט פֿאַרשוואַרצט? אַנו פֿרוווט אויסהאַלטן אַ ווײַב מיט קינדער פֿון אַ צעלניק־קראָם, אַ „גאַלאַנטעריי־געשעפֿט", אין כתרילעווקע!

אַז די קינדער זײַנען געווען קליינינקע, פֿלעגט זיך נח אַליין שלאָגן מיט זיי קאָפּ אָן וואַנט: וויקלען, האָדעווען, צוואָגן — אַלצדינג.

וועט איר דאָך פֿרעגן: וווּ איז געווען די מאַמע זייערע?

די מאַמע זייערע, זעלדע, איז געווען פֿאַרנומען אין געשעפֿט, מער צווישן פּריצים; ער — אין שטאָט, זי — אין דער סביבה.

פֿאַרוואָס עפּעס זי, נישט ער? זי פֿאַרשטייט די שפּראַך, קען ריידן מיט אַ פּריץ, אַ בריה אַף אָפּזעצן אַ שטיקל סחורה אין דער פֿרעמד.

מיט דער שטאָט קאָן זעלדע נישט האַנדלען. אָנקוקן קאָן זי נישט די כתרילעווקער קונים — זיי זײַנען צו קלוג! פּריצים — די זײַנען גאָר אַנדערע מענטשן. אַ פּריץ, אַז מע זאָגט אים „יאַק באַגאַ קאָכאַם" — גלייבט ער, און אַ כתרילעווקער ייִד, איר זאָלט פּאַר אים, שונאי־ציון, כאַפּן די ערד, וועט ער אײַך ענטפערן מיט אַ שמייכעלע:

— למאַי זאָלט איר זיך שווערן? איר זײַט באַ מיר באַגלייבט אָן אַ שבועה!...

נדן גיט נח צעלניקער דער ייִנגסטער טאָכטער זײַנער פינף און זיבעציק; דאָס הייסט, צוזאָגן האָט ער צוגעזאָגט ק"ן, פינף און זיבעציק בשעת תנאים, און פינף און זיבעציק שפּעטער, „לכשירחיב"...

איז אָבער דער „לכשירחיב" נאָך נישט געקומען.

אַף דעם „לכשירחיב" קוקט־אַרויס גאַנץ כתרילעווקע שוין אַ שאָק מיט יאָרן, און נישטאָ אים.

ער וועט אַמאָל קומען, צי ניין? עס קאָן זײַן! מיט וואָס איז ער ערגער פון משיחן? וואַרטן דען נישט ייִדן אַף משיחן?...

קיצור־הדבר, זײַט זיכער, דער שידוך וועט זיך איבער נדן נישט צעגיין. וואָרעם ס'איז אַ היימישע זאַך: די מחותנים קענען זיך און האָבן זיך ליב; די מחותנתטעס קענען זיך און האָבן זיך ליב; חתן־כּלה קענען זיך און האָבן זיך לי...

איך האָב מיך שיער נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט! אַז איר וועט מיר צוזאָגן, אַז עס וועט זײַן בסוד, וועל איך אײַך עפּעס דערציילן.

נאָך איידער ס'איז אײַנגעפאַלן רב שלום־שכנא דעם שדכן, ער זאָל ריידן דעם דאָזיקן שידוך, האָבן זיך חתן־כּלה שוין לאַנג געקענט און געשריבן בריוולעך, וואָס זיי אַליין טאַקע האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע איבערגעגעבן.

ער האָט געלערנט אין חדר, און זי איז געשטאַנען אין קלייט.

איינמאָל גייט ער פאַרבײַ מיטן תפילין־זעקל אין בית־מדרש אַרײַן, ראש־חודש איז דאָס געווען, דערזעט ער זי שטיין באַ דער טיר אין אַ רויט סיצן קליידל, וואָס זי אַליין טאַקע האָט דאָס אויפגענייט, מיט אַ ווײַס געשטיקט שאַלעכל אַפן קאָפּ, אויך איר אייגענע אַרבעט, און אירע שיינע שוואַרצע גרויסע אויגן קוקן גלײַך אַף אים און שמייכלען.

האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס קוקט זי אַף אים. די זון האָט

געסמאַליעט, און אַ וואָרעם ווינטל האָט זיך פֿאַרגנבֿעט, אַ גלעט געטאָן די פּאה, און ער האָט אַ מורקע געטאָן: „פֿריידל — אַ היפּשע נקבֿה!"...

האָט ער נאָכדעם נישט געקאָנט דאַווענען — זי איז אים געשטאַנען פֿאַר די אויגן.

סאַמע צו הלל, צו „מן־המצר", דערמאָנט ער זיך אָן דעם צעלניקערס טאָכטער און אָן אירע שיינע שוואַרצע גרויסע אויגן, צעשאָקלט ער זיך און שרייַט דעם „מן־המצר" אויף אַ קול, טאָמער וועט ער פֿאַרגעסן.

ער גייט פֿון בית־המדרש אַהיים און קוקט אַהין, טאָמער וועט ער דערזען פֿריידלען.

ער קומט אין חדר אַרייַן, נעמט זיך צו דער גמרא, קוקט אַרייַן אין תּוספֿות — דערזעט ער פֿריידלען.

בײַנאַכט אין חלום זעט ער פֿריידלען — אומעטום פֿריידל!

רב שלום־שכנא דער שדכן איז געפֿאַלן אויף אַ גלײַכער זאַך. ער איז געקומען צו נח צעלניקער אין קלייט אַרייַן אים פֿאָרלייגן דעם שדוך פֿאַר זייַן יינגסטער טאָכטער מיט ברוך בן־ציונס יינגל דוד, און האָט אַרויסגענומען דאָס פּושקעלע טאַבעקע און אָנגעהויבן אויסרעכענען, וואָס פֿאַר אַן אַנטיק ער האָט אים געבראַכט צו טראָגן פֿאַר זייַן טאָכטער. האָט זיך פֿריידל געמוזט אָפּקערן אָן אַ זייַט, מע זאָל נישט זען, ווי זי איז רויט געוואָרן.

באַ איר אויפֿן ווייסן האַלדז, פֿאַרשטייט איר מיך, איז געהאָנגען אַ בענדל, און אויפֿן בענדל איז געהאָנגען אַ קניפּל, און אין דעם קניפּל האָט זיך געפֿונען אַ בריוול, און אין בריוול איז געשטאַנען געשריבן אויף ייִדיש מיט זייער אַ שיינער האַנטשריפֿט, מיט ציקלעך און מיט קוועטשלעך און מיט דריידלעך, די דאָזיקע ווערטער:

„טײַערסטע און ליבסטע נשמה! מײַן פֿרײַנט און מײַן קרוין, מײַן חיות און מײַן לעבן! פֿריידל. געזונט זאָלסטו זײַן! ווען אונדזער טײַך זאָל זײַן פֿון גאָלע טינט, און דער וואַלד זאָל זײַן גאָלע פּענעס, און די גאַנצע וועלט זאָל זײַן פּאַפּיר, און איך זאָל שרײַבן צו דיר גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, וואָלט איך דיר נישט געקאָנט אַרויסשרײַבן קיין צענטויזנט־חלק אַפֿילו פֿון דעם, וואָס מײַן האַרץ טוט פֿילן צו דיר פֿון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך האָב

דערזען דײַן ליכטיק פּנים, וואָס איז שענער פון דער זון,
און דערהערט דײַן זיס קול, וואָס איז זיסער פונעם זיסטן
ווײַן ..."

און אַזוי ווײַטער.

דאָס פּערל האָט לאַנג־לאַנג אַרויסגעקוקט אויף רב שלום שכנא דעם שדכן, ער זאָל פאַלן אויפן שדוך. און אַז דער שדוך איז געוואָרן אַ שדוך, האָט דער חתן געשיקט דער כלה אַ פּאָר גאָלדענע אויערינגלעך פאַר פופ־צן קאַרבן, און די כלה האָט אויסגענייט דעם חתן מיט זילבער אויף סאַמעט אַ נײַ תפילין־זעקל, אַ מגן־דוד מיט צוויי לייבן און מיט אַ קרוין פון אויבן, וואָס מע האָט דאָס באַדאַרפט אָנקוקן אויף חדושים!

קיין גלײַכן איז נישט געווען צו דעם פּערל אויף דער וועלט. שטיל, אָן ווערטער, האָבן זיי געציילט די וואָכן, די טעג, די שעות, די מינוטן צו דער חופה — אויף שבת־נחמו איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די חתונה — און די גליקלעכע צײַט איז געקומען, אין אַ גוטער שעה, אַ מזלדיקער שעה.

ווער עס האָט נישט געזען זעלדע די צעלניקערן אינעם טאָג פון איר פּריידלס חופה אַרומלויפן מיטן זײַדענעם טיכל, פאַרבונדן פון יענער זײַט האַלדז מיט צוויי שפּיצן, און שרײַען מיט אַ הייזעריק קול: „ווו איז ערגעץ נח, וויסט איז מיר?" — דער האָט קיין שיינס נישט געזען און דער פאַרשטייט נישט, וואָס הייסט „פאַרטאַרעראַמט!"

— חתן־כלה פאַסטן, — האָט זי געשריגן מיט אַ קוויטש — און אים האָט דער גוטער יאָר! נח, ווו ביסטו ערגעץ? געוואַלט, נח, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן, נח!

— ווו איז דער מחותן? — האָבן איר געהאָלפן שרײַען חתנס צד.

— שוין צײַט באַזעצן די כלה! ווו איז דער מחותן?

און דער „מחותן" איז געזעסן אין אַ ווינקעלע; ער האָט זיך פאַר־קליבן אַהין מיט אַ גוטן ברודער, רב משה־יוסי דעם רבס איידעם, און דערציילט אים אויס זײַן ביטער האַרץ, וואָס פאַר אַ פאַרשטערטע חתונה ער האָט.

אַלע טעכטער, קיין עין־הרע, חתונה געמאַכט, ווי עס געהער צו זײַן; אַלע מאָל אַראָפּגעבראַכט די יעהופּעצער כלי־זמר; געקומען צו דער מע־זינקע — נישטאָ קיין כלי־זמר! אַ כאַפּנדיקע חתונה! אַ פאַרשטערטע חתונה!

משה־יוסי דעם רבס איידעם גלעט זיך דאָס בערדל, קוקט מיט שמייכלדיקע אייגעלעך אויף דעם נארישן מחותן און זאָגט צו אים:

— אָט האָט איר דאָך כלי־זמר. די היגע כלי־זמר זיינען דען קיין כלי־זמר נישט?

— אויך מיר כלי־זמר! — מאַכט צו אים נח. — אַ חתונה אָן יעהופּעצער כלי־זמר!

ווען נח וויים דאָס פריער, אַז די יעהופּעצער כלי־זמר וועלן נישט קאָנען זיין, לייגט ער אָפּ די חתונה אויף חצי אלול.

שפּעטער, נאָך דער חופּה, האָט ער ווידער נישט געסטייעט.

— ווו איז נח? — שרייט כלהס צד.

— ווו איז דער מחותן? — שרייט חתנס צד.

— דער מחותן? דער מחותן?

זעלדע געפינט אים און גיט אים אַ רעכטן פּסק, טוט אַ פּלעסק בשעת מעשה מיט די הענט:

— שיין מאַכסטו חתונה די מיזינקע, וויי איז מיר!

— אָן די יעהופּעצער כלי־זמר — מאַכט נח — איז דאָס בא מיר אַ לוויה, נישט קיין חתונה, אַ פאַרשטערטע חתונה!

— גאָט איז מיט דיר, נח, וואָס רעדסטו, נח? — זאָגט צו אים זעלדע מיט פייער. — כתרילעווקער כלי־זמר זיינען קיין ייִדן נישט? כתרילעווקער כלי־זמר האָבן קיין קינדער נישט? כתרילעווקער כלי־זמר באַדאַרפן נישט עסן? אי־פע — שעמען שעמען מעגסטו זיך, שעמען אין דיין וויטן האַלדז אַריין!... רב יהושע־העשל, אַ פריילעכס!

און רב יהושע־העשל דער כלי־זמר, אַן עלטערער ייִד מיט אַ וואַטאַ־ווער קאַפּאָטע, מיט גראָבע פּאות און מיט אַ לאַנגן טלית־קטן, טוט אַ קלאַפּ מיטן סמיטשיק איבערן פידל, און אַ ווונק צו דער חברה — און כתרילעווקער כלי־זמר באַווייזן, אַז זיי זיינען אויך נישט קיין „יאַלדן"; זיי שפּילן אַ פריילעכס, אַרבעטן אויף אַלע כלים, רייסן די סטרונעס, ברומען אָפּן באַס, בלאָזן אין די טרומייטן, פּייפּן אויף די פלייטן, קלאַפּן אין די טאַצן. דער עולם פּלעסקעט צו מיט די הענט, צעשפּרייט זיך, מאַכט די ראָד גרעסער און גרעסער. די מחותנים מיט די מחותנתטעס פוןביידע צדדים נעמען זיך פאַר די הענט און מע גייט אַ פריילעכס.

געשריבן אין יאָר 1902.

נישט פֿאַר קיין ייִדן געדאַכט

זיידל רב שעיהס איז אַ יונגערמאַן, וואָס זיצט אַף קעסט, טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, זיצט און לערנט, כאָטש ער האָט שוין עטלעכע קינדער. נאָר וואָס האָט ער צו דאגהן, אַז ער איז אַ בן יחיד, און רב שעיה איז אַ ייִד אַ נגיד — איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איז דאָס איינגאַנצן זײַנס.

רב שעיה איז כל־ימיו געווען אַ ייִד אַ בעל־הלוואה. זײַן „קאַפּיטאַל" איז געווען צעוואָרפֿן איבער דער גאַנצער שטאָט. ס'איז נישט געווען איין כתרילעווקער, וואָס זאָל נישט זײַן שולדיק רב שעיהן קיין געלט. און דערפֿאַר האָט בײַ אים אין שטוב תמיד געקאָכט, ווי אין אַ קעסל: דער אַרײַן, דער אַרויס, דאָרט גענומען, דאָ געגעבן.

ס'איז בײַ אים געווען, להבדיל, אַ „קאַנטאָר", אַ „באַנק" — אַ באַנק, נאָר אָן געפֿאַרבטע טישן און טישלעך, אָן מענטשן אַ סך מיט ווײַסע מאַנישקעס, מיט פֿאַרדרייטע וואָנצעס און מיט לאַנגע נעגל, אָן פֿענצטערלעך מיט גראַטעס, אָן אײַזערנע שאַפֿעס און אָן מוראדיקע קאָנטאָביכער און גראָסביכער, וואָס מע קאָן מיט זיי הרגענען אַ מענטשן.

בײַ רב שעיהן אין שטוב איז געשטאַנען נאָר איין טישל, אַפֿן טישל איז געשטאַנען אַ „טינטערל" מיט אַ „זעמדערל", און איטלעכס מאָל, וואָס מע האָט באַדאַרפֿט פֿאַרשרײַבן, פֿלעגט מען מוזן אָנשפּײַען אין „טינטערל", וואָרעם אַנדערש האָט דאָס נישט געוואָלט געבן קיין טינט. און ווײַטער איז געווען אין טישל אַ טישקעסטל מיט צוויי רינגלעך מיט אַ גרויסן שלאָס. דאָרט, אין טישקעסטל, איז געווען דאָס „קאָנטאָבוך" מיט אַלע חשבונות, וואָס רב שעיה אַליין טאַקע האָט זיי געפֿירט על־פּי זײַן אייגענער בוכהאַלטעריע. הײַנו, ווי אַזוי?

דאָס ביכל איז באַשטאַנען פֿון צוויי און פֿופֿציק בלעטלעך, אַף יעדן

בלעטל איז געשטאַנען די סדרה פון דער וואָך, צעווירעט אַף צווייען, פון איין זײַט ק ב ל ת י *, פון דער אַנדערער זײַט נ ת ת י ** — און דאָרט איז געווען פאַרשריבן אַזוי:

ק ב ל ת י מר׳ גרשון פופיק על־פי קוויטל פרשה בראשית ב׳ רו״כ.

ק ב ל ת י מר׳ פײַוול שמוים על־פי קוויטל פרשה פקודי ד׳ רו״כ.

ק ב ל ת י מר׳ שמחה לעמעשקע א׳ רו״כ.

ל א ק ב ל ת י מר׳ גרשון פופיק על פרשה נח, לא קבלתי גם על פרשה לך־לך.

נ ת ת י לר׳ שמחה לעמעשקע על־פי קוויטל פרשה פקודי י״ג רו״כ.

נ ת ת י עוד לר׳ גרשון פופיק ז׳ רו״כ.

ל א נ ת ת י עוד לר׳ פײַוול שמויסע י״ב רו״כ כי ס׳איז פאַר פאַלן.

ה ב ט ח ת *** לר׳ שמחה ליתל עוד י״א רו״כ.

ווײַזוי איז דאָס רב שעיה אַרויסגעקראָכן פון די דאָזיקע חשבונות ווייס נאָר איין גאָט! פונדעסטוועגן, וועל איך אײַך בעטן, האָט קיין יסורים נישט, ס׳איז נישט געווען קיין פראָטעסטן, קיין פראָצעסן, קיין לאָדענישן; איטלעכער האָט געוווּסט, אַז טאָמער הערט ער אויף צו צאָלן, ווערט ער אוים בטוח, — אַ פאַרפאַלענער אַף אייביק!

און אַזוי האָט זיך דאָס רעדל געדרייט, געדרייט אַ צײַט מיט יאָרן, זיך נישט אָפּגעשטעלט אַף קיין מינוט, ביז...

ביז רב שעיה איז געשטאָרבן.

רב שעיה איז געשטאָרבן, און זיידל רב שעיהס האָט איבערגענומען דאָס געשעפט.

דורכגעלאָזט „שלשים”, האָט זיך זיידל קודם גענומען צו די חשבונות און איז אָפּגעזעסן איבער די ביכער אַ וואָך דרײַ, געזעסן און געשריבן, געשריבן און גערעכנט, און האָט געשיקט רופן די בעלי־חובות און רופט זיך אָן צו זיי:

— איר זאָלט וויסן זײַן, רבותים, אַז איך בין געזעסן די גאַנצע צײַט איבער אײַערע חשבונות, גערעכנט און גערעכנט, און האָב אויסגע־רעכנט, אַז עס קומט שוין מער פון אײַך קיין געלט נישט, איר זײַט ריין.

---

*) גענומען.
**) געגעבן.
***) צוגעזאָגט.

— וואָס הייסט, עס קומט פון אונדז קיין געלט נישט? וואָס הייסט, מיר זײַנען ריין?

— אַזוי, וואָרעם „על פּי אַלגעברע" האָט איר באַצאָלט פּראָצענט און פּראָצענט דפּראָצענט זיבעצן מאָל אַזויפֿיל נאָך מיט דרײַ זעכצנטל, וויפֿל איר זײַט שולדיק געווען. נאָט אײַך אָפּ אַנדערע קוויטלעך.

דערהערט אַזעלכע דבורים, זײַנען די כתרילעווקער געוואָרן אָנגעצונדן. זיי האָבן גערעכנט, אַז דאָ מוז ליגן עפּעס אַ המצאהלע, אַ שמד־שטיק, נישט אַנדערש; האָבן זיי אים אַ שמיץ געטאָן די קוויטלעך צוריק אין פּנים אַרײַן און האָבן געמאַכט אַ „ויצעקו".

— ער וויל אונדז קוילען! קוילען אָן אַ מעסער! רב שעיה זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן עדן, האָט מיט אונדז געהאַנדלט אַזויפֿיל יאָרן; זײַן קעשענע איז פֿאַר אונדז תמיד געווען אָפֿן; קומט ער צו גיין איצט און וויל אונדז שטעלן אין דער בלאָטע!

— נאַראָנים! — שרײַט צו זיי זיידל. — וואָס פֿאַר נאַראָנים, בהמות איר זײַט! מע זאָגט אײַך, אַז איר זײַט ריין, נישט פֿונעם קאָפּ זאָגט מען אײַך, „על פּי אַלגעברע"!

— וואָס דערציילט ער אונדז פּזמונות — „אַלגעברע"! לאָמיר זיך פֿאַרלאָזן אָפֿ מענטשן, לאָמיר פֿרעגן אַ רב.

— צום רב! צום רב! — האָבן געשריגן אַלע אין איין קול, און מען איז געגאַנגען צום רב, רב יוזיפֿל דעם רב.

באַם רב האָט זיך צונויפֿגעקליבן כמעט די גאַנצע שטאָט. ס'איז געווען אַ ליאַרעם, אַ געשריי עד לב השמים.

זיידל האָט געלאָזט אַלעמען ריידן — לאָז זיך איטלעכער זאָגן וואָס ער וויל; און ערשט נאָכדעם, אַז אַלע האָבן זיך גוט אויסגעשריגן, האָט ער געבעטן, אַז דער עולם זאָל אָפּ אַ ווײַלע אַרויסגיין, ער וויל בלײַבן מיטן רב אַליין, ער באַדאַרף אים עפּעס זאָגן אונטער פֿיר אויגן.

וואָס ס'איז פֿאָרגעקומען צווישן זיידלען מיט רב יוזיפֿל דעם רב — ווייס קיינער נישט.

מע זאָגט, אַז זיי האָבן געהאַט צווישן זיך אַ לאַנגן וויכוח. זיידל האָט אים אויפֿגעוויזן, אַז מע טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט, וואָרעם על־פּי הקירה איז פּראָצענט גזילה; אַ מענטש, וואָס לעבט פֿון פּראָצענט,

זאָגט ער, איז ערגער פון ערגער, עס קומט אויס, זאָגט ער, אַז אַלע דאַרפן האָרעווען, וווּ־זשע איז יושר?

רב יוזיפל דער רבֿ האָט זיך אַפילו געפּרוּווט אים איבערשפּאַרן מיטן תּקון מהר״ם ז״ל, מיטן „ישוב־העולם״, אָן דעם וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט, און אַזוי ווײַטער; האָט אים דערויף זיידל אָפּגעענטפערט, אַז נאָך זײַן שׂכל נאָך קומט אויס, אַז דער „קיום״ איז גאָר קיין קיום נישט, עס געפעלט אים גאָרנישט די גאַנצע וועלט, ווי אַזוי זי פירט זיך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט, פרעגט ער בײַ רב יוזיפל דעם רב — אַז אויסכאַפּן אַ בייגל פאַר אַ גראָשן, בשעת איך בין הונגעריק, הייסט געגזלט, און אָפּראַבעווען אַ שטאָט מיט אַלמנות מיט יתומים, צונעמען בײַ זיי דעם לעצטן ביסן, הייסט דאָס „געשטעלט זיך״? פאַר אָפּהאַקן אַ פינגער קומט „קאַטערזשנע סיביר״, און פאַר אויסקוילען אַכציק טויזנט ענגלענדער אין אַפריקע, ווי אָקסן, באַקומט מען אַ גאָלדענעם „מעדאַל״ זאַ כראַבראָסט?...

— ס׳איז אַ יושר? — מאַכט ער צו רב יוזיפל דעם רב און נעמט אים אָן בײַ דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע. — ס׳איז אַ יושר? אָט פאַרט אַרום דער אַלטער ק ר י ג ע ר נעבעך. דער מלכות פון די בוירן, קלאַפּט אין אַלע טירן, בעט רחמים, מע זאָל רחמנות האָבן אויף זײַן אָרעם לאַנד: ער וויל נישט מער נאָר אַ דין־תורה, ער וויל זיך פאַרלאָזן אויף מענטשן וואָס מענטשן וועלן פסקענען. זאָגט דער: ער וויל זיך נישט מישן, און דער זאָגט: סע פּאַסט אים נישט פאַר יענעם... דער אַזוי, יענער אַזוי, — דערווײַל גיסט זיך בלוט. ווו איז יושר, פרעג איך אײַך, ווו איז מענטשלעכקייט? און איר זאָגט מיר גאָר „ישוב״, מנהג־העולם״, דער „קיום״ פון דער וועלט! אַ שיינער קיום! אַ שיינע וועלט!...

און נאָך כּדומה אין אַזעלכע ווילדע חקירות איז זיידל אַרײַן מיטן רבֿ, פאַרקראָכן, ווי מע זאָגט, אין „אלף־הששי״, העט־העט אין די ווײַטע דרכים אַרײַן, אָנגעהויבן אָפּלייקענען מיינס און דײַנס און שותּפותדיקס, אָנגעהויבן אָפּלאַכן, ריידן, ווי מע זאָגט, על ה׳ ועל משיחו ועל ננתקה...

האָט שוין רב יוזיפל דער רב מער נישט געהאַט מיט אים וואָס צו ריידן און האָט שוין ווײַטער נישט געוואָלט הערן אַפילו, זיך פאַרשטעלט די אויערן מיט ביידע הענט און געשריגן:

— געװאַלד! געװאַלד! געװאַלד!

אַז זײדל איז געגאַנגען אַהײם, האָט זיך רב יוזיפּל דער רב אָנגערופֿן צום עולם מיט אַ זיפֿץ:

— נעבעך אַ װױלער יונגערמאַן און אַן אײדעלער יונגערמאַן און אַ לײַטישער יונגערמאַן, נאָר ניש ט פֿאַר קײן ײדן געדאַכט...

און בשעת מעשה האָט ער באַװיזן מיטן פֿינגער אױפֿן שטערן, און אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, װאָס ער מײנט.

געשריבן אין יאָר 1902.

דרייפוס אין כתרילעווקע

איך ווייס נישט, אויב די מעשה פון דרייפוסן האָט נאָך ערגעץ אָנגעמאַכט אַזאַ רעש, ווי אין כתרילעווקע.

אין פּאַריז, זאָגט מען, האָט דאָס אויך געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. גאַזעטן האָבן געשריבן, גענעראַלן האָבן זיך געשאָסן, און וואַסע־חברה־ניקעס זײַנען אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, ווי משוגעים, געוואָרפן היטלען און געאַרבעט מעשים. דער האָט געשריגן: וויוו דרייפוס!״ און דער האָט געשריגן: „וויוו עסטערהאַזי!״ און יידן האָט מען דערווײַל געשמירט, געמאַכט מיט דער בלאָטע, ווי געוויינטלעך... נאָר אַזויפיל עגמת־נפש מיט אַזויפיל יסורים און בזיונות, ווי כתרילעווקע האָט דערפון געהאַט — דאָס וועט פּאַריז נישט האָבן ביז משיח וועט קומען.

פון וואַנען איז מען אין כתרילעווקע געוואָר געוואָרן פון דרייפוסן — דאָס זאָלט איר נישט פרעגן. וואָרעם למאי ווייס מען דאָרטן פון דער מילחמה, וואָס די ענגלענדער האָבן געפירט מיט די בויערן? פון וואַנען ווייסן זיי וואָס אין קיטײַ טוט זיך? וואָס פאַר אַ מחותן איז כתרילעווקע מיט קיטײַ? די גרויסע מסחרים, וואָס זיי פירן מיט דער וועלט? טײַ באַקומען זיי פון וויסאָצקין פון מאָסקווע, און דאָס געלע זומערשטאָף, וואָס מען רופט דאָס „טשע־שון טשאַ״, טראָגט מען נישט אין כתרילעווקע. דאָס איז נישט פאַר זייער בײַטל. דאַנקען גאָט, אַז מען קאָן טראָגן זומער אַ נאַקידקע כאָטש פון פּאַרוסינע: אַנישט, האָט מען אַ ברירה גיין גאָר אַזוי, דאָס הייסט, מחילה, אין תחתונים און פון אויבן אַ ציצענעם אַרבע־כנפות, און מע שוויצט פונדעסטוועגן גאַנץ געשמאַק, אַבי ס׳איז נאָר אַ הייסער זומער.

בלײַבט דאָך אַלץ די אייגענע קשיא: פון וואַנען האָט פּאָרט כתרילעווקע אָנגעשמעקט די מעשה פון דרייפוסן?

פון זיידלען.

זיידל רב שעיהס איז דער איינציקער אין שטאָט, וואָס שרײַבט־אויס דעם „צפירה", און אַלע נײַסן, וואָס טוען זיך אָפּ אױף דער וועלט, ווערט מען געוואָר פון אים, דאָס הייסט, נישט פון אים, נאָר דורך אים. ער לייענט זיי, און זיי לערנען דעם פשט; ער זאָגט וואָס סע שטייט, און זיי דרינגען אָפּט פאַרקערט, וואָרעם זיי פאַרשטייען בעסער.

*

ויהי היום איז געקומען זיידל רב שעיהס אין בית־המדרש אַרײַן און דערציילט אַ מעשה, אַז אין פּאַריז האָט מען געמשפּט אַ ייִדישן קאַפּיטאַן, איינעם אַ דרייפוס דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן נייטיקע פּאַפּירן פון דער מלוכה. איז דאָס אַן איין אויער אַרײַן, פונעם אַנדערן אַרויס. איינער האָט זיך אַ זאָג געטאָן פאַרבײַגייענדיק:

— וואָס טוט נישט אַ ייִד צוליב פּרנסה?

דער אַנדערער האָט געהאַט אַ נקמה:

— אַ מצווה! לאָז אַ ייִדעלע נישט קריכן אויבנאָן און זיך נישט מישן צווישן קיסרים!

שפּעטער, אַז זיידל איז געקומען און האָט דערציילט אַ נײַע מעשה, אַז די גאַנצע געשיכטע איז גאָר געווען אַ בלבול, אַז דער ייִדישער קאַפּי־טאַן, דער דרייפוס, וואָס מע האָט אים פאַרשיקט, איז גאָט די נשמה שולדיק, ס'איז גאָר אַ גאַנצע אינטריגע פון עטלעכע גענעראַלן, וואָס האָבן זיך עפּעס צעאַמפּערט — דעמאָלט האָט זיך שוין דאָס שטעטל אַביסל פאַראינטערעסירט, און דרייפוס איז געוואָרן אַ כתרילעווקער. ווו צוויי איז ער געווען אַ דריטער.

— געהערט?

— געהערט.

— פאַרשיקט אױף אייביק.

— „וועטשני פּאָסעלעניע".

— אומזיסט־אומנישט!

— אַ בלבול!

נאָך שפּעטער, אַז זיידל איז געקומען און האָט דערציילט, אַז ס'איז גאָר אַ סברה, אַז דער משפּט זאָל נאָך אַ מאָל געמשפּעט ווערן, אַז עס

האָבן זיך געפונען גוטע מענטשן אַזעלכע, וואָס נעמען זיך אונטער באַווײַזן דער וועלט, אַז ס'איז גאָר געווען אַ טעות די גאַנצע מעשה, — האָט כתרילעווקע אָנגעהויבן זיך וויגן גאָר אַף אַן אַנדער אופן. ערשטנס, איז דאָך דרייפוס „אונדזערער"; און, צווייטנס, ווי קומט דאָס, אַז דאָרטן אין פּאַריז זאָל פּאַרקומען אַזאַ פּאַסקודנע מעשה? פּע, עפּעס זייער נישט שיין פאַר די „פראַנצעהויזענדיקע"!... עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שפּאַרעניש און אַ וועטעניש: דער האָט געזאָגט, אַז דער משפּט וועט נאָך אַ מאָל געמשפּט ווערן, און דער האָט געדרונגען, אַז ניין: אין אַחר מעשה בית־דין כלום — אָפּגעמשפּט, איז פאַרפאַלן...

וואָס ווײַטער־ווײַטער האָט מען אויפגעהערט צו וואַרטן ביז זיידל וועט זיך אַמאָל אויסקראַצן צו קומען אין בית־מדרש אַרײַן דערציילן נײַעס פונעם קאַפּיטאַן דרייפוס; מע האָט אָנגעהויבן גיין צו אים אַהיים. מע האָט נישט געהאַט מער קיין געדולד גיין צו אים אַהיים, און מע האָט אָנגעהויבן גיין מיט אים גלײַך אַף דער פּאָסט אָפּנעמען דאָס בלאַט, און דאָרטן טאַקע דאָס איבערלייענען, און דאָרטן טאַקע איבערקײַען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, שרײַען, פּילדערן, שפּאַרן זיך און ריידן אַלע אינ־איינעם, ווי געוויינטלעך. נישט איין מאָל האָט זיי דער אָדון דער פּאָסט־מײַסטער געגעבן אָנצוהערעניש, זייער איידל אַפּילו, אַז אַ פּאָסט איז נישט קיין שול, להבדיל:

— טוט נע זשידיווסקאַ שקאָלאַ, זשידי פּאַרכאַטיע, טוט נע קאַהאַל שאַכערמאַכעריי!...

זיי האָבן אים אָבער געהערט, ווי המן דעם גראַגער; ער האָט זיי געזידלט, און זיי האָבן געלייענט דעם „צפירה" און גערעדט פון דרייפוסן.

און נישט נאָר פון דרייפוסן אַליין האָט מען גערעדט אין כתרי־לעווקע. עס איז צוגעקומען אַלע מאָל אַ פרישער פּאַרשוין: פרײַער „עס־טערהאַזי", נאָכדעם „פּיקערט", נאָכדעם גענעראַל „מערסי", „פּעלי", „גאָנזי", און דערבײַ איז געזאָגט געוואָרן אַ המצאה, אַז באַ די „פראַנ־צעהויזענדיקע", וויבאַלד אַ נאָמען פון אַ גענעראַל, אַזוי מוז זיך אויסלאָזן מיט אַ „י". האָט איינער געפרעגט אַ ווידעראַנאַנד:

— נו, און מיט בודעפּערן וואָס וועסטו טאָן?

— הערסטו? האָט ער טאַקע געהאַט אַ מפּלה.

— כן יאבדו!

צוויי פֿאַרשווינען זײַנען געווען אין כּתריִלעווקע, וואָס די גאַנצע שטאָט האָט זיי ליב געקריגן, אויסגעגאַנגען נאָך זייערע טריט. דאָס זײַנען געווען „עמיל זאָל” און „לאַמבאַרי”. פֿאַר „עמיל זאָלן” וואָלט זיך יעדער איינער מפֿקיר געווען. אַ ווערטעלע אויסצורייד — „עמיל זאָל”! אַז עמיל זאָל וואָלט קומען, למשל, קיין כּתריִלעווקע, וואָלט די גאַנצע שטאָט אים אַרויסגעקומען אַקעגן מיט אַ ברוך־הבא, אַף די הענט וואָלט מען אים געטראָגן.

— וואָס זאָגט איר אַף זײַנע בריוולעך?

— פּערל! דימענטן! בריליאַנטן!

אויך פֿון „לאַמבאַרין” האָט מען געהאַלטן אַן עולם ומלואו. דער עולם האָט געקוועלט, נתפּעל געוואָרן און געלעקט די פֿינגער פֿון זײַנע דרשות. כאָטש האָרכן האָט אים אין כּתריִלעווקע קיינער נישט געהאָרכט, נאָר מע האָט פֿאַרשטאַנען מיטן שכל, אַז ער באַדאַרף קאָנען ריידן.

איך וויים נישט, אויב דרייפֿוסעס מישפּחה אין פּאַריז האָבן אַזוי אַרויסגעקוקט אַף דרייפֿוסן, ער זאָל קומען פֿונעם שיינעם אינדזל, ווי עס האָבן אַרויסגעקוקט דערויף די כּתריִלעווקער ייִדן. מע קאָן זאָגן, אַז זיי זײַנען געפֿאָרן גלײַך מיט דרייפֿוסן אַזש פֿון דאָרטן אַפֿן ים, ממש געפֿילט, ווי זיי שווימען: אָט־אָט הייבט זיך אויף אַ שטורעמווינט און צעשמײַסט דעם ים אַף אַלע זײַטן, די כוואַליעס פּליעסקען און וואַרפֿן די שיף ווי אַ שפּענדל, אַרויף און דאָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

— רבונו של עולם! — האָבן זיי מתפּלל געווען בא זיך אין האַרצן.

— זאָלסט אים כאָטש ברענגען בשלום אַהין, וווּ דער משפּט באַדאַרף זײַן! זאָלסט כאָטש עפֿענען די אויגן פֿון די ריכטער און קלאָר מאַכן זייערע מוחות זיי זאָלן געפֿינען דעם שולדיקן, און די גאַנצע וועלט זאָל אַרויסזען אונדזער גערעכטיקייט, אָמן סלה!...

דעם טאָג, וואָס ס'איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, אַז דרייפֿוס איז שוין דאָ, איז אין כּתריִלעווקע געווען אַ יום־טוב. זיי זאָלן זיך נישט שעמען, וואָלטן זיי פֿאַרשלאָסן די קלייטן.

— געהערט?

— אַ דאַנק השם יתברך!

— כ'וואָלט אַ בעלן געווען זען וואָזוי איז געווען דאָס ערשטע באַגעגעניש מיטן ווײַב?

— און איך וואָלט אַ בעלן געווען אָנקוקן בשעת מעשה די קינדער־לעך, אַז מע האָט זיי געזאָגט: דער טאַטע איז געקומען.

ווײַבער, וואָס זײַנען בעת מעשה געזעסן, האָבן באַהאַלטן די פּנימער אין די פֿאַרטעכער, כּלומרשט געשנײַצט די נעזער, מע זאָל נישט זען, אַז זיי וויינען. ווי כתרילעווקע איז אַן אָרעם שטעטל, וואָלט יעדער אָפּגעריסן דאָס לעצטע פֿונעם לעצטן און וואָלט זיך דורכגעפֿאָרן אַהין, אַ קוק טאָן כאָטש פֿונדערווײַטן.

אַז דער משפּט האָט זיך אָנגעהויבן, איז געוואָרן אַ קאָכעניש, גאָט זאָל שומר ומציל זײַן. נישט נאָר דאָס בלאַט — זיידלען האָט מען צעריסן אויף שטיקלעך. מע האָט זיך געוואָרגן מיטן עסן, מען איז נישט געשלאָפֿן קיין נעכט, מע וואָלט שוין גערן דערלעבן מאָרגן, מאָרגן — איבערמאָרגן, און אַזוי אַלע טאָג.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַ מהומה אין שטאָט, אַ טומל, אַ געשריי, אַ געפּילדער, — חושך! חושך! דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מע האָט געשאָסן אויף אַדוואָקאַט לאַבאָרי. די כתרילעווקער האָבן אײַנגעלייגט די וועלט.

— פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? אַזאַ רציחה! אומזיסט־אומנישט! ערגער ווי אין סדום!

דער דאָזיקער שאָס האָט זיי דעם קאָפּ אַראָפּגענומען. די דאָזיקע קויל האָט זיי געטראָפֿן גלײַך אין האַרצן אַרײַן. גלײַך ווי ער האָט געשאָסן אויף כתרילעווקע.

— רבונו של עולם! — האָבן זיי מתפּלל געווען בײַ זיך אין האַרצן. — באַווײַז דײַנע וווּנדער, דו קאָנסט דאָך, אַז דו ווילסט, טו אַ נס, לאָמבאָרי זאָל כאָטש בלײַבן לעבן.

און גאָט ברוך־הוא האָט אַ נס געטאָן, ער איז געבליבן לעבן.

*

אַז ס'איז געקומען צום לעצטן טאָג פֿונעם משפּט, האָט דאָס מיט די כתרילעווקער געוואָרן ווי אַ קדחת. זיי וואָלטן אַ בעלן געווען אַנטשלאָפֿן ווערן אויף אַ גאַנץ מעת־לעת און אויפֿכאַפּן זיך דעמאָלט, ווען דרייפֿוס וועט, אם ירצה השם, שוין זײַן פֿרײַ. נאָר, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך בײַ קיינעם דאָס אויג נישט געקאָנט צומאַכן. מע האָט זיך יענע נאַכט

געקאַטשעט פון איין זײַט אַף דער אַנדערער, מלחמה געהאַלטן מיט די וואַנצן און אַרויסגעקוקט, עס זאָל שוין ווערן טאָג.

אַז ס'איז געוואָרן טאָג, איז מען אַוועק אַף דער פּאָסט. די פּאָסט איז געווען פאַרשלאָסן און דער טויער אויך. ביסלעכווײַז האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן צונויפקלײַבן אַרום דער פּאָסט, און ס'איז געוואָרן פאַרפּלייצט די גאַס. ייִדן זײַנען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק, געגענעצט, געצויגן זיך, געדרייט די פּאה און געזונגען שטילערהייט פון הלל.

אַז יאַרעמע דער סטאָראָזש האָט געעפנט דעם טויער, האָבן ייִדן אַ לאָז געטאָן זיך אַלע מיט אַ מאָל. איז יאַרעמע געוואָרן אָנגעצונדן, באַוויזן, אַז דאָ איז ע ר בעל־הבית, און האָט זיך צעלאָזט אַף זיי און, מחילה, זיי אַרויסגעטריבן מיט בזיונות פון דער פּאָסט אין דרויסן אַרויס, און דאָרטן האָבן זיי געוואַרט אַף זיידלען אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך פאַרט דערוואַרט. און אַז זיידל האָט אָנגענומען דאָס בלאַט און האָט זיי איבערגעלייענט דעם שיינעם פּסק פון דרייפוסן, איז געוואָרן אַ געשריי, אַ ליאַרעם — הימל עפן זיך! דער געשריי איז געווען נישט אַף די ריכטער, וואָס האָבן שלעכט געפּסקעט, נישט אַף די גענעראַלן, וואָס האָבן געשוואָרן פאַלש, נישט אַף די „פראַנצעזהויזענדיקע", וואָס האָבן זיך אַזוי נישט שיין אויסגעפּײַנט, — ניין! דער געשריי איז געווען אַף זיידלען.

— סע קאָן נישט זײַן! — האָט כתרילעווקע געשריגן אין איין קול.

— סע קאָן נישט זײַן אין דער וועלט אַזאַ משפּט! הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז דער אמת מוז אַרויף, ווי בוימל אַפן וואַסער. וואָס ווערסטו אונדז דערציילן מעשׂיות?

— בהמות! — שרײַט נעבעך זיידל מיט אַלע כּוחות און שטופּט זיי דאָס בלאַט גלײַך אין פּנים אַרײַן. — נאַט זעט וואָס סע שטייט אין בלאַט!

— בלאַט־שמאַט! — שרײַט כתרילעווקע. — און אַז דו ווערסט זיך שטעלן אַט דאָ מיט איין פוס אַפן הימל און מיט דער אַנדערער אַף דער ערד — וועלן מיר דיר גלייבן? ס'איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן נישט זײַן! עס קאָן נישט זײַן! עס קאָן נישט זײַן! עס קאָן נישט זײַן!

אַ סימן — ווער איז געווען גערעכט?...

געשריבן אין יאָר 1902.

קיין עין־הרע ניט

(מאָנאָלאָג)

— ווי איר זעט מיך אָטאָ — מאַכט צו אונדז אַ כתרילעווקער בעל־עגלה, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט צו אונדז אין דער בויד אַרײַן, און די פערדלעך מיטן וואָגן האָט ער געלאָזט אַף גאָטס באַראָט — ווי איר זעט מיך אָטאָ, בין איך מיר אַ ייִד מיט קיין עין־הרע צוויי פערדלעך אייגענע; יענער, דער בולאַנער, איז בײַ מיר שוין קיין עין הרע דאָס אַכטע יאָר, ווי איר קוקט אים אָן, אַ שוועריפיסיקער, נישט אַזאַ לויפער, נאָר אַ „נעמער" קיין עין־הרע אַ גוטער, און דער קאַשטאַנעוואַטער איז אויך קיין עין־הרע אַ יאָדעריק פערדל. מיט אַזעלכע צוויי פערדלעך, אַז גאָט שיקט צו גוטע פאַרשוידנדלעך, און אַ סך, קאָן מען האָבן פּרנסה קיין עין־הרע מיטן פולן מויל. און פּרנסה — דאָס מוז מען, וואָרעם אין דער היים איז פאַראַן אַ ווײַב מיט קיין עין־הרע זעקס פּיקערס; זי קינדלט קיין עין־הרע אַלע יאָר, אסתר הייסט זי, און דערפאַר האָט זי טאַקע אַ פּנים פון אַ רוח. געווען אַזאַ שיינע קיין עין־הרע, אַזאַ־נ־איידעלע, אַ צורה־מלוכה, בשעת איך האָב חתונה געהאַט פאַר איר; כ'בין נאָך דעמאָלט געווען אַ שמײַסער בײַ יענעם, אַ בחור קיין עין־הרע אַן אײַזן. וואָס מיר ווינטער? וועד מיר זומער? וואָס מיר שניי? ווער מיר בלאָטע? איבערגעקערט זיך דער וואָגן? אַליין געגומען אַף די פּלייצעס און אַליין קיין עין־הרע אויפגעהויבן אים פון דער בלאָטע, אַפילו זיך נישט פאַרקרימט. אָט אַזאַ מין פאַרשוין בין איך געווען. און זי, אסתר הייסט דאָס, איז געווען אַ יתומה, און דווקא אַ בעל־הבתיש קינד, אַ מלמדס אַ טאָכטער, נאָר מחמת זי איז געווען נישט איינע, קיין עין־הרע אַכט שטיק זײַנען זיי געווען, און די מוטער איז אַן אָרעמע אלמנה, האָט זי

נעבעך זייער געוואָלט חתונה מאַכן די טאָכטער. האָט מען איר גערעדט שדוכים קיין עין־הרע די שענסטע, די פֿײַנסטע שדוכים. נאָר איין חסרון — קיין געלט איז נישט געווען. און מיר זײַנען געזעסן אונטער איין דאַך, זײַנען מיר געזעסן, רוף איך זיך אָן צו איר איינמאָל, צו אסתרן הייסט דאָס, יום־טוב איז דאָס געווען, אַלע זײַנען געווען אין שול: „אסתר, זאָג איך, דו וועסט מיך נעמען?" שווײַגט זי. זאָג איך צו איר נאָך אַ מאָל: „אסתר, זאָג איך, קוק נישט, זאָג איך, וואָס איך בין אַ שמײַסער, זאָג איך, באַ יענעם, איך האָב צונויפגעשלאָגן, זאָג איך, מיין אייגנס קיין עין־הרע אַ קערבל עטלעכע און דרײַסיק; האָב איך נאָר חתונה, זאָג איך, אַזוי קויף איך מיר באַלד אַ פערדל און ווער אַליין, אם־ירצה־השם, אַ בעל־עגלה, זאָג איך, און אַ יונגל, זאָג איך, בין איך קיין עין־הרע אַ האָרעפּאַשנער, האָרעווען קאָן איך, עס וועט דיר, זאָג איך, זײַן באַ מיר קיין עין־הרע גוט ווי די וועלט, פֿונעם שענסטן און פֿונעם בעסטן!" שווײַגט זי.

קיצור, מיר האָבן חתונה געהאַט, האָט זי באַלד אָנגעהויבן קינדלען, קיין עין־הרע אַלע יאָר, אַלע יאָר אַ קינד; און אַז זי האָט אָנגעהויבן צו קינדלען, האָט זי אָנגעהויבן קרענקען, און אַז זי האָט אָנגעהויבן צו קרענקען, האָט זי געקרענקט און געקרענקט, אַוועקגעקרענקט אַ צײַט! זאָג איך צו איר: „אסתר, וואָס וועט זײַן, זאָג איך, דער תכלית, וואָס דו קרענקסט?" לאַכט זי. „אסתר, זאָג איך, דו לאַכסט און מיר טריפֿט זיך בלוט, קוקנדיק אויף דיר; טאָמער, זאָג איך, וואָלטן מיר זיך דורכגעגאַנגען צום דאָקטער? אפשר, זאָג איך, וועט ער געפֿינען עפּעס אַ סגולה!"... האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו קלײַבן צום דאָקטער, האָבן מיר זיך געקליבן און געקליבן, וואָרעם ווען האָב איך צײַט, משטיינס געזאָגט, אַז די גאַנצע וואָך איז מען קיין עין־הרע אין דער אַרבעט? סײַדן שבת?

קיצור, מיר האָבן זיך אַרויסגעריסן איינמאָל אין אַ שבת צום דאָקטער. געקומען צום דאָקטער, פֿרעג איך דעם דאָקטער: „וואָס טוט מען, זאָג איך, פּאַניע מאַרשאַלקי, וואָס זי קרענקט?" נעמט ער און באַטראַכט זי און הערט זי אויס און רופֿט זיך אָן צו מיר: „דײַן ווײַב איז נישט געזונט". זאָג איך צו אים: „פּאַניע קאָנסוליאַרזשע, גוט וואָס איר האָט מיר געזאָגט, אַנישט, וואָלט איך נישט געוווּסט!" מאַכט ער צו מיר: „נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן; איך האָב דיר געוואָלט זאָגן,

זאָגט ער, אַז דו באַדאַרפסט זי אָפּהיטן, היטן ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג; זי טאָר, זאָגט ער, נישט האָבן קיין קינדער מער, וואָרעם טאָמער האָט זי נאָך צוויי קינדער, זאָגט ער, וועט זי קלאַפּירן". „קלאַפּירן? — זאָג איך. — בײַסט אײַך אָפּ די צונג, פּאַניע! זי איז בײַ מיר, זאָג איך, איינע, זי איז בײַ מיר טײַערער פון זיך אַליין, און פון מײַנע צוויי פערדלעך אַפילו. און איר רעדט גאָר פון קלאַפּירן, זאָג איך. וואָס טויג מיר, זאָג איך, אײַערע עצות? איר גיט איר עפּעס אַ רפואה, זאָג איך, אַ סגולה, זי זאָל אויפהערן, זאָג איך, קרענקען!"... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ער האָט איר פאַרשריבן אַ רפואה, פּראָשקעס אַזעלכע, און מיר גייען אַהיים. געקומען אַהיים, זאָג איך צו איר: „אסתר, האָסט געהאָרכט וואָס דער קלוגער דאָקטער האָט געזאָגט?"... לאַכט זי.

קיצור, עס גייט אַוועק נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר, און וואָס ווײַטער ווערט זי ערגער און ערגער, און די קינדער, איר זאָלט זען, דווקא קיין עין־הרע איבערגעוואַשענע קינדער, איינס אין איינס. דאָס עלטערע ייִנגל שוין אַלט קיין עין־הרע דאָס דרײַצנטע יאָר, געגעבן אים אין חדר, גע־וואָלט מאַכן פאַר אַ למדן — ווער, וואָס? אַז דער קאָפּ איז אים גאָר בײַ די פערדלעך! און אַזוי איז דער אַנדערער, און אַזוי איז דער דריטער. איך קום צו פאָרן אַהיים און שפּאַן אויס די פערדלעך — אַהאַ! מײַן חברה קיין עין־הרע איז דאָ: איינער אָפּן וואָגן, דער אַנדערער אונטערן וואָגן, איינער אויף איין פערדל, דער אַנדערער אָפּן אַנדערן פערדל, און דער קלענערער זיצט גאָר רײַטנדיק אָפּן דישעל. „ווײַסע־חברהניקעס, זאָג איך, נישט געדאַכט זאָלט איר ווערן! נעכײַ וואָלט איר בעסער חשק געהאַט צום סדור!"... עס פאַרדריסט מיך, ס'טײַטש, סע קאָסט מיך בלוט, איך צאָל שכר־למוד, ווער פאַרשוואַרצט אַ גאַנצע וואָך, פאָר אַרום הין און צוריק מיטן בײַדל, פאַרדין טאַקע קיין עין־הרע דאָס שטיקל ברויט, אָבער טאַקע נישט מער ווי דאָס שטיקל ברויט, מחמת די גרעסטע העלפט גייט אַוועק אויף זיי, להבדיל, אויף די פערדלעך הייסט דאָס, זיי דאַרפן קיין עין־הרע היי און האָבער אַלע טאָג, דעם וואָגן שמירן דאַרף מען אויך, און אַ שטוב קיין עין־הרע אויסהאַלטן איז נישט קיין ווערטעלע, און אַליין איז מען אויך אַ מענטש, אונטערוועגנס קיין עין־הרע אַליין אַ בעל־עגלה, שוין נישט קיין שמײַסער בײַ יענעם, אַמאָל אַביסל בראָנפן, אַמאָל פאַר־בײַסן, די נשמה אויסשפּײַען קאָן מען נישט, און אינמיטן דרינען, טראַך, פאַלט גאָר אַ פערד, איז אַן עק, אויס גדולה!

אַ שטיקל גליק, הערט איר, פֿאַר נאַשבראַט, וואָס גאָט האָט געשענקט אונדז דאָס שטיקל שבת — אַ מתנה פֿון זײַן ליבן נאָמען. קומט שבת, וועט איר מיך נישט דערקענען, קיין עין־הרע גאָר אַן אַנדער מענטש! אַז איך קום פֿאַרפֿרי פֿרײַטיק אַהיים, איז ראשית חכמה פֿון אַלע ראשית חכמות — אין מרחץ אַרײַן. דאָרטן פֿאַרע איך מיך קיין עין־הרע אויס אַף אַלע זײַטן, ווערט אַף מיר אַ נײַע פֿעל. איך קום אַהיים אַ פֿרישער, אַ צאַפּלדיקער, טרעף איך אַפֿן טיש די שיינע צוויי אויסגעריבענע מעשענע לײַכטער מיט קיין עין־הרע צוויי גרויסע קוילעטשן, און די קלוגע פֿיש קיין עין־הרע לאָזן זיך הערן שוין פֿונעם אַפּן־אויוון איבער דער גאַנצער שטוב, און אין שטוב איז וואַרעם קיין עין־הרע, ריין און ציכטיק אין אַלע ווינקעלעך, כאָטש שפּיגל זיך, דער טשאָלנט איז פֿאַררוקט, דער פּריפּעטשיק אָפּגעשמירט, די קאַץ וואַרעמט זיך, און איך להבדיל בין מעביר די סדרה קיין עין־הרע צוויי מאָל: נאָכדעם גיי איך מיר אין שול אַרײַן דאַווענען און קום אַהיים מיטן ברייטן גוט שבת, זאָג אָפּ די שלום־עליכמס, מאַך קיין עין־הרע דעם פֿײַנעם קידוש איבער קיין עין־הרע אַ גוט ביסל בראָנפֿן, עס אָפּ קיין עין־הרע די גוטע וועטשערע, די אמתע פֿיש, די ריינע יויך מיטן צימעסדיקן צימעס, און לייג מיך רוען. שלאָף איך אָפּ קיין עין־הרע די נאַכט ווי אַ מלך; און אינדערפֿרי גיי איך מיר אין שול אַרײַן, קיין עין הרע ווי אַ גראַף, און אינדערהיים וואַרטן שוין אַף מיר קיין עין־הרע אַלע שבתדיקע מאכלים: דער בעל־הבתישער רעטעך מיט די כשרע ציבעלעס, די געהאַקטע אייער מיטן שיינעם לעבער, די פֿײַנע פּעטשאַ מיטן לײַטישן קנאָבל, די הייסע יויך מיטן פֿעטן קוגל, וואָס רינט פֿון אים קיין עין־הרע די שמאַלץ ווי פֿון אַ וואָרעטשיק. אַוודאי קאָן מען נאָך אַזאַ מין סעודה קיין עין הרע גוט שלאָפֿן. און אַז מע שלאָפֿט זיך אויס נאָך אַזאַ וואַרעמס, וויל מען דאָך קיין עין־הרע אַ טרונק. און אַז סע ברענט אַפֿן האַרצן, זאָגט איר, איז עפּלקוואַס נישט קיין שלעכט ביסל משקה, און באַרלעך־צימעס נישט קיין שלעכט מאכל. און אַז מע טרינקט אויס אַ קוואָרט עפּלקוואַס קיין עין־הרע און מע פֿאַרבײַסט מיט באַרלעך־צימעס, נעמט מען זיך צים תהילים און מע רײַבט קיין עין־הרע געשמאַק איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן; זיי פֿליִען קיין עין־הרע, די קאַפּיטלעך, ווי די ווערסטן אַפֿן גרויסן טראַקט, איינס נאָך דאָס אַנדערע, איינס נאָך דאָס אַנדערע, אָן אַ פּאָפּאָס, וואָרעם ווי איר זעט מיך, כאָטש אַ בעל־עגלה, גייט בײַ מיר קיין עין־הרע דער תהילים, ווי אַ מזמור, הלוואַי

וואָלטן אַזוי מײַנע ממזרים געקאָנט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר נאָך טאַטע־מאַמע, אַ רוח אין זייער פֿאָטער און מוטער אַרײַן — — — טפּררררו, אײַנגעזונקען זאָלט איר ווערן!...

אַזוי האָט אויסגעלאָזט פּלוצעם דער כתרילעווקער בעל־עגלה צו זײַנע פֿערדלעך, דעם „בולאַנעם" מיטן „קאַשטאַנעוואַטן" וואָס האָבן אַ נעם געגעבן דעם וואָגן באַרג־אַראָפּ און געגעבן אַ טראָג־אַוועק אים פֿײַל אויסן בויגן. און אײדער מיר קוקן זיך אַרום, ליגן מיר אַלע מיטן וואָגן אונטערן באַרג אין דער בלאָטע. די פּאַרשוינען, וואָס זײַנען געזעסן „פּאָ־ריטש", אָקעגן אונדז, ליגן, מחילה, פֿון אונטן; און מיר, בוידפּאַרשוינען — פֿון אויבן, אַף זיי. און דער „בולאַנער" מיטן „קאַשטאַנעוואַטן", פֿאַרוואָרפֿן די קעפּ אַרונטער, באַרבלען זיך מיט די פֿיס, כאַרכלען, ווילן נעבעך אַרויסקאַראַטשקען זיך — און קאָנען נישט.

— פֿון זינט איך בין צו מײַן שכל געקומען, הערט איר, — אַזוי מאַכט צו אונדז דער כתרילעווקער בעל־עגלה, אַ פֿאַרשעמטער, נאָכדעם ווי ער האָט אויפֿגעהויבן די פֿערד מיטן וואָגן מיט אַלע פּאַרשוינען — פֿון זינט איך בין אַ בעל־עגלה, קיין עין־הרע שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, טרעפֿט זיך מיר, איך זאָל דאָ ליגן באַרג־אַראָפּ מיטן וואָגן וויפֿל מאָל, מיינט איר? — סך־הכּל ד אָ ס ד ר י ט ע מ אָ ל, קיין עין־הרע נישט!...

געשריבן אין יאָר 1902.

אים מעג מען מקנא זײַן

זינט כתרילעווקע איז א שטאָט געדענקט דאָרט קיינער נישט אזא לוויה, ווי עס האָט געהאַט רב מלך דער חזן.

רב מלך דער חזן איז געווען א ייד אַן אָרעמאַן, אַן עני ואביון, גלײַך מיט אַלע כתרילעווקער בעלי־בתים, און האָט פאַרדינט אזא לוויה נאָך דערפאַר, וואָס ער איז געשטאָרבן יום־כפּור צו נעילה.

אַזוי שטאַרבט אַ צדיק, אַ גרויסער צדיק.

די זון האָט שוין געהאַלטן בײַ אונטערגיין, זיך געזעגנט מיט כתרי־לעווקע און אַרײַנגעקוקט דורך די פענצטער פונעם אַלטן בית־המדרש און באַלײַכט די טויטע אויסגעמוטשעטע פּנימער, די געלע טליתים מיט די ווײַסע קיטלען פון די בעלי־בתים, וואָס האָבן אויסגעזען ווי לעבעדיקע מתים.

דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן הונגער, האָבן שוין די דאָזיקע לעבע־דיקע מתים לאַנג אויפגעהערט צו פילן. זיי האָבן נאָר געפילט, אַז עס לאָזן זיך אוים די כוחות, אַז עס גייט זיי אוים דאָס חיות. זיי זײַנען געזעסן איבער די מחזורים, געשאָקלט זיך, געקוויקט זיך ווער מיט „חלש־טראָפּנס” און ווער מיט אַ שמעק־טאַבעקע, און געזונגען, אונטערגעהאָלפן רב מלך דעם חזן.

רב מלך דער חזן, אַ שיינער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט אַ ברייטן קאָלנער, איז פון גאַנץ פרי אָן געשטאַנען פאַרן עמוד אויף די פיס ; ער איז געשטאַנען פאַרן רבונו־של־עולם מיט אויפגעהויבענע הענט, געדאַוונט געטרײַ, געשמאַק, געוויינט און געבעטן בײַ אים רחמים פאַר די בעלי־בתים, וואָס האָבן אים געשיקט פאַר אַ שתדלן, אַ כאַראַטײַ, מע זאָל זיי מוחל זײַן זייערע גרויסע זינד און מע זאָל זיי אָנחתמענען אַ גוט קוויטל, אָנצייכענען זיי אַ גוט יאָר.

אף אזא אדוואקאט, ווי רב מלך, האבן זיך די בעלי־בתים פון דעם אלטן בית־מדרש, נישקשה, געקאנט פארלאזן.

ערשטנס, די געמבע; אלטע בעלי־בתים דערציילן, אז אין דער יוגנט האט ער, זאגט מען, געהאט א שארפע שטימע, א „שאגת ארי״; האט ער געעפנט א מויל, האבן געציטערט די ווענט פונעם בית־המדרש און עס האבן געקלונגען די פענצטער.

היינט איז ער געווען א גרויסער בעל־בכי, פלעגט וויינען, גיסן, ווי א בערעזענע, און אף אים קוקנדיק — דער גאנצער עולם.

אף דער עלטער איז בא אים די שטימע געווארן אביסל צוגעלעגערט און ס'איז אים פארבליבן נאר דאס וויינען — נאר אזא וויינען, וואס קאן נעמען א וואנט, אויפוועקן א טויטן.

רב מלך הייבט אויף ביידע הענט און טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם מיטן געוויסן וויינענדיקן ניגון פון נעילה:

— אוי־וויי, טאטע! אוי־וויי, פאטער! אוי־וויי, אוי־וויי!...

און איטלעכער בשעת־מעשה האט חרטה אף זיינע גרויסע זינד, בעט בא גאט, ער זאל אפמעקן, מוחל זיין, פארגעסן, און שענקען זיי א גוט יאר פאר זיי און פאר זייערע נאקעטע, באָרוועסע הונגעריקע קינדערלעך.

און דערמאנען זיי זיך אן זייערע הונגעריקע, נאקעטע און באָרוועסע קינדערלעך, די אומשולדיקע נפשות נעבעך, ווערט זיי דאס הארץ צעגאנגען אזוי ווי וואקס, און זיי זיינען גרייט צו פאסטן נאך דריי טעג מיט נאך דריי נעכט, אבי אויסבעטן בא דעם וואס לעבט אייביק א גוט יאר...

און רב מלך דער חזן, אביסל אפגערוט זיך און איבערגעכאפט דעם אטעם, טוט ער זיך א קאטשע אפן האלדז, א ציקל אפן אלטן שטייגער:

— אטונעם־נעם־נעם־דע־ע־עי! אטונעם־נעם־נעם־דע־ע־עי! ע־ע־עי!...

— און לאזט אויס ווידער מיט א געבעט און מיט א געוויין:

— אוי־וויי! אוי וויי! אוי־וויי! אוי־וויי!...

און פלוצעם ווערט מיט א מאל שטיל, און עס הערט זיך עפעס א פאל און א קלאפ און א שטופעריי און א שושקעריי:

— ששש... שא... שא! ממ... ממ!... אי־אַ־נו! שמש! שמש!...

לויפט צו חיים שמש און כאַפּט אונטער רב מלך דעם חזן אונטער די הענט, און רב מלך דער חזן פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַרונטער, די אויגן האַלב־אָפן, דאָס פּנים ווײַס ווי קאַלך, די ליפּן טויט, און עפּעס אַ שמייכעלע, אַ ביטער שמייכעלע שפּילט אויף זיי.

דער עולם טוט זיך אַ וואָרף. מע טראָגט אים אונטער חלש־טראָפּן צו דער נאָז, מע שפּריצט אים אָפּ מיט וואַסער, מע קוועטשט אים בײַ די שלייפן — בלאָטע! רב מלך דער חזן איז טויט. רב מלך דער חזן איז געשטאָרבן . . . .

. . . .

אַ וואָלף אַז עס כאַפּט זיך אַרײַן אין דער טשערעדע און פאַרצוקט אַ שעפּעלע, ווערט צווישן די איבעריקע שאָף אַ טומל, אַ מהומה אויף אַ ווײַלע; נאָכדעם שלאָגט מען זיך צונויף אַלע אינאיינעם און מע הייבט אָן ציטערן מיט אַלע גלידער.

אַזוי איז געווען אינעם אַלטן בית־המדרש, בשעת רב מלך דער חזן איז געשטאָרבן.

עס איז געוואָרן אויף אַ ווײַלע אַ טומל, אַ גערודער; פון דער ווײַבערשער שול האָט זיך געלאָזט הערן אַ מאָדנער קוויטש — דאָס האָט צביה די חזנטע געחלשט, און אויף איר קוקנדיק זײַנען געפאַלן חלשות נאָך עטלעכע ווײַבער.

האָט רב יוזיפל דער רב אַ ווונק געטאָן צו די גבאים, און די גבאים האָבן אַ פּאַטש געטאָן אין די סטענדערס, ס׳זאָל זײַן שטיל. און חיים דער שמש (ער איז טאַקע געווען בעל־שחרית) איז צוגעגאַנגען צום עמוד און האָט זיך געשטעלט דאַווענען ווײַטער. און דער גאַנצער עולם האָט געדאַוונט ווײַטער, ביז רב ניסל בעל־תוקע האָט געגעבן דעם לעצטן בלאָז.

נאָכדעם האָט מען געמאַכט אַ ברכו, זיך געשטעלט דאַווענען דעם וואָכנדיקן מעריב, און אַז מע האָט אָפּגעדאַוונט דעם וואָכנדיקן מעריב, איז מען געגאַנגען מחדש זײַן די לבנה, און אַז מע האָט מחדש געווען די לבנה, איז מען ערשט דעמאָלט געגאַנגען אַהיים זיך אָפּפּאַסטן, ווער מיט

א פערטל עוף פון די כפרות און מיט א גלעזל וואַרעמס, און ווער מיט א שטיקל ברויט מיט הערינג און מיט גלאָט א טרונק וואַסער.

אין א שעה אַרום נאָכן אָפּפּאַסטן זיך איז דער גאַנצער שול־הויף שוין געווען פאַרפלייצט מיט מענטשן. ס'איז נישט געווען קיין שפּילקע דורכצוּוואַרפן.

ייִדן און ווײַבער, יינגלעך און מיידלעך, קינדער פון די וויגעלעך — אַלע זײַנען זיך צונויפגעקומען אַף דער לוויה.

בעלי־בתים האָבן זיך אַליין מתעסק געווען אין דער מצווה. נישט צוגעלאָזט די שמשים. א קליינינקייט — אַזאַ מת!

די נאַכט איז געווען א ליכטיקע און א וואַרעמע. די לבנה האָט אַראָפּגעשײַנט אַף כתרילעווקע און האָט אָנגעקוועלט פון די אָרעמעלײַט, וואָס זײַנען געקומען אָפּגעבן כבוד רב מלך דעם חזן פאַר זײַן אוועקגיין אַהין אין זײַן ווײַטן וועג אַרײַן. און אַז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט דער מטה קעגן אַלטן בית־המדרש, האָט זיך רב יוזיפל דער רב אוועקגע־שטעלט מאַכן א הספד, און דער גאַנצער עולם האָט געוויינט.

רב יוזיפל דער רב האָט אויסגעוויזן מיט פּסוקים און מיט מדרשים א סך, אַז רב מלך דעם חזנס טויט איז נישט קיין געוויינלעכער טויט פון א געוויינלעכן מענטשן, אַז אַזוי שטאַרבן שטאַרבט נאָר א צדיק, און א גרויסער צדיק, אַז אַזאַ צדיק גייט פון דאַנען גלויך אין גן־עדן אַרײַן. אַזאַ צדיק באַדאַרף איטלעכער מקנא זײַן, און איטלעכער באַדאַרף זיך ווינטשן אַזאַ טויט, וואָרעם נישט איטלעכער איז זוכה צו שטאַרבן יום־כפּור צו נעילה באַם עמוד, ווען גאָט האָט מוחל געווען אַלע זינד — און אַזאַ צדיק, אַז ער פאָרט־אָפּ פון שטאָט, באַדאַרף די גאַנצע שטאָט אים גיין באַגלייטן, און אַזאַ צדיק, אַז ער שטאַרבט־אָפּ אין שטאָט, באַדאַרף די גאַנצע שטאָט וויינען און קלאָגן.

— וויינט־זשע, ייִדן, און קלאָגט אַף דעם צדיק, וואָס מיר האָבן פאַרלאָרן, און בעט אים, ער זאָל דאָרט זײַן א מליץ־יושר פאַרן כסא־הכבוד צום נײַעם יאָר, טאָמער וועט ער טאָקע אויסבעטן פאַר אונדז אַלעמען א גוט־יאָר, — שוין צײַט גאָט זאָל רחמנות האָבן אַף כתרילעווקע און אַף אירע ייִדן!...

דער גאַנצער עולם האָט געוויינט, געגאָסן מיט טרערן און געגלויבט,

אַז זיי האָבן אָוועקגעשיקט פאַר זיך אַ גוטן שליח, אַ רעכטן שתדלן צום אייבערשטן.

אין דער מינוט האָט זיך איטלעכער געוווּנטשן צו זײַן אױף רב מלך דעם חזנס אָרט.

און רב יוזיפל האָט, אפֿנים, פֿאַרגעסן, אַז ער רעדט מיט אַ טויטן, און האָט אויסגעלאָזט זײַן הספּד מיט די דאָזיקע ווערטער:

— לך לשלום — גיי געזונטערהייט און זיי מצליח!...

לאַנג־לאַנג נאָכדעם האָט מען נישט אויפֿגעהערט צו דערציילן אין כּתריליעווקע פֿון רב מלך דעם חזנס טויט און פֿון דער לוויה, וואָס ער האָט געהאַט, און מע האָט געזאָגט מיט אַ זיפֿץ:

— יאָ, א י ם מעג מען מקנא זײַן...

גערשריבן אין 1902

צוויי שלח־מנותן

א.

ס'איז שוין לאַנג נישט געווען אין כתרילעווקע אַזאַ שיינער פּורים און אַזאַ וואַרעמער. עס האָט פּאַרפּרי גענאָזט דאָס אײַז, און פונעם שניי איז געוואָרן אַ טוואַן ביזן גאַרטל. די זון האָט געשײַנט. עס האָט געבלאָזן אַ פֿויל ווינטל. אַ נאַריש קעלבל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז סע שמעקט מיט וועסנע, האָט דאָס אָנגעהויבן בלעקען, פֿאַרריסן דעם ווידל, אַראָפּ־געלאָזט די מאָרדע און אַרויסגעלאָזט אַ האַלבן „מע!" אױף דער גאַס זײַנען געלאָפֿן שלענגלדיקע ריטשקעלעך אַראָפּ־באַרג, געשלעפּט מיט זיך ווו ערגעץ אַ שפּענדל, אַ שטרוי אָדער אַ שטיקל פּאַפּיר. אַ גליק, וואָס אין שטאָט איז נאָך כמעט בײַ קיינעם נישט געווען אױף מצות; אַנישט, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ס'איז נישט פּורים, נאָר ערב־פּסח.

סאַמע אין מיטן שטאָט, אין דער רעכטער בלאָטע, האָבן זיך באַגעגנט צוויי מיידלעך, וואָס ביידע האָבן געהייסן נחמה, — איינע אַ שוואַרצע, אַ געזונטע, מיט געדיכטע ברעמען און מיט אַ קורצער נאָז, די אַנדערע אַ ווײַסע, אַ קראַנקלעכע, מיט רויטע האָר און מיט אַ שפּיציכיק נעזל; איינע אַ באָרוועסע, מיט גראָבע שוואַרצע פּולקעס, די אַנדערע כלומרשט אין שיך, וואָס האַלטן אָפּן דאָס מויל און „בעטן עסן"; שיינע שיך! אַז מע גייט, קוואַטשקען זיי און סע שלעפּט זיך נאָך אַ פּאָדעשווע, וואָס גיט אַלע מאָל אַ ליאַסק מיט אַ קוויטש, און אַז מע טוט זיי אויס, וועגן זיי אַ פּוד. דאָס איז געווען אַזעלכע שיך, וואָס מע זאָגט אױף זיי: „איידער אַזעלכע שיך, איז שוין גלײַכער באָרוועס"... ביידע נחמהס האָבן גע־טראָגן שלח־מנותן, איבערגעדעקט מיט אַ ווײַס סערוועטל, און צוגעהאַלטן

מיטביידע הענט אין דער הייך. דערזען זיך, האָבן ביידע מיידלעך זיך אָפּגעשטעלט.

— אַ! נחמה?

— אַ! נחמה?

— וווּהין גייסטו דאָס, נחמה?

— וואָס הייסט וווּהין גיי איך? איך טראָג שלח־מנות.

— צו וועמען טראָגסטו שלח־מנות?

— צו אײַך טאַקע; און וווּהין גייסטו, נחמה?

— וואָס הייסט וווּהין גיי איך? זעסט דאָך, אַז איך טראָג שלח־מנות.

— צו וועמען טראָגסטו שלח־מנות?

— טאַקע צו אײַך.

— אַ היסטאָריע בנאמנות!

— אַ ריינע קאָמעדיע!

— אַנו, ווײַז נאָר דײַן שלח־מנות, נחמה?

— ווײַז דײַן שלח־מנות, נחמה?

און ביידע נחמהס האָבן געזוכט מיט די אויגן, וווּ מע קאָן זיך צוזעצן אױף אַ ווײַלע, און גאָט האָט זיי צוגעשיקט. דערזען אַ קלעצל לעבן אַן אײַנפאָרהויז, האָבן זיי אויפגעהויבן די פּיס אין דער לייִמיקער בלאָטע און האָבן זיך באַזעצט אױף דעם דאָזיקן קלעצל, אַנידערגעשטעלט די בעקנס אױף די קני, אויפגעהויבן די סערוועטלעך און באַטראַכט די שלח־מנותן.

פריִער האָט נחמה די רויטע אויפגעדעקט און באַוויזן איר שלח־מנות. זי האָט געדינט בײַ זעלדע רב יאָסעס, גענומען פינפטהאַלבן קערבלעך פּאַרן ווינטער מיט קליידן און שיכן. ס׳איז געווען אַ „קליידן" מיט אַ „שיכן"! מילא דאָס קליידל איז געווען אַ קליידל, מיט לאַטעס אַפילו, נאָר פאָרט אַ קליידל; די שיך אָבער זײַנען מאַנצבילשע שיך, פון זעלדע רב יאָסעס בחור מנשה, וואָס האָט אַ פוס, ווי אַ דייזשקע, און דערצו האָט ער נאָך אַ טבע דרייען די אָבצאַסן, שיינע שיך!

דער שלח־מנות, וואָס נחמה די רויטע האָט געטראָגן, איז באַשטאַנען: פון אַ שיינעם גרויסן המן־טאַש מיט מאָן, פון צוויי קישעלעך, איינס אָן אָפּנס, מיט האָניקפאַרפל, און דאָס אַנדערע אַ קנײַלעכיקס, פון ביידע זײַטן זייער שיין געצוויקלט, אַ צוקערלעקעכל, מיט אַ ראָזשינקע

ארײַנגעשטעקט סאַמע אין מיטן, אַ גרויס פּירעקעביק שטיק טאָרט, אַ שיין שטיקל קומישברויט, צוויי קליינע מלכות־ברייטלעך און אַ היפּש שטיק קאָרענער לעקעך, וואָס איז באַ זעלדען הײַנטיקס יאָר מער געראָטן ווי אַלע יאָר: צי די מעל איז געווען זייער אַ גוטע מעל, צי דער האָניק איז געווען אַ ריינער האָניק, צי דער לעקעך האָט זיך גלאַט גוט אויסגעבאַקן, צי מע האָט אים גוט אויסגעשלאָגן — ער איז געווען טאַקע נאָר ווי אַ געדיכטע פּעבקע קישן!

באַטראַכט נחמה דער רויטערס שלח־מנות, האָט נחמה די שוואַרצע אויפגעדעקט און באַוויזן איר שלח־מנות. זי האָט געדינט באַ זלאַטע רב אײַזיקס, גענומען זעקס קערבלעך פאַרן ווינטער אַף איר אייגענעם גאַנג, איז זי דערפאַר געגאַנגען באָרוועס, און זלאַטע האָט זי געשאָלטן מיט טויטע קללות:

— וויאַזוי גייט דאָס אַ מויד אַ גאַנצן ווינטער באָרוועס? דו ווילסט, אפנים, זיך פאַרקילן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!...

נחמה האָט זי אָבער געהערט, ווי המן דעם גראַגער. זי האָט בעסער געקליבן דאָס געלט אַף פּסח: אַף פּסח וועט זי, אם ירצה השם, זיך מאַכן אַ פּאָר שיך אַף הויכע אָבצאַסן מיט קולקעס און אַ סיצן קליידל מיט אובאָרקעלעך. קאָפּל דער שוסטער, וואָס שדכנט זיך צו איר, וועט אײַננעמען אַ מיתה משונה!

דער שלח־מנות, וואָס נחמה די שוואַרצע האָט געטראָגן, איז באַשטאַנען פון אַ פײַן שטיק שטרודל, צוויי גרויסע צוקער־לעקעכער, אַ היפּש האָניק־טייגל, צוויי קישעלעך, וואָס פון ביידע זײַטן איז געווען אויסגעצוויקלט אַ פישעלע און אָנגעפילט מיט קליינע זיסע פאַרפעלעך, און צוויי גרויסע מאַנדלעך שוואַרצע, גלאַנצנדיקע, דורכגעשפּיגעוועט מיט יאָדערן פון ניסלעך, גוט אײַנגעפּרעגלט אין האָניק! אויסעררעם איז אַפן בעקן געלעגן און געשמייכלט אַ געלער, אַ שמעקנדיקער מאַראַנץ, וואָס דער ריח איז זיך צעגאַנגען אין יעדן אבר.

ב.

— הערסטו, נחמה, וואָס איך וועל דיר זאָגן? דײַן שלח־מנות איז אַ שענערער שלח־מנות פון מײַן שלח־מנות! — אַזוי האָט געזאָגט נחמה די רויטע צו נחמה דער שוואַרצער מיט אַ קאָמפּלימענט.

— ע! דײַן שלח־מנות איז אויך נישט קיין שלעכטער שלח־מנות!

— האָט איר נחמה די שוואַרצע געענטפערט מיט אַ קאָמפּלימענט פאַר אַ קאָמפּלימענט און האָט אַ טאַפּ געטאָן מיטן פינגער דעם המן־טאַש.

— אָט אַ המן־טאַש!... האָט געזאָגט נחמה די שוואַרצע און האָט זיך אַזש באַלעקט. — אָט דאָס הייסט אַ המן־טאַש!... איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך פאַרגין איר גאָרנישט, דער בעל־הביתטע מײַנער. אַזאַ המן־טאַש... אַזאַ מכה זאָל זיך איר זעצן אָפּן פּנים, רבונו של עולם!... הערסטו, נחמה, ווערליק איך האָב נאָך הײַנטיקן טאָג אין מויל נישט געהאַט, וואָלט איך אַ בעלן געווען פאַרזוכן פון דעם דאָזיקן המן־טאַש כאָטש אַ שטיקל...

— און איך, מיינסטו, האָב הײַנטיקן טאָג עפּעס געגעסן? נישט מער זאָלן זיי עסן ווײַל זיי וועלן לעבן! — מאַכט נחמה די רויטע און קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן. — נעם, פאָלג מיך, נחמה, דעם המן־טאַש און צעברעך אים אַף צווייען, וועלן מיר איבערכאַפּן. ווו שטייט דאָס, אַז שלח־מנות מוז זײַן מיט אַ המן־טאַש? אָט למאַי איז בײַ דיר שלח־מנות אָן אַ המן־טאַש?

— לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, ווי דו ביסט גערעכט! — זאָגט נחמה די שוואַרצע, צעברעכט דעם המן־טאַש אַף צווייען און צעטיילט זיך מיט נחמה דער רויטער.

— הערסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן! ס׳איז דאָך טעם גן־עדן, בנאמנות! אַ חסרון נאָר, וואָס סע מער נישטאָ... פאַר דײַן המן־טאַש, נחמהניו, קומט דיר אַ שטיק לעקעך פון מײַן שלח־מנות, וואָרעם ווערליק מיר וועלן זיך דאָ אָננעמען פאַרן וועג, מעג זיי זײַן ווינציקער מיט אַ שטיקל לעקעך און מער מיט אַ מכה... מאָל דיר, פון גאַנץ פרי אָן ביז איצטערטאָ — טרעף, וויפל האָב איך געמאַכט? קום־קום אַ גילן מיט צוויי גראָשן. אי דאָס — זײַנען די צוויי גראָשן מיט אַ לעכל... וויפל האָסטו געמאַכט, נשמה מײַנע?

— איך האָב דאָס אויך נישט געמאַכט, אַ מכה זאָל זיך זיי מאַכן! — זאָגט נחמה די רויטע און קײַט דעם לעקעך און שלינגט גאַנצע שטיקער, ווי אַ גאַנדז. — הלוואַי איך זאָל פאַרן גאַנצן טאָג מאַכן אַ גילן!...

— שיינע נגידיתטעס, זיי מעגן זיך, נישקשה, אַלע באַגראָבן! — זאָגט נחמה די שוואַרצע און באַלעקט זיך נאָכן לעקעך. — איך קום צו

גיין צו כיענע דער צעלניקערן מיטן שלח־מנות, נעמט זי צו בא מיר דעם שלח־מנות, קראַצט און קראַצט די קעשענע און הייסט מיר קומען שפּע־טער, קומען זאָל אַף איר אַ מיתה משונה!

— אַזוי ווי איך האָב געהאַט בא קיילע רב אהרנס. — זאָגט נחמה די רויטע. — איך קום צו גיין צו איר מיטן שלח־מנות, גייט זי און שענקט מיר אַ צוקערלעקעכל פאַרן וועג, שענקען זאָל איר גאָט אַ נײַע נשמה!

— און די אַלטע זאָל מען אַרויסוואַרפן פאַר די הינט! — לאָזט אויס פאַר איר נחמה די שוואַרצע און נעמט איינע פון זלאַטעס צוויי צוקערלעקעכער און צעברעכט אים אַף צווייטען. — נאַ, עס, נשמה מײַנע, עסן זאָלן זיי ווערעם! אַז דײַן בעל־הביתטע וועט האָבן ווינציקער מיט אַ צוקערלעקעכל, בין איך בדלות!

— אוי, אַ מכה איז מיר! — האָט זיך נחמה די רויטע צום ערשטן מאָל אויפגעכאַפּט פונעם אָרט און אָנגעהויבן ברעכן די הענט. — זע, נאַר, נשמהניו, וואָס ס'איז מיר געבליבן פונעם שלח־מנות!

— ווער וועט זיי גיין דערציילן, נאַרישע מויד? — באַרויִקט זי נחמה די שוואַרצע. — האָב קיין מורא נישט, ס'איז בא זיי הײַנט אַ טאָג פון שלח־מנות, זײַנען זיי פאַרטאַרעראַמט, מע וועט זיך נישט אַרומקוקן.

און ביידע נחמהס דעקן איבער די שלח־מנותן מיט די ווײַסע סער־וועטלעך און לאָזן זיך גיין איבער דער בלאָטע, איינע אַהין, די אַנדערע אַהער, גלײַך ווי ס'איז גאָרנישט געווען...

*

זעלדע רב יאָסעס, אַ ייִדענע מיט אַ קײַלעכדיקן פּנים און אַ גאַנץ שיינע, איז געשטאַנען מיט אַ רויטן זײַדענעם פאַרטוך מיט ווײַסע שפּרינ־קעלעך און האָט אויסגעטיילט און צונויפגעשטעלט אַלע שלח־מנותן, וואָס זי האָט באַדאַרפט שיקן יענעם און וואָס יענע האָבן געשיקט איר.

רב יאָסע לעמעשקע (אַזאַ צונעמעניש האָט ער געהאַט אין כתרי־לעווקע) איז געלעגן אַף דער קאַנאַפּע און האָט געכראַפּעט, און מנשה, אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן מיט רויטע באַקן און מיט אַ לאַנגער ליוסטרינינער נאַקידקע, האָט אַרומגעפּאַדקעוועט אַרום דער מאַמע, געגאַשט אַלע מאָל אַ שטיקל האָניקטייגל, אַ צוויי פאַרפעלעך אָדער אַ מאַנדל; ער האָט זיך

אזוי אָנגעשטאָפּט מיט די אַלע גוטע זאַכן, אַז די ציין מיט די ליפּן זײַנען אים געווען שוואַרץ און דער בויך האָט אָנגעהויבן „ריידן".

— מנשה, טאָמער וואָלט שוין אַמאָל געווען גענוג, מנשה? — זאָגט אים זעלדע אַלע מינוט.

— גענוג, גענוג! — ענטפערט מנשה און כאַפּט אַרײַן אין מויל אַרײַן אַלע מאָל אַן אַנדער שטיקל, „דאָס לעצטע מאָל", און ווישט אויס מיט דער צונג די ליפּן.

* * *

— אַ גוט יום־טוב, די בעל־הביתטע האָט אײַך געשיקט שלח־מנות!

— זאָגט נחמה די שוואַרצע און טראָגט־אונטער זעלדען דעם איבערגע־דעקטן שלח־מנות.

— בײַ וועמען דינסטו? — פרעגט זי זעלדע מיט אַ פרײַנטלעך שמייכל און נעמט־צו בײַ איר דעם שלח־מנות פון די הענט.

בײַ זלאַטע רב אײַזיק בעל־בריתניקס. — מאַכט נחמה די שוואַרצע און וואַרט, מע זאָל בײַ איר צונעמען דעם שלח מנות און אומקערן דעם בעקן.

זעלדע נעמט זיך מיט איין האַנט צו דער קעשענע באַצאָלן דעם מיידל אַ גראָשן פאַרן וועג, און מיט דער אַנדערער האַנט דעקט זי אָפּ דעם שלח־מנות און בלײַבט שטיין ווי געליימט.

— וואָס איז דאָס? מנשה, טו נאָר אַ קוק!...

מנשה דערזעט דעם שלח־מנות, כאַפּט ער זיך בײַ די זײַטן, בייגט זיך צו ביז דער ערד און מאַכט אַזאַ געלעכטער, אַז רב יאָסל לעמעשקע פאַלט שיער אַראָפּ פון דער קאַנאַפּע אַ דערשראָקענער.

— האַ? וואָס? וואָס איז? ווער איז דאָרטן?...

— זע נאָר אַ שלח־מנות! — מאַכט צו אים זעלדע און לייגט צונויף ביידע הענט אָפּן בויך. מנשה הערט נישט אויף צו לאַכן, און רב יאָסל לעמעשקע טוט אַ שפּײַ, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט און שלאָפט ווײַטער.

זעלדע טוט אַ שמיץ נחמהן דעם בעקן מיטן סערוועטל און זאָגט צו איר:

— זאָלסט זאָגן דער בעל־הביתטע דײַנער, זי זאָל דערלעבן איבער אַ יאָר און זאָל קיין שענערן שלח־מנות נישט פאַרמאָגן!

— אָמן גם אתם! — מאַכט נחמה די שוואַרצע און נעמט צו דעם בעקן.

— מיטן קאָפּ אין דער ערד! — זאָגט זעלדע מיט כעס. — אַ מויד אַן עזותניצע קאָן! וואָס זאָגסטו אַף איר, מנשה?...

ד.

זלאַטע רב אײַזיקס, אַ ייִדענע, וואָס האָט אַלע יאָר אַ קינד און הערט נישט אויף צו דאָקטערן זיך, איז שוין געווען אַזוי אויסגעמידט פונעם שלח־מנות אָפּנעמען און אַרויסגעבן, אַז זי האָט זיך געמוזט צוזעצן אַף אַ בענקל און קאָמאַנדעווען מיטן מאַן אײַזיק בעל־בריתניק (אַזוי האָט מען אים גערופן הינטער די אויגן, דערפאַר ווײַל ער פּראַוועט אַלע יאָר אַ ברית).

— אײַזיק, נעם אָט אַ יענץ שטיקל טאָרט און לייג אַוועק אַהער, און דאָס שטיקל קומיש־ברויט מיט די צוויי מאַנדלעך פון דאַנען לייג־צו אַהין, אײַזיק, און דערלאַנג מיר יענץ קישעלע וואָס מיט די פּאַרפל, ניין נישט יענץ. אָט אַ יענץ! נו ריר זיך, אײַזיק! זע נאַר, ווי מען באַדאַרף אים לערנען קמץ־אַרף, ווי מיט אַ קליין קינד! און נעם יענץ לעקעכל, דאָס גרעסערע, און לייג־צו אַהין, אָט אַזוי, און צעשנײַד דאָס שטיקל טאָרט אַף צווייען, צו אַ גרויסע שטיק טאָרט, אײַזיק, אַן עבירה... אין דער ערד אַרײַן, ממזרים, וואָן!

די לעצטע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן אַף אַ גאַנצער כאַפּטע ווײַסע־חברהניקעס, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום איר מיט הוילע פּופּקעס, געקוקט אַף די זיסע זאַכן מיט זשעדנע אויגן און באַלעקט זיך.

די ווײַסע־חברהניקעס גנבהנען זיך אונטער אַלע מאָל פון הינטן, ווילן אַוועקשלעפּן אַ לעקעכל פונעם טיש. דערזעט די מאַמע און שענקט אַ פּאַטש אָדער אַ סטוסאַק מיט אַ פּאַטילעטשניק.

* * *

— אַ גוט יום־טוב! — די בעל־הביתטע האָט אײַך געשיקט שלח־מנות! — זאָגט נחמה די רויטע און טראָגט אונטער זלאַטען דעם איבער־געדעקטן שלח־מנות.

— באַ וועמען דינסטו? — פרעגט זי זלאַטע מיט אַ פריינטלעך שמייכעלע און נעמט־צו באַ איר דעם בעקן פון די הענט.

— באַ זעלדע רב יאָסע לעמעשקעס, — זאָגט נחמה די רויטע און וואַרט, מע זאָל באַ איר צונעמען דעם שלח־מנות און אומקערן דעם בעקן.

זלאַטע נעמט זיך מיט איין האַנט צו דער קעשענע באַצאָלן דעם מיידל אַ גראָשן פאַרן וועג, און מיט דער אַנדערער האַנט דעקט זי אָפּ דעם שלח־מנות און בלײַבט שיער חלשות.

— אַלע בייזע ווײַסטע שלעכטע טויטע פינצטערע חלומות זאָל אויסגיין צו מײַנע שונאימס קעפּ און צו זייערע הענט און פיס און צו זייער לײַב און לעבן! זע־נאָר אַ מין שלח־מנות! אַזוי ווי עפּעס גאָר אָף אַ געלעכטער, אַ הולטײַקע קאָן!

— נאַ, גיב דאָס אָפּ דער בעל־הביתטע דײַנער צוריק! — זאָגט זלאַטע און טוט אַ שמיץ נחמה דער רויטער דעם בעקן מיטן סערוועטל מיטן שלח־מנות צוריק אין פּנים אַרײַן.

ה.

רב יאָסע לעמעשקע און רב אײַזיק בעל־בריתניק זײַנען ביידע קרעמער אין כתרילעווקע, אַ קלייטל לעבן אַ קלייטל, און כאָטש זיי זײַנען קאָנקור־רענטן, הייסט דאָס, און שלעפּן איינס באַם אַנדערן קונים, אַבי זיי קאָנען נאָר, פונדעסטוועגן איז מען צווישן זיך דווקא גוטע ברידער, מע כאַפּט איינער באַם אַנדערן אַ גמילות־חסד, מע גייט איינער צום אַנדערן אָף שמחות, יום־טוב — אָף קדוש, ווי עס געהער צ זײַן צווישן נאָענטע שכנים. זומער זיצט מען גאַנצע טעג אין קלייט און מע שפּילט אין ביינדלעך, און ווינטער גייט מען אַרײַן איינער צום אַנדערן זיך אָנוואַרעמען אַביסל. אויך די ווײַבער צווישן זיך לעבן גאָר פרײַנטלעך, ריידן ביידע אָפּ פון דער גאַנצער וועלט, לײַען זיך אויס איינס דאָס אַנדערע, אַז סע פעלט סחורה, פאַרטרויען זיך איינע דער אַנדערער די גרעסטע סודות, קריגן זיך כמעט קיינמאָל נישט, און אַפילו אַז עס מאַכט זיך, זיי צעקריגן זיך אַ מאָל איבער אַ נאַרישקייט, בעטן זיי זיך באַלד איבער... הכלל, ס'איז אַ לעבן, ווי „אונטערן באָד".

אָף מאָרגן נאָך פּורים, אַז רב אײַזיק איז אַרויסגעקומען עפענען די קלייט, איז שוין רב יאָסע לעמעשקע געשטאַנען באַ דער טיר פון זײַן קלייט אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק, און געוואַרט, אַז רב אײַזיק זאָל צוגיין צו אים זאָגן אַ גוט מאָרגן, וועט ער אים נישט ענטפערן... רב אײַזיק,

וואָס איז אויך געווען גוט אָנגעדרודלט פון זײַן ווײַב אויף רב יאָסען, האָט איפּגעשלאָסן די קלייט, זיך אַנידערגעשטעלט בײַ דער טיר און געוואַרט ביז רב יאָסע וועט צוגיין צו אים און וועט אים זאָגן אַ גוט מאָרגן, וועט ער אים נישט ענטפערן... און אַזוי זײַנען זיי געשטאַנען ביידע איינס אַקעגן דאָס אַנדערע, ווי די האָנען, און געוואַרט, ווער וועט אָנהייבן פריער... זיי וואָלטן געקאָנט אַזוי אָוועקשטיין ביידע אַ גאַנצן טאָג, ווען עס זאָלן נישט געווען אָנקומען ביידע ווײַבער פונעם מאַרק, ביידע מיט פלאַמענדיקע פנימער און מיט ברענענדיקע אויגן פאַר כעס.

— אײַזיק, פאַרוואָס דאַנקסטו אים נישט אויף פאַרן שיינעם שלח־מנות, אײַזיק, וואָס זײַן יפהפיה האָט מיר געשיקט? — רופט זיך אָן זלאַטע צו איר מאַן.

— יאָסע, פאַרוואָס דערמאָנסטו אים נישט דעם נעכטיקן שלח־מנות? — זאָגט זעלדע צו איר מאַן.

— אײַזיק, דו הערסט, אײַזיק, זי רייצט זיך נאָך! וואָס שווײַגסטו אים, אײַזיק?

— וואָס וועל איך גיין ריידן מיט אַ „לעמעשקע"? — זאָגט רב אײַזיק הויך אויף אַ קול, בכדי רב יאָסע זאָל דערהערן, אַז ער רופט אים „לעמעשקע".

— איך האָב מורא אָנהייבן זיך מיט אַ „בעל־בריתניק"!... — זאָגט רב יאָסע הויך אויף אַ קול, בכדי רב אײַזיק זאָל הערן אַז ער רופט אים „בעל־בריתניק".

דאַכט זיך, אין פלוג, וואָס ליגט אַזעלכעס אינעם וואָרט „בעל־בריתניק"? איטלעכער ייִד, אַז זײַן ווײַב ווערט געלעגן און האָט אַ יינגל ווערט ער אויפן אַכטן טאָג אַ בעל־בריתניק.

רב אײַזיק אָבער האָט אַלצדינג אויף דער וועלט געקאָנט איבערטראָגן, נאָר נישט דעם צונעמעניש „בעל־בריתניק". דאָס איז פאַר אים געווען טויזנט מאָל ערגער ווי אין טאַטן אַרײַן געשאָלטן!! ער איז דעמאָלט קאַפּאַבל געווען יענעם צערײַסן אויף שטיק שטיקלעך!...

דאָס אייגענע איז געווען מיט רב יאָסען. איר זאָלט אים געבן דרײַ פּעטש, וואָלט בײַ אים געווען מער ניחא, ווי דאָס וואָרט „לעמעשקע".

עס איז זיך צענויפגעלאָפן דער גאַנצער מאַרק, און מע האָט זיי קוים צענומען; מע האָט געוואָלט געוואַר ווערן, פאַר וואָס און פאַר וועמען האָבן זיך עס צוויי נאָענטע שכנים און גוטע פרײַנט פלוצעם פאַר־

פאַרן איינס דאָס אַנדערע אין די בערד אַרײַן... נאָר רב יאָסעּ און רב איציק און זלאַטע און זעלדע האָבן גערעדט אַלע פיר איינס איבער דאָס אַנדערע, זיי האָבן אַלע אַזוי געפּילדערט און געקוויטשעט, אַז מע האָט נאָר געקאָנט הערן „שלח־מנות!" „שלח־מנות!" — און געגוג. וואָס „שלח־מנות"? ווער „שלח־מנות"? — דאָס איז אוממעגלעך געווען צו דערגרונטעווען זיך.

— אַז דו וועסט ניט אײַנגעבן צום מיראָוואַי אַף דער „לעמעשקע", זאָלסטו זיך געזעגענען מיטן לעבן! — האָט זלאַטע געשריגן אַף איר מאַן. און רב יאָסעּ האָט זיך אָנגערופן צום גאַנצן מארק:

— יידן, איר זאָלט זײַן עדות, אַז די דאָזיקע הולטײַקע האָט מיך אָנגערופן „לעמעשקע"! אָט גיי איך באַלד און גיב־אײַן דעם מיראָוואַי אַף איר און אַף איר מאַן דעם „בעל־בריתניק" אַ פּאַפּיר.

— יידן! — האָט זיך אָנגערופן רב איציק. — איר זאָלט וויסן, אַז איך שטעל אײַך פאַר עדות באַם מיראָוואַי, אַז דער דאָזיקער... דער דאָזיקער... דער דאָזיקער... איך וויל אים ניט אָנגערופן באַ זײַן שיי־נעם נאָמען, האָט מיך נאָר־וואָס אָנגערופן „בעל־בריתניק"!

אין אַ שעה אַרום זײַנען זיי ביידע געווען באַ יודל דעם שרײַבער, ביידע האָבן געשטעלט עדות און ביידע האָבן אײַנגעגעבן צום מיראָוואַי.

ז.

דער כתרילעווקער מיראָוואַי, פאַן מיליניעווסקי, אַ גראָבער פּריץ מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ הויכן שטערן, איז שוין אַזוי לאַנג מיראָוואַי, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיט דער גאַנצער שטאָט, אויסגע־בונדן מיט איטלעכן באַזונדער, און איבערהויפּט מיט כתרילעווקער יידן; ער קען יעדן איינציקן, וויים יעדנס כאַראַקטער דורך און דורך, פאַר־שטייט ייִדיש ווי אַ ייִד, קלוג ווי די וועלט. „טאַקע נאָר אַ ייִדישער קאָפּ אַף אים!"... — זאָגט מען אין כתרילעווקע.

קומט אָסיען־צײַט, אַרום נאָך סכות, ווערט ער פאַרוואָרפן מיט פּאַ־פּירן, און אַלץ פון יידן זאָלן געזונט זײַן, — נישט חלילה פאַר גנבות, גזילות און רציחות — ניין! נאָר פאַר פײַגן און פאַר פּעטש איבער „שישי", איבער „אתה־הראית", איבער „חתן־תורה" און „חתן־בראשית". פאַן מיליניעווסקי האָט פײַנט מאַכן מיט די כתרילעווקער יידן צערע־

מאַניעס, אַרײַנלאָזן זיך מיט זיי אין לאַנגע חקירות, און קיין סך ריידן לאָזט ער זיי ניט, וואָרעם ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק. ווילן זיי שלום, איז רעכט (פֿאַן מיליניעווסקי איז אַ רודף־שלומניק); אַלאַ ניט, טוט ער אָן די קיײט און שנײַדט: „פּאַ אוקאַזו נאַ אָסנאָוואַניע טאַקאַי־טאָ אי טאַקאַי־טאָ סטאַטי פּסקע איך אָפּ הערשקען זאַ פֿאָסן (חתן)־בראשית דרײַ טעג וועזשע, און יענקלען אַ פֿאָסן (חתן)־תורה דרײַ טעג וועזשע...
קיין מיוחסים, ווי איר זעט, איז בײַ אים נישט פֿאַראַן.

פּונקט צוויי וואָכן פֿאַר פּסח איז געווען דער מישפּט פֿונעם „שלח־מנות". דאָס מיראָוואַי־שטיבל איז געווען פֿול אָנגעשטויסן מיט ייִדן און ווײַבער, וואָס כּמעט אַלע זײַנען געווען עדות. ס'איז נישט געווען ווי אַ שפּילקע דורכצוּוואַרפֿן.

— אײַזיק, יאָסקע, זלאַטע, זעלדע! — האָט אויסגערופֿן פֿאַן מי־ליניעווסקי, און עס זײַנען אַרויסגעטראָטן פֿון דער ערשטער באַנק רב יאָסעלע לעמעשקע און רב אײַזיק בעל־בריתניק מיט זייערע ווײַבער; און איידער דער מיראָוואָי האָט נאָך אויסגערעדט אַ וואָרט, האָבן זיי אַלע פֿיר מיט אַ מאָל אָנגעהויבן ריידן און מער פֿון אַלע און העכער פֿון אַלע, געוויינלעך, די ווײַבער.

— גאָספּאָדין מיראָוואַי! — זאָגט זעלדע, שטופּט־אָפּ דעם מאַן און באַווײַזט מיט דער האַנט אױף זלאַטען. — אָנאַ עטאַ הולטײַקע דאַ מיניע פּריסלאַיעט הײַנטיקן פּורים כּאַראַשי שלח־מנות נאַ לײַטיש גע־לעכטער! פּאַרשיווי שטרודל אי אַדין צוקערלעקעכל, פּראָסטאַ חוזק, סטראָם, טפֿו!...

— אוי! אוי! אוי! איך וועל דאָס גאָרניט אויסהאַלטן! — שרײַט זלאַטע און שלאָגט זיך אין האַרצן. — דאַי באָזשע מיני טאַקיי שמאַטאָק זאָלאָטע!

— אמן! — זאָגט זעלדע.

— שווײַג, דו פּיסקאַטע! דוואַ פּאָדרושיטשקי, גאָספּאָדין מיראָוואָי, דאַי באָזשע מיני טאַקיי מזל, אי קומישבראָיט, אי צאַרסקי כליעב, אי צרות איר, אי פּראָנעק! אי פּרעהס מכות! אַ האַמענע אוכע? ווײַ איז מיר!

— יאַקאַי האַמענע אוכע? סע הייבט זיך גאָר ניט אָן!

דער מיראָוואָי האָט געפּרוווט אײַנשטילן די ווײַבער פּרוּער מיט גוטן, נאָכדעם מיט בייזן, געקלונגען מיטן גלעקל, און אַז ער האָט גע־

זען, אַז עס העלפט נישט, ס'איז אוממעגלעך זיי צו צומאַכן דאָס מויל, האָט ער די ווײַבער אַרויסגעטריבן מחילה אין דרויסן אַרויס, סע זאָל ווערן אַביסל שטילער, מע זאָל כאָטש קאָנען הערן וואָס מע רעדט, און די מאַנצבילן האָט ער געגעבן אַן עצה, זיי זאָלן גיין צום רב.

— דאָ ראַבינאַ! — האָט ער זיי געזאָגט. — דאָ ראַבינאַ סוואָשים האַמענעאוכע! — און דער גאַנצער עולם איז אַוועק פון דאָרטן צום רב.

ז.

רב יוזיפל דער רב, וועדליק ער איז באַקאַנט אונדזערע לייענער, איז ברוך השם אַזאַ ייִד, וואָס קאָן איבערטראָגן אַף זיך אַלצדינג. ער האָט ליב אויסהערן איטלעכן באַזונדער ביזן סוף. רב יוזיפל גייט מיט דעם גאַנג, אַז יעדער מענטש, וויפל ער זאָל נישט ריידן, מוז ער אַמאָל אויפהערן, וואָרעם אַ מענטש, זאָגט ער, איז ניט קיין מאַשין. דער חסרון איז נאָר געווען, וואָס איצטיקס מאָל האָבן זיי גערעדט אַלע פיר אין־איינעם, איינס איבערן אַנדערן, און אויך מענטשן פון דער זײַט האָבן זיך אַלע מאָל אַרײַנגעמישט. נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? אַלצדינג אַף דער וועלט מוז האָבן אַ סוף... אַז אַלע האָבן זיך גוט אָנגערעדט, אָנגעשריגן און אָנגעקריגט, און ס'איז געוואָרן שטיל, האָט זיך רב יוזיפל אָנגערופן צו ביידע צדדים פּאַוואָלי, בנעימות, ווי זײַן שטייגער איז, מיט אַ זיפצל:

— אַך־אַך־אַך! גייט אַזאַ יום־טוב, אַזאַ הייליקער יום־טוב, פּסח! אַ קלייניקייט — פּסח! אונדזערע עלטערן זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אַריבערגעגאַנגען דעם ים, אַזאַ ים, אין דער טריקעניש! גע־בלאָנדזשעט אין דער מדבר פערציק יאָר, פערציק יאָר! מקבל געווען אָפן באַרג סיני די תורה, אַזאַ תורה, וואָס דאָרט שטייט געשריבן בפירוש: „ואהבת — און דו זאָלסט ליב האָבן, לרעך — צו דײַן חבר, כמוך — ווי זיך אַליין זאָלסטו ליב האָבן!”... צום סוף, אוי, צום סוף קריגן זיך ייִדן, בעוונותינו הרבים, רײַסן זיך באַ די בערד, איבער וואָס? איבער נאַרישקייטן, שטותערײַען... אַ חלול־השם פאַר גויים, כ'לעבן, אַ חלול־השם!... מע זאָל בעסער אין זינען האָבן מעות־חטים, אָרעמע לײַט נעבעך האָבן נאָך נישט קיין מצות אַף פּסח; פון אייער און פון שמאַלץ און פון שאַר־ירקות שמועסט מען נישט, — מצות כאָטש, גוואַלד, מצות

אף פסח! א קלייניקייט — פסח! אזא יום טוב! אונדזערע עלטערן זײַנען ארויסגעגאנגען פון מצרים, אריבערגעגאנגען דעם ים, אזא גרויסן ים, אין דער טריקעניש, געבלאָנדזשעט אין דער מדבר פערציק יאָר, פערציק יאָר! מקבל געווען אפן בארג סיני די תורה, אזא תורה, אזא תורה!... פאָלגט מיך, יידישע קינדער, זײַט זיך מוחל איינער דעם אנדערן, ווערט שלום, און גייט אהיים געזונטערהייט און האָט בעסער אין זינען, עס גייט אזא יום־טוב, אזא גרויסער, אזא הייליקער יום־טוב!...

איינציקוויִז, איינציקוויִז, האָט זיך דער עולם אָנגעהויבן ארויסרוקן פונעם רבס שטוב, כלומרשט געלאַכט פון רב יוזיפלס מישפט מיט א ווערטל: „יאַק נע פּסק, טאַ פּסאקעץ", ווי דער שטייגער איז פון די כתרילעווקער לצים. נאָר אינעווייניק באַ זיך אין האַרצן האָט איטלעכער באַזונדער געפילט, אז רב יוזיפל איז גערעכט, און מע האָט זיך געשעמט נאָך א מאָל איבערחזרן די מעשה מיטן שלח־מנות...

* * *

דעם ערשטן טאָג פסח אין דער פרי נאָכן דאַווענען אין רב יאָסע לעמעשקעס (ער איז יינגער) געווען באַ רב אײַזיק בעל־בריתניק אף קידוש, געלויבט דעם פסחדיקן ווײַן, אז ער איז הײַנטיקס יאָר גאָר א חריפות, און געלעקט די פינגער פון זלאָטעס פּאַלירטשיקעס; און דעם אנדערן טאָג פסח אין דער פרי איז רב אײַזיק בעל־בריתניק (ער איז עלטער) געווען באַ רב יאָסע לעמעשקע אף קידוש, גאָר נישט געקאָנט אָפּלויבן זיך פונעם פסחדיקן ווײַן פון ראָזשינקעס און פון זעלדעס פּאַלירטשיקעס. און באַטאָג נאָכן עסן, אז זעלדע מיט זלאָטען זײַנען זיך צענויפגעקומען און צערעדט פונעם שלח־מנות, איז דער אמת ארויף ווי בוימל אפן וואַסער, און ביידע דינסטמיידלעך, נחמה די שוואַרצע און נחמה די רויטע, האָבן שוין געהאַט זייער ערלעכן אויסקומעניש: תיכּף נאָך פסח האָט מען זיי געגעבן דעם וועג.

געשריבן אין יאָר 1902.

נישטאָ קיין מתים!

ראש־חודש אלול בין איך געקומען קיין כתרילעווקע אַף קבר־אבות.

דאָס אַלטע־אַלטע כתרילעווקער בית־הקברות זעט אויס אַ סך שענער און אַ סך לעבעדיקער פון דער שטאָט אַליין. איר געפינט דאָ שטיבלעך־מצבות שענערע, ווי די שענסטע הײַזער אין שטאָט. הײַנט וואָס איז ווערט דאָס, וואָס ס'איז דאָ טרוקן ווי פעפער, נישטאָ יענע ליימיקע זומפּיקע בלאָטע, וואָס אין שטאָט? דאָ זעט איר פאַר זיך כאָטש גרינס, אַז עס קומט זומער־לעבן, אַ גרעזל, אַ צוויי־דרײַ בארך־ביימלעך, איר הערט אַ פישטשען פון פייגעלעך, וואָס שפּרינגען פון איין צווײַגל אַפן אַנדערן און שמועסן זיך אויס אַף זייער לשון. דאָ זעט איר פאַר זיך אַ גרויסע קײַלעכיקע בלויע יאַרמעלקע מיט אַ לויטער־רער וואַרעמער זון. פון דער לופט שמועסט מען נישט, אַז דאָ איז זי אין טויזנט גראַד בעסער, פרישער און געזונטער ווי אין שטאָט. סײַ דאָ סײַ דאָרט ליגט מען דאָך אין דער ערד פיר איילן! דער חילוק איז נאָר, וואָס דאָ, אַפן בית־עלמין, ליגן די מתים אַף איין אָרט, און דאָרט, אין שטאָט, גייען זיי נאָך אַרום; דאָ רוען זיי שוין און וויסן נישט פון קיין צרות, און דאָרט ווערן זיי נאָך פאַרשוואַרצט — און מי יודע, וויפל ס'איז זיי נאָך באַשערט אָפּקומען און מוטשען זיך אַף דער וועלט!...

געטראָפן האָבן איך דאָרטן עטלעכע ווײַבער ליגן אַף די קברים, וויינען און שרײַען און טענהן זיך אויס אַף אַ קול. איינע וועקט די מאַמע, זי זאָל אויפשטיין און אַ קוק טאָן אַף איר איין־און־איינציקע טאָכטער, וואָס פון איר איז געוואָרן!

— זאָלסט אויפשטיין, מאַמעניו טײַערע מײַנע, האַרציקע, גע־טרײַע, און אַ קוק טאָן אויף דײַן איין־און־איינציקע בת יחידה, אויף דײַן ציטערדיקער שרה־פּערל, וואָס זי איז געווען בײַ דיר דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג, ווי אַזוי זי ליגט איצט אין דער ערד, אוי ווײ איז מיר, וואַלגערט זיך אין שכנות מיט קליינע קינדער פּיסקליאַטעס, וואָס גייען נאַקעט, קיין העמדעלע אויפן לײַב, וואָרעם ער קרענקט כסדר, ישראליק דײַנער, פון זינט ער האָט זיך צוגעקילט דעמאָלט אויפן ירידן קרענקט ער און דאָקטערט זיך, מע באַדאַרף אים געבן מילך, איז ניטאָ! און די קינדערלעך נעבעך שרײַען אויך „מאַני", און ס'איז ניטאָ! און דירה־געלט מאָנט מיך העגזל דער שנײַדער, בײַ אים זיץ איך הײַנט. און ס'איז ניטאָ! און פאַר הערשלען שכר־למוד, ער ווערט הײַנטיקס יאָר בר־מצוה, דאַרף מען צאָלן נאָך פון יענעם זמן, און ס'איז ניטאָ! צו וואָס מע נעמט זיך — איז ניטאָ, ניטאָ און ניטאָ!...

די אַנדערע איז געקומען צום טאַטן אויפן קבר זיך קלאָגן אויף איר מאַן, וואָס מע האָט איר געגעבן; מע האָט געמיינט אַן אַנטיק, אַ צאַצ־קעלע האָט מען געזאָגט. אַלע מיידלעך האָבן איר דענסטמאָל מקנא געווען. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז ער איז גאָר אַ שאַרלאַטאַן, אַן אויסברענגער, פאַרגינט זיך אָוועקגעבן הײַנטיקן יום־טוב פאַר מפטיר פינף און פופציק „גילדרוין". און פאַרן ערשטן פסוק פון „אתה הראית" איז ער אַ בעלן געווען אָפּצאָלן פאַראַיאָרן אַ דרײַערל! און וויפל ברענגט ער אויס אויף די ביכלעך, וואָס ער קויפט אַלע מאָל — פאַר די ביכלעך וועט ער אָוועקגעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, און וואָס איך קרענק און דאַר — דאָס אַרט אים ניט!...

די דריטע איז געקומען אָפּגעבן מזל־טוב איר מאַן אויף יענער וועלט: זי מאַכט חתונה דאָס ערשטע קינד און האָט נישט מיט וואָס, אפילו דאָס ערשטע האַלב נדן, וואָס זי האָט צוגעזאָגט אײַנלייגן, האָט זי נאָך אויך נישט אײַנגעלייגט. קיין העמד נישט אויפן לײַב, קיין פּאָר שיך אפילו, און וועך רעדט פון חתונה־הוצאות, כלי־זמר, סאַרווערס, דאָס, יענץ — ווו וועט זי דאָס נעמען?... דער קאָפּ ווערט איר שיער נישט צעפּאַלן, טאָמער, חלילה, ווערט איר שידוך אויס שידוך — וואָס וועט זי טאָן?...

און אַזוי אַלע איבעריקע ווײַבער וויינען און באַקלאָגן זיך אויף זייערע צרות, גיסן אויס זייער ביטער האַרץ דורך טרערן, ריידן זיך

אויס אַביסל מיט זייערע ליבע און געטרײַע, טאָמער וועט ווערן כאָטש אַביסל גרינגער אַף דער נשמה און אַז מע וויינט זיך גוט אויס, ווערט טאַקע גרינגער...

איך דריי מיך אַרום צווישן די אַלטע האַלב־אײַנגעפאַלענע קברים, לייען די אַלטע אָפּגעריבענע אויפשריפטן פון די אײַנגעבויגענע מצבות, דערזעט מיך פון דערווײַטן רב אריה דער קברות־מאַן מיט דער לאַנגער פלאַקסענער באָרד און מיט די רויטע אײַגן און פרעגט מיך:

— צו וועמען דאַרפסטו?

רב אריה איז שוין אַזוי אַלט, אַז קיינער ווייס נישט זײַנע יאָרן, און ער אַליין אויך נישט. פונדעסטוועגן האַלט ער זיך ריין און ציכ־טיק, די שטיוועלעך אויסגעפּוצט, די באָרד צעקעמט. איטלעכס הערל באַזונדער, און היט זיך אָפּ, ווי אַ ציטעריקער בן־יחיד בײַ דער מאַמע, עסט נאָר ווייכע זאַכן און טרינקען טרינקט ער אַלע פרימאָרגן געקאָכטע קרײַטער מיט קאַנדלצוקער. „ס'איז אים גוט ווי די וועלט!" — זאָגט מען אַף אים אין כתרילעווקע, און מען איז אים באמת מקנא.

— שלום־עליכם, רב אריה, וואָס מאַכט אַ ייִד? — רוף איך מיך אָן און גיי־צו צו אים נאָענט. ס'איז פאַרנאַכט. די זון האַלט בײַ אונטערגיין און באַגילט די שפּיץ קברים. רב אריה פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט, באַטראַכט מיך מיט די רויטע אויגן, גלעט די באָרד און קוקט זיך אײַן.

— ווער ביסטו? און צו וועמען דאַרפסטו?

רב אריה איז אַזוי אַלט, אַז ער מעג זיך פאַרגינען צו זאָגן אַלעמען „דו".

איך זאָג אים, ווער איך בין און צו וועמען איך דאַרף, דערקענט מיך רב אריה און גיט מיר אָפּ שלום־עליכם און שאַמקעט מיט די ליפּן, רעדט מיט אַ פּײַף:

— אַ? ביסטו דאָס? געקענט דעם טאַטן דײַנעם און דעם זיידן רב וועוויק נאָך, געווען אַ טײַערער ייִד, און דעם פעטער פיניע, אויך געווען אַ שיינער ייִד, און דער פעטער בערקע ליגט אויך דאָ בײַ מיר, און די מומע חנה — אַלע געקענט, אַלע געשטאָרבן, אַלע פײַנסטע מענטשן אויסגעשטאָרבן. נישט געבליבן איינער אַ רעכטער, מײַנע אויך אָוועקגעשטאָרבן (ער טוט אַ זיפץ און אַ מאַך מיט דער האַנט). פריִער די קינדער באַגראָבן, אַלע קינדער באַגראָבן, נאָכדעם איז זי אַליין

אוועקגעשטאָרבן, געווען אַ צדיקית, מיר צו לענגערע יאָר, מיך געלאָזט אַליין, אַף דער עלטער. נישט גוט.

— נישט גוט? — פרעג איך אים.

— נישט גוט — מאַכט ער — נישט גוט, נישטאָ קיין מתים.

— נישטאָ קיין מתים? — זאָג איך.

— נישטאָ קיין מתים. — זאָגט ער.

— מע האָט אויפגעהערט — זאָג איך — שטאַרבן בײַ אײַך אין כתרילעווקע?

— וואָס איז שײַך שטאַרבן? — זאָגט ער. — שטאַרבן שטאַרבט מען, נאָר וואָס? קליינוואַרג, נפלעך, אָדער קבצנים; וואָס האָט מען פון זיי, משטיינס געזאָגט! צענויפנעמען אַף תכריכים, נאָכן ערשטן קדיש שענקען די יתומים אַ שטיקל ברויט. וואָס זאָל מען טאָן? אַ ברירה האָט מען? (ער טוט מיר אַ ווײַז מיט דער אויסגעטריקנטער האַנט אַף די וויינענדיקע ווײַבער). אַט ליגן ווײַבער אויסגעצויגן, ווי די שרהדמעם אַף די קברים. וואָס האָט מען פון זיי? וויינען זיך אָן ווי די פויקן, וואָס אַרט דאָס זיי? עס קאָסט זיי געלט? גיי פיר זיי, ווײַז זיי, ווו ליגט דער טאַטע, ווו ליגט די מאַמע? ווו ליגט דער פעטער, ווו ליגט די מומע? זייער טאַטנס משרת! עס מאַכט זיך איינע וויינט אַזוי לאַנג, ביז זי פאַלט גאָר חלשות, באַדאַרף מען זי נאָך מינטערן, געבן אַ טרונק וואַסער, און אַ מאָל — אַ שטיקל ברויט אויך. פון וואַנען? פון וואָס? די גרויסע מחיה? אַז קיין מתים איז נישטאָ, און לעבן דאַרף מען, און חתונה מאַכן אָן אייניקל אַ יתומהלע, שוין אַ מיידל אין די יאָרן, דאַרף מען אויך; געווען אַ חתן, שוין כמעט געהאַלטן בײַ אַ שידוך טאָן, דווקא נישקשה פון אַ יונגנמאַן, אַ פאַקנטרעגער, אַן אַלמן אַפילו, מיט קינדער עטלעכע, נאָר אַ בעל־פּרנסה, אַ שיינער פאַרדינער, דאָס הייסט, אַז ער לייזט, פאַרדינט ער. חתן־כלה זיך שוין אַפילו אָנגעקוקט אויך; געקומען צו עפּעס, שוין געהאַלטן בײַ תנאים שרײַבן, זאָגט ער: „נו, און וואָס הערט זיך מכוח נדן?" זאָג איך: „וואָסער נדן?" זאָגט ער: „מע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איר גיט אַ פּופּיקער נדן". זאָג איך: „אַלע בייזע חלומות אַף מײַנע שונאימס קעפּ! אַ פּופּיקער? ווי קומט צו מיר פּופּיקערס? איך וועל גיין גנבענען, צי אויסגראָבן פרעמדע תכריכים בײַ מיר פון די

קברים און פאַרקויפן?"... הקיצור הדבר, דער שדוך איז געוואָרן אויס שדוך. און גיי רייד מיט זיי, מיט די כתריל‏עווקער בעלי־בתים, זיינען זיי נאָך גערעכט; זיי זאָגן: „רב אריה, איר זינדיקט, איר האָט, קיין עין־הרע, אַ פּרנסה אין האַנט"... אַ שיינע פּרנסה! אַז ווו ס'איז גע־ווען ערגעץ אַ ליטווישער מת, אַ פּיינער מענטש, אַ שטיקל נגיד, איז ער שוין לאַנג געשטאָרבן, און קיין פרישע קומען נישט צו, נישטאָ קיין מתים! נישטאָ!

געשריבן אין יאָר 1902

פאַרבענקט אַהיים

נישטאָ איין זאַך אַף דער וועלט, וואָס מע זאָל דערפון נישט וויסן אין כתרילעווקע; נישטאָ איין נײַס אַף דער וועלט, וואָס מע זאָל דערפון נישט געוואָר ווערן באַ די קליינע מענטשעלעך.

אמת, אַז עס קומט אָן אַהין, קומט דאָס אָן שוין אַביסל שפּעטלעך און נישט פון דער ערשטער האַנט — נו, וואָס זשע איז? אַן אומגליק אַ גרויסער? אַדרבה, מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר אַ מעלה, די גרעסטע מעלה.

וואָרעם, צווישן אונדז ריידנדיק, וואָס האָבן, אַ שטייגער, די כת־רילעווקער יידן צו פאַרלירן, אַז זיי וועלן געוואָר ווערן די הײַנטיקע נײַסן, די בשורות טובות, ישועות ונחמות, וואָס לאָזן זיך הערן אַף דער וועלט, חלילה וחס, שפּעטער מיט אַ חודש אָדער מיט צוויי, און אַפילו מיט אַ יאָר שפּעטער? — אַ גרויסער אומגליק!

הקיצור, די כתרילעווקער קליינע מענטשעלעך זײַנען געוואָר גע־וואָרן, — אַפילו אַביסל שפּעטלעך — אַז ס'איז דאָ אַ וואָרט, וואָס הייסט צ י ו נ י ז ם.

תחילת האָט נישט יעדער פאַרשטאַנען אַקוראַט וואָס איז די טײַטש „ציוניזם". שפּעטער, אַז מע האָט אָנגעשמעקט אין כתרילעווקע דעם פּשט פון „ציוניזם", אַז עס נעמט זיך פון „ציון" וואָס אין סדור, און אַז ציוניסטן איז אַזאַ מין חברה, וואָס האָבן חשק איבערפּעקלען אַלע יידן קיין ארץ־ישראל, איז געוואָרן אין שטאָט, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — חוכא וטלולא! מע האָט זיך געהאַלטן באַ די זײַטן. זייערע גלעלעב־טערן, מיין איך, האָט מען באַדאַרפט הערן פאַר אַ מײַל, און די גלײַב־ווערטלעך, וואָס זײַנען געפלויגן אַף רב הערצל דעם דאָקטאָר, אַף דעם דאָקטאָר נאָרדען און אַף אַלע איבעריקע דאָקטוירים, וואָלט כדאַי געווען,

כ׳לעבן, מע זאָל זיי צונויפזאַמלען, פאַרשרײַבן און אַרויסגעבן באַזונדער אין אַ ביכל; איך בין אײַך ערב, אַז עס געפינט זיך אין זיי אַ סך מער זאַלץ און אַ סך מער פעפער, ווי אין יענע לאַקריץ־זיסע ווערטער און קלוגע רייד, וואָס מע דרוקט זיי אַלע יאָר אין די לוחות אױף דער צווייטער זײַט.

אַ מעלה האָבן די כתרילעווקער לײַט, אַז כּל־זמן זיי לאַכן — לאַכן זיי, נאָר אַז זיי לאַכן זיך גוט אָן, הייבן זיי ערשט דעמאָלט אָן צעקײַען די זאַך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און הייבן אָן צו פאַרשטיין. אַזוי איז געווען אויך מיטן ציוניזם. פריִער האָט מען געלאַכט, געמאַכט חוזק, געזאָגט ווערטלעך; נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן זיך צוהערן, וואָס מע רעדט און וואָס מע שרײַבט אױף די בלעטער, איבערחזרן און איבערקײַען „נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק״, און שפּעטער, אַז מע האָט דערהערט שמועסן עפּעס פון אַ באַנק, אַ ייִדישע באַנק מיט ייִדישע אַקציעס, און וויבאַלד אַקציעס, איז דאָך, אפנים, די משמעות, אַז מע רעדט עסק, „געשעפט״, „לשון געלט״, — און מיט געלט וואָס קאָן מען הײַנטיקע יאָרן נישט אויספירן אױף דער וועלט? ובפרט נאָך באַם טערק מיט דער רויטער יאַרמעלקע, וואָס איז אַליין אויך אַ גוטער כתריליק גלײַך מיט אַלע כתרילעווקער? און פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך גענומען אײַן כתרילעווקע צום ציוניזם גאַנץ געשמאַק. די כתרילעווקער זײַנען ברוך־השם, אַזעלכע לײַט, וואָס איר פּועלט באַ זיי וואָס איר ווילט. דאָס, וואָס נעכטן האָט זיך זיי געדאַכט קרום ווי אַ קאָטשערע און שווער בקריעת ים־סוף, איז באַ זיי הײַנט גלײַך, וואָס גלײַכער קאָן גאָר נישט זײַן, און גרינג ווי אויפעסן אַ בייגל, אָדער אויסרייבערן אַ פּאַפּיראָס. אָפּקויפן באַם טערק ארץ־ישראל — וואָס קאָן נאָך זײַן גרינגער דערפון? וואָרעם לאָמיר זיך נישט נאַרן, אין וואָס קאָן דאָ זײַן די מניעה? געלט איז דאָך נישט שײַך צו זאָגן; וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט באַ אונדז געלט? איין רויטשילד (ער זאָל נאָר וועלן) קאָן ער דאָך אָפּקויפן גאַנץ ארץ־ישראל מיט סטאַמבול און מיטן טערק אינאיינעם. פאַרן מקח איז אוודאי נישטאָ וואָס צו זאָרגן זיך. ס׳איז דאָך עפּעס אַ געשעפט, וועט מען זיך דינגען; ממה־נפשך, אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף. בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: באשר וואָס? טאָמער וויל ער נישט פאַרקויפן? עט, נאַרישקייטן! פאַרוואָס זאָל ער נישט וועלן? והשנית, מיר זאָלן וועלן זיך גוט אויסרעכענען, זײַנען

מיר דאָך מיט אים שטיקלעך אייגענע גאָר — ניין, טאַקע גאַנץ נאָענטע קרובים, אמתע שני שבשלישים, ייִדן און טערקן, יצחק און ישמעאל...

קיצור הדבר, מע האָט געמאַכט איין אסיפה און די אַנדערע און די דריטע — ס'איז געוואָרן מיט גאָטס הילף אַ „חברה", און מע האָט געקליבן „טשלענעס", אויסגעוויילט אַ פּרעזידענט, אַ וויצעפּרעזידענט, אַ קאַזנאַטשיי און אַ סעקרעטאַר און אַ קאָרעספּאָנדענט, גלײַך ווי אין אַלע לײַטישע שטעט; און איטלעכער האָט זיך פאַרשריבן שקל־געלט, ווער אַ קאָפּיקע און ווער צוויי קאָפּיקעס אַ וואָך. יונגע לײַט האָבן געהאַלטן פלאַם־פּײַערדיקע „רעדעס", געזאָגט זייער שיינע דרשות. די ווערטער „ציון", „ציוניזם", „ציוניסטן" האָבן זיך געלאָזט הערן העכער און העכער. די נעמען „דאָקטאָר הערצל", „דאָקטאָר נאָרדוי" און די איבעריקע דאָק־טוירים האָבן זיך געלאָזט הערן אָפטער און אָפטער. „טשלענעס" זײַנען געוואָרן וואָס ווײַטער מערער און מערער. און געלט האָט זיך אויך צונויפ־געקליבן אַ היפּשע פּויטיקע, — האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אַסיפה און מע האָט זיך אָוועקגעזעצט באַקלערן, וואָס טוט מען מיטן געלט: צי מע זאָל דאָס קאַפּיטאַל דערווײַל איבערלאָזן דאָ אַפן אָרט, מאַכן אַ באַזונ־דערן „פאָנד" פאַר די כתרילעווקער ציוניסטן, צי מע זאָל דאָס אָפּשיקן אין צענטער אַרײַן, צי מע זאָל נאָך אַביסל צוּוואַרטן, ביז עס וועט זיך צונויפקלײַבן אַ היפּשע סומע, און די שטאָט וועט ווערן אַן אַקציאָנער פון דער ייִדישער באַנק.

די דאָזיקע אַסיפה איז געווען, קאָן מען זאָגן, איינע פון די הייסע שטורעמדיקע אסיפות אין כתרילעווקע. די דעות האָבן זיך צעטיילט: אַ סך זײַנען געשטאַנען פאַרן „צענטער", געזאָגט: מיר זײַנען מחויב אונטערצוהאַלטן דעם „צענטער", וואָרעם אַז מיר וועלן נישט אונטער־האַלטן דעם „צענטער", און איר וועט נישט אונטערהאַלטן דעם „צענ־טער", — פון וואַנען זשע וועט ער צײַען חיונה?... אַנדערע האָבן געדרונגען פאַרקערט, אַז דער „צענטער" וועט זיך באַגיין אָן כתרילעווקע: „מיר זײַנען נישט מחויב פאַרזאָרגן די גאַנצע וועלט; עמעצער זאָרגט זיך דען פאַר כתרילעווקע? לאָז זיך יעדער אין זינען האָבן זיך — וועט אויך זײַן גענוג"...

איז אויפגעשטאַנען דער פרעזידענט, נוח רב יוסילעס, אַ נגידס אַן איידעם און אַ יונגערמאַן אַ משכיל, נאָך גאָר אָן אַ באָרד, און האָט געזאָגט עטלעכע וואַרעמע ווערטער:

— „פיר טויזנט יאָר — אַזוי האָט נוח דער פּרעזידענט אָנגעהויבן און האָט גענומען אַביסל צו אַ הויכן טאָן — פיר טויזנט יאָר, אַז מע קוקט אַף אײַך פון דער הייך פון די דאָזיקע פּיראַמידן!" מיט די דאָזיקע ווערטער האָט זיך אַמאָל געווענדעט דער גרויסער נאַפּאָלעאָן צו זײַן גוואַרדיע, בשעת ער איז געגאַנגען אײַננעמען מצרים. כמעט מיט די דאָזיקע ווערטער ווילט זיך מיר אָנהייבן מײַן הײַנטיקע רעדע צו אײַך, נאָר אַביסעלע אַנדערש: שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, ברידער, אַז מיר געפינען זיך... נישט אַף דער הייך פון די פּיראַמידן, נאָר טיף, נײַן איילן אין דער ערד. שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר קוקן אַרויס... נישט אַף אונדזער „גוואַרדיע", נאָר אַף משיחן, ער זאָל קומען אונדז אויסלייזן פון גלות און אונדז ברענגען אַהין, אינעם לאַנד פון אונדזערע אבות, קיין ארץ־ישראל... שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר פאַסטן אַלע שבעה עשר בתמוז, עסן נישט קיין פליישׁ אין די נײַן טעג, און קומט תשעה־באָב, זעצן מיר זיך אין די זאָקן אַף דער ערד, וויינען און קלאָגן אַף חורבן בית־המקדש... שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר דערמאָנען זיבן און זיבעציק מאָל אַ טאָג ציון און ירושלים — און פרעגט: וואָס האָבן מיר געטאָן פון ציונס וועגן און פון ירושלימס וועגן?

אָן עבירה, כּלעבן, וואָס ס'איז אין כּתרילעווקע נישטאָ קיין סטענאָגראַף, וואָס זאָל געוועז קאָנען זײַן אַף יענער אסיפה און פאַרשרײַבן די אויסגעצייכנטע רעדע פון נוח דעם פּרעזידענט אות באות, ווי עס פירט זיך אין לײַטישע שטעט. מיר מוזן זיך דעריבער באַגנוגענען נאָר מיט די עטלעכע ווערטער, וואָס מיר האָבן געבראַכט על־פּי זכרון, און ברענגען דעם סוף פון דער דאָזיקער טאַלאַנטפולער רעדע אין קורצן:

— אַצינד — אַזוי האָט נוח דער פּרעזידענט אויסגעלאָזט זײַן דרשה, און דער שוויים האָט גערונען פון אים טײַכנווײַז — אַצינד, אַז מיר האָבן זוכה געווען צו דערלעבן אַזאַ צײַט, אַז דער אַלטער קראַנקער ישראליק האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף, ער גלײַכט זיך אויס די אויסגעמוטשעטע ביינער זײַנע, קוקט זיך אַרום ווו ער איז אין דער וועלט, און זאָגט „בית־יעקב לכו ונלכה — קומט, קינדער, לאָמיר גיין!" — באַדאַרפן מיר, רבותי, זיך נישט פאַרלאָזן אַף קיינעם, נישט אַרויסקוקן אַף קיין נסים און נישט פאַרלאָזן זיך אַף אונדזערע גרויסע, וואָרעם אַז איר וועט זיך פאַרלאָזן אַף די גרויסע, וועט איר מעגן וואַרטן. ס'איז אַ סך גרינגער צו געהרגעט ווערן פון אַ דונער, איידער

אויסרײַסן בײַ אַ גביר אַ קערבל אַף ציון. אַליין, אַליין באַדאַרפן מיר אָנהייבן צו בויען אונדזער גרויסן בנין. אם אין אני לי — מי לי?... אוודאי מעגן מיר זיך איבערנעמען, אַז מיר האָבן דערלעבט אַזאַ צײַט, אַז יידן זאָלן גאָר האָבן אַ השגה צו ריידן פון אַן אייגענער יידישער באַנק! אוודאי באַדאַרפן מיר זען, אַז כתרילעווקע זאָל נישט אָפּשטיין פון אַנדערע שטעט און כתרילעווקער יידן זאָלן אויך האָבן אַ חלק אין אונדזער „אייגענער יידישער באַנק"! איך מוז אײַך אָבער זאָגן רבותים, אַז לויט די חשבונות, וואָס אונדזער קאַזנאַטשיי וועט אונדז דאָ באַלד פאָרשטעלן, האָבן מיר נאָך נישט די גאַנצע סומע אַף צו באַצאָלן אפילו פאַר איין אַקציע. עס פעלט אונדז נאָך כמעט העכער האַלב, דאָס הייסט, אַ פינף־זעקס קאַרבן. לכן איז אַ יושר, ברידער, איר זאָלט זיך אָנטאָן אַ כוח טאַקע דאָ אַפּן אָרט און טאַקע באַלד צענויפלייגן זיך. איטלעכער וויפל ער קאָן, און זען, סע זאָל ווערן די גאַנצע סומע, צען רובל, גאָר אָן שום תירוץ!... און לאָזן אונדזערע ברידער אַף דער גאַנצער וועלט וויסן, אַז אין כתרילעווקע זײַנען אויך פאַראַן ציוניסטן, וואָס סע ברענט אין זיי דאָס הייליקע פײַערל פון ציון, און לאָז דער דאָקטאָר הערצל זען, אַז זײַן האָרעוואַניע פון אונדזערטוועגן איז כאָטש נישט אומזיסט!...

* * *

פליעסקען מיט די הענט און שרײַען „בראַוואָ" — דערפון ווייס מען נאָך נישט אין כתרילעווקע— און דאַנקען גאָט, וואָס מע ווייס נאָך נישט. דער געפילדער מיטן געשריי איז אַזוי אויך גענוג גרויס; מע זאָל נאָך דערצו דאַרפן פּאַטשן מיט די הענט און שרײַען „בראַוואָ", וואָלט מען גאָר טויב געוואָרן, צו אַלדי שוואַרצע יאָר. דאָרטן, אַז עס געפעלט עמעצנס אַ וואָרט, גייט מען צו און מע גיט אים איבער דער פלייצע.

— וואָס זאָגט איר אַף אונדזער פרעזידענט? האַ?

— אַ פיסק — דער רוח זאָל אים נעמען!

— און אַ קענער! ער האָט דאָך אויסגעמישט קאַשע מיט באָרשט, גמרא און ספרים און אַלע ביכער...

— מע באַדאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ קלויסטער, מע זאָל דאָס אַלצ־דינג געדענקען פון אויסנווייניק!

— בהמה! יענער זיצט טאָג ווי נאַכט און קוקט אין די ביכער אַרײַן!

בקיצור, ס׳איז געבליבן, מע זאָל אויסשרײַבן אַן אַקציע. נאָר ס׳איז גרינג צו זאָגן „אויסשרײַבן אַן אַקציע". ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער, אַז ייִדן ליגן ערגעץ פאַרשטעקט אין אַ לאָך, אין כתרילעווקע, און די ייִדישע באַנק איז ערגעץ ווייס איך ווו, אין לאָנדאָן? האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה: בריוולעך; בריוולעך אַהין, בריוולעך אַהער. שמעיה דער סעקרעטאַר און דער קאָרעספּאָנדענט פֿון די כתרילעווקער ציוניסטן האָט זיך אָפּגעשריבן, ווי מען זאָגט, אַלע פֿינגער, ביז ער האָט באַקומען אַ קלאָרע ידיעה, ווהין און ווי אַזוי מע באַדאַרף שיקן דאָס געלט. נאָכדעם, אַז ער האָט שוין גוט געוווּסט ווהין און ווי אַזוי מע באַדאַרף שיקן דאָס געלט, האָט ער געהאַט אַף זיך אַ נײַעם אומגליק — דעם כתרילעווקער פּאָסטמײַסטער. „דער באַקאַנטער כתרילעווקער פּאָסטמײַסטער, אַ גראָבער פּריץ, און אַ גרויסער מפונק, קאָן נישט איבערטראָגן דעם ריח פֿון קנאָבל (כאָטש קנאָבל באַם עסן האָט ער אַליין ליב דאָס חיות!). אַז עס קומען אַרײַן צוויי איבעריקע ייִדן אַף דער פּאָסט, האַלט ער זיך באַ דער נאָז, שרײַבט און לייענט:

— שלום... שליאָמקאַ... טשעסנאָק...

אַז שמעיה האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַקעט, האָט ער אים אַ שמיץ געטאָן צוריק אין פּנים אַרײַן: ס׳איז נישט אַזוי געשריבן דער קאָנווערט, ווי מע באַדאַרף. דאָס אַנדערע מאָל האָט ער אים אַ שמיץ געטאָן אין פּנים אַרײַן: ער זאָל גיין ברענגען טריוואַקס. דאָס דריטע מאָל האָט ער שוין נישט געהאַט צו וואָס זיך צו טשעפּען, האָט ער באַטראַכט דעם פּאַקעט פֿון אַלע זײַטן, גענומען שמעלצן דעם טריעף און לייגן חתימות, און בשעת מעשה אַ פֿרעג געטאָן שמעיהן, נישט קוקנדיק אים גלײַך אין פּנים אַרײַן: „וואָס פֿאַר געשעפֿטן האָט ער מיט לאָנדאָן, וואָס ער שיקט אַהין געלט?" האָט זיך אונדזער שמעיה קאָרעספּאָנדענט, אַפּנים, אַרויסגעכאַפּט, צי אפשר האָט ער געוואָלט זיך באַרימען פֿאַרן פּאָסטמײַסטער (אַלע קאָרעספּאָנדענטן זײַנען גרויסע באַרימער!):

— דאָס געלט — מאַכט ער — גייט גלײַך אין אונדזער אייגענער ייִדישער באַנק אַרײַן...

האָט דער פּאָסטמײַסטער אַ קוק געטאָן אַף שמעיהן, ווי פֿאַרחדושט:

— זשידאָווסקע באַנק? ווי קומט צו ייִדן אַ באַנק?

איז זיך מיישב שמעיה: אַז דו ביסט יאָ אַזאַ צורר היהודים, וועל

איך דיר ווײַזן וואָס הייסט „זשידאָווסקאָ באַנק״! און גייט און דער־ציילט אים פּזמונות מיט גוזמאות (אַלע קאָרעספּאָנדענטן האָבן ליב מגזם זײַן!), אַז די יידישע באַנק איז די ערשטע באַנק אין דער וועלט. זי פאַרמאָגט צוויי הונדערט טויזנט מיליאָן פונט שטערלינג ריין גאָלד. אויף אונדזער געלט איז דאָס אַזאַ סומע, וואָס ס׳איז שווער אויסצורעכענען, מחמת אַ פונט שטערלינג באַטרעפט אויף אונדזער געלט כמעט אַ הונ־דערטער...

רופט זיך אָן צו אים דער פּאָסטמײַסטער, און טוט אַ לעק די חתימה מיט דער צונג און אַ קוועטש איבערן צעלאָזטן טריף:

— מאָל דיר, דאָס לײַגסטו שוין, ווי אַ הונט! אַ פונט שטערלינג איז קוים צען קערבלעך.

— דאָס איז אַ פּראָסטער פונט שטערלינג, — וויל זיך שמעיה פאַרענטפערן — און אַ גילדענער פונט באַטרעפט אַ סך מער!

— פּשאָל וואָן, דוראַק! — זאָגט צו אים דער פּאָסטמײַסטער מיט אַ געלעכטער. — ווען דערציילסטו מעשיות? אַ ייד מוז דיר זײַן אַ מאַשעניק! אַ ייד מוז עמעצן אָפּנאַרן! ס׳זאָל זײַן אָן אַנדערער אויף מײַן אָרט, וואָלט ער דיר מכות צוגענומען דײַן פּאַקעט! דו ווייסט, אַז איך האָב רעכט אַרעסטירן דײַן פּאַקעט מיט דיר און מיט אײַער גאַנץ „קהל״ אינאיינעם דערפאַר, איר זאָלט נישט אַריבערשיקן אונדזער געלט קיין לאָנדאָן? מיר וועלן האָרעווען, אַקערן מיט דער נאָז די ערד, און די יידעלעך וועלן קומען צו גיין אויפן גרייטן, פרעסן און זויפן און נאָך נעמען און אַריבערפּעקלען אונדזער גאָלד דער שוואַרץ יאָר ווייס וווּהין, אין אַ „זשידאָווסקע באַנק״!...

שמעיה האָט שוין געזען, אַז ער האָט אָנגעאַרבעט אַ גוטע חתונה, האָט ער אָנגענומען אַ פולע מויל און האָט אָפּגעשוויגן, ווי אַ קעצעלע. ער וואָלט אָפּגעגעבן איצטער מי יודע וויפל, ער זאָל קאָנען נעמען צוריק די ווערטער, — ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעטלעך (אַ סך קאָרעס־פּאָנדענטן וואָלטן אפשר וועלן צוריקנעמען זייערע ווערטער מיט זייערע קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס זײַנען פול מיט שקרים וכזבים, נאָר בלאָטע! צוריק כאַפּט מען נישט!). אונדזער כתרילעווקער קאָרעספּאָנדענט איז גערן געווען, אַז ער האָט אָפּגענומען דעם „רעצעפּיס״ און איז אַוועק פון דער פּאָסט, ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

אוועקגעשיקט דאָס געלט, האָבן די כתרילעווקער ציוניסטן אָנגעהויבן אַרויסקוקן אַף דער אַקציע פון טאָג אַף טאָג. ס'איז אוועקגעגאַנגען אַ חודש און צוויי און דרײַ חדשים און פיר חדשים — נישטאָ קיין געלט, נישט קיין סחורה! האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צום סעקרעטאַר, צום קאָרעספּאָנדענט הייסט דאָס, טאָמער האָט ער נישט אַזוי געשריבן דעם אַדרעס, ווי עס געהער צו זײַן — שמעיה האָט נעבעך געהאַט צו זינגען און צו זאָגן; לאַ־די ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרײַבן בריוולעך אין קאָמיטעט, אין צענטער און אין לאָנדאָן, האָט ער נאָך באַדאַרפט אויסשטיין די טענות פון די כתרילעווקער לײַט מיט זייערע ווערטלעך, וואָס האָבן אים געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ... פאַר די מתנגדים, דאָס הייסט, פאַר די ערלעכע, פרומע ייִדן און די חסידים, וואָס האַלטן נישט מיטן ציוניזם, איז דאָס דערווײַל געווען אַ שטיקל עסק: — „מיר האָבן דען נישט געוווּסט פריִער, אַז עס וועט אַזוי זײַן? — האָבן זיי געזאָגט און געריצט זיך מיט די ציוניסטן. — מיר האָבן אײַך דען נישט געזאָגט, אַז מע וועט נאָר אויסנאַרן די עטלעכע גילדן, און גיי לאָד מיך צום ונתנה־תוקף?“...

האָט גאָט רחמנות געהאַט אַף אונדזער קאָרעספּאָנדענט און ס'איז אים אָנגעקומען איינמאָל אין אַ פרימאָרגן אַ בריוו פון לאָנדאָן, אַז די אַקציע, וואָס ער האָט אויסגעשריבן, איז שוין דאָ, דאָס הייסט, נישט דאָ, אין כתרילעווקע, נאָר אַף דער גרענעץ; מע באַדאַרף זי נאָר אָפּשטעמפּלען.

עס איז ווידער אוועקגעגאַנגען אַ חודש און צוויי חדשים און דרײַ חדשים און פיר חדשים — נישטאָ קיין אַקציע! האָבן חברה גענומען עסן דעם סעקרעטאַר: ווו איז דײַן אַקציע? נאָך שטעמפּלט מען זי?... און האָבן אים נישט געזשאַלעוועט קיין שטעכווערטלעך, ווי דער שטייגער איז. אים נעבעך איז דאָס שטעמפּלען גוט געלעגן אין האַרצן, נאָך מער ווי די אַקציע אַליין; ער האָט פונעם שטעמפּלען שיער געשפּיגן מיט בלוט. האָט ער פאַרקאַטשעט די אַרבל און האָט זיך גענומען איבעראַנײַס שרײַבן בריוולעך בכל תפוצות ישראל. „היתכן? — האָט ער געשריבן. — הישמע כזאת? מע זאָל אַזוי לאַנג האַלטן איין אַקציע און שטעמפּלען זי? מע זאָל זי, דאַכט מיר, באַדאַרפן אָפּשטעמפּלען מיט צען טויזנט שטעמפּלען, וואָלט זי שוין אויך באַדאַרפט זײַן לאַנג אָפּגעשטעמפּלט!“...
און דער חברה ציוניסטן האָט ער געזאָגט אַלע טאָג:

— ממה נפשך, איר האָט געוואָרט אַזויפיל, וועט איר וואַרטן נאָך אַביסל; אַזוי לאַנג, ווי עס האָט געדויערט, וועט שוין געווים נישט געדויערן...

און כך הוה: עס האָט נישט געדויערט קיין ניַין חדשים אפילו, איז אָנגעקומען אַ פּאַקעט אַף רב יוזיפל דעם רבס נאָמען (אונדזער קאָרעספּאָנדענט האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן פּאָסטמיַיסטער). און אַז ס'איז אָנגעקומען דער פּאַקעט, האָט מען צונויפגערופן אַן אסיפה פון אַלע טשלענעס טאַקע בא רב יוזיפל דעם רב אין שטוב, און אַזוי ווי אַלע ייִדן, און כתרילעווקער ייִדן אוודאי און אוודאי, האָבן אומעטום און אַלע מאָל קיין ציַיט נישט און איטלעכער וויל תמיד זיַין דער ערשטער, איז קיין חידוש נישט, וואָס מע האָט זיך געשטופּט און געקוועטשט איינס דאָס אַנדערע, געקראָכן איינער דעם אַנדערן אַף די קעפּ, געריסן איינער באַם אַנדערן פון די הענט און באַטראַכט די ייִדישע אַקציע פון „אונדזער אייגענער ייִדישער באַנק".

לאַנג־לאַנג האָבן די כתרילעווקער ציוניסטן זיך געשפּיגלט אין דער ייִדישער אַקציע פון „אונדזער אייגענער ייִדישער באַנק", תחילת געזיפצט און נאָכדעם געזאָגט איטלעכער באַזונדער אַן אַנדער המצאה; ס'איז געוואָרן עפּעס אַביסל פרייַלעכער, עפּעס לעבעדיקער, ליכטיקער אַף דער נשמה, ווי איינער וואָס וואַלגערט זיך אין דער פרעמד, בענקט אַהיים, קוקט אַרוים אַף אַ ידיעה, און פּלוצעם נעמט ער אַף זייער, זייער אַ גוטן גרוס פון דער היים. ס'איז אי פרייַלעך, אי עס ציט דאָס האַרץ: עס גלוסט זיך גיין טאַנצן, און טאַקע אַביסל זיך אויסוויינען אין איינוועגס...

שפּעטער, אַז דער עולם האָט זיך גוט אָנגעקוקט, האָט רב יוזיפל דער רב, וואָס האָט פיַינט שטופּן זיך אויבן־אָן, כאָטש ער איז רב, אַ זאָג געטאָן:

— אַנו, וויַיזט נאָר אַהער?

און ער האָט זיך אָנגעזאָטלט מיט אַ פּאָר ברילן, געקוקט, געקוקט, פּאַוואָלינקע באַטראַכט פון אַלע זיַיטן די „ייִדישע אַקציע פון אונדזער אייגענער באַנק", און דערזען ייִדישע אותיות, געדרוקט אַף לשון־הקודש, האָט ער אָנגעטאָן דאָס שבתדיקע היטל, געמאַכט אַ ברכה „שהחיינו", און ווידעראַמאָל געקוקט און געקוקט אין דער אַקציע אַריַין, און דאָס פּנים האָט אים אָנגעהויבן ווערן עפּעס ווי מרה־שחורהדיק, און מע

וואָלט געמעגט שווערן, אַז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— רבי! וואָס זאָרגט איר זיך? — האָט מען אים אַ פרעג געטאָן. — מע באַדאַרף זיך פרייען, טאַנצן באַדאַרף מען גיין, צום סוף... ווי קומט דאָס צו אײַך...

רב יוזיפל דער רב האָט נישט באַלד געענטפערט. ער האָט אַרויסבאַקומען ערגעץ, פון אַ קעשענע, וואָס הינטן אין דער קאַפּאָטע, כמעט בײַ די פּאָלעס, אַ משונה־מאָדנע פאַטשיילע, האָט אויסגעשנײַצט כלומרשט די נאָז, נאָר אין אמתן מיין איך, אַז ער האָט אַ וויש געטאָן די אויגן, און אַ זאָג געטאָן מיט אַ זיפץ און מיט זייער אַן אָנגעבראָכן קול;

— כ׳האָ׳ מיך פאַרבענקט אַהיים...

געשריבן אין יאָר 1902

ווען איך בין ראָטשילד

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער מלמד)

— ווען איך בין ראָטשילד, — האָט זיך צעלאָזט אַ כתרילעווקער מלמד איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק, בעת די רביצן האָט אים געמאָנט אַף שבת און ער האָט נישט געהאַט, — אוי, ווען איך זאָל זײַן ראָטשילד! טרעפט, וואָס איך טו? ראשית חכמה, פיר איך אײַן אַ מנהג, אַז אַ ווײַב זאָל תמיד האָבן בײַ זיך אַ דרײַערל, בכדי זי זאָל פאַרשפּאָרן דולן אַ ספּאָדיק, אַז סע קומט דער גוטער דאָנערשטיק און ס'איז נישטאָ אַף שבת... והשנית, קויף איך אוים די שבתדיקע קאַפּאָטע, אָדער ניין — דעם ווייבס קעצענעם בורנים — לאָז זי אויפהערן פּיקן אין קאָפּ אַרײַן, אַז ס'איז איר קאַלט! און קויף אַוועק די דאָזיקע שטוב אינגאַנצן מיט אַלע דרײַ חדרים, מיט דער קאַמער, מיט דער שפּיזאַרני, מיטן קעלער, מיטן בוידעם, מיט הכל בכל מכל פּלעקל, — לאָז זי נישט זאָגן, אַז ס'איז איר ענג; נאַ דיר אַוועק צוויי חדרים, קאָך דיר, וואַש דיר, בראָק דיר, און לאָז מיך צורו, איך זאָל קאָנען קנעלן מיט מײַנע תלמידים מיט אַ ריינעם קאָפּ! נישטאָ קיין דאגות פּרנסה, מע באַדאַרף נישט קלערן, וווּ נעמט מען אַף שבת — מחיה נפשות! די טעכטער אַלע חתונה געמאַכט, אַראָפּ אַ האָרב פון די פּלייצעס — וואָס פעלט מיר? הייב איך מיך אָן אַרומקוקן אַביסל אַף דער שטאָט. דאָס ערשטע בין איך מנדר אַ נײַעם דאַך אַפן אַלטן בית־המדרש, לאָז אויפהערן קאַפּען אַפן קאָפּ, בשעת ייִדן דאַווענען; און, להבדיל, דאָס מרחץ בוי איך איבער אַפסנײַ, וואָרעם נישט הײַנט־מאָרגן — עס וועט דאָרטן מוזן זײַן אַן אומגליק, חס ושלום, טאָמער פאַלט דאָס אוים אַקוראַט בשעת נשים באָדן זיך. און ווײַבאַלד דאָס באָד, מוז מען שוין דאָס הקדש אַוודאי צעוואַרפן און אַני־

דערשטעלן אַ „בקור־חולים" אָבער טאַקע וואָס אַ בקור חולים הייסט, מיט בעטלעך, מיט אַ דאָקטער, מיט רפואות, מיט יאַיכלעך אַלע טאָג פֿאַר די חולאים, ווי עס פּירט זיך אין לײַטישע שטעט. און אַ „מושב זקנים" שטעל איך אַוועק, אַלטע ייִדן לומדים זאָלן זיך נישט וואַלגערן אין בית־המדרש בײַ דער הרובע, און אַ חברה „מלביש־יסומים", אָרעמע קינדער זאָלן נישט אַרומגיין, איך בעט איבער אײַער כבוד, מיט די פּולקעס אין דרויסן, און אַ חברה „גמילות־חסדים, אַז איטלעכער ייִד, סײַ אַ מלמד, סײַ אַ בעל־מלאָכה, סײַ אַ סוחר אַפֿילו זאָל פֿאַרשפּאָרן צאָלן פּראָצענט, נישט דאַרפֿן פֿאַרמשכונען דאָס העמד פֿונעם לײַב, און אַ חברה „הכנסת־כלה", אַז ווו ערגעץ אַן אָרעם מיידל נעבעך אַ דערוואַקסענע, זאָל מען זי אויסקליידן, ווי עס געהער צו זײַן, און חתונה מאַכן, און נאָך כדומה אַזעלכע חברות פֿיר איך אײַן בײַ אונדז אין כתרילעווקע... וואָס וואָס איז שײַך עפּעס דווקא נאָר בײַ אונדז אין כתרילעווקע? אומעטום, ווו עס געפֿינען זיך נאָר אחינו בני ישראל, פֿיר איך אײַן אַזעלכע חברות, אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט! און בכדי עס זאָל זיך פֿירן מיט אַ סדר, ווי עס געהער צו זײַן — טרעפֿט, וואָס טו איך? מאַך איך אויף אַלע חברות איין חברה אַ גרויסע, אַ צדקה־גדולה־חברה, וואָס גיט אַכטונג אויף אַלע חברות, אויף אַלע ייִדן. דאָס הייסט, אויף דעם כלל ישראל, אַז ייִדן זאָלן אומעטום האָבן פּרנסה און לעבן אין אחדות און זאָלן זיצן אין די ישיבות און לערנען: חומש מיט רש"י, מיט גמרא, מיט תוספות, מיט מהרש"א, מיט אַלע שבע חכמות און מיט אַלע שבעים לשון, און אויף אַלע ישיבות זאָל זײַן איין ישיבה אַ גרויסע, אַ ייִדישע אַקאַדעמיע, אין דער ווילנע געוויינטלעך, וואָס פֿון דאָרטן זאָלן אַרויסגיין די גרעסטע לומדים און חכמים אין דער וועלט, און אַלצדינג זאָל זײַן אומזיסט, „על חשבון הגביר", אויף מײַן קעשענע, און אַלצדינג זאָל זיך פֿירן מיט אַ סדר און מיט אַ פּלאַן, עס זאָל נישט זײַן קיין „גיב־מיר־נאַ־דיר־כאַפּ־לאַפּ", און אַלע זאָלן אין זינען האָבן נאָר טובת־הכלל!... און בכדי מע זאָל קענען טראָגן אויפֿן קאָפּ דעם „כלל — וואָס דאַרף מען? דאַרף מען באַוואָרענען דעם פּרט? געוויינלעך, מיט פּרנסה; וואָרעם פּרנסה, הערט איר, דאָס איז דער רעכטער עיקר; אָן פּרנסה קאָן נישט זײַן קיין אחדות; איבערן שטיקל ברויט, משטיינס געזאָגט, איז איינער דעם אַנדערן יורד לחיו, קאַפּאַל יענעם קוילען, סמען, הענגען!... אַפֿילו די שונאי ישראל, אונדזערע המנס פֿון דער גאַנצער וועלט, מיינט איר, וואָס האָבן זיי צו

אונדז? גאַרנישט. נאָר צוליב פּרנסה. זיי זאָלן האָבן פּרנסה, וואָלטן זיי גאָר אַזוי שלעכט נישט געווען. פּרנסה ברענגט צו קנאה, קנאה ברענגט צו שנאה, און דערפון, רחמנא ליצלן, נעמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט, אַלע אומגליקן, נישט דאָ געדאַכט, מיט אַלע רדיפות, מיט אַלע הריגות, מיט אַלע רציחות און מיט אַלע מלחמות...

אוי, די מלחמות, די מלחמות! דאָס איז, הערט איר, גאָר אַ שחיטה פאַר דער וועלט! ווען איך בין רויטשילד, מאַך איך אויס מלחמות, אָבער טאַקע לחלוטין אויס!

ווער איר דאָך פרעגן: וויאַזוי? נאָר מיט געלט. דהיינו? איך וועל עס אייך געבן צו פאַרשטיין מיט אַ שכל: למשל, צוויי מלוכות צעקאַמפּערן זיך איבער אַ נאַרישקייט דאָרט, אַ שטיקל ערד, וואָס איז ווערט אַ שמעק טאַבאַקע; „טעריטאָריע" הייסט עס בא זיי. די מלוכה זאָגט, אַז די טעריטאָריע איז איר טעריטאָריע, און די מלוכה זאָגט: „ניין, ס'איז מײַן טעריטאָריע". מששת ימי בראשית, הייסט עס, האָט גאָט באַשאַפן אָט דאָס שטיקל ערד פון איר כבוד וועגן. קומט צוגיין אַ דריטע און זאָגט: „איר זייט ביידע בהמות; די טעריטאָריע איז אַלעמענס טעריטאָריע, אַ ר ש ו ת ה ר ב י ם הייסט עס". הקיצור, טעריטאָריע אַהער, טעריטאָריע אַהין, מע „טעריטאָריעט" אַזוי לאַנג, ביז מע הייבט אָן שיסן פון ביקסן און האַרמאַטן, און מענטשן קוילען זיך איינס דאָס אַנדערע ווי די שאָף, און בלוט, בלוט גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער.

אָבער אַז איך קום צו זיי לכתחילה און זאָג זיי: „שאַט, ברידערלעך, לאָזט אײַך דינען. אין וואָס גייט דאָ בא אײַך, אייגנטלעך, דער גאַנצער סכסוך? מע פאַרשטייט דען נישט אײַער מיין? איר מיינט נישט אַזוי די הגדה, ווי די קניידלעך. טעריטאָריע איז דאָך בא אײַך נאָר אַן אויסרייד; דער עיקר איז דאָך בא אײַך יענע מעשה, פּעטי־מעטי, קאָנטריבוציע! און וויבאַלד לשון קאָנטריבוציע — צו וועמען קומט מען אָן מיט אַ הלוואה? צו מיר, צו רויטשילדן הייסט עס. אַמער, ווייסט איר וואָס? נאַ דיר, ענגלענדער מיט די לאַנגע פיס און מיט די קעסטלדיקע הויזן, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, נאַרישער טערק מיט דער רויטער יאַרמלקע, אַ מיליאַרד! נאַ דיר, מומע רייזל, אויך אַ מיליאַרדע, ממה־נפשך, גאָט וועט אײַך העלפן, וועט איר מיר אָפּצאָלן מיט פּראָ־

צענט, נישט חלילה קיין גרויסן פּראָצענט, פֿיר אָדער פֿינף לשנה, איך וויל אַף אײַך נישט רײַך ווערן״...

פֿאַרשטייט איר שוין? אי איך האָב געמאַכט אַ געשעפֿט, אי מענטשן העלפֿן אויף צו קוילען איינס דאָס אַנדערע, ווי די אָקסן, אומזיסט און אומנישט. און וויבאַלד אוים מלחמות, הײַנט צו וואָס באַדאַרף מען דאָס כּלי־זיין, מיטן חיל, מיט אַלע זיבעצן זאַכן, מיטן גאַנצן טאַרעראַם? אַף תּשעה נײַנציק כּפּרות! און וויבאַלד אוים כּלי־זיין, אוים חיל, אוים טאַרעראַם, איז דאָך אוים שׂנאה, אוים קנאה, אוים טערק, אוים ענגלענדער, אוים פֿראַנצויז, אוים ציגײַנער, אוים ייִד, להבדיל — די גאַנצע וועלט באַקומט גאָר דעמאָלט אַן אַנדער פּנים, ווי אין פּסוק שטייט באַ אונדז געשריבן: „ו ה י ה, און עס וועט זײַן, ב י ו ם ה ה ו א, דאָס הייסט, אַז משיח וועט קומען!״... (שטעלט זיך אָפּ).

און אפֿשר, האַ?... ווען איך בין רויטשילד, קאָן זײַן, אַז איך בין גאָר מבֿטל דאָס געלט. אוים געלט! וואָרעם, לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס איז דען געלט? — געלט איז דאָך, אייגנטלעך, נאָר אַ הסכּם, אַן אײַנגערעדטע זאַך, מע האָט גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר, אָוועקגעשטעלט אַ צאַצקע און אָנגעשריבן: „טרי רובליאַ סערעבראָם״. געלט, זאָג איך אײַך, איז נישט מער ווי אַ יצר־הרע, אַ תּאווה אַזעלכע, איינע פֿון די גרעסטע תּאוות. וואָס אַלע ווילן דאָס און קיינער האָט דאָס נישט... אָבער אַז סע זאָל לחלוטין גאָר נישט זײַן קיין שום געלט אַף דער וועלט, וואָלט דאָך דער יצר־הרע נישט געהאַט וואָס צו טאָן, און די תּאווה וואָלט נישט געווען קיין תּאווה. איר פֿאַרשטייט, צי ניין? אַי וואָס? איז דאָך די קשיא, ווו וואָלטן דעמאָלט גענומען ייִדן אַף שבת? (פֿאַרטראַכט זיך אַף אַ ווײַלע). איז דער תּירוץ: למאַי ווו וועל איך א י צ ט ע ר נעמען אַף שבת?...

געשריבן אין יאָר 1902.

די יורשים

א.

„די מאירס מיט די שניאורס״... אייגנטלעך, זײַנען דאָס געווען נאָר איין מאיר און נאָך איין שניאור, און געווען זײַנען זיי אַ צווילינג, און אַזוי שטאַרק ענלעך איינס מיט דאָס אַנדערע, אַז עס זײַנען געווען צײַטן, וואָס ס'איז כמעט אוממעגלעך געווען צו טרעפן, ווער פון די צוויי איז דאָ מאיר און ווער איז דאָ שניאור.

קינדרווײַז, דערציילט מען, האָט זיך געטראָפן מיט זיי אַ מעשה, מע האָט זיי שיער נישט פאַרביטן, און אפשר קאָן זײַן, אַז מע האָט זיי טאַקע פאַרביטן. ומעשה שהיה כך היה.

זייער מוטער איז געווען, דאַרפט איר וויסן, אַ ייִדענע אַ קליינינקע, נעבעך נישט קיין געזונטע, נאָר זייער אַ קינדלדיקע, דאָס הייסט, זי האָט אַף איר לעבן שטאַרק געקינדלט; אַלע יאָר, אַלע יאָר האָט זי געהאַט אַ קינד. דאָס קינד האָט אָבער נישט מער געמוטשעט זיך ווי אַ יאָר און איז, נישט פאַר אײַך געדאַכט, אָוועקגעקומען. אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אויפגעהערט צו קינדלען און האָט געמיינט, ס'איז אַן עק. צום סוף — דעם אייבערשטנס נסים! — האָט זי גאָט באַגליקט, אַף דער עלטער שוין, און דווקא מיט אַ פּאָרל! איז איר אָבער שווער געווען אַליין אויסזייגןביידע קינדער, האָט זי נעבעך געמוזט דינגען אַ צוזייגערן. אַ ברירה האָט זי געהאַט? אַ כתרילעווקעו ייִד, ער מעג זײַן ווי אָרעם, וועט ער אַף דער גאַס קיין קינד נישט אַרויסוואַרפן און אַף פרעמדע הענט דאָס נישט אָוועקגעבן, סײַדן חלילה אַ יתום...

באַשטעלט אַ צוזייגערן, האָט די מוטער גענומען זיך מאירן (מאיר איז געווען עלטער פון שניאורן אַף אַ גוטע האַלבע שעה), און שניאורן

האָט זי אַוועקגעגעבן דער אָם. נאָר אַזוי ווי די אָם איז אויך געווען, נישט פאַר אײַך געדאַכט, אַ יידענע נישט קיין געזונטע, האָבן ביידע, אי מאיר אי שניאור, געהאַט מכות נישט קיין מילך, און זיי זיינען ביידע נעבעך אויסגעגאַנגען פון הונגער, געשריגן גאַנצע נעכט, זיך געריסן אַף די גלײַכע ווענט.

ויהי היום, האָט מען גענומען איינמאָל די קינדער באָדן, געווײנטלעך, אין איין מולטער. אויסגעטאָן זיי די העמדלעך און אַרײַנגעלייגט זיי ביידן אין היים וואַסער אַרײַן, זײַנען ביידע ברעקלעך געוואָרן רויט און אָנגעבלאָזן, ווי פּאַכירלעך; עס ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן פון דעם באָד משונה הנאה געהאַט — אַ ייִד האָט ליב אַ באָד... ביידע זייגערנס זײַנען געשטאַנען איבער דער מולטער און האָבן אונטערגעגאָסן אַלע מאָל פרישׂ וואַסער, און די קינדער האָבן אָנגעקוואָלן, געמאַכט מיט די הענטלעך און מיט די פיסלעך, ווי אַ זשוקל, האָט איר געזען אַמאָל, אַז מע קערט אים איבער מיטן בײַכל אַרויף. אָפּגעבאָדן, האָט מען דאָס פּאָרל אַרויסגענומען, אײַנגעהילט אין אַ לײַלעך (איין לײַלעך) און אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן, (אין איין בעט אַרײַן), זיי זאָלן זיך אַביסל אָפּטריקענען. און אַז ס'איז געקומען צום אָנטאָן זיי צוריק די העמדלעך, האָט מען נישט געקאָנט שוין דערקענען, ווער פון די צוויי איז מאיר און ווער איז שניאור? און ס'איז אַוועק אַ שפּאַרעניש צווישן דער מאַמען און דער זייגערן:

— זע נאָר, זע, כ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז גאָר מאיר און יענץ איז שניאור!

— ווייס איך וואָס איר רעדט! דאָס איז שניאור און יענץ איז מאיר! איר זעט דען נישט?

— וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַ גאַנץ יאָר! ביסט משוגע, צי חסר־דעה?

— אַך, רבונו־של־עולם! איר זעט נישט נאָך די אויגן, אַז דאָס איז שניאור און יענץ איר מאיר? זעט נאָר צוויי אויגן!

— ס'אַ גוטער משל! פאַרשטייט זיך, צוויי אויגן, נישט קיין דרײַ.

בקיצור, איינע שרײַט אַף מאירן, אַז ס'איז שניאור, און אַף שניאורן, אַז מאיר, און די אַנדערע — אַז שניאור איז מאיר און מאיר איז שניאור. זײַנען מאַנצבילן געפאָלן אַף אַ עצה. פּאַרט מאַנצבילן!

—ווייסט איר וואָס? פּרוּווט זיי געבן זייגן, וועלן מיר זעען:

דער וואָס וועט אָננעמען בא דער מוטער, איז א סימן, אז ס'איז מאיר, און דער וואָס וועט אָננעמען בא דער אָם, איז א סימן, אז ס'איז שניאור. א פראָסטער שכל!

כך הוה. ביידע ברעקלעך, מע האָט זיי נאָר צוגעטוליעט צו דער ברוסט, האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט ווי נאָך א תענית, געצויגן ווי פּיאַווקעס, געסמאַקעט מיט די ליפּן, בשעת מעשה געדריגעט מיט די פיסלעך און אונטערגעוואָרטשעט, ווי הונגעריקע הינטלעך.

— גאָטס נסים! זעט, ווי דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט!

אזוי האָבן געזאָגט די מאַנצבילן מיט טרערן אין די אויגן און זײַנען א בעלן געווען אַף טשיקאַוועס פּרווון איבערבײַטן די ברוסט, זען וואָס דאָ וועט זײַן? און מע האָט די קינדערלעך נעבעך אָפּגעריסן פון דער ברוסט, און מע האָט זיי איבערגעלייגט: שניאורן אַף מאירס אָרט און מאירן אַף שניאורס אָרט — וואָס, מיינט איר, איז געווען? איר מיינט אוודאי, אז זיי האָבן נישט געזויגן? נאָך א מין זייגן!...

פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך שוין מיאש געווען פון זיי און מע האָט שוין אויפגעהערט צו אונטערשיידן: ווער איז מאיר און ווער איז שניאור. לאָז זײַן מאיר־שניאור און שניאור־מאיר. און מע האָט זיי א נאָמען געגעבן: „די מאירס מיט די שניאורס", דאָס הייסט, יעדער פון די צוויי איז געווען פאר זיך א מאיר מיט א שניאור... נישט איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אז מע האָט אין חדר אָפּגעשמיסן מאירן, ווען מע האָט באַדאַרפט שמײַסן שניאורן, אָדער פאַרקערט, מע האָט אָרײַנגע־צימבלט שניאורן, דעמאָלט ווען די שמיץ איז געקומען מאירן. און בכדי עס זאָל נישט זײַן נאָכדעם קיין פאַרדראָס, פלעגט דער רבי פאַלן אַף אַן עצה (ווו תורה, דאָרט איז חכמה!):

— ווייסט איר וואָס, קינדערלעך? לייגט זיך אָקאָרשט אַוועק ביידע, וועט נישט זײַן קיין קנאה, מיך געשמיסן, דיך געשמיסן, א שיינע ריינע כפרה, צווישן דער משפחה וועט עס בלײַבן...

ערשט העט־שפּעטער, נאָך דער בר־מצווה, אז די מאירס מיט די שניאורס האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַף די פיס, איז מיטאַמאָל געוואָרן צווישן זיי א חילוק, אז מע האָט זיי שוין געקאָנט דערקענען באַנאַכט פאַר א מײַל. גאָטס וווּנדער! עס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן בא זיי א בערדל (זיי האָבן, אפּנים, ביידע צו־פרי אָנגעהויבן רויכערן ציגאַרן?),

און בײַ מאירן האָט זיך באַוויזן אויף די בעקלעך און אויף דער אייבערשטער ליפּ שוואַרצע הערלעך (אָבער שוואַרץ ווי טינט!), און בײַ שניאורן — רויטע הערלעך (אָבער רויטע אַזוי ווי פֿײַער!). די דאָזיקע בערד זײַנען געוואַקסן בײַ זיי ווי מיט רוחות (זיי האָבן, אפּנים, ביידע צו שטאַרק געררויכערט ציגאַרן), אַזוי, אַז צו דער חופּה האָבן זיי געטראָגן צוויי בערד, וואָס זאָג איך בערד? — בעזעמער! איינער אַ שוואַרצן בעזעם, און דער אַנדערער אַ רויטן בעזעם, און אויסגעזען האָט עס, ווי עמעצער האָט זיי די בעזעמער אָנגעהאַנגען.

גרויס זײַנען די ווערק פֿון גאָט און זײַנע וואונדער האָבן נישט קיין ברעג! וואָרעם ווער ווייס וואָס דאָ וואָלט געקאָנט אַרויס, ווען, למשל, נאָך דער חתונה פֿאַרבײַטן זיי זיך חלילה מיט די ווײַבער — מיין איך פֿאַרקערט: די ווײַבער פֿאַרבײַטן זיך מיט די מאַנען. איך ווייס נישט, וויאַזוי בײַ אײַך, אין די גרויסע שטעט; בײַ אונדז אין כתרילעווקע האָט זיך לעת־עתה אַזאַ מעשה נאָך נישט געטראָפֿן, מע זאָל זיך פֿאַר־בײַטן מיט די יוצרות. ממה נפשך: בין איך דײַן ווײַב, ביסטו מײַן מאַן, און ביסטו מײַן מאַן, בין איך דײַן ווײַב; אלא וואָס דען? ביסט יענערס מאַן, בין איך יענעמס ווײַב, בין איך יענעמס ווײַב, ביסטו יענערס מאַן. אַ קשיא, טאָמער איז געמאָלט, אַז מײַן מאַן זאָל זיך מיישב זײַן און זאָגן, אַז עס מאַכט אים נישט אויס יענעמס ווײַב אויך — וואָס הייסט? נו, און ווו בין איך? איך וועל אים שווײַגן???!!

הקיצור, נישט דאָס איז דער עיקר, וואָס איך האָב אײַך געוואָלט דערציילן. די רעכטע מעשה הייבט זיך ערשט אָן.

ב.

ביז הײַנט האָבן מיר זיך באַשעפֿטיקט נאָר מיט די מאירס און שניאורס, דאָס הייסט, מיט מאירן און מיט שניאורן, און אַביסל באַקענט זיך מיט זייער מוטער און מיט דער זייגערן. און האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט נאָך פֿון זייער פֿאָטער. גלײַך ווי זיי וואָלטן חלילה קיינמאָל נישט געהאַט קיין טאַטן... לאָז גאָט היטן! אַזאַ זאַך קאָן זיך טרעפֿן נאָר בײַ זיי, נישט בײַ אונדז. בײַ אונדז איז נישטאָ, ברוך־השם, קיין פֿינדל־הויז, ווו קינדער זאָלן וואַקסן אָן אַ טאַטע־מאַמע; בײַ אונדז האָט זיך נאָך נישט געטראָפֿן, אַז אַ קינד זאָל אויפֿוואַקסן און נישט ווייסן, ווער

איז זײַן ריכטיקער טאטע; און אויב ס'זאָל אמאָל דורכגעפאַלן בא אונדז אַזאַ מעשה, האָט זיך עס געווים געטראָפן ערגעץ אין אָדעס, אין פּאַריז, אָדער אין ווײַטן אַמעריקע... פאַר כתרילעווקע בין איך אײַך ערב, אַז דאָרט האָט זיך אַזאַ מעשה נישט געטראָפן קיינמאָל, און אויב ס'האָט זיך געטראָפן, האָט זיך עס געטראָפן ערגעץ ווייס איך מיט וועמען, מיט אַ דינסטמיידל, אָדער אַזוי מיט אַ יִדישער טאָכטער נעבעך, וואָס איז פאַרפירט געוואָרן דורך אַ צופאַל, געפאַלן אַ קרבן פאַר פרעמדע זינד...

הקיצור, די מאירס מיט די שניאורס האָבן געהאַט אַ טאַטן, און נאָך אַ שיינעם טאַטן דערצו, און געהייסן האָט ער רב שמשון, אַ ייִד אַן ערלעכער, און געהאַט האָט דער רב שמשון אַ באָרד, אַ גרויסע, אַ ברייטע, אַ שיינע באָרד, אַ „זקנה"! מע קאָן זאָגן, אַז בא רב שמשונען איז געווען מער באָרד ווי פּנים, איבער דער דאָזיקער באָרד האָט מען כמעט נישט אַרויסגעזען דאָס פּנים, און דערפאַר טאַקע האָט ער אין כתרילעווקע נישט געהאַט קיין אַנדער נאָמען, ווי רב שמשון באָרד.

און געווען איז דער רב שמשון באָרד... לאָמיך אַזוי וויסן בייז, וואָס ער איז געווען. ער איז געווען אַ ייִד, וואָס האָט כל ימיו געמוטשעט זיך, געפּלאָגט זיך איבערן שטיקל ברויט, מלחמה געהאַלטן מיטן דלות; אַ מאָל האָט ער בײַגעקומען דעם דלות, אַ מאָל — דער דלות אים, ווי דער שטייגער איז פון די כתרילעווקער ייִדן, וואָס האָבן קיין מורא נישט פאַרן דלות, שטעלן אים אויס דרײַ פײַגן...

און געלעבט האָט דער רב שמשון באָרד אַזוי לאַנג, ביז ער איז געשטאָרבן. און אַז ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים באַהאַלטן מיט גרויס כבוד, כמעט די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה.

— ווער איז געשטאָרבן?

— רב שמשון.

— וואָסער רב שמשון?

— רב שמשון באָרד.

— אוי־וואַ! איז שוין, הייסט דאָס, רב שמשון באָרד אויך אַוועקגעקומען? ברוך דיין אמת!

אַזוי האָט מען געשמועסט אין כתרילעווקע און באַדויערט נישט אַזוי רב שמשונען אַליין, ווי דאָס, וואָס אין שטאָט ווערט ווינציקער אַלע מאָל מיט אַ ייִדן. משונה־מאָדנע ברואים אָט די כתרילעווקער ייִדן: לאָ־די

זיי זײַנען אַזעלכע אָרעמע לײַט, וואָס זײַנען קיינמאָל נישט זאַט, וואָלטן זיי נאָך אַ בעלן געווען, אַז קיינער זאָל בײַ זיי נישט שטאַרבן. זייער איינציקע טרייסט איז, וואָס שטאַרבן שטאַרבט מען אומעטום, אַפילו אין פּאַריז, און וואָס אויסקויפן זיך פונעם טויט קויפט זיך נישט אויס קיינער, און אַפילו רויטשילד אַליין, וואָס איז כמעט גרעסער פונעם מלכות, פונדעסטוועגן, אַז עס קומט די צײַט פון שטאַרבן, בעט מען אים מחילה, ער זאָל זיך מטריח זײַן אַהינצוצו — און ער מוז גיין!

אַצינד קערן מיר זיך אום צוריק צו די מאירס מיט די שניאורס. כל זמן רב שמשון באָרד האָט געלעבט, זיינען די מאירס מיט די שניאורס געווען, קאָן מען זאָגן, נפש אחת, געלעבט איין זעל, איין נשמה. און אַז רב שמשון באָרד איז געשטאָרבן, זײַנען זיי געוואָרן פײַער מיט וואַסער, גרייט געווען אַלע מינוט אַרויפפאַלן איינס אַף דאָס אַנדערע און אויסרײַסן זיך די בערד. איר ווילט וויסן, איבער וואָס? אדרבה, זאָגט איר, איבער וואָס קריגן זיך קינדער נאָכן טאַטנס טויט? פאַרשטייט זיך, איבער ירושה. אמת, רב שמשון האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין פעלדער, קיין וועלדער, נחלאות, הײַזער, רענטעס, און מזומן געלט אוודאי נישט. און קיין צירונג, זילבער און כלי־בית האָט ער אויך נישט איבערגעלאָזט פאַר די קינדערס וועגן, נישט מחמת שלעכטקייט אָדער קאַרגשאַפט, נאָר פּשוט, ווײַל ער האָט נישט געהאַט. דאָך זאָלט איר נישט מיינען, אַז רב שמשון האָט חלילה נישט איבערגעלאָזט זײַנע קינדער גאָרנישט. רב שמשון האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ מאַיאָנטעק, אַ מין שוה־כסף, וואָס מע קאָן צו יעדער צײַט מאַכן פון דעם געלט, מע קאָן דאָס פאַרזעצן אין משכון פאַרדינגען אָדער פאַרקויפן. דאָס איז געווען אַן אייגענע שטאָט אינעם אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש, אויבן־אָן אין מזרח, סאַמע די צווייטע שטאָט פון רב יוזיפל דעם רב, די אַנדערע, הייסט דאָס, פונעם אָרון־קודש. אמת, די כתרילעווקער חכמים זאָגן אַפילו אַ גלײַכוווערטל, אַז ס'איז גלײַכער אַן אייגן דאָרף אין דרויסן איידער אַן אייגענע שטאָט אין שול; דאָס איז אָבער נישט מער ווי אַ גלײַכווערטל, און אַז גאָט העלפט, מע האָט זיך טאַקע אַן אייגענע שטאָט, און נאָך אין מזרח־וואַנט דערצו, איז טאַקע ניט שלעכט. און בעסער פון גאָרנישט איז דאָס אוודאי.

בקיצור, רב שמשון באָרד האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שטיקל נחלה, אַן אייגענע שטאָט אין אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש. נאָר ער

האָט פֿאַרגעסן איין קלייניקייט — אָנזאָגן, וועמען ער לאָזט איבער בירושה די דאָזיקע שטאָט: מאירן, צי שניאורן?

אפֿנים, רב שמשון, זאָל ער מיר מוחל זײַן, האָט זיך גאָרנישט געריכט צו שטאַרבן? ער האָט פֿאַרגעסן, אַז דער מלך־המוות שטייט תמיד הינטער די פּלייצעס און היט אונדז די טריט. אַניט וואָלט ער זיכער געשריבן אַ צוואה, אָדער אַזוי אָנגעזאָגט פֿאַר עדות, וועמען פֿון די צוויי זין לאָזט ער איבער זײַן מאַיאָנטעק.

וואָס זאָלט איר קלערן? אַוודאי איז דעם ערשטן שבת וואָס נאָך שלשים שוין אַרויסגעשפּרונגען אַ מחלוקת צווישן די צוויי ברידער. מאיר, פֿאַרשטייט איר מיך, האָט געטענהט, אַז על־פּי דין קומט דעם טאַטנס שטאָט אי ם, וואָרעם ער איז דאָך דער עלטערער (אַף אַ גוטע האַלבע שעה!). און שניאור האָט געטענהט צוויי טענות מיט אַ מאָל: ערשטנס, ווייס מען ניט, ווער איז פֿון זיי דער עלטערער, וואָרעם ווען־ליק די מאַמע דערציילט, אַז מע האָט זיי קינדווײַז פֿאַרביטן, קאָן דאָך געמאָלט זײַן, אַז ער, שניאור הייסט דאָס, איז מאיר, און מאיר איז שניאור. והשנית, האָט מאיר אַ שווער אַ נגיד, וואָס האָט אויך אַן אייגענע שטאָט אינעם בית־המדרש אין מיזרח־וואַנט, און קיין זון האָט ער נישט, וועט דאָך די שטאָט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אם ירצה השם, אַריבערגיין צו מאירן, וועט אויסקומען, אַז מאיר וועט האָבן צוויי שטעט אין מיזרח־וואַנט. און שניאור — אפֿילו אַ האַלבע נישט! פֿרעגט זיך אַ קשיא: ווו איז יושר? ווו איז מענטשלעכקייט?

דערהערט אַזאַ טענה, האָט זיך אַרײַנגעמישט מאירס שווער, אַ ייִד אַ נגיד, אַן אויפֿגעקומענער, און איז אַרויס מיט פֿײַער: „אַביסל אַן עזות! איך בין נאָך ניט אַלט קיין פֿערציק יאָר אפֿילו און האָב נאָך, ערשטנס, בדעה צו לעבן און לעבן, — צום סוף טיילן זיי זיך מיט מײַן ירושה! והשנית פֿון וואַנען ווייס מען, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט האָבן קיין ייִנגל? אמת, איך וועל טאַקע נישט האָבן, אָבער מײַן ווײַב קאָן נאָך האָבן אַ ייִנגל, און נישט איין ייִנגל, נאָר עטלעכע ייִנגלעך! אַביסל אַן עזות פֿון אַ שייגעץ!".

האָבן זיך מענטשן אַרײַנגעלייגט אין אַ שלום, געוואָלט מאַכן אַ שטיקל פּשרה, „יאַק נע פּסק טאָ פּסאַקעץ", מע זאָל אָפּשאַצן די שטאָט, וויפֿל זי איז ווערט, און איין ברודער דעם אַנדערן זאָל אויסצאָלן, דאַכט זיך, אַ גלײַכע פּשרה? איאָ? איז דער חסרון, וואָס ביידע ברידער האָבן

נישט געוואָלט הערן פון אַרויסצאָלן. ס'איז זיי נישט געגאַנגען אין געלט — געלט איז בלאָטע; ס'איז געגאַנגען אינעם עקשנות, אינעם צו־להכעיס: פאַרוואָס זאָל אַ ברודער זײַן אַזאַ אײַנגעשפּאַרטע זאַך און נישט צולאָזן דעם צווייטן ברודער? און פאַרוואָס זאָלסטו זיצן אַפן טאַטנס אָרט און איך נישט? עס איז זיי שוין נישט געגאַנגען אַזוי אין זיך, ווי אין יענעם, איינער האָט נישט פאַרגונען דעם אַנדערן, ווי זאָגט מען דאָס: ג ם ל י ג ם ל ך — נישט מיר, נישט דיר... און די מאירס מיט די שניאורס האָבן גענומען קריגן זיך און טאָן איינער דעם אַנדערן אַף צו־להכעיס. אַ קלייניקייט — נצחון?

דעם ערשטן שבת איז מאיר געקומען אַביסל פריִער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם טאַטנס שטאָט, און שניאור איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַף די פיס. דעם צווייטן שבת איז שניאור געקומען פריִער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דעם טאַטנס אָרט, און מאיר איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אַף די פיס. דעם דריטן שבת האָט זיך מיישב געווען מאיר און האָט זיך געפעדערט גאַנץ פרי, האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף דער שטאָט, איבערגעדעקט זיך מיטן טלית איבערן קאָפּ — און טו מיר עפּעס! האָט זיך מיישב געווען שניאור דעם פערטן שבת און פּע־דערט זיך נאָך פריִער און זעצט זיך אַוועק אַף דער שטאָט און דעקט זיך איבער מיטן טלית איבערן קאָפּ — און רוף מיך קנאַקניסל! האָט זיך מיישב געווען מאיר דעם פינפטן שבת און פעדערט זיך נאָך פריִער... אַזוי לאַנג האָבן זיך די מאירס מיט די שניאורס געפעדערט, ביז זיי זײַנען איינמאָל אין אַ שיינעם שבת־הגדול געקומען צו גיין ביידע אין איין צײַט, ס'איז נאָך נישט געווען רעכט ליכטיק אין דרויסן, און האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביידע באַ דער טיר פונעם בית־המדרש (דאָס בית־המדרש איז נאָך געווען צו), און מע האָט זיך גענומען קוקן אָן ווערטער. נאָר מלא גזלן איינס אַף דאָס אַנדערע, ווי די הענער, וואָס זיינען גרייט אָט־אָט אַרײַנשפּרינגען איינס דאָס אַנדערע אין פּנים אַרײַן און אויס־פּיקן זיך די אויגן... אַזוי, דאַרפן מיר רעכענען, זײַנען אַמאָל געשטאַ־נען די ערשטע צוויי ברידער, די ערשטע צוויי שונאים אַף דער וועלט קין און הבל, איינע אַליין אין פעלד, אונטער גאָטס הימל, מלא רציחה, גרייט צו דורס זײַן, אויפפרעסן איינס דאָס אַנדערע, פאַרגיסן אומשול־דיק בלוט...

ג.

האָבן מיר, הייסט דאָס, איבערגעלאָזט די מאירס מיט די שניאורס בײַ דער שול שבת אין דער פרי שטיין איינס אַקעגן דאָס אַנדערע אָנגעדרודלט, ווי העגער, און גרייט אָדער אָנכאַפּן זיך בײַ די בערד, אָדער אַרײַנפאָרן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַרײַן. מע דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די מאירס מיט די שניאורס זײַנען געווען טאַטנס קינדער, אָנשטענדיקע יונגעלייט, חלילה נישט קיין הפקר־יונגלעך, וואָס זאָלן אָנפאַלן איינס אויף דאָס אַנדערע, אַזוי ווי די גויִים, להבדיל. זיי האָבן אָפּגעוואַרט ביז עס וועט קומען עזריאל דער שמש און וועט אויפעפענען די טיר פונעם בית־המדרש, וועט מען שוין דעמאָלט זען, ווער עס וועט פריִער פאַרכאַפּן דעם טאַטנס שטאָט: צי מאיר, צי שניאור?

צען יאָר האָבן זיך געצויגן בײַ זיי די מינוטן. קוים דערלעבט זען עזריאלן מיט די שליסל, און אַז עזריאל מיט דער קאַלטענעוואַטער באָרד איז אָנגעקומען, האָט ער נישט געקאָנט צוקומען מיטן שליסל צום שלאָס בשום אופן, ווײַל ביידע ברידער האָבן זיך צוגעשפּאַרט מיט די פיס צו דער טיר, איינער מיט דעם רעכטן פוס, דער אַנדערער מיט דעם לינקן פוס, נישט געוואָלט אָפּטרעטן בשום אופן ואופן.

— וואָס־זשע וועט זײַן דערפון? — האָט זיי עזריאל אַ זאָג געטאָן און גענומען בשעת מעשה אַ שמעק טאַבאַק. — מילא, אַז איר וועט אַזוי שטיין ביידע אָנגעשפּאַרט, ווי די צאַפּעס, וועל איך נישט קאָנען עפענען די טיר, און דאָס בית־המדרש וועט שטיין אַזוי געשלאָסן אַ גאַנצן טאָג. ס'איז עפּעס אַ תכלית? נו, אדרבה, זאָגט שוין איר אַליין!

עס ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע ווערטער האָבן געהאַט אַ ווירקונג, מחמת די מאירס מיט די שניאורס האָבן זיך ביידע געגעבן אַ רוק צוריק, איינער רעכטס, דער אַנדערער לינקס, געמאַכט אַן אָרט פון עזריאלס וועגן, ער זאָל קאָנען צוטרעטן מיטן שליסל צו דער טיר און אויפשליסן דעם רוקער. און אַז דער רוקער האָט זיך געגעבן אַ רוק און די טיר האָט זיך געגעבן אַן עפן־אויף, האָבן זיך די מאירס מיט די שניאורס געגעבן ביידע אַ לאָז־אַרײַן.

— פּאַוואָליִע, אַט וואַלגערט איר אום אַ ייִדן! — האָט אויסגעשריִען עזריאל דער שמש, און איידער ער האָט געקאָנט אויסריידן נאָך

איין וואָרט, איז ער שוין געלעגן נעבעך אַ צעטראָטענער אונטער זייערע פּיס און געשריגן ניט מיט זיין קול:

— פּאַוואָליע, אָט צעטרעט איר אַ ייִדן, אַ טאַטן פון קינדער!...

די מאירם מיט די שניאורס האָבן אָבער אין זינען געהאַט עזריאל דעם שמש מיט זײַנע קינדער אין דער לינקער פּאה. זיי איז געלעגן אין זינען די שטאָט, דעם טאַטנס שטאָט, — און האָבן זיך ביידע געגעבן אַ לאָז אַהין, אויבן־אָן, צו מזרח צו, געגעבן אַ שפּרונג־איבער איבער אַלע בענק און שטענדערס, און געקומען צו דער שטאָט, האָבן זיי זיך ביידע געגעבן אַ זעץ־אַנידער און אַ שפּאַר־אײַן מיט די פּלייצעס אין וואַנט אַרײַן און מיט די פּיס אין דער פּאָדלאָגע, און פון גרויס שפּאַרעניש זײַנען זיי אַרויף איינס אױף דאָס אַנדערע און אָנגענומען זיך בײַ די בערד און געפּינעט און געקריצט מיט די ציין און געכאָרכלט:

— מכות וועסטו זיצן אױף דער שטאָט!

אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך עזריאל דער שמש דערוויַיל אויסגעגלײַכט די ביינער און צוגעגאַנגען צו די מאירם מיט די שניאורס און דערזען ווי זיי ליגן ביידע און האַלטן איינס דאָס אַנדערע בײַ די בערד, האָט ער אַ פּרווו געטאָן פריִער מיט גוטן, אַזוי צו זאָגן:

— אײ־פע, שעמען מעגט איר זיך! צוויי ברידער, צוויי לײַבלעכע ברידער פון איין טאַטע־מאַמע, זאָלן זיך האַלטן בײַ די בערד! און נאָך אין אַ מקום קדוש דערצו! אײ־פע!...

עזריאל דער שמש האָט אָבער אַרויסגעזען אַז אין דעם מאָמענט גראָדע איז זײַן מוסר גאַנץ אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן אַפּן ווינט; אדרבה, ער האָט מיט זײַנע רייד, קאָן מען זאָגן, אונטערגעגעבן נאָך מער היץ, און די צוויי ברידער פון איין טאַטע־מאַמע זײַנען אַזוי ווײַט אַרײַן אין דער רציחה. אַז בײַ איינעם אין האַנט איז געווען אַ זשמוט מיט שוואַרצע האָר (פון מאירס באָרד) און בײַם צווייטן אין האַנט איז געווען אַ זשמוט מיט רויטע האָר (פון שניאורס באָרד), און אויך פלעקן בלויע האָבן זיך באַוויזן בײַ זיי אױף די פּנימער, און בײַ איינעם פון זיי האָט זיך געטאָן אַ לאָז בלוט פון דער נאָז.

כל זמן עס האָט נאָך געהאַלטן בײַ בערד מיט פּעטש, קלעפּ, בורבענצעס וכדומה אַזעלכע מינים זאַכן, האָט עזריאל דער שמש נאָך גע־

קאָנט ריידן אַ פּאָר ווערטער, זאָגן אַביסל מוסר. דערזען אָבער, ווי עס גיסט זיך שוין בלוט, האָט עזריאל מער נישט געקאָנט אײַנשטיין, וואָרעם בלוט — עס מעג זײַן אַפילו פון אַ נאַז — איז זייער אַ מיאוסע זאַך, וואָס פּאַסט פאַר גויים, נישט פאַר ייִדן. פּע, חולשי חלשות!... און עזריאל דער שמש האָט נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך געגעבן אַ לאָזאוועק אין פּאָליש אַרײַן, געכאַפּט אַן עמער וואַסער און געגעבן אַ גאָס־אויס אױף ביידע ברידער.

קאַלט וואַסער איז פון תמיד אָן, זינט די וועלט שטייט, דאָס בעסטע מיטל אױף אויפצומונטערן אַ מענטשן; אַ מענטש, ער מעג זיך זײַן אין גרעסטן כעס, אין ערגסטן גרימצאָרן, אַז ער באַקומט אַ קאַלטע באָד, אַזוי ווערט ער אויפגעפרישט, אָפּגעקילט און קומט צו זײַנע גדאַנקען... פון דעם דאָזיקן אומגעריכטן קאַלטן באָד, וואָס עזריאל האָט זיי מכבד געווען, האָבן די מאירים מיט די שניאורים ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף, האָבן זיך אַ קוק געטאָן איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן אַרײַן און האָבן זיך פאַרשעמט, ווי אָדם מיט חוהן בשעת זיי האָבן פאַרזוכט פונעם עץ־הדעת און דערזען, אַז זיי זײַנען נאַקעט... און טאַקע דעם זעלבן שבת־צו־נאַכטס זײַנען די מאירים מיט די שניאורים געגאַנגען מיט נאָך מענטשן צו רב יוזיפל דעם רב, זיך פאַרלאָזן אױף מענטשן, וואָס מענטשן וועלן געפינען.

ד.

דאָס כתדילעווקע זאָל נישט זײַן אַזאַ העק און ס'זאָל נישט ליגן פאַרוואָרפן אַזוי ווײַט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטן זאָלן, למשל, דערשײַנען גאַזעטן, צײַטונגען און זשורנאַלן, וואָלט די וועלט געוויס געהאַט צו טאָן מיט רב יוזיפל דעם רב. אַלע בלעטער וואָלטן געווען פול מיט אים און מיט זײַן חכמה. חכמים, גרויסע געלערנטע, באַרימטע לײַט פון דער וועלט וואָלטן זיך געלאָזט צו אים, זען אים באַשיינפּערלעך און הערן פון זײַן מויל אַלע קלוגע דיבורים. פאָטאָגראַפן און צייכנער וואָלטן אַראָפּגענומען זײַן בילד און וואָלטן עס פאַרשפּרייט אין אַלע עקן פון דער וועלט. אינטערוויוערס וואָלט אים גערולט דעם קאָפּ, נישט געלאָזט לעבן. זיי וואָלטן וועלן וויסן אַלצדינג. וואָס באַ אים טוט זיך. וואָסער מאכלים ער האָט ליב? וויפל שעה אין טאָג שלאָפט ער? צי גלייבט ער

אין השאָרת־הנפש? וואָס פאַר אַ מיינונג האָט ער וועגן רויכערן סיגאַ־רעטן, און צי האַלט ער פון פאָרן אַף אַ וועלאָסיפּעד, וכדומה? נאָר אַזוי ווי כתרילעווקע איז אַ העק און עס ליגט פאַרוואָרפן ווײַט פון דער גרויסער וועלט, און דאָרטען דערשיינען נישט קיין גאַזעטן, צײַטונגען און זשורנאַלן, האָט די וועלט קיין שום ידיעה נישט פון רב יוזיפל דעם רב. די בלעטער דערמאָנען נישט אַ מאָל זײַן נאָמען. חכמים, גרויסע געלערנטע און באַרימטע לײַט פאָרן נישט צו אים. פאָטאָגראַפן און צייכנער נעמען נישט אַראָפּ זײַן בילד. אינטערוויוערס לאָזן אים צורו. און רב יוזיפל לעבט זיך אָפּ זײַן וועלט שטיל, באַשיידן, אָן געפילדער, אָן טאַרעראַם, קיינער ווייס נישט פון אים צו זאָגן, אויסער די שטאָט כתרילעווקע, וואָס באַוווּנדערט אים, האַלט פון אים אָן עולם ומלואו און גיט אים אָפּ פיל־פיל כבוד (קיין געלט איז אין כתרילעווקע נישטאָ, אָבער כבוד — וויפל איר ווילט!...). זיי זאָגן אַף אים, אַז ער איז אַ נסתר, אַ פאַרבאָרגענער חכם, וואָס באַווײַזט זיך נישט אַרויס מיט זײַן חכמה. נאָר אַז מע קומט צו אים מיט אַ משפט, זעט מען ערשט דעמאָלט אַרויס, ווי עמוק ער איז, ווי טיף, ווי שאַרף, טאַקע נאָר חכמת שלמה!

אָפּגעמאַכט הבדלה און אָפּגעזאָגט המבדיל, זײַנען די מאירס מיט די שניאורס געקומען צום רב רב יוזיפל אַף אַ דין־תורה און האָבן גע־טראָפן דאָרטן שוין אַ פולע שטוב מיט מענטשן. די שטאָט איז נײַ־געריק געווען צו הערן, ווי:אַזוי וועט עס דאָ רב יוזיפל פּסקענען? ווי:אַזוי וועט ער דאָ אײַנטיילן איין־און־איינציקע שטאָט צווישן צוויי ברידער? קודם כל האָט רב יוזיפל געלאָזט די צדדים, זיי זאָלן זיך אַביסל אויס־טענהן. רב יוזיפל גייט מיט דעם גאַנג, אַז פאַרן משפט באַדאַרף מען די צדדים לאָזן טענהן, וואָרעם נאָכן משפט וואָס וועט זיי העלפן דאָס טענהן? נאָכדעם האָט ער געלאָזט אויך עזריאל שמש, ער זאָל ריידן וויפל ער וויל. עזריאל איז דאָך דאָ דער רעכטער עדות. און גלאַט בעלי־בתים האָבן גערעדט, ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן — דער האָט זיך אַרײַנגעמישט מיט אַ וואָרט, און נישט מיט איין וואָרט, נאָר מיט אַ סך ווערטער. רב יוזיפל איז אַ מענטש, ברוך־השם, וואָס לאָזט ריידן אַלעמען. איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז רב יוזיפל איז אַ שטיקל פילאָזאָף: ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז וויפל אַ מענטש זאָל נישט ריידן, מוז ער אַמאָל אויפהערן.

כך הוה. די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט — און האָט

אויפגעהערט צו ריידן. און אַז דער עולם האָט אויפגעהערט צו ריידן, האָט זיך רב יוזיפל אָנגערופן צו די מאירס און די שניאורס לאַנגזאַם, שטיל און בנעימות, ווי זײַן שטייגער איז, בזה הלשון:

— שמעו נא, רבותים, הערט זשע צו, ייִדן, די מעשה דערפון איז אַזוי. ווערליק איך האָב אויסגעהערט דאָ אײַערע ביידנס טענות און די אַלע טענות פון אַלע איבעריקע בעלי־בתים, זע איך, אַז איר זײַט נעבעך ביידע זייער גערעכט. איר האָט נעבעך ביידע געהאַט איין טאַטן — און אַ שיינעם טאַטן, לאָז ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. דער חסרון איז נאָר, וואָס ער האָט אײַך נעבעך ביידן איבערגעלאָזט סך־הכל איין שטאָט. אַוודאי איז בײַ אײַך ביידן טײַער דעם טאַטנס שטאָט, פּאָרט אַן אייגענע שטאָט פון מזרח־וואַנט, אינעם אַלטן, אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש. מיט דער האַנט אַוועקמאַכן קאָן מען דאָס נישט. נאָר וואָס דען? כשם ווי ס'איז אוממעגלעך, אַז איין מענטש זאָל קאָנען פאַרנעמע צוויי שטעט, אַזוי איז אוממעגלעך, אַז צוויי מענטשן זאָלן זיך באַנוגענען מיט איין שטאָט. אַדרבה, מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז אַ סך לײַכטער, אַז איין מענטש זאָל פאַרנעמען צוויי שטעט, איידער אַף איין שטאָט זאָלן זיצן צוויי מענטשן; וואָרעם אַז איין מענטש זאָל, למשל, האָבן צוויי שטעט, זעצט ער זיך אַנידער אַ מאָל אַף דער שטאָט און אַ מאָל אַף יענער, אָבער אַז צוויי מענטשן זאָלן זיך פּרוּוון אין איין צײַט זעצן אַף דעם זעלביקן אָרט — קאָן דאָס נישט זײַן. למשל, אָט האַלט איך די רעכטע האַנט אָט־דאָ אַף דעם ספר. לאָם איך, אַשטייגער, ווערן אין דער אייגענער צײַט האַלטן די לינקע האַנט אַפן זעלביקן אָרט, ווו איך האַלט די רעכטע האַנט — קאָן איך נישט. פאַרוואָס? ווײַל דער אייבערשטער האָט אַזוי באַשאַפן די וועלט, און אַ מענטשנס פאַרשטאַנד קאָן דאָס מיטן שכל נישט משיג זײַן. נישט מער, בלײַבט דאָך איבער די קשיא: וואָס טוט מען נעבעך מיט צוויי ברידער, אַז זיי האָבן פּאָרט געהאַט נעבעך נאָר איין טאַטן, וואָס האָט זיי איבערגעלאָזט סך־הכל איין שטאָט? איטלעכן ווילט זיך — פּאָרט אַן אייגענע שטאָט אין מזרח־וואַנט, אינעם אַלטן, אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש. מיט דער האַנט אַוועקמאַכן קאָן מען דאָס נישט! קומט אויס: י ח ל ו ק ו, אַז מע זאָל זיך טיילן. ווי‌אַזוי זשע טיילט מען אַ שטאָט? אַ שטאָט איז דאָך נישט קיין... קיין... עפּל, וואָס מע צעשנײַדט אים אַף דער העלפט און מע זאָגט: נאַ דיר אַ האַלבע שטאָט און נאַ דיר אַ האַלבע שטאָט. איז פאַראַן

אָבער אַן עצה, אַז איר זאָלט ביידע זיצן אין מזרח־וואַנט אַ שטאָט נעבן אַ שטאָט. דאָס האָב איך שוין דערקלערט, ברוך־השם, מיט מײַן אייגע־נעם שכל. דהיינו, וויאַזוי? אַזוי ווי אײַער טאַטנס שטאָט און מײַן שטאָט זײַנען צוויי שטעט, אַ שטאָט נעבן אַ שטאָט, זעצט איר זיך, ברידערלעך, אױף די ביידע שטעט, וועט איר זיך זיצן געזונטערהייט ביידע, אַ שטאָט נעבן אַ שטאָט, און וועט זיך פאַרשפּאָרן קריגן. אַ י וואָס? די קשיא: וואָס וועל איך טאָן אָן אַ שטאָט? איז דער תירוץ: ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז אַ רב אָדער גלאַט אַ ייִד מוז דווקא האָבן אַן אייגענע שטאָט, און דווקא אין מזרח־וואַנט, און דווקא אינעם אַלטן בית־המדרש? וואָרעם, לאָמיר זיך גוט באַטראַכטן: וואָס איז אַ בית־המדרש? אַ מקום קדוש. וואָס גייען מיר אין בית־המדרש אַרײַן? תפילה טאָן. צו וועמען? צום אייבערשטן, ווו געפינט ער זיך? אומעטום, ס׳איז מלא כל הארץ כבודו — פול די גאַנצע וועלט! ווי באַלד אַזוי, הײַנט וואָס איז דאָ שײַך מזרח, צפון, דרום, גאַנץ אויבן־אָן, אָדער גאָר בײַ דער טיר? אַבי אַ מקום קדוש און אַבי געדאַוונט! משל למה הדבר דומה — צו וואָס איז דאָס געגליכן? צו אַ מלך, וואָס זײַנע צוויי קנעכט זײַנען געקומען צו אים אין פּאַלאַץ אַרײַן בעטן בײַ אים אַ טובה. פּלוצעם האָבן זיך די קנעכט צעאַמפּערט צווישן זיך און זײַנען פאַרן מלך אין די אויגן אַרײַנגעפאַלן איינער דעם אַנדערן אין די בערד אַרײַן און האָבן גאָר פאַרגעסן, צוליב וואָס זיי זײַנען געקומען און פאַר וועמען זיי שטייען; האָט זיי דער מלך מסתמא גוט מכבד גע־ווען און האָט באַפוילן, מע זאָל זיי מחילה אַרויספירן: ממה נפשך, איר ווילט זיך רײַסן בײַ די בערד, גייט אײַך געזונטערהייט אין דרויסן אַרויס און רײַסט אײַך דאָרטן וויפל אײַער הארץ גלוסט! וואָס האָט איר צו קריכן צום קייזער אין פּאַלאַץ אַרײַן, אַז איר ווייסט ניט, וויאַזוי צו האַלטן זיך?... דאָס איז דער משל, און דער נמשל זײַט איר. גייט זשע אײַך, קינדערלעך, אַהיים און לעבט אײַך אין פרידן, און לאָז אײַער פאָטער זײַן דאָרטן אַ מליץ־יושר פאַר אײַך און פאַר אונדז און פאַר כלל ישראל.

אַזוי האָט געפּסקנט רב יוזיפל דעם משפּט, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען אַהיים.

אױף איבעראַכטאָג שבת זײַנען די מאירים מיט די שניאורים געקומען אין בית־המדרש און האָבן זיך אָוועקגעשטעלט דאַוונען בײַ דער טיר.

וויפל מע האָט זיי ניט געבעטן, עזריאל דער שמש פון איין זײַט און רב יוזיפל דער רב פון דער אַנדערער זײַט — זיי האָבן נישט געוואָלט זיך זעצן אין מזרח־זײַט בשום אופן ואופן.

ווער ס'איז אַ בעלן אַף אַן אייגענער שטאָט אין מזרח־וואַנט, אײ־נעם אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש, די אַנדערע שטאָט פון רב יוזיפל דעם רב, אין גלײַכן געלט, זאָל ער זיך ווענדן קיין כתרילעווקע צו רב שמשונס קינדער, צו מאירן אָדער צו שניאורן — ס'איז אַלץ איינס: מע וועט זי אײַך פאַרקויפן בזיל הזול, וואָרעם קיינער זיצט נישט אַף איר, נישט מאיר און נישט שניאור. עס שטייט אַ ליידיקע שטאָט — אַן עבירה פאַר גאָט!

געשריבן אין יאָר 1902

די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך

(אַ פּאָעמע)

א.

ווי דער מחבר שמועסט זיך אויס אַ ביסל מיט זײַנע ייִדן

אפּנים, אַז כתרילעווקע איז שוין אָנגעצייכנט געוואָרן מן השמים, אַז די דאָרטיקע ייִדן באַדאַרפן האָבן מער צרות פון דער גאַנצער וועלט. ווי ערגעץ אַ מכה, ווי ערגעץ אַ שלאַק, אַ פּורעניות, אַן אומגליק, אַן אָנשיקעניש, אַ בייז באַגעגעניש, — באַדאַרף עס זיי ניט אויספעלן, און פון איטלעכער זאַך באַדאַרפן זיי זיך נעמען צום האַרצן מער פון דער גאַנצער וועלט. מילא, פון דרייפוסן, אויב איר געדענקט, איז קיין חדוש ניט וואָס כתרילעווקע האָט אַזוי געליטן: פּאָרט אַן אונדזעריקער, אַן אייגענער; אייגנס איז, ווי זאָגט איר, ניט קיין פרעמדס. וואָס־זשע פאַר אַ תירוץ וועט איר מיר אויסזוכן אַף די בורן, וואָס די ענגלענדער האָבן זיי אַרײַנגענומען און געמאַכט פון זיי אַ תל? קאַרג האָט זיך געטאָן דעמאָלט אין כתרילעווקע? וויי־וויי, קאַרג איז דעמאָלט בלוט פאַרגאָסן געוואָרן אינעם אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש איבער דעם? שאַט, שרעקט זיך ניט, איר מיינט טאָקע בלוט ממש? חס וחלילה! די כתרילעווקער זײַנען ווײַט פון בלוט: אַ כתרילעווקער, אַז ער דערזעט פון דער ווײַטן אַ שניט פון אַ פינגער, פאַלט ער חלשות. מיינען מיינט מען גאָר עפּעס אַנדערש; מיינען מיינט מען יסורים, האַרצווייטיק, בזיונות. און איבער וואָס, מיינט איר? נאָר איבער דעם, וואָס מענטשן קאָנען זיך ניט אויסגלײַכן מיט די דעות; זאָגט דער אַזוי, זאָגט דער: טאָמער פאַרקערט? האַלט דער מיט די בורן און נעמט זיך אָן זייער קריוודע:

סטייטש, וואָס האָט מען נעבעך צו אַן אָרעם פֿאָלק, וואָס טשעפּעט קיינעם ניט, וואָס וויל זיך זיצן שטיל און רויִק אַרבעטן די ערד? קומט דער אַנדערער און ווערט אַ שתדלן פֿאַרן ענגלענדער, באַווײַזט־אויס מיט ראיות, אַז די ענגלענדער זײַנען די ערשטע געבילדעטע לײַט אַף דער וועלט. „ממזר! וואָס מיר געבילדעטע, אַז מע בראָקט מענטשן, אַזוי ווי קרויט!" — „ווער איז אײַך שולדיק, אַז איר זײַט אַ בהמה?" — „אַ בהמה זײַט איר גאָר אַליין בצורת פֿערד!"... בקיצור — פּעטש, עדות, פּאַפּירן, מיראָוואָי, אַלדי חלשות! דאַכט זיך, אין פֿלוג, וואָס קער זיך אָן מיט אײַך, קבצנים, דלפֿנים, עניים ואביונים, דלותים, שלעפּערס, אַ לאַנד, וואָס ליגט ערגעץ פֿאַרשטעקט אין אַלדי שוואַרצע יאָר, אין אַפֿריקע? צוי אַשטייגער, אײַך דאַרף טאַקע דאַרן דער קאָפּ פֿאַר סערביע, וואָס עטלעכע אָפֿיצערן האָבן זיך מיישב געווען און האָבן איינמאָל אין מיטן באַנאַכט זיך אויפֿגעכאַפּט, אַנגעפֿאַלן און געהרגעט דעם קיסר אַלכּסנדר און די קיסרינע דראַגע און אַרויסגעוואָרפֿן זיי דורכן פֿענצטער אין דרויסן אַרויס? סטײַטש, זאָגט איר, אָנפֿאַלן אַף יענעם בשעת ער שלאָפֿט און מאַכן אים די קץ, דאָס פּאַסט, זאָגט איר, פֿאַר פּראַים, ווילדע מענטשנפֿרעסער, דאָרטן ערגעץ, אין די מדבריות? איך פֿרעג אײַך אָבער אַן אַנדער זאַך: וואָס גייט דאָס אײַך אָן מער פֿון אַלעמען? איר האָט שוין טאַקע קיין שום דאגות נישט? חתונה געמאַכט און פֿאַרזאָרגט אַלע קינדער — און אַן עק? איך פֿרעג אײַך, למאַי זאָלט איר האָבן אַ טבע אַרײַנשטעקן אומעטום די נאָז אַהײַנערע? גלייבט מיר, די וועלט וועט זיך באַגיין אָן אײַך, און איטלעכער וועט זיך מסתמא באַשטיין זײַן שטעטל!...

דער מחבר בעט דעם לעזער, ער זאָל קיין פֿאַראיבל נישט האָבן, וואָס ער רעדט אַזעלכע האַרבע ווערטער מיט זײַנע כתרילעווקער לײַט! איך בין פֿאַרשטייסטו מיך, ליבער פֿרײַנט, אַליין אַ כתרילעווקער. דאָרט בין איך געבאָרן, דאָרט בין איך אויפֿגעוואַקסן, דורכגעגאַנגען אַלע זייערע חדרים און שקאָלעס, דאָרט האָב איך חתונה געהאַט למזל און זיך אַוועקגעלאָזט נאָכדעם מיט מײַן קליין שיפֿל אַף דעם גרויסן ברייטן רעשדיקן ים, וואָס מע רופֿט אים „לעבן" און וואָס די כוואַליעס זײַנע וואַרפֿן העכער הײַזער, און כאָטש מען איז שטענדיק אינעם דאָזיקן טומל פֿאַרטאַרעראַמט און פֿאַרטראַסקעט, פֿונדעסטוועגן האָב איך נאָך אַף קיין מינוט נישט פֿאַרגעסן מײַן זיסע ליבע היים כתרילעווקע זאָל מאריך

ימים זײַן, מיט מײַנע ליבע זיסע ברידער, די כתרילעווקער ייִדן, זאָלן זיך פּרוכפּערן און מערן; און אַלע מאָל, ווען עס טרעפט זיך דאָ בײַ אונדז עפּעס אַן אויסגאַס, אַ צרה, אַ בראַך, אַן אומגליק, טראַכט איך מיר בשעת מעשה: וואָס טוט זיך אַצינד ד אָ ר ט ן, איך מײַן פּאַטער־לאַנד?... כתרילעווקע, דאַרפט איר וויסן, ווי קליין און אָרעם און עלנט און פאַרוואָרפן דאָס זאָל נישט זײַן, איז דאָך געבונדן מיט דער גאַנצער איבעריקער וועלט, ווי מיט אַ מין דראָט אַזעלכן, וואָס אַז מע גיט אַ קלאַפּ אין איין עק, גיט זיך עס אָפּ באַלד אינעם אַנדערן עק! אָדער איך קאָן זאָגן אַזוי: כתרילעווקע איז געגליכן צום קליינעם קינד אין דער מאַמעס בויך, וואָס איז געבונדן, צונויפגעוואַקסן מיט דער מוטער דורכן נאָפּל און פילט אַלצדינג גלײַך מיט דער מוטער: טוט ווײ דער מאַמען — טוט ווײ דעם קינד; טוט ווײ דעם קינד — טוט ווײ דער מאַמען. אַ חדוש איז מיר נאָר אויף איין זאַך: פאַרוואָס פילט כתרילעווקע אַלעמענס צרות מיט אַלעמענס ווייטיקן פון דער גאַנצער וועלט, און קיינער, קיינער פילט נישט דעם ווייטיק פון כתרילעווקע; קיינער, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט די כתרילעווקער? דאָס כתרילעווקע איז עפּעס אַ מין שטיפקינד בײַ דער וועלט. וואָס בײַ אַן אומגליק חלילה, בײַ אַ חולה מסוכן אין שטוב דערפילט עס פריִער פון אַלעמען, ווערט אויסגעריסן מער פון אַלעמען, טאַנצט־אַרום, שלאָפט נישט קיין נעכט, קריכט אין דער ערד אַרײַן, שונאַ־ציון! און זאָל דאָס שטיפקינד פאַלן פון די פיס און אַליין קראַנק ווערן, מעג זיך עס ליגן, נישקשה, אַליין ערגעץ אין דער קרענק, אין אַ ווינקעלע, גליִען ווי אין אויוון, אויסגיין פון הונגער, חלשן אַ טרונק וואַסער — קיינער, זײַט זיכער, וועט זיך אויף דעם נישט אַרומקוקן...

ב.

אַ קליין בריוול און אַ גרויסער רעש

נאָך אַזאַ מין הקדמה וועט שוין איטלעכער גרינג פאַרשטיין און זיך קאָנען פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַ קאַכעניש ס'איז געווען אין כתרילעווקע דעמאָלט, נאָך דער שיינער חתונה, וואָס האָט זיך געטראָפן דעם גוטן פּסח, נישט הײַנט געדאַכט... נאָך איידער ס'איז אָנגעקומען צו

זײדלען דאָס „בלאַט" און מע האָט נאָך נישט געװוּסט פון גאָרנישט. האָט אײנער אַ שוחט באַקומען פון זײַנעם אַן אײדעם אַ בריװל, װאָס מיר גיבן דאָס איבער װאָרט אין װאָרט, מיט דעם לשון, װי ס'איז געשריבן געװאָרן, איבערגעזעצט אױף פּראָסט זשאַרגאָן, בכדי אַלע זאָלן דאָס פאַר־שטײן.

„לכבוד צו מײַן געליבטן טײַערן שװער דעם באַרימטן חכם, װאָס זײַן נאָמען לאָזט זיך הערן אין אַלע עקן פון דער װעלט, און צו מײַן געליבטער טײַערער שװיגער די ערלעכע און די קלוגע און די פרומע, װי די שטערן זאָלן זײערע נעמען טון שײַנען ביזן עק װעלט אַרײַן, פריד זאָל זײַן צו זײ און פריד צו זײער הױזגעזינט און צו אַלע ישראל, אָמן.

„מיט ציטערדיקע הענט און מיט געשטרױבלטע קני טו איך צו אײַך שרײַבן די דאָזיקע װערטער. הנה זײַט װיסן, אַז די פּאַגאָדע האָט זיך בײַ אונדז שטאַרק געביטן, אַ האַנט פון אַ מענטשן און אַ בלײַענע פעדער איז גאָר נישט אימשטאַנד דאָס צו באַשרײַבן... רק מיר זײַנען אַלע, ברוך השם, געזונט און שטאַרק, איך און זוגתי מרת דבורהלע זאָל לעבן און אַלע קינדערלעך זאָלן געזונט זײַן, יאָסעלע און פײגעלע און עזריאליקל און חנהלע און גנענדל, אַ חוץ נאָר, װאָס מען איז אָנגעשראָקן זײער שטאַרק פונעם האָגל און פונעם שטורעמװינט, װאָס דאָ איז געװען, נאָר דאַנקען גאָט, ס'איז אַלץ איבערגעגאַנגען און מע האָט שױן קײן מורא נישט מער פאַר קײנעם, װי אַלע מענטשן, און מיר בעטן אײַך, איך און זוגתי דבורהלע, איר זאָלט חלילה גאָרנישט איבערטראַכטן, מיר אַלע און קינדערלעך יאָסעלע און פײגעלע און עזריאליקל און חנהלע און גנענדל זײַנען ברוך השם אַלע געזונט, און איר זאָלט אונדז למען השם באַלד אױסשרײַבן אַלצדינג, װאָס הערט זיך בײַ אײַך, װי אַזױ איז בײַ אײַך די פּאַגאָדע, און צי איר זײַט געזונט, און למען השם פון אַלצדינג באַריכות!"

* * *

שױן לאַנג האָבן קלוגע מענטשן באַמערקט אין זײערע באַשרײַבונגען, אַז אַזעלכע בריהס אױף צו לײענען צװישן די שורות, װי ידוע, געפינט איר נישט אױף דער גאַנצער װעלט. באַװײַזט זײ אַ פינגער — װעלן זײ אײַך טרעפן װאָס איר מײנט. זאָגט זײ אַ װאָרט — װעלן זײ אײַך באַלד זאָגן אַנדערע צװײ. נישטאָ פאַר זײ קײן פאַרשטעלטע שװערע זאַך, נישטאָ פאַר זײ קײן פאַרבאָרגענע רעטענישן.

דעם שוחטס אײדעמס בריוול איז געגאַנגען מיד ליד, און דעם שוחטס אײדעם אַלײן איז נישט אַרױס באַ זײ פֿון מויל אַף קײן מינוט, און אַלע האָבן דערצײלט אײנס דאָס אַנדערע שרעקלעכע מעשיות מיט אַלע פּיטשעװקעס, גלײַך װי זײ זײַנען אַלײן געװען דערבײַ, און אַ שװאַרצער שאָטן, אַ ביטערע מרה־שחורה האָט זיך אױסגעצױגן איבער זײערע פּנימער: צוגענומען געװאָרן באַ זײ מיטאַמאָל די פֿרײלעכקײט אַף שטענדיק. אײן שטיקל נחמה, אײן שטיקל האָפֿענונג איז געװען באַ זײ: טאָמער איז דאָס אַ דמיון, אַ ליגן — אַ קשיא אַף אַ מעשה, דעם שוחטס אײדעם, אַ יונגערמאַן אַ משכיל און אַ שײנער שרײַבער אַ בעל־לשון־קודש, אפֿשר צוליב דער שײנער מליצה איז ער פֿאַרקראָכן דער רוח װײס װוהין? װײס איך — פּזמונות, סע קאָן נישט זײַן! און בכדי צו שטאַרקן אײנער דעם אַנדערן און צעטרײַבן די מרה־שחורה, האָט מען גענומען דערצײלן שײנע מעשיות פֿון די הײַנטיקע יונגעלײַט די משכילים מיט זײער מליצה־שרײַבן, װאָס אַן אַנדערש מאָל האָט מען זיך באַדאַרפֿט האַלטן באַ די זײַטן לאַכנדיק. דער חסרון איז אָבער געװען, װאָס אַצינד האָט קײנער נישט געלאַכט. עס האָט זײ נישט גענומען קײנעם קײן געלעכטער. עפּעס אַ משונה־מאָדנער אומעט האָט זיך אױסגעגאָסן אַף אַלעמען, און דאָס האַרץ האָט איטלעכן געזאָגט, אַז ד אָ ר ט האָט באַדאַרפֿט פֿאָרקומען עפּעס זײער אַ מיאוסע מעשה, און דער עולם איז אַװעק צו זײדלען.

זײדל, אונדזער אַלטער באַקאַנטער זײדל, דער אײנציקער װאָס שרײַבט אױס דעם בלאַט, איז נאָר־װאָס געקומען פֿון דער פּאָסט אַ צעקאָכטער, אַ צעטראָגענער, דאָס פּנים פֿינצטער װי די ערד און װי אָנגעברוגזט אַף דער גאַנצער װעלט. און מע האָט זיך דערװוסט, אַז די מעשה איז טאַקע אַן אמת.

„אַ גליק, װאָס כאָטש דאָ אין כתרילעװקע קאָן אַזאַ חתונה נישט פֿאָרקומען, װאָס דאָ קאָן אַזאַ אומגליק נישט געשען!"

אַזױ האָבן זײ זיך געטרײסט אײנס דאָס אַנדערע, נאָר אין האַרצן האָבן זײ זיך געטראַכט: אַ קשיא אַף אַ מעשה — באַ גרױסע װינטן קאָן פֿון אײן פֿונק װערן אַ שרפֿה, זיך אױסלאָזן מיט אַ העליש פֿײַער. און די כתרילעװקער ייִדן האָבן זיך אָנגעהױבן פֿאַװאָלינקע אַרומקוקן, װוּ האַלטן זײ אַקאָרשט מיט זײערע שכנים, מיט די „אַנדערע פֿעלקער"...

ה.

רעדט פון כוועדאָר דעם שבת־גוי און פון ערלים בכלל

אויב כוועדאָר דער שבת־גוי, וואָס פאַרלעשט די ליכט פרײַטיק־צו־נאַכטס פאַר גאַנץ כתרילעווקע, און האַקט די געשטופלטע, וואָס שמירט די הײַזער און מעלקט די ציגן פון דער גאַנצער שטאָט, וכדומה נאָך אַ סך אַזעלכע ערלים קאָן מען אָנרופן מיטן נאָמען „אַנדערע פעלקער", מוזן מיר קומען דערצו, אַז כתרילעווקע האָט כלל וכלל נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, און די דאָרטיקע ייִדן וואָלטן זיך געקאָנט זיצן רויִק ביז משיח וועט קומען, וואָרעם זיי לעבן פון קדמונים מיט די דאָזיקע „פעלקער" אַזוי גוט, וואָס בעסער קאָן שוין, דאַכט זיך, גאָר נישט זײַן. כוועדאָר ווייס ווויל, אַז כאָטש דער מיוחס, דער תושב אין כתרילעווקע איז ער, פונדעסטוועגן מוז ער הייצן שבת בײַ די ייִדן די הרובעס, פאַרלעשן זיי די ליכט און אַרויסטראָגן די פּאָמעניצע וכדומה אַזעלכע גראָבע אַרבעט, וואָס ער איז צו זיי געוווינט געוואָרן פון כמה וכמה יאָרן. און אויב איר מיינט, אַז עס פאַרדריסט אים אפשר אַף ייִדן, האָט איר אַ טעות: ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז ער איז ער און זיי זײַנען זיי; די גאַנצע וועלט קאָן נישט באַשטיין פון סאַמע גענעראַלן, עס מוזן זײַן אויך פּראָסטע סאָלדאַטן. אמת, אַ סך גענעראַלן, דאָס הייסט כתרילעווקער ייִדן, וואָלטן זיך אפשר געביטן מיט כוועדאָר דעם פּראָסטן סאָלדאַט; נאָר צוריק, אַז מען וויל שמועסן דאָס אייגענע פאַרקערט, מוז מען האָבן גענעראַלן אויך, פון סאַמע סאָלדאַטן קאָן די וועלט קיין קיום נישט האָבן — און ביידע צדדים זײַנען צופרידן: זיי, די גענעראַלן פון כתרילעווקע, וואָס האָבן ווער ס'זאָל זיי באַדינען, אַז ס'קומט שבת, און ער, דער סאָלדאַט, וואָס האָט וועמען צו באַדינען און כאַפּן בײַ וועמען אַ שטיקל קוילעטש און בײַ וועמען אַ טרונק בראָנפן.

— אַכאָדי נאָ סיודי, כוועדאָר סערדצע! נאַ פּיי טשאַרקאַ לחיים, אַ סיבה דיר אין פּנים! — זאָגט מען צו אים שבת נאָכן קידוש, און כוועדאָר טוט אויס דאָס היטל, האַלט דאָס גלעזל מיט צוויי פינגער, בייגט זיך און ווינטשעוועט אַלעמען אַ גוט יאָר.

— דאַי באָזשע זדראַווסטוואָוואַט! — און ער קערט איבער דאָס גלעזל מיטן קאָפּ אינאיינעם און פאַרקרימט זיך שטאַרק־שטאַרק, מאַכט

אזא תנועהלע, גלײַך ווי ער טרינקט דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן אזא ביטערע משקה:

— דזשע הירקע, נעכיי יאָמו סטאַ טשערטיוו אי אָדנאַ ווידמאַ!*

— נאַ, זאַקוסי מיט אַ קרענק דיר אין די ביינער אַרײַן, שמאַטאָק שבתקאָווע בולקע! — זאָגט מען אים און מען איז אים מכבד מיט אַ שטיקל קוילעטש.

וועדליק כתרילעווקער ייִדן שילטן כוועדאָרן מיט טויטע קללות, קאָנט איר אפשר איבערקלערן, אז מע מיינט דאָס חלילה ערנסט? זאָל אײַך גאָט היטן פון אזא געדאַנק! זיי וועלן אײַך פאַר כוועדאָרן נישט אוועקגעבן קיין זאַק באַרשט, דערפאַר וואָס ער איז אַן ערל אַן ערלע־כער; גאָלד מעג ליגן — וועט ער זיך נישט צורירן, און טאָן וועט ער אײַך פאַר צען רוחות: אויסהייצן די הרובע, ארויסגיסן די פאָמע־ניצע, צוהאַלטן די ציג ביז האַפקע וועט זי אויסמעלקן, אַרײַנטראָגן שפּענער, אָנגיסן וואַסער אַ פאַס, איבערשווענקען דאָס געפעס, ווי אַ רעכטע בעל־הביתטע, און אונטער אַ נויט — זיך שטעלן צווויגן דאָס קינד אויך. קיינער קאָן נישט אַזוי פאַרשלעפערן אַ קינד, ווי כוועדאָר; קיינער קאָן נישט אַזוי זאַבאַווען, פאַרשפּילן אַ קינד, ווי כוועדאָר, קנאַקן מיט דער צונג, פײַפן מיט די ליפּן, קלאַפּן מיט די פינגער, באַרכלען מיטן האַלדז און כריוקען ווי אַ חזיר וכדומה אַזעלכע שטיק. און דערפאַר האָבן די כתרילעווקער ייִדישע קינדער ליב דווקא כוועדאָרס שוואַרצע שטשעטינעדיקע מאָרדע און דווקא כוועדאָרס גראָבע שטעכעדיקע סוויט־קע, און ווילן נישט אַראָפּ פון זײַנע הענט. די כתרילעווקער בעל־הבית־טעס זײַנען דערפון דווקא ווינציק וואָס צופרידן, ווײַל עס מאַכט זיך גאַנץ אָפט, אַז די קינדער ווילן עסן, און ס'איז נישטאָ וואָס, קאָן זיי אונטעררוקן כוועדאָר בסוד אַ שטיקל ברויט פון טאָרבע מיט עפּעס נאָך און אָנהאָדעווען זיי, חס וחלילה, מיט מי יודע וואָס... נאָר ס'איז אַ טעות, כוועדאָר וועט אַזאַ זאַך נישט טאָן: ער ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָס זיי עסן — מעג ער, כוועדאָר, אויך עסן, און דאָס וואָס ער, כוועדאָר, עסט — טאָרן זיי נישט עסן. פאַרוואָס? — דאָס איז שוין נישט זײַן עסק. למאַי אַ בלאָז טאָן דאָס ליכט אים שבת, אָדער אָנרירן זיך באָס לײַכטער, אָדער אָפּטראָגן דעם סדור אין שול

*) שטאַרק ביטער, האָט דעם זיבן שיידים מיט איין מכשפה!

אריין, וכדומה אזעלכע גרינגע ארבעט, איז ער — מעג, און זיי — נישט? קיין חקירות איז נישט שייך, און איטלעכער באדארף זיך האלטן בא זיינעם. און טאמער מאכט זיך א מאל, כוועדאר קאן נישט איינהאלטן זיך און טוט א לאך, למשל, פסח פון דער טרוקענער מצה: „דוזשע טרעשטשיט, נעכיי יאמו סטא טשערטיוו אי אדנא ווידמא!" — האקט מען אים אפ די פליגל און מע ענטפערט אים: „א טוואיא סוויניא, חזיר, לוטשע?" — און כוועדאר בלייבט שטיל.

כוועדאר איז אבער שטיל נאר דעמאלט, ווען ער איז ניכטער, ביז ער פארטרינקט זיך נישט אזוי ווייט, אז ער פארגעסט, ווי אזוי מע רופט אים. דאס טרעפט זיך מיט כוועדארן זייער זעלטן. נאר אז סע טרעפט זיך שוין מיט אים, איז דעמאלט — חיות נישט זיכער! דעמאלט הייבט ער אן זיך שלאגן מיט די הענט אין הארצן אריין, וויינען מיט ביטערע טרערן און שרייען: וואס האט מען צו אים? פארוואס זייגט מען זיין בלוט, פארוואס עסט מען זיין פלייש? אט גייט ער און מאכט א תל־עולם פון גאנץ כתרילעווקע!...

— זשידי נעכריסטי, נעכיי יאמו סטא טשערטיוו אי אדנא ווידמא!... — ער שרייט אזוי לאנג, ביז ער ווערט אנטשלאפן. און אז ער שלאפט זיך גוט אוים און שטייט אויף, קומט ער צוריק צו די ייִדן און איז ווידער דער אייגענער שטילער, ערלעכער „כוועדאר־סערדצע", וואס פריער, גלייך ווי גארנישט געוועזן.

— אדע טוואי טשאביטע, א קרענק דיר אין פנים? — פרעגט מען אים און מע הייבט אים אן זאגן מוסר און שילטן בשעת מעשה מיט טויטע קללות, ווי געוויינלעך: — „שא טי סובי דומאיעש, דו באסיאק איינער? דו וועסט דאך פגרן ערגעץ, בודעש זדאכניט אונטער א פלויט, האב דיר אכציק שווארצע יאר, די כפרה שאב טי באווו פאר כל ישראל, רבונו־של־עולם!"

כוועדאר שטייט און קראצט זיך אין דער פאטיליצע און שווייגט; ער ווייס גאנץ גוט, אז זיי זיינען גערעכט און ער איז אומגערעכט. ער קוקט אראפ צו זיך אף די בארוועסע פיס און טראכט זיך: ווען האט ער געקאנט פארקויפן די שטיוול, נעכיי יאמו סטא טשערטיוו אי אדנא ווידמא?!

אט אזא מין נפש איז כוועדאר.

אויך די אלע איבעריקע נפשות, וואס אין כתרילעווקע, האבן שטענ־

דיק אַ פּאַרקער מיט ייִדן, ווייסן וויל, אַז משׁשת ימי בראשית זײַנען די ייִדן באַשאַפן געוואָרן, זיי זאָלן זײַן קרעמער, סוחרים און איבער־קויפערס; וואָרעם קיינער קאָן אַזוי נישט האַנדלען, דרייען מיטן קאָפּ, ווי אַ ייִד, כי לכך נוצרת, אַף זייער לשון קומט דאָס אויס: „נאַ טאָ וואָני זשידי, שאָב האַנדליאָוואַלי"... און מע באַגעגנט זיך גאַנץ אָפּט אַפן מאַרק, און מע קען זיך איינס דאָס אַנדערע זייער גוט באַ די נעמען, און מע גיט זיך אָפּ כבוד איינס דאָס אַנדערע: הריצקאָ זאָגט הערשקען „מאַשעניק", און הערשקע זאָגט הריצקען „זלאָדיי", און דווקא אין גוטן מוט, און אַז מע צעקריגט זיך שוין גאָר שטאַרק, גייט מען ביידע „דאָ ראַבינאַ", און רב יוזיפּל דער רב, וואָס איז שטאַרק געבאַפּט אין דעם לשון, פּסקנט אַלעמאָל אַף דער האַלב: „נעכאַי באולאָ פּאָלאָווינע" — אַבי נישט דערלאָזן צו אַ חלול השם.

ד.

האַפּקע אַ ייִדישע נשמה און מאַקאַר אַ שונא־ישׂראל

האָבן מיר גערעדט ביז אַהער פון ערלים. אַצינד וועלן מיר אַ ביסל שמועסן וועגן האַפּקע די געשטופּלטע.

האַפּקע רעדט ייִדיש, ווי אַ ייִדיש קינד; אין איר שפּראַך וואַרפן זיך דורך אַ גוזמא לשון־קודש־ווערטער, למשל: „מירטשען, נאַכטייסע, קענאָרע נישט, לאָקשע, לאָוודל, גוטיאָנטע, מאַכריינוואַסער" און נאָך אַ סך אַזעלכע ווערטער; און כוועדאָר הינטער די אויגן האָט באַ איר קיין אַנדער נאָמען נישט, אַ חוץ „כּפּרהניק". האַפּקע איז אַזוי צונויפגעוואַקסן מיט די כּתרילעווקער ווײַבער, אַז ס'איז פאַראַן צײַטן, וואָס סײַ זיי, סײַ זי אַליין פאַרגעסן זיך וואָס זי איז און ווער זי איז, און מע שאַפט זיך מיט איר אַזעלכע אַרבעט, וואָס געהערן זיך אָן צו לויטער ייִדישקייט. למשל: גיין צום רב מיט אַ שאלה, העלפן אויסזאַלצן פליישׁ, כשר מאַכן די עופות, העלפן אַרײַנשלעפן דעם פּסח אין שטוב אַרײַן וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס האַפּקע איז אין דעם געהיט מער ווי אַן אַנדער ייִדיש קינד. זי ציטערט פאַר מילכיקס מיט פליישיקס אימת מות און היט זיך פאַר חמץ אַלע זיבן טעג פּסח, עסט גלײַך מיט אַלע ייִדישע קינדער מצה, רײַבט דעם מרור אַף וואָס די וועלט שטייט, און האָט

דערפון הנאה, ממש ווי אַ ייִדישע טאָכטער. אַ לאַנגע צײַט האָט דער כתרילעווקער פּריסטאַוו נישט געוואָלט גלייבן, אַז האַפּקע איז נישט קיין ייִדישקע, ביז ס'האָט זיך געטראָפן מיט איר אַ מעשה, זייער נישט קיין שיינע... האָט מען זי געפּאַקט און געוואָלט פאַרשיקן ווײַט־ווײַט, איז געווען איר גליק, וואָס אין דער מעשה איז געווען פאַרמישט אַ זײַ־טיקער פאַרשוין, דער שרײַבער פון דער מעשטשאַנסקע אופּראַווע, מאַקאַר כאַלאָדנע, אַ גרויסער שונא־ישראל, אַן אמתער צורר היהודים, איינער פון די גרעסטע אינטעליגענטע אַנטיסעמיטן אין כתרילעווקע. ווען נישט דער רחמנות פון האַפּקען, וואָלטן די דאָרטיקע ייִדן דערלעבט אַ נקמה אין דעם המנען, נאָר מחמת מיט מאַקאַרס מפּלה וואָלט באַדאַרפט אומ־גליקלעך ווערן אויך האַפּקע, האָבן די ייִדישע עדות זיך אַ נעם געטאָן צוריק און געזאָגט פאַרן סלעדאָוואַטל, אַז דאָס וואָס זיי האָבן גערעדט, האָבן זיי געבליט — און דער עסק איז צעריבן געוואָרן... פון דע־מאָלט אָן וואָלט, דאַכט זיך, מאַקאַר האַלאָדנע באַדאַרפט שלום ווערן מיט די ייִדן און ווערן זיי דער בעסטער גוטער פרײַנט; נאָר ווי עפּעס דורך אַ מין קאַפּריז פון דער נאַטור איז ער, אדרבה, געוואָרן נאָך מער צורר־היהודים, נאָך מער אַנטיסעמיט, ווי פריִער.

מאַקאַר האָט פון קינדווײַז אָן, קאָן מען זאָגן, געליטן צרות פון ייִדישן פאָלק און געטראָגן אַ שנאה טיף אין האַרצן תחילת אַף די כתרילעווקער ייִדן אַליין, און נאָכדעם — אַף אַלע ייִדן פון דער גאַנצער וועלט. נאָך בשעת ער איז געווען גאָר אַ קליינער, געטריבן אַ באָרוועסער דעם טאַטנס גענדז אַף דער פּאַשע, פלעגט ער נישט איין מאָל באַגע־גענען זיך מיט ייִדישע קינדער גיין פונעם חדר, און אָנשטאָט אַ „גוט מאָרגן" פלעגט ער זיי, אַף קאַטאָוועס, געוויינטלעך, איבערקרימען ווי זיי ריידן „טאַטעלי־מאַמעלי", טרייסלען בשעת מעשה מיט אַ פּאָלע, נישט צו מיינען דערבײַ חלילה עמעצן באַליידיקן, נאָר גלאַט אַזוי אין גוטן מוט. ייִדישע קינדער אָבער, צאַן־קדשים, יעקבס אייניקלעך, וואָס לערנען חומש מיט רש"י, האָבן זיך דווקא געפונען פאַר אַזאַ זאַך באַליי־דיקט און האָבן אים אָפּגעענטפערט מיט אַ ייִדיש לידל, וואָס כאָטש מאַקאַר האָט די ווערטער נישט געקאָנט פאַרשטיין, נאָר פונעם נוסח און פון זייער לאַכן האָט ער גאַנץ גוט אַרויסגעזען, אַז דאָס מיינט מען אים דערלאַנגען ביזן ביין אַרײַן, און מאַקאַר האָט קיין טעות נישט געהאַט. אָט האָט איר דאָס לידל אַליין:

קישקעס קאָכן
אין דער וואָכן!
מיר א ברויט,
דיר א טויט!
מיר א וואָגן,
דיך באַגראָבן!
מיר א שליטן,
דיך באַשיטן!

נאַרישע קינדער! ערשטנס, איז די מעשה פּונקט קאַפּויר: ברויט האָט מאַקאַר, נישט זיי; אַף א שליטן פאָרט מאַקאַר, נישט זיי! און צווייטנס, ווי אַזוי שטעלן זיך דאָס אײַן ייִדישע קינדער, זיי מעגן זײַן א גאַנצער מנין, זאַטשעפּען זיך מיט מאַקאַרן, ער מעג זײַן איינער? מאַקאַר האָט, נישקשה, א פּאָר ידים, וואָס קאָן באַשטיין פאַר צען גוטע שאַרפע שפּיציקע קעפּלעך פון די בעסטע צען ייִדישע חדר־ייִנגלעך. מאַקאַר האָט זיי דעמאָלט נאָך, אוי־אוי, געגעבן צו פאַרשטיין דעם פשט פונעם פסוק, וואָס זיי האָבן געלערנט אין חדר: „ה ק ו ל ק ו ל י ע ק ב ו ה י ד י ם י ד י ע ש ו"...

שפּעטער, אז מאַקאַר האָט געשטודירט אין „פּריבאַדסקאַיע", האָט ער געהאַט מיט זיי באַגעגענישן זומער אין פעלד, הינטער דער שטאָט, און ווינטער אַפן אײַז, בשעתן גליטשן זיך, און אַלע מאָל האָט געמוזט אַרויס עפּעס א מחלוקת צווישןביידע צדדים. אַף דעם נאָמען „זשיד", וואָס איז דאָך עם גאָר א געוויינלעך וואָרט, ווי למשל „פּאַרך", האָבן זיי אים גראָב געענטפערט: „סווינײאַ", און אַף זייערע אײַנגעגעסענע ליצנות האָט ער זיי געענטפערט מיט קלעפּ און האָט זיי גאַנץ אָפּנטלעך באַוויזן, ווי אַזוי די קינדער ישראל אַנטלויפן פאַר די פלשתים, און ווי אַזוי די פלשתים יאָגן זיי נאָך פון הינטן מיט שטעקענעס און מיט שטיינער, הוקען און טיוקען און פײַפן און סווישטשען:

„א טיו — טיו, זשידי, היי!
טער — טער — טער!..."

ה.

באוויזט, ווי אזוי עס ווערט פון אן אנטיסעמיט א פילאזאף

ווײַטער פון דער „פּריבאַדסקאַיע" איז מאַקאַר נישט געגאַנגען; ער איז געבליבן, נישט דאַ געדאַכט, אַ יתום, געירשעט פון די עלטערן אַ קליין שטיבל מיט אַ שטיקל גאָרטן, און אַ יודע־ספר איז ער דאָך געווען, האָט ער זיך באַלד אַ וואָרף געטאָן צו דער „סלוזשבע", זיך גענומען צו דער פּען, באַקומען אַן אויסגעשריבן הענטל און געוואָרן אין דער כתריַלעווקער מעשטשאַנסקע אופּראַווע שרײַבער, און נאָכדעם סעקרעטאַר, און נאָכדעם כּל ולך — און דאָרט האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן זײַנע באַגעגענישן מיט זײַן רעכט באַקאַנט־ווערן מיט די כתריַלעווקער ייִדן...

די סטיטשקעס, וואָס ער האָט מיט זיי געהאַט, זײַנען תחילת געווען אפילו נישט אַזוי געפערלעך. ביידע צדדים האָבן זיך באַנוגנט נאָר מיט שאַרפע אָנצוהערענישן, מיט שטעכווערטלעך און מיט ליצנות איינס אויף דאָס אַנדערע. ער זיי: „איצקאַ, בערקאַ, אײַ ווײַ, שבת, קוגל!" און זיי אים: „וואַשע־בלאַהאָראָדי" מיט אַ שנעל איבערן קאָלנער און מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז דאָרט קריכט עפּעס אַרום...

עס מאַכט זיך אַמאָל, הערט איר, אַן אָנצוהערעניש, וואָס איז ערגער צען מאָל ווי אין טאַטן אַרײַן געשאָלטן, און פאַראַן ווערטער, וואָס זײַנען ערגער טויזנט מאָל פון פּעטש. און אויף ווערטער זײַנען דאָך די כתריַלעווקער ייִדן די ערשטע בריות, די גרעסטע מזיקים אין דער וועלט! פאַר אַ גלײַכוואָרט וועט אײַך אַ כתריַלעווקער, ווי עס איז שוין באַוווּסט אויף דער גאַנצער וועלט, ניט זשאַלעווען גיין צען מײַל צופוס, ריזיקירן מיט פרנסה, אײַנשטעלן כמעט דאָס לעבן. אַ כתריַלעווקער עני, אַ מקבל, דער וואָס גייט איבער די הײַזער, אַז ער קומט נאָך אַ נדבה און מע גיט אים ניט, בעט ער, מע זאָל אים כאָטש לאָזן זאָגן אַ משל, און סע מאַכט זיך אָפּטמאָל, אַז ער באַקומט פאַר אַזאַ משל אַ מיאוסן פּסק; ער עפנט טאַקע מיטן קאָפּ די טיר, ס'איז אָבער אַלץ כדאי — אַבי אַרויסגעבראַכט אַ גלײַכווערטל. אַט אַזעלכע לײַט זײַנען מײַנע כתריַלעווקער, און איר האָט אַ טעות, אויב איר רעכנט, אַז מע וועט זיי איבערמאַכן, און אויב איר מיינט, אַז איך טו מיך מיט זיי שעמען... נאָר מיר קערן זיך אום צוריק צו אונדזער מאַקאַר.

אומזיסט־אומנישט האָבן זיך די כתרילעווקער יידן געקויפט אַ מסוכנעם שונא. זיי האָבן זיך פאַרגעסן אינעם פסוק: הזהר בגוי קטן. זיי האָבן געמיינט, אַז מאָקאַר וועט אייביק זײַן אַ שרײַבערל אין דער מעשטשאַנסקע אופּראַווע. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ „טאַטנס אַ קינד" און שנײַדט זיך אַף אַ טשין. און מערקווירדיק! זיי האָבן גאָר קיין צײַט ניט געהאַט זיך אַרומקוקן, איז שוין מאָקאַר אויסגעוואַקסן אַ גרויסער, אַ געזונטער, מיט געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס, מיט אַ רויטן אָקאָלעשעק און מיט אַ קנעפּל אַפן קאַשקעט! און קוים האָט ער אָנ־געטאָן דאָס קנעפּל, אַזוי האָט ער זיך באַלד אויסגעבויגן, אַרויסגע־שטעלט דעם בויך, געוואָרן העכער און גרעבער ווי ער איז געווען, באַ־קומען אַ פּאָר ברייטע אַקסלען מיט אַ מאָדנעם שפּאַן — גאָר נישט דער מאָקאַר! ער הייסט שוין גאָר אַ נײַעם נאָמען — מאָקאַר פּאַוולאָוויטש, און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע פּריצים אין שטאָט: מיטן וועטע־רינאַר, מיטן פעלדשער און מיטן פּאָסטמײַסטער, און מיט אַלע.

די גוט־ברודערשאַפט זײַנע מיטן פּאָסטמײַסטער איז אים מער צו־נוץ געקומען, ווי אַלע אַנדערע באַקאַנטשאַפטן, מחמת דאָ, אַף דער פּאָסט, איז געווען אַ קוואַל, פון וואַנען ער האָט געשעפּט זײַן השכלה און אַלע ווייסנשאַפטן פון דער איינציקער גאַזעט „די פאַן", וואָס פרײַער האָט זי דורכגעקוקט, געוויינלעך, דער פּאָסטמײַסטער אַליין. נאָכדעם מאָקאַר פּאַוולאָוויטש, און נאָכדעם שוין דער אַבאָנענט פון דער גאַזעט, אַ פּריצל פון זלאַדיעווקע, ניט ווײַט פון כתרילעווקע, וואָס איז ניט קראַנק געווען צו לייענען די נײַסן שפּעטער מיט עטלעכע טעג. דער רוח וועט אים נישט נעמען, ער שפּילט סײַ ווי סײַ טאָג ווי נאַכט אין סטוקעלקע און באַנעמט די שכנים אַלע אָרום און ווו זיי האָבן ערגעץ אַ גראָשן. אַזוי האָט געזאָגט דער פּאָסטמײַסטער אַליין, און מאַ־קאַר פּאַוולאָוויטש האָט דערווײַל געהאַט צו לייענען און פון וואָס צו ריידן. און מחמת „די פאַן", ווי ס'איז באַוווּסט, איז דאָך אַ יידישע צײַטונג, זי טראָגט שטאַרק אַפן קאָפּ די יידן, זאָרגט זיך פון זייערט־וועגן, זוכט מיטלען ווי אַרום מע זאָל זייערע פּטור ווערן, פאַרשטייט זיך, טאָקע פון זייער טובה וועגן, האָט דאָס געגעבן אונדזער מאָקאַרן שטאָף אַף צו באַקענען זיך גוט מיט יידן אָרום און אָרום פון אַלע זײַטן, און ער איז געוואָרן מיט גאָטס הילף אַ חריף אַ געזונטער אין יידישע ענינים, אַ גאון־עולם אין תלמוד און אין שלחן־ערוך און אין אַלע יידי־

שע דינים און מנהגים: מכוח פראצענט נעמען, מכוח אפנארן און אויס־נארן, און אפילו מכוח באנוצן קריסטלעך בלוט אף פסח. די אלע זאכן האבן אונדזער פילאזאף מאקאר אזוי שטארק פאראינטערעסירט אז ער האט דאס געוואלט דערגיין טאקע פונעם מקור, פונעם שורש, טאקע בא די כתרילעווקער יידן אליין, וואס כאטש ער האט זיי פריינט, ווי א ייד חזיר, פונדעסטוועגן האט ער צווישן זיי גוטע פריינט, וואס ער לעבט מיט זיי נאך עד היום גאר קיין מעשה ניט.

ה.

מרדכי־נתן דער נגיד און טעמע־ביילע זיין „פרוי".

איינער פון די ערשטע גוטע פריינט מאקארס אין כתרילעווקע איז מרדכי־נתן דער נגיד און דער חשוב אין שטאט, וואס איז שקול כנגד אסאך, אסאך אנדערע בעלי־בתים.

דער נגיד מרדכי־נתן, ווי געוויינלעך, א נגיד, האלט די שטאט בא זיך אין בוזעם, טוט מיט איר וואס ער וויל, ווארעם ער איז א בעל־טאקסע, ער איז גבאי, ער איז ראש וראשון, ער איז דער רעדלפירער, ער איז אלץ — מיט איין ווארט, ער איז דער נגיד. כאטש, אז מע וויל שמועסן אין תוך ארוין: אין וואס באשטייט זיין נגידותשאפט — דאס ווייס קיינער נישט. למשל, אז איר וועט אנכאפן א כתרילעווקער און א פרעג טאן אים: וויפל, אשטייגער, פארמאגט מרדכי־נתן? וועט ער זיך אפשטעלן, זיך א נעם טאן באם בערדל, א מאך טאן מיטן קאפ און אויסציען מיט א ניגון און מיט א טיפן זיפץ דערביי:

— מרדכי־נתן? בוץ זיין שאדן אף מיר געזאגט געווארן, כאטש האלב, כאטש א הונדערט־חלק; איר שפילט זיך מיט מרדכי־נתנען? מרדכי־נתן איז א ייד א נגיד!

— וואס־זשע הייסט א נגיד? אין וויפל, אשטייגער, קאן מען אים שאצן?

— שאצן? שייך זאגן שאצן? עס לאזט זיך דען אפשאצן?

— פארט וואס האט מרדכי־נתן?

— מרדכי־נתן? ערשטנס, האט מרדכי־נתן א שטוב אן אייגענע.

— נו?

— מיט א הויף אן אייגענעם.
— נו?
— מיט ציגן עטלעכע.
— נו?
— היינט א קלייט? א שארפע קלייט!
— נו?
— היינט די טאקסע?
— נו?
— ווידער אמאל נו און אבער אמאל נו. וואס האט איר זיך צע־נוקעט? א יידן איז דיר נאך קארג! וואס האט איר געוואלט? ער זאל עפענען א באנק? שיטן מיט גאלד? פארן אין קארעטעס?

און דער כתרילעווקער גייט אוועק פון איך א ברוגזער — און איז גערעכט. ווארעם וואס קאן א מענטש פארלאנגען מער ווי מרדכי־נתן איז, אז ער איז פארט דער נגיד, פארט דער ראש וראשון, פארט דער חשוב אין שטאט? ווער איז גבאי אין חברה־קדישא? ווער איז ראש וראשון? ווער איז תקיף אין שטאט? מרדכי־נתן. ווער מאכט אלע שבת־צו־נאכטס א מלוה־מלכהלע פאר די שבעה טובי העיר? מרדכי־נתן. ווער איז א חשוב בא נאטשאלסטווע? מרדכי־נתן. הכלל — מרדכי־נתן, מרדכי־נתן!

מרדכי־נתן, פארשטייט איר, ווייס וויאזוי מע באדארף זיך בא־גיין מיט א וועלט, וויאזוי מע באדארף פירן מיט נאטשאלסטווע. אלע פריזיטיק־צונאכטס האט ער צו־גאסט בא זיך אף פיש דעם פריסטאוו. דער כתרילעווקער פריסטאוו איז א גרויסער ליבהאבער פון יידישע פיש, און אלע־מאל, ווען ער עסט זיי, קאן ער זיך גארניט אפלויבן, וויאזוי גוט מע קאכט בא יידן פיש, ווי בעטעמט זיי זיינען, זיס ווי צוקער — ממש ער לעקט די פינגער.

— נעמא לוטשע יאק זשידאווסקא ריבא סטיארטעם כרענאם! — זאגט ער אלע מאל מיט דעם אייגענעם נוסח.

דעם בעל־הבית און דער בעלהביתטע איז דער קאמפלימענט, אפ־נים, שטארק געפעלן, מחמת זיי קוועלן ביידע, ווערן ברייטער ווי לענ־גער, שוויצן אזש פאר תענוג, און מרדכי־נתן וויל איינריידן דעם גאסט, אז ס'איז פאראן בא יידן נאך בעסערס ווי פיש מיט כריין. דער גאסט וויל ניט גלייבן:

— דהיינו?

— דהיינו...

און מרדכי־נתן זוכט עפּעס אַזעלכעס בײַ ייִדן, וואָס זאָל זײַן נאָך בעסער פון פיש מיט כריין, און האָט מורא אַרויסזאָגן. צימעס? טאָ־מער בלײַבט ער וואַרטן ביזן צימעס — וואָס דאַרף ער אים? קוגל? טאָמער הייסט ער עפּענען דעם טשאָלנט אין מיטן פּרייטיק־צו־נאַכטס? אַ קשיא אַף אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך טרעפן מיט אַ ייִדישן קוגל?... און מרדכי־נתן קומט־אָפּ מיט אַ קליין געלעכטערל: „בע־בע". דערויף ענטפערט אים דער גאַסט: „בע־בע־בע". און מרדכי־נתן איז צופרידן, וואָס יענער לאַכט, העלפט ער אים לאַכן: „בע־בע־בע־בע!" און בשעת מעשה דערלאַנגט דער גאַסט דעם בעל־הבית מיטן עלנבויגן אין זײַט אַרײַן און אַ שמייכל צו דער בעל־הביתטע, און דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע ווערן צעשמאָלבן פאַר תענוג.

פּלוצעם כאַפּט זיך אויף דער גאַסט, ווישט זיך אויס די הענט און דאָס מויל מיטן קלאָר ווײַסן טישטעך פונעם טיש, פאַרשפּילעט זיך אַף אַלע קנעפּ און טוט אַ זאָג שוין ערנסט, אָן אַ שום סימן פון ליצנות:

— צײַט אַף „סלוזשבע"!...

און מרדכי־נתן מיט טעמע־בײַלען שטייען אויף לכבוד דעם גאַסט אים באַגלייטן, קוקן אים אין פּנים אַרײַן מיט אַזעלכע אויגן, ווי אַ הונט קוקט אָפּן בעל־הבית, וויל וויסן מיט וואָס ער שמעקט, בייגן זיך און נייגן זיך און בעטן אים, ער זאָל חלילה ניט פאַרגעסן קומען איבער־אַכטאָג שבת...

— מיטן קאָפּ אין דער ערד! — בענטשט אים די בעל־הביתטע אַף דער זײַט טיר און קאַכט און זידט און ברענט אָפּן מאַן, וואָס טאָג ווי נאַכט, און אַפילו שבת, האָט ער צו טאָן מיט גאַטשאַלסטווע. מרדכי־נתן הערט און שווײַגט. ער האָט אָנגענומען אַ פולע מויל מיט וואַ־סער און שווײַגט. אַ מאָדנער מענטש אָט דער מרדכי־נתן! דער מחבר פון דער געשיכטע קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן און כאַפּט אַראָפּ דעם פאָרטרעט פונעם דאָזיקן פאָרל, בכדי באַקאַנט צו מאַכן מיט זיי די גאַנצע וועלט.

מרדכי־נתן איז אַ ייִד אַ הויכער מיט לאַנגע הענט, אַליין איז ער דאַר און טרוקן, און מחמת די באַקן סטערטשען, קומט אויס דאָס פּנים פּירעקעבדיק, ווי בײַ אַ כינעזער, און קוים־קוים באַוואַקסן מיט אַ שיטער

בערדל. די ליפּן זײַנען באַ אים תּמיד צו, דאָס מויל אַביסל אָף אַ זײַט, זעט אויס, ווי ער האַלט אַ סוד באַ זיך שטענדיק פֿאַרבאָרגן, און שטענדיק איז ער ערנסט, און דער שטערן איז פֿול מיט קנייטשן, און רעדט נישט קיינמאָל הויך, קיין איבעריק וואָרט נישט. נאָר דעמאָלט, ווען ער קומט זיך צענויף מיט נאַטשאַלסטווע, איז דאָס גאָר אַן אַנדער מרדכי־נתן: די קנייטשן פֿונעם שטערן צעגייען זיך, ווערן פֿאַרשוווּנדן, דאָס פּנים הייבט אָן צו שײַנען און די ליפּן ווערן אָפּגעשלאָסן, און דאָס מויל גלײַכט זיך אויס, הייבט אָן צו ריידן — שוין גאָרניט דער, גאָר אַן אַנדער מרדכי־נתן. טאָמער ווייסט איר, צוליב וואָס קאָכט ער זיך אַזוי אין נאַטשאַלסטווע? נאָר צוליב כּבוד, צוליב גדלות. בכדי טאָמער וועט אַמאָל אַ כתרילעווקער עפּעס דאַרפֿן האָבן, וועט ער קומען צו גיין מיט אַ געבעט: „סטײַטש, רב מרדכי־נתן, ווער נאָך איז אַזאַ חשוב באַ נאַטשאַלסטווע, ווי איר?" צוליב דעם איינעם וואָרט „חשוב" איז באַ אים כּדאַי, סע זאָל אים קאָסטן אי בזיונות, אי געלט — אַ מאָדנער מענטש אָט דער מרדכי־נתן!

מרדכי־נתנס ווײַב — טעמע־ביילע די נגידית איז דווקא אַ ייִדענע אַ נידעריקע און אַ גראָבע, זעט אויס ווי אַ מעשן שטויסל, אָדער ווי אַ בײַכיק סאַמאָוואַרל מיט אַ קליין שפּיציק טשייניקל אָף דער קאַנפֿאָרקע. ווי גראָב און קײַלעכיק זי איז פֿון אונטן, אַזוי קליין און שפּיציק איז דאָס קעפּל, און שטענדיק זידט דאָס, דאָס בײַכיקע סאַמאָוואַרל, זידט און זשומעט, אין כּעס אָפֿן מאַן, אין כּעס אָף דער דינסט, אין כּעס אָף די כתרילעווקער ציגן, אין כּעס אָף די כתרילעווקער ווײַבער, אין כּעס אָף דער גאַנצער וועלט! דאָס גאַנצע גליק איז, וואָס סײַ דער מאַן, סײַ די דינסט, סײַ די כתרילעווקער ציגן און ווײַבער, סײַ די גאַנצע וועלט הערן זי, ווי פּסח דעם קאָטער, אָדער ווי המן דעם גראַגער. דער מאַן האָט צו טאָן שטענדיק מיט קהלשע געשעפֿטן, מיט נאַטשאַלסטווע; די דינסט טוט איר אָף צו־להכעיס, ברענט־צו די קאַשע, פֿאַרשרפֿהט די קאַרטאָפּלעס, זידט־איבער די מילך אין אויוון; די כתרילעווקער ציגן טוען איר צום טויט, שפּרינגען אָפֿן דאַך און צופּן איינציקווײַז די שטרוי פֿון דער סטריכע; די כתרילעווקער ווײַבער דערגייען איר די יאָרן אין מאַרק באַ די פֿיש, אין יאַטקע באַם פֿלייש, אין שול באַ די תּחינות און להבדיל אין באָד אַפּילו... ניין, די וועלט האַלט ניט פֿון טעמע־ביילען! און מסתּמא איז דאָ פֿאַרוואָס. אַ וועלט איז נישט משוגע...

אַצינד, אַז מיר האָבן זיך באַקענט מיטן דאָזיקן פּאָרל, קאָנען מיר שוין, דאַכט זיך, רויק גיין ווײַטער, צו די איבעריקע נפשות, וואָס מרדכי־נתן דער נגיד רײַבט זיך אַרום זיי אַזוי שטאַרק.

ז.

דער „אָדון־בפקדך" באַם נגיד אין קלייט און אין שטוב

דער אַנדערער גאַסט באַ מרדכי־נתן דער נגיד איז אונדזער באַקאַנטער מאַקאַר, מאַקאַר פּאַוולאָוויטש. נאָר ניט קיין שטוב־גאַסט — אַ קלייט־גאַסט, אַ גאַסט, וואָס קומט צו אים אָפּט אין קלייט אַרײַן, אין דער שניט־קראָם. מרדכי־נתנס שניט־קראָם, דאַרפט איר וויסן, איז דאָס ערשטע געווענטשניט אין כתרילעווקע, וואָס דאָרטן קריגט איר אַ כּוץ דעמיקיטאָן, ריפּס, ליוסטרינע, פּאַרוסינע, ציץ און זאָגע און מאַדעפּאַלאַן, אויך דראַפּ און טריקאָ און שעוויאָט און סאַמעט און אַטלעס און סאַטין און מוסלין און אַלצדינג, וואָס אַ האַרץ גלוסט — „נאָך די לעצטע מיסטערן, וואָס מע קריגט דאָס ניט אַפילו אין יעהופּעץ". אַזוי זאָגט מרדכי־נתן, און אַזוי זאָגט מרדכי־נתנס ווײַב, טעמע־ביילע, און אַזוי זאָגן מרדכי־נתנס קלייט־משרתים, און גייט זאָגט זיי, אַז ניין! אַלע פּריצים פון כתרילעווקע און פון דער סביבה זײַנען מרדכי־נתנס קונים, און דאָס רוב קריסטן גלייבן אים אַף נאמנות. אַז מרדכי־נתן אַליין זאָגט זיי נאָר דאָס וואָרט „בנאמנות", דינגט מען זיך שוין ניט. טעמע־ביילע מעג זיך שווערן מיט כל השבועות שבעולם, איז דאָס אַרויסגעוואָרפן, און מרדכי־נתנס איין וואָרט „בנאמנות" איז קודש קדשים. אָט אַזוי איז דאָס — קיין קשיות פרעגט מען ניט.

אויך מאַקאַר איז איינער פון מרדכי־נתנס קונים, וואָס האַנדלען מיט אים אַף נאמנות. מאַקאַר איז זײַנער אַ קונה שוין פון לאַנג, נאָך פון יענער צײַט, אַז ער איז נאָך ניט געווען מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, נאָר מאַקאַרקע, און וואָס דעמאָלט פלעגט מרדכי־נתן אים ניט וועלן געטרויען אַף באָרג קיין פּאָדעם אַפילו; ער פלעגט זיך ניט שעמען אים זאָגן גאַנץ פּשוט:

— נתן מעות לקח קמח, וואַשי הראַשי, נאַשי טאָוואַר.

שפּעטער, אַז מאַקאַר איז געוואָרן אַ שטיקל מאַכער אין דער

אופּראָווע, האָט אים שוין מרדכי־נתן געעפנט אַ קרעדיט, געווייגטלעך, אַף אַ קוויטעלע, אַ וועקסעלע, געזאָגט אים בשעת מעשה שוין מיט אַ שמייכעלע, האַלב אַף גויש, האַלב אַף לשון־קדוש:

— נע וויבאַטשייטע, פּאַניטשע, שלום בבית משכון בקעשענע...

נאָך שפּעטער, אַז מאַקאַר האָט אָנגעטאָן אַ קנעפּל און אַ הענג־קאַלנער, האָט אים מרדכי־נתן געעפנט אַ שיינעם קרעדיט, און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש, אַז ער קומט אַרײַן אין שניט־קראָם אַרײַן, טראָגט אים מרדכי־נתן אַקעגן דאָס בענקל און בענטשט אים מיט אַ טיטל „וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע", און מאַקאַר פּאַוולאָוויטש צעלייגט זיך גאַנץ ברייטלעך, פאַרוואַרפט אַ פוס אַף אַ פוס, פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און שמועסט זיך אויס מיט מרדכי־נתנען גאַנץ פּראָסט, בלשון „דו", גאָר פרײַנטלעך:

— עי, פּאָסלושאַי, מרדכי־נאָס!

און מרדכי־נתן שטייט פאַר אים מיט אַ געמאַכטן דרך־ארץ, מיט אַ געמלאָכהטן רעספּעקט, און טראַכט זיך בשעת מעשה: „פון וואַנען האָסטו זיך גענומען אַהער, אָדון בפקדך?" און דער „אָדון בפקדך" מאַכט אַ רייד מכוח ייִדן, ייִדישע געשעפטן, שאַכער־מאַכער, און לאָזט אַרויס אַלע מאָל אַ הויכן געלעכטער מיט אַ מאָדנעם הוסט, וואָס דער־לאַנגט מרדכי־נתנען, ווי מיט אַן אַרשין אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר ער האַלט זיך אײַן און שמייכלט מיט אַ פּאַסקודנע געמאַכט שמייכעלע, וואָס ווען מרדכי־נתן זאָל זיך קאָנען אָנקוקן בשעת מעשה אין שפּיגל, וואָלט ער זיך אַליין נמאס געוואָרן.

דער שמועס פונעם „אָדון בפקדך" דרייט זיך אַלץ אַרום אַזעלכע זאַכן, וואָס מרדכי־נתן הערט זיי אין דער לינקער פּאה, אין איין אויער אַרײַן, פונעם אַנדערן אַרויס; וואָס ווײַטער־ווײַטער גייט ער אַריבער אַף אַזעלכע ענינים, וואָס מרדכי־נתן קאָן עס שוין ניט האָרכן, למשל: ער פרעגט בא אים, צי ס'איז אמת, וואָס די ייִדן שילטן אַלע שבת אין שול די איבעריקע פעלקער מיט דער תוכחה, און שפּײַען אָפּן קלויסטער, און אַז אַ קריסט גייט אַוועק פון אַ ייִדן, באַדאַרף מען אויסגיסן נאָך אים די פּאָמעניצע? וכדומה אַזעלכע שטותערייען, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

מרדכי־נתן וויל זיך אויסדרייען פון זײַנע הענט, פאַרשלאָגט אים האַקע־באַקע, מכוח אופּראַווע, מכוח קאַראַבקע, סוועטשנע סבאָר. ווער־

וואָס? ער לאָזט זיך נישט פאַרדרייען די ציין, כאַטש גיב אים אַ קרענק! ער טרעט־צו צו אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל: ער זאָל זיך אים נאָר מודה זײַן. מרדכי־נתן פּרוּווט זיך מיט אַ ליצנות, פרעגט אים: „ווי האָט דאָס זײַן וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע געשטודירט אַזעלכע דינים?" מאַקאַר קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן און פאַלט אויף אַזאַ מין המצאה: ער טוט אים אַ כאַפּ פּלוצעם אומגעריכט, ווי זאָגט מען — צוגעקוועטשט צו דער וואַנט:

— נו, און בלוט?

— וואָסער בלוט?

— פּסח?... מצה?... האַ?...

און מרדכי־נתן פאַלט אויך אויף אַ גלײַכער המצאה: ער טוט אַ ריר דעם אָדון איבער דער פּלייצע, אַ גלעט דעם הענג־קאָלנער, און מיט אַ פאַסקודנע געלעכטערל פון אַ הונט אַ חונפניק טוט ער אים אַ זאָג, אַז דער אָדון איז אַ גרויסער לץ, כע־כע־כע! און אַז דער אָדון הייבט זיך אויף און גייט אַוועק, זאָגט אַף אים מרדכי־נתן אַ שבח, אַז דער „אָדון בפקדך" איז אַ שווערער אָדון, דאָס הייסט, מע קאָן אַף אים ניט זאָגן, ער זאָל זײַן אַ רשע — חלילה! נאָר גלאַט אַ כלב שבכלבים...

איינמאָל — ס'איז געווען שבת באַטאָג — איז מרדכי־נתן דער נגיד געזעסן אין שטוב און געלערנט אַ פּרק; פּלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן... מאַקאַר כאַלאָדנע! פרײַער האָט זיך אונדזער נגיד אַביסל ווי דערשראָקן, פאַרוואונדערט: ווי קומט דער „אָדון בפקדך" אַהער פּלוצעם נאָכן שלאָף? נאָכדעם האָט ער אים געמאַכט זייער אַ פרײַנטלעך פּנים און מיט אַ שמייכל געבעטן אים זיצן, אויסגעטאָן דאָס שבתדיקע היטל און געבליבן אין דער יאַרמלקע און אַ געשריי געטאָן צום ווײַב:

— טעמע־ביילע! הער נאָר, גיב אַהער עפּעס אין מויל אַרײַן!

טוט מאַקאַר אַ מאַך מיט דער האַנט:

— מע דאַרף ניט. איך בין געקומען צו דיר מכוח אַן ענין, ס'איז אַ סוד...

דערהערט דאָס וואָרט „אַ סוד", כאַפּט זיך אויף מרדכי־נתן און וויל צוקייטלען די טיר. נעמט אים אָן מאַקאַר בײַ דער האַנט:

— מע דאַרף ניט, ס'איז ניט אַזאַ סוד, וואָס מע זאָל זיך דאַרפן פאַרשליסן. איך האָב דיך נאָר געוואָלט פרעגן אַ קלייניקייט, דו ביסט

א קלוגער מענטש און אַן ערלעכער, באַ דיר וועל איך וויסן דעם רעכטן אמת.

מרדכי־נתן גלעט זיך די פּאות מיט גדלות און איז שטאַרק צופרידן פונעם קאָמפּלימענט. די אויגן ווערן אים אַזש ווי מיט פעטן איבערגע־צויגן. ער ווערט צעשמאָלצן פאַר תענוג, און סע טוט אים באַנג, וואָס ס׳איז קיינער נישטאָ דערבײַ.

— מסתמא האָסטו דאָך געהערט די מעשה מיטן מיידל? — פרעגט אים מאַקאַר און קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַריין, ווי אַ סלעדאָ־וואַטעל.

מרדכי־נתן שטעלט אויף די אויערן, ווי אַ האָז.

— מיט וואָסער מיידל?

— מיטן מיידל, וואָס יידן האָבן זי געקוילעט און האָבן אָפּגעצאַפּט פון איר דאָס בלוט און באַהאַלטן דאָס אויף פּסח.

פריִער צעלאַכט זיך מרדכי־נתן מיט זײַן דריבנע געלעכטער: כע־כע־כע! און נאָכדעם ווערט דאָס פּנים בלאַס און גרין און די אויגן צינדן זיך אָן מיט פײַער.

— שקרים וכזבים! — זאָגט מרדכי־נתן און טרייסלט מיטן קאָפּ, און די פּאות שאָקלען זיך.

— סטײַטש, מע שרײַבט אין די גאַזעטן! — זאָגט אים מאַקאַר און לאָזט ניט אַראָפּ פון אים קיין אויג.

— די גאַזעטן לײַגן, ווי די הינט! — שרײַט־אויס מרדכי־נתן.

— די גאַזעטן שרײַבן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פּראָטאָקאָל. — פּרוּווט זיך מאַקאַר אים איבערשפּאַרן. — איך האָב אַליין געלייענט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פּראָטאָקאָל.

— שקר וכזב! — שרײַט מרדכי־נתן אין איין קול און טרייסלט מיט דער יאַרמלקע, און די פּאות ציטערן.

— וואָס איז שקר וכזב? — פרעגט אים מאַקאַר, שוין רויט פאַר כעס. — דאָס, וואָס איך דערצייל דיר? צי דאָס, וואָס סע שטייט אין פּראָטאָקאָל?

— אַלצדינג איז שקר וכזב! אַלצדינג! פון אָנהייב ביזן סוף! ניט געשטויגן, ניט געפלויגן!

בשעת מעשה מאַכט מרדכי־נתן מיט די הענט, מיטן פּנים, מיט די אויגן, מיט די פּאות און מיט אַלע אברים און ציטערט אַזש פאַר

כעס. מאַקאַר האָט אים קיינמאָל ניט געזען אַזוי אין כעס, און האָט דערפון אָפּגעלערנט זיך אַ פּשט, אַז ניט אומזיסט איז דער ייִד אַזוי אויפגעטראָגן. די משמעות, אַז ס'איז אמת די מעשה; אַניט, וואָס שרײַט ער אַזוי? וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי? נאָר אַן עזות פון אַ ייִדן — זאָגן אַף אַלצדינג, וואָס סע שטייט געשריבן, אַז ס'איז שקר וכזב! און מאַקאַר כאַלאָדנע שטייט אויף מיט גרויס גרימצאָרן, רוקט אָן אַף זיך דאָס היטל מיטן קנעפּל און טוט אַ זאָג:

— פּאַר אַזעלכע ווערטער וועסטו האָבן צו געדענקען!

און ער לאָזט זיך גיין צו דער טיר, און תיכּף נאָך אים שטייט אויף מרדכי־נתן און האָט שוין חרטה אַף דער גאַנצער מעשה און וויל אים איבערבעטן, פאַרקערעווען אים צוריק, און ער לויפט אים נאָך:

— פּאַני!... וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע!... מאַקאַר פּאַוולאָ־וויטש!... מאַקאַר פּאַוולאָוויטש!...

בלאָטע! מאַקאַר פּאַוולאָוויטש איז שוין לאַנג אַף יענער זײַט טיר, און מרדכי־נתן דער נגיד איז אויס מענטש פאַר האַרצווייטיק און פאַר גריזאָטע, טאָמער האָט ער טאַקע געזאָגט אַן איבעריק וואָרט, דער רוח האָט אים אָנגעטראָגן! און ווי אַף צו־להכעיס, קומט אָן טעמע־ביילע און טשעפּעט זיך צו צו אים, ער זאָל איר זאָגן, וואָס האָט דאָ געטאָן דער „אדון בפקדך"? וואָס איז ער אַזוי גיך אַוועק? און למאי האָט ער אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר?

— גיי פרעג אים! — האָט איר מרדכי־נתן געענטפערט מיט כעס.

— זע נאָר, זע, ווי ער איז דאָס אַ ביסל אין כעס! אַף וועלכער זײַט ביסטו דאָס אויפגעשטאַנען הײַנט, און וואָס פאַר אַ חלום האָט זיך דיר געחלומט?

— היפּטל קרויט!!! — שרײַט אויס מרדכי־נתן דער נגיד אַף אַזאַ קול, אַז דאָס ווײַב איז שיער נישט געפאַלן חלשות, און ער אַליין האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר זײַן שטימע, און אויך די דינסט, אַ שוואַרץ ווײַבל אַ ליטוועטשקע, איז אַרײַנגעלאָפן פון קיך, נישט טויט, נישט לעבעדיק, מיט אַ גוואַלד:

— אַ קלאָג צו אײַך! איר האָט דאָך מיר איבערגעשראָקן אַף טויט!

איז טעמע־ביילע אַנגעפאַלן אַף איר און צעלאָזט זיך מיט ביידע קולאַקעס, און מרדכי־נתן אַף זיי ביידע, און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ סקאַנדאַל, וואָס ס'איז גאָרנישט כדאי דאָס צו באַשרײַבן.

ח.

כתרילעווקע אײַלט זיך אין וועג אַרײַן

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר כתרילעווקע אַ צײַט פון צרות, יסורים און אומזיסטע פּחדים. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז די מעשה, וואָס מאקאר כאַלאַדנע איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער שונא־ישראל, ווי ער איז געווען, און פאַרוואָס זעט מען אים נישט באַם נגיד אין קלייט? דער נגיד אַליין האָט זיך, אַפּנים, געשעמט און אָראָפּ־געשלונגען די מעשה, נישט דערציילט קיינעם, און מאקאר האָט געגראָבן ווי ווײַט ער האָט געקאָנט, זיך געריצט מיט די כתרילעווקער יידן, זיי אָנגעזאָגט אַלע מאָל אַ נײַע בשורה, אַז נישט לאַנג נאָך וועלן זיי דאָ געוועלטיקן, מע וועט באַ זיי נעמען דין וחשבון: פון וואַנען נעמט זיך צו זיי זייער גוטס? מענטשן וואָס האַרעווען נישט, גראָבן נישט און זייען נישט און שנײַדן נישט, נאָר מע עסט פונעם גרייטן — פאַרוואָס קומט דאָס זיי? וכדומה אַזעלכע טענות, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אָנגעלייענט אין דער גאַזעט „די פאָן". און פונקט אין יענער צײַט האָט זיך אים געטראָפן דער בזיון מיט האַפקען, וואָס ער איז דורך איר גע־שטרויכלט געוואָרן, שיער נישט אַרײַן אין אַ גרויסן אומגליק, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פאַרבײַגייענדיק אין אַ פריִערדיקן קאַפּיטל. און אַז גאָט האָט געהאָלפן, מאקאר איז אַרויס פונעם עסק ריין, האָט ער ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן גראָבן אַף די כתרילעווקער יידן, זיי געגעבן אָנצוהערעניש, אַז אָט־אָט וועט מען מיט זיי לערנען בלק, און גראָד דעמאָלט איז אָנגעקומען דאָס גוטע בריוול פונעם שוחטס איידעם, וואָס איז געגאַנגען מיד ליד איבער דער גאַנצער שטאָט, און ויידל מיט זײַנע „בלעטער" האָט אונטערגעגעבן היץ, געגאָסן בוימל אַפן פײַער, און מעשיות זײַנען געגאַנגען איבער דער שטאָט, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער, און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָ אין כתרילעווקע וועט אין גיכן אויך זײַן „דאָס אייגענע"...

פון וואַנען האָט זיך עס גענומען? ווער איז דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט דער דאָזיקן קלאַנג? — דאָס ווייס מען נישט עד היום און מע וועט דאָס נישט וויסן קיינמאָל, אייביק! דער היסטאָרי־קער, וואָס וועט זיך נעמען אַמאָל באַשרײַבן די געשיכטע פון די כתרי־לעווקער יידן, אַז ער וועט קומען צו דעם שטיקל צײַט, לייענען די אַלע פּאַפּירן מיט די אַלע בלעטער, וועט ער געווים בלײַבן פאַרטראַכט מיט דער פעדער אין האַנט, זײַנע מחשבות וועלן אים פאַרטראָגן ווײַט־ווײַט...

מע ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן און פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען, נאָר ס'איז אַרויס אַ נײַס אין שטאָט, אַז מע גייט אַף כתרילעווקע, דרײַ דערפער מיט אַ מאָל... און אין איין פרימאָרגן איז געווען כתרילעווקע אויפגעשטאַנען ווי איין מענטש, און מע האָט זיך גענומען פּאַקעווען, קינדער און בעטגעוואַנט און שמאַטעס, דאָס גאַנצע ביסל כתרילעווקער אָרעמקייט, ראַטעווען ווי פון אַ שרפה און קלייבן זיך אין וועג אַרײַן — וווהין? וווהין די אויגן וועלן טראָגן! בשעת מעשה האָבן מוטערס אַרומגענומען זייערע ברעקלעך קינדער, צוגעטוליעט צו דער ברוסט און מיט טרערן אין די אויגן זיי געקושט און געהאַלדזט און געהאַלובעט, גלײַך ווי עמעצער האָט זיי געוואָלט חלילה אַוועקנעמען, גלײַך ווי עמעצער דאַרף זיי האָבן...

און כתרילעווקע האָט אָנגעהויבן אַנגעהויבן צו שליסן איין קלייט נאָך דער אַנדערער, קוקנדיק איינס אויפס אַנדערע און באַהאַלטנדיק זיך איינס פון דאָס אַנדערע, און מע האָט זיך געאײַלט, געכאַפּט איטלעכער וואָס פריִער, וואָס גיכער. כוועדאָרן האָט מען יענעם פרימאָרגן שיער נישט צעריסן אַף שטיקלעך. איטלעכער האָט אים געשלעפּט צו זיך העלפן פּאַקעווען, אונטערגערוקט אים פון אַלע זײַטן, אַז קיינער זאָל נישט זען, ווער אַ גריוונע און ווער אַ פּיטאַקל. קיינמאָל איז כוועדאָר נישט געווען נאָך אַזאַ חשוב אין כתרילעווקע, ווי יענעם טאָג, און קיינמאָל האָט נאָך כוועדאָר אַזוי נישט מאסף ממון געווען, ווי דעמאָלט, און מע האָט אים אַזוי אָנגעשטאָפּט מיט געלט, ביז ער האָט אַ שפּײַ געטאָן: „נעכיי יאָמו סטאָ טשערטיוו אי אָדנאַ ווידמאַ!" — און איז אַוועק אַהין, ווו אַלע מאָל, און געמאַכט אַ שיינע כוסה לכבוד די כתרילעווקער בעלי־בתים, וואָס פאָרן אַוועק, און אַז ער איז געוואָרן רעכט פאַרטיק, האָט ער אָנ־געהויבן אַרבעטן, מאַכן מיט די קולאַקעס און שרײַען, אַז ס'איז שוין

לאנג צײַט, מע זאָל פּטור ווערן פון די כתרילעווקער ייִדן — און, מעשה שטן, האָט באַדאַרפט דורכגיין פאַרבײַ סאַמע מאַקאַר כאַלאָדנע מיטן אָדון דעם פּאָסטמײַסטער און דערהערן, ווי כוועדאָר אַרבעט מעשים אױף די ייִדן, האָבן זיך ביידע אדונים אָפּגעשטעלט און דערזען, אַז די ייִדן פּאַקעווען זיך, גרייטן זיך עפּעס זייערע שטאַרק אין וועג אַרײַן, איז דאָס זיי געווען קשה, און זיי האָבן זיך גענומען ביידע נאָכקוקן: וווּהין לױפֿן דאָס די ייִדן?

דאָס נאָכקוקן פון די אָדונים האָט אָנגעמאַכט נאָך אַ גרעסערע בהלה צווישן די ייִדן און מע האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס פּאַקעווען זיך; כאַפּט דער רוח דאָס בעל־הבתישקייט! דאָס לעבן, דאָס לעבן איז טײַערער!... און מע האָט אָפּגעדונגען ווו ס'איז געווען ערגעץ אַ פורל, אַ פערדל, אַ פּאָר אָקסן, און מע האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן באַצײַטנס, און גיך־גיך, בחפזון, כמעט אַזוי כאַפּנדיק, ווי בשעת מען איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים.

פריִער פון אַלע זײַנען געפלויגן די אָדלערס, געוויינטלעך, די כתרילעווקער בעלי־עגלות מיט די גרויסע בוידן און ביידלעך; דאָרט זײַנען געזעסן רב מרדכי־נתן דער נגיד מיט זײַן גאַנצער משפחה און די אַלע איבעריקע נגידים מיט זייערע משפחות. נאָך זיי האָבן זיך געשלעפּט די גוייִשע פורלעך, אָנגעזעצט מיט ווײַבער און מיט קינדער און מיט אַלע קראַנקע נפשות, און הינטן זײַנען געגאַנגען די מאַנצבילן, די געמיינע בעלי־בתים, דאָס וואָס סע ווערט אָנגערופן דער המון, נעבעך עולה־רגל געווען מחילה צו פוס, און געגאַנגען גיך, מורא געהאַט זיך אַרומקוקן, טאָמער יאָגט מען זיי נאָך פון הינטן, טאָמער בעט מען זיי חלילה צוריק...

שטיל איז געוואָרן אין כתרילעווקע, ליידיק, פּוסט, ווי אױף אַ בית־עולם. נישט געבליבן קיין נפש. פון לעבעדיקע נפשות זײַנען געבליבן אין שטאָט נאָר די ציגן, דאָס גאַנצע ייִדישע פאַרמעגן אין כתרילעווקע, און האָפּקע די געשטופּלטע, און דער בעדער מיט דער בעדערן, און, להבדיל באלף אלפי הבדלות, דער אַלטער רב רב יוזיפל.

איבער די דאָזיקע אַלע לעבעדיקע נפשות וועלן מיר ריידן פון איטלעכן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

ט.

לאָזט זיך אַרײַן אַ ביסל אין חקירה

די געלערנטע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער נאַטור, וואָס קוקן זיך צו און ווייסן די טבע פון יעדן באַשעפעניש, פון איטלעכס גרעזעלע, ווײַזן אויף מיט ראיות, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט גייט נישט לאיבוד, ווערט נישט פאַרפאַלן, שטאַרבט נישט אַוועק. אָט דאָס וואָס מיר זאָגן, למשל, אַז דער בוים איז געוואַקסן, די צווײַגן האָבן געבליט, געגעבן אונדז פּירות; נאָכדעם האָבן מיר די פּירות אָפּגעריסן און אויפגעגעסן, די צווײַגן האָבן אָפּגעבליט, די בלעטער זײַנען אָפּגעפאַלן, דעם בוים האָבן מיר אויסגעהאַקט, דאָס האָלץ האָט זיך אויסגעהייצט — דאַכט זיך, אַן עק? אויס בוים? ניין, — זאָגן די געלערנטע — ס'איז נישט אַזוי די מעשה! דער בוים, זאָגן זיי, האָט זיך נאָר צעטיילט אויף זײַנע יסודות; פון די פּירות זאָגן זיי, האָבן מיר געהאַט חיות, די בלעטער האָבן מיר געשמעקט, דאָס האָלץ האָט אונדז געוואַרעמט, און דער בוים האָט גע־לעבט, און מיר האָבן געלעבט, און אַז מיר זײַנען געשטאָרבן, האָט מען אונדזער קערפּער אַרײַנגעלייגט אין דער ערד אַרײַן, און מיר זײַנען זיך צעגאַנגען אויף יסודות; אויף אונדזער קבר איז אויסגעוואַקסן אַ גרעזעלע, דאָס גרעזל האָט געגעסן די ציג און באַקומען דערפון מילך, די מילך האָט געטרונקען דאָס קליינע קינד, געהאַט דערפון חיות, געוואַקסן, אויסגע־וואַקסן, אָפּגעלעבט און געשטאָרבן, צעטיילט זיך ווידער אויף יסודות, ווידער אַ גרעזעלע, ווידער ציגן, ווידער מילך, ווידער קליינע קינדער, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, ביז עק וועלט.

איר שטויסט זיך שוין מסתמא, וווּהין די חקירה גייט? דאָס גייט אויף די אַלטע צעוואָרפענע קברים פונעם אַלטן כתרילעווקער בית־הקברות פון כמה וכמה יאָרן. די דאָזיקע קברים און די דאָזיקע ציגן און די דאָזיקע ייִדן אין כתרילעווקע — דאָס אַלצדינג איז אײַנאיינעם אַ מין קייט, וואָס קייטלט זיך פון אַ סך, אַ סך יאָרן, און מי יודע, וויפל יאָר עס וועט זיך נאָך אַזוי קייטלען...

אויב איר ווילט וויסן, וויפל יאָר כתרילעווקע איז אַ ייִדישע שטאָט, באַדאַרפט איר נישט זוכן אין די אַלטע בלעטער פון דער היסטאָריע — איר וועט זיי נישט געפינען. איר דאַרפט זיך נאָר מטריח זײַן אָפּן אַלטן

כתרילעווקער בית־עולם און באַטראַכטן די אַלטע־אַלטע קברים מיט די אַלטע אײַנגעזונקענע מצבות, פּראָסטע הילצערנע מצבות, פּראָסטע גרויע שטיינער, וואָס שטייען כורעים, אָנגעבויגן פון אַ סך אַ סך יאָרן: ווי־ניט־ווי וואַרפן זיך דורך אויף די שטיינער האַלב־אָפּגעריבענע בלייכע אותיות: „דאָ ליגט באַהאַלטן אַ ייד אַ רב, אַ צדיק אַזעלכער און אַזעלכער"; „דאָ ליגט בהאַלטן אַ אשה צנועה און חכמה אַזעלכע און אַזעלכע". דאָס יאָר איז שוועך איבערצוליייענען — נאָר מע פאַרשטייט, אַז ס'איז שוין לאַנג, וואָרעם אַ סך מצבות זײַנען שוין לאַנג צעפאַלן, און אַ סך קברים זײַנען שוין לאַנג פאַרוואַקסן מיט גראָז, און ציגן, די כתרילעווקער ציגן, וואָס האָבן נישט וואָס צו עסן, שפּרינגען אַריבער דעם שוין לאַנג אײַנגעפאַלענעם פּאַרקאַן און פּאַשען זיך אויף דעם דאָזיקן גראָז, און ברענגען אַהיים פולע אייטערס מיט מילך, און די אָרעמע יידישע קינדער אין כתרילעווקע האָבן וואָס צו עסן, פון וואָס צו ציִען כוח. און ווער ווייס, ווער די דאָזיקע ציגן זײַנען? אפשר שטעקט אין זיי אַ נשמה פון אַ מענטשן, און נאָך פון אַ גאַנץ נאָענטן מענטשן? ווער ווייס, ווי נאָענט עס זײַנען געבונדן צווישן זיך די דרײַ מינים: דאָס אַלטע כתרילעווקער בית־הקברות, די דאָזיקע ציגן, וואָס פּאַשען זיך דאָ, און טאָקע זיי אַליין, במחילה כבודם, איך מיין די כתרילעווקער ייִדן?

אויף אַזאַ מין חקירה האָט מיך אַרויפגעטריבן דאָס אויסזען פון די דאָזיקע ציגן אין יענעם טאָג, וואָס די כתרילעווקער ייִדן זײַנען זיך צעלאָפן און איבערגעלאָזט אויף גאָטס גענאָד זייער גאַנץ פאַרמעגן, זייערע ציגן.

אין דרויסן איז געווען נאָך פּסח. דער שניי איז שוין לאַנג אַראָפּ פון דער ערד, געלאָזט דאָס יונגע גרעזעלע זאָל זיך שפּראָצן, ציִען צו דער וואַרעמער זון און באַגרינען און באַשיינען גאָטס וועלט און יעדן אָרט, וווּ מענטשן לאָזן דאָס וואַקסן. כתרילעווקע איז אָבער — אוי וויי! — נישט קיין אָרט פון פריש גראָז און נישט קיין אָרט פון שמעקעדיקעביימער. כתרילעווקע איז אַן אָרט פון בלאָטע, פון זאַמד און פון פּאָראָך און פון געדיכטער פאַרפּושטער לופט, וואָס מע קאָן פון איר דערוואָרגן ווערן, און פון נאָך אַ סך אַזעלכע גוטע ליבע זאַכן. גרין גראָז קאָנט איר געפינען נאָר סײַדן אויפן בית־עולם, און אַהין האָט דאָס מיך מיין כוח הדימיון, מײַן פאַנטאַזיע, אַוועקגעטראָגן אין יענעם טאָג פון דער גרויסער בהלה, און דאָרט האָב איך באַטראַכט די גאַנצע טשערעדע פאַרלאָזטע,

פאַריתומטע ציגן, און עס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי אַף די ציגן נעבעך, אַזוי אויך אַף די קלײנע ייִדישע קינדער, וואָס זײַנען געבליבן דעם טאָג אָן אַ ביסל מילך. קוקנדיק אַף די אָרעמע ציגן ווי זיי שטייען, מעלה־גרהן, מאַכן מיט די בערדלעך, קוקן משונה־מאָדנע נאַריש־פאַרטראַכט, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי זאָגן צו מיר: „פעטער! אפשר ווייסט איר, ווו זײַנען אונדזערע בעלי־הבתים און בעל־ביתטעס? צו וועלכע גוטע יאָר זײַנען זיי זיך צעלאָפֿן?...

איך לאָז איבער דאָס פעלד, דאָס הייליקע אָרט פון כתרילעווקע, און גיי מיר דורך מיט אײַך אין שטאָט אַרײַן, זען די איבעריקע נפשות, וואָס זײַנען איבערגעבליבן פון דער גרויסער בהלה אין כתרילעווקע.

דאָס מיינט מען דעם בעדער מיט דער בעדערן און זייער קעסט־קינד, דעם אַלטן שוואַכן רב יוזיפל.

י.

שמועסט וועגן דעם רב רב יוזיפל

אַ סך מאָל האָב איך אײַך דערמאָנט און אַרויסגעבראַכט אין מײַנע אמתע, נישט־אויסגעטראַכטע מעשיות איינעם פון מײַנע באַליבטסטע פאַרשוינען, דעם רב און דעם רבין פון כתרילעווקע, רב יוזיפל, און קיין־מאָל האָב איך זיך נישט אָפּגעשטעלט אַף אים, איך זאָל אײַך מיט אים באַקענען, ווי עס געהער צו זײַן. איך ווייס, אַז ס'איז פון מיר אַ גרויסע עוולה. לאָם איך כאָטש אָט אָ ממלא זײַן דעם דאָזיקן חסרון.

רב יוזיפל איז אַן אַלטער מאַן, אַ זקן און אַ קראַנקער און פון תמיד אָן נישט קיין איבעריקער גבר, אַ צעבראָכענער גוף, דערפאַר אָבער מיט אַ נשמה אַ גאַנצע, אַ געזונטע און אַ ריינע: און דווקא אין דעם דאָזיקן קראַנקן גוף האָט גאָט אַרײַנגעזעצט די דאָזיקע תמיד־יונגע און שטענדיק פרישע נשמה און אָנגעזאָגט איר, זי זאָל זיך האַלטן, לאַנג האַלטן, ביז עס וועט קומען די רעכטע צײַט, וועט איר גאָט אַליין זאָגן: „קום, שוין צײַט אין גן־עדן אַרײַן”...

און געוויס אין גן־עדן אַרײַן — ס'איז גאָר קיין ספק נישט! וואָרעם דעם גהינום מיטן חבוט־הקבר מיט די אַלע איבעריקע גוטע זאַכן, וואָס וואַרטן אַף אונדז דאָרטן, האָט שוין אונדזער רב יוזיפל, דאַנקען גאָט, איבער־

געלעבט דאָ, אַף דער וועלט. נישטאָ איין צרה, איין שלאַק, איין פּורעניות, וואָס רב יוזיפל האָט דאָס נישט פאַרזוכט פון דעם וואָס לעבט אייביק. דער וואָס לעבט אייביק האָט, אַפּנים, געוואָלט אויספּרוּוון זײַן געטרײַען קנעכט רב יוזיפל, האָט ער געהאַלטן אין איין שיטן אַף אים צרות פון דער ברייטער האַנט, כדומה למשל, ווי מע באַשיט אַ חתן מיט ניסלעך. איינס נאָכס אַנדערע האָט ער בײַ אים צוגענומען די קינדער, פרוּער, גע־ווײנטלעך, גוט אַנגעמוטשער זיי; נאָכדעם — דאָס ווײַב פרומע־טעמע די רביצן, די צדיקית, וואָס זי איז געווען פאַר אים אַ געטרײַע מאַמע; נאָכדעם האָט ער אים צוגעבויגן אַ ביסעלע צו דער ערד, אים מזכה געווען מיט שיינע עטלעכע קרענק אַף דער עלטער, אים איבערגעלאָזט ווי אַפּן וואַסער, עלנט און אָרעם און שוואַך. און בכדי ער זאָל פילן דעם אמתן טעם פון גיהנום, האָט ער אַרײַנגעגעבן אַ זין די כתרילעווקער ייִדן, זיי זאָלן קרוינען אַ נײַעם רב, אַ יונגן רב, און אים, דעם אַלטן רב יוזיפל, זאָל מען אַף דער עלטער בעטן מחילה און באַזעצן אים ערגעץ בײַם בעדער מיט דער בעדערין, ער זאָל דאַרטן דערלעבן דאָס איבעריקע ביסל יאָרן. דאָ האָט דער רבונו־של־עולם געקאָנט רעכענען פאַר זיכער, אַז דער דאָ־זיקער רב יוזיפל וועט שוין מסתמא געווים זינדיקן מיטן מויל כאָטש, אַזוי ווי איוב פאַרצייטן האָט זיך אויך געמענטשלט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט זיך נישט געקאָנט מער אײַנהאַלטן און פאַרשאַלטן זיך דאָס געבוירן.

נישט אַזאַ מענטש אָבער איז געווען אונדזער אַלטער רב יוזיפל. אַ סך, אַ סך זאַכן איז רב יוזיפל דערגאַנגען מיט זײַן אייגענעם שכל. ער איז דערגאַנגען מיט זײַן אייגענעם שכל, אַז אַלע צרות און יסורים, וואָס דער אייבערשטער האָט אים מזכה געווען, איז — איינס פון די צוויי: אָדער דאָס איז נאָר אַ פּרוּוו, אַן אָנשיקעניש פון זײַן ליבן נאָמען, אַן אָפּקומעניש דאָ, אַף דער נארישער זינדיקער וועלט, בכדי ער זאָל דאַרטן באַקומען דערפאַר זײַן שכר בכפל כפלים, אָדער ער האָט דאָס טאַקע כשר פאַרדינט; און טאָמער נישט ער אַליין פאַר זיינע אייגענע זינד — איז פאַר זײַנע אָרעמע זינדיקע ברידער, די קינדער ישראל, וואָס זײַנען ערב איינס פאַר׳ם אַנדערע און זײַנען מחויב אָפּקומען איינס פאַר׳ם אַנדערע, ווי אַ מין אַרטעל, למשל, וואָס טאָמער כאַפּט מען איינעם אין אַ גנבה, באַדאַרף לײַדן דאָס גאַנצע אַרטעל, איטלעכער וועד־ליק אויף זײַן חלק... אַזוי איז רב יוזיפל דערגאַנגען מיט זײַן אייגע־נעם שכל, און האָט זיך אַף זײַן לעבנס־טאָג קיינמאָל נישט באַקלאָגט,

זיך אויסגעטאָן פון דער וועלט מיט אַלע אירע תענוגים, זי לחלוטין מבטל געווען מיט אַ שמייכל פון אַ גרויסן, גרויסן פילאָזאָף. און דערמיט האָט ער זיך געקויפט גרויס ליבשאַפט בײַ די כתרילעווקער לײַט. וואָס באַטש ער איז שוין קיין רב בײַ זיי נישט געווען, און די הכנסות, וואָס האָבן געהערט צו אים, האָט שוין צוגענומען דער נײַער רב, פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט דעם זעלבן כבוד וואָס תמיד, דעם זעלבן אויבנאָן אין בית־המדרש, און אַפילו דער נאָמען „רבי" איז אים אויך איבערגעבליבן, ווי פריִער. דער חסרון איז אָבער געווען, וואָס מיטן נאָמען „רבי" אַליין קאָן מען נישט לעבן; דער גוף מאָנט זיך זײַנס, וואָס ס'נישט איז, אַבי עפּעס אין מויל אַרײַן, צו דערהאַלטן די נשמה... זײַנען די כתרילעווקער לײַט געפאַלן אויף אַ המצאה: אַזוי ווי די כתרילעווקער באָד איז דאָך אַ קהלשע באָד, זאָל די הכנסה פון דער באָד געהערן צום אַלטן רב, און דאָרטן טאַקע זאָל ער וווינען. דאָס הייסט, נישט אין באָד גופא; נאָר אַזוי ווי בײַ דער באָד איז פאַראַן אַ שטיבל, דאָרט ווו ס'זיצט דער בעדער מיט דער בעדערן, איז דאָרט פאַראַן אַן אַלקערל, וועט ער זיך קאָנען דאָרטן רויִק זיצן און לערנען.

לערנען? סע רעדט זיך אַזוי: ווי קאָן שוין רב יוזיפל לערנען, אַז די ראיה איז אים, נישט פאַר אײַך געדאַכט, אַזוי געשלאָגן, אַז קוים וואָס ער זעט די ליכטיקע שײַן? פונדעסטוועגן, האָט קיין יסורים נישט. אַ תלמיד־חכם, ווי אַלט ער זאָל נישט זײַן, געפינט ער זיך אַן אַרבעט. קאָן ער נישט לערנען אינעווייניק, לערנט ער אויסווייניק, זאָגט ער עפּעס, דאַוונט ער, אָדער גלאַט אַזוי ער טראַכט. און טראַכטן איז דאָ פון וואָס! פון דער וועלט טראַכט דער אַלטער רב יוזיפל, און פון דעם בורא פון דער וועלט, פון דעם באַשאַפער, וואָס ער איז גערעכט און אַלע זײַנע טועכצן זענען רעכט! און פון זײַן פאָלק ישראל, וואָס ער שטראָפט דאָס, ווי אַ ליב קינד, און פון אַלע איבעריקע פעלקער, און פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד, פונעם גרעסטן ווילדטיר ביז דער מינדסטער מילב, ביזן קלענסטן ווערעמל אונטערן שטיין, וואָס ער טוט טאָן שפּײַזן מיט זײַן ברייטער האַנט. דערפון איז אָפּצולערנען אַ קל־וחומר: „מה־דאָך אַ מילב, אַ ווערעמל אַזוי, הײַנט לאָ כל־שכן שוין אַ מענטשן, און לאָ כל־שכן אַ ייִד!"... אַזוי טראַכט זיך רב יוזיפל און איז צופרידן מיט גאָט און מיט דער וועלט און מיטן פאָלק ישראל און מיט זיך און מיט זײַנע געדאַנקען, וואָס ער זאָגט זיי אַרויס נישט

איין מאָל גאַנץ הויך, אַלע זאָלן הערן. און ווי אומעטום, אַזוי זײַנען אויך אין כתרילעווקע פֿאַראַן מענטשן חקרנים, גריבלער, וואָס האָבן ליב פֿרעגן קשיות; פּרוּוון זיי זיך אַ ביסל אָפּלצעווען פֿון אַלטן רבין און פֿרעגן אים אַ קלאָץ־קשיא:

— איר זאָגט, אַ מילב? אַ ווערעמל, זאָגט איר? ענטפֿערט זשע אונדז, רבי, אַ תּירוץ דערויף: ווי באַלד, אַז דער אייבערשטער איז יאָ אַזאַ גרויסער גאָט און אַ גוטער גאָט און אַ דערבאַרעמיקער גאָט, וואָס שפּייזט אַפֿילו אַ ווערעמל אונטערן שטיין, הײַנט לְמאַי שפּייזט ער נישט זײַנע כתרילעווקער ייִדעלעך? שוין זשע זײַנען מיר קלענער פֿון אַ מילב, קלענער נאָך פֿונעם קליינעם ווערעמל, וואָס אונטערן שטיין?...

— וואָס פֿאַר אַ קינדער איר זײַט! — ענטפֿערט זיי דער אַלטער מיט אַ שמייכעלע. — איך וועל אײַך געבן אַ משל מיט אַ מלך. אַשטייגער, שטעלט אײַך פֿאָר, דער מלך האָט אײַך געלאָזט בעטן צו זיך אױף דער סעודה, זײַט איר געקומען אין פֿאָדערשטן חדר און דערזען, אַז אין פֿאָדערשטן חדר איז עפּעס נישט אַזוי גראַם און ליכטיק, האָט איר גענו־מען און זיך אומגעקערט צוריק. אַזוי איז דאָס אויך. איך פֿרעג נאָר איין זאַך: וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט פֿאַר אײַך דאָס ביסל יסורים און בזיונות דאָ אינעם ענגן פּ ר ו ז ד ו ר, אינעם פֿאָדערשטן חדר, אַקעגן יענעם גרויסן ט ר ק ל י ן, דעם שיינעם רײַכן פּאַלאַץ פֿון עולם־הבא דאָרטן, וווּ די ווענט זײַנען פֿון גין־גאָלד, די ערד פֿון ריין זילבער און די שטיינער בריליאַנטן? דאָרט, וווּ דאָס לעבן איז אייביק, דאָרט, וווּ די נשמות פֿון די צדיקים זיצן אויבן־אָן און טוען זיך אָן ווױלטאָג און האָבן הנאה פֿון דער ליטערקייט פֿון דער שכינה, און הקדוש־ברוך־הוא אַליין באַדינט זיי, טראָגט זיי אונטער אין גאָלדענע בעכערס דעם בעסטן ווײַן און אױף גאָלדענע טעלערלעך די פֿיש פֿונעם לויתן מיט פֿלייש פֿונעם שור־הבר...

די לעצטע ווערטער, דאָס הייסט: „ווײַן", „לויתן" און „שור־הבר"

— דאָס לייגט שוין צו, געוויינטלעך, רב יוזיפֿל, ווי אַ צוגאָב פֿאַר דעם פּראָסטן עולם, וואָס וויל נישט וויסן פֿון קיין רוחניות און פֿון קיין שכינה. אַ פּראָסטער ייִד דאַרף האָבן אַ פּראָסט שטיקל פֿיש, מיט אַ שטיקל געבראָטנס — און דאָס איז אין כתרילעווקע איינע פֿון די זייער זעלטענע זאַכן, וואָס נאָר שבת און יום־טוב קאָן מען זיך אַזעלכעם פֿאַר־גינען, און דאָס — נישט אַלע מאָל. פֿאַר אַזעלכע ווייכע גוטע רייד האָט

מען ליב אין כתרילעווקע דעם אַלטן רב דאָס חיות, און מער פון אַלע — דער פראָסטער עולם, און מער פונעם פראָסטן עולם — דאָס באַרימטע פאָרל, דער בעדער מיט דער בעדערן פון דער אַלטער כתרילעווקער קהלשער באָד, וואָס פון זייערטוועגן שענקען מיר אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דאָזיקער באַשרײַבונג.

יא.

אדם הראשון מיט חווהן אין גן־עדן

אויב עס האָט אַ זין דאָס, וואָס שמעיה אָדער פישל קאָרעספּאָנדענט — דער וואָס שרײַבט קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע בלעטער און מע דרוקט זיי נישט — זאָגט אַף דער כתרילעווקער באָד, אַז זי איז אַ גן־עדן־התחתון„ דאַרף אײַך נישט אויסווײַזן אַזוי ווילד דאָס, וואָס די כתרילעווקער ליצני־הדור האָבן אַ נאָמען געגעבן בערקע דעם בעדער אָדם־הראשון, און חווה די בעדערן האָבן זיי געקרוינט מיט אַ צונעמעניש די מוטער חוה. פון וואַנען האָט זיך גענומען דער דאָזיקער נאָמען — איז שווער צו זאָגן. אפשר דערפאַר, וואָס די בעדערן האָט געהייסן חווה, האָט דער מאַן אירער שוין במילא געפּאַסט צו הייסן אָדם? און אפשר דערפאַר, ווײַל דאָס באַרימטע פּאָרל האָט זיך געפונען אינעם דאָזיקן גן־עדן פון כמה וכמה יאָרן, אָפּגעשיידט פון דער גאַנצער וועלט, און געלעבט ווי אין גן־עדן? צי אפשר דערפאַר, ווײַל די כתרילעווקער ייִדן און ווײַבער האָבן געהאַט מער פון אַלעמען די זכיה צו זען דאָס דאָזיקע פּאָרל אין דעם זעלבן קאָסטיום, וואָס אָדם מיט חווהן האָבן געטראָגן אין גן־עדן, איידער זיי האָבן פאַרזוכט פונעם עץ־הדעת? אַזוי צי אַזוי — דאָס מוזן מיר מודה זײַן, אַז די כתרילעווקער לצים זעצן צו עמעצן אַ נאָמען, איז ער ווי געבאָרן, ווי צוגעשניטן, אויפגענייט, אויסגעפּרעסט און אָנגעמאָסטן — און „פאַרניצט געזונט”! עס האָט זיך אויסגעוויזן איטלעכן באַזונדער, אַז קיין אַנדער נאָמען קאָנען זיי גאָרנישט האָבן. ווי אַזוי דען זאָל מען רופן אַ פּאָרפאָלק, וואָס פאַרברענגען אַלע זייערע יאָרן דאָרטן, באַרג־אַראָפּ, העט־ווײַט פון שטאָט אַרויס, ווײַט פון דער באַרימטער כתרילעווקער שטענדיקער בלאָטע, סאַמע באַם ברעג טײַך, דאָרט, ווו גרינע ווערבעס שטייען אָנגעבויגן, קוקן אַרײַן אין וואַסער אַרײַן;

פֿאַר־דאָרט, ווו זומער־צײַט הערט מען זשאַבעס קוואַקען, גראַגערן און גראַגערן דעם קאָפּ? אַזאַ ערטל קאָן מען טאַקע אַנדערש נישט דופֿן ווי גן־עדן, און אַזאַ פּאָרפֿאָלק, ווי דער בעדער מיט דער בעדערן, זײַנען באמת אָדם מיט חוהן אין דעם דאָזיקן גן־עדן, וואָס זײַנען ווי באַשאַפֿן געוואָרן איינס פֿאַר דאָס אַנדערע משֵשת ימי־בראשית: ער אַ הויכער, אַ געזונטער, אַ ברייט־ביייניקער, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט מיט אַ קאָל־טענעוואַטער באָרד, מיט אַ וואַטאָווע גלאַנצנדיקע קאַפּאָטע און מיט שטענדיק אונטערגעבונדענע שטיוול, און זי — אַ הויכע, אַ געזונטע, אַ פּעטע ייִדענע מיט אַ שוואַרץ גלאַנצנדיק געשטופּלט פּנים, נאָר מיט גוטע גרויע אויגן, מיט אַ קעסטלדיקער פּאַטשיילע אַפֿן קאָפּ און מיט שטענדיק אַן אונטערגעשטעקט קליידל, וואָס ס'האָבן זיך אַרויסגעזעון פֿון דעם אַ פּאָר גרויסע פֿיס אין מאַנצבילשע גרויסע שטיוול. קיין זאַך אַף דער וועלט האָט דאָס פּאָרל נישט געוווּסט אַ חוץ דער באָד: אָדער מע הייצט די באָד, אָדער מע רייניקט די באָד, אָדער מע פֿאַרריכט די באָד — קיינמאָל זיצט מען נישט ליידיק, סײַדן באַנאַכט, אַז אַלע פֿײַערן ווערן פֿאַרלאָשן, דעמאָלט זעצן זיך אַוועק אָדם מיט חוהן איבער אַ טעפּל קאַרטאָפּליעס און מע פֿאַרקלײַבט זיך ווינטער אַפֿן אויוון און זומער אין דרויסן בײַ דער פּריזבע, און קיינעם, קיינעם איז אין כתרילעווקע נישט אַזוי גוט, ווי דעם דאָזיקן פּאָרל. קיינער, קיינער האָט נישט אַזאַ שטענדיקע פֿאַרזאָרגטע פּרנסה, ווי אָדם מיט חוהן. אַז קיין ראַטע צאָלן באַדאַרף מען נישט, און קונים איז מען קיינמאָל נישט זשעדנע, וואָרעם ווי אָרעם די שטאָט זאָל נישט זײַן — אָן אַ באָד קאָן זיך אַ ייִד נישט באַגיין. אמת, קיין גרויסע גליקן קאָן מען דערפֿון נישט מאַכן, קאַפּיטאַלן קאָן מען נישט קלײַבן, און קיין הײַזער אייגענע קויפֿן אַוודאי נישט. וואָרעם וואָס צאָלט אַ כתרילעווקער ייִד, משטיינס געזאָגט, אַז ער קומט שוין ערב־שבת אין מרחץ אַרײַן? הײַנט וויפֿל האָלץ נעמט צו די באָד, אַז דער קעסל בסך־הכּל איז שוין אַלט, און די שטיינער זײַנען צעפֿאַלן, און די ווענט לײַכטן זיך דורך, און פֿון דער סטעליע קאַפּעט. יעדער קאָפּ, וואָס פֿאַלט אַפֿן הוילן לײַב פֿון די נאַקעטע בעלי־בתים, טוט אַ ברי, אַ ברען, ברענט אויס אַ שטיק פֿלייש, מע טוט אַזש אַ טאַנץ אונטער און אַ מאַך בשעת מעשה: „איף — אוי!" — ווי די רשעים אין גיהנום, בשעת מע טרײַבט זיי אַף צעגליטע טשוועקעס. און דער עולם לאָזט אויס דאָס ביטערע האַרץ אַפֿן בעדער, שילט אים אָן אַ פֿולן קאָפּ, און ער, דער

בעדער, טוט זיך זײַנס: גיסט וואַסער אַפֿן הייסן שטיין און וואָרטשעט זיך אין באָרד אַרײַן: „איר פֿאַרשטייט אַ מעשה? אויסגעבויט אַ באָד נאָך פֿאַר כמעלניצקים צײַטן און ווילן ס'זאָל נישט קאַפּען!" און ער פֿאַרריכט אַלע מאָל מיט זײַנע אייגענע הענט די אַלטע באָד, פֿאַרשטעקט די ווענט, פֿאַרלאַטעט דעם דאַך, שפּאַרט אים אונטער מיט אַן אָבאַפּעלעק און רייניקט אָפּט די מקווה, בכדי די כתרילעווקער חכמים זאָלן זיך נישט ווערטלען און נישט זאָגן קיין המצאות, אַז זיי הערן דאָרטן זשאַבעס קוואַקען... און אָדם הראשון שטייט אויף גאַנץ פֿרי, ווען גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, שלעפּט מיט די געזונטע גראָבע ידים אַן עמער נאָך אַן עמער און זעצט בשעת מעשה גאַנצע שטיקער תהילים אויסווייניק מיט אַ ניגון, און דאָס קול זײַנס קלינגט, הילכט, לאָזט זיך הערן פֿון דער באָד אַרויס און קײַקלט זיך מיטן ווינט איבער די ברעגן פֿונעם טײַך און ווערט פֿאַרפֿאַלן העט־ווײַט דאָרטן, אַזש אַף יענער זײַט טײַך, ווי אַ פֿויגל האָט זיך פֿאַרקליבן אַף אַ צווײַגל פֿון אַ בוים, שאָרכט שטילערהייט, שאָקלט זיך און רייניקט דעם פּיסק און טראַכט מכוח אָנבײַסן...

און אינעווייניק אין שטיבל, וואָס בײַ דער באָד, איז נאָך שטאָק־פֿינצטער. דאָרט זיצט חווה די בעדערן איבער אַ שנויץ און פֿאַרריכט דעם „רבינס" גרעט, וואָס זי אַליין טאַקע האָט דאָס אים נעכטן אויסגע־וואַשן. פֿאַרלאַטעט ווו ערגעץ אַ ריס און נייט־צו ווו מע דאַרף אַ קנעפּל, דער „רבי" זאָל האָבן וואָס אָנצוטאָן, אַז ער וועט אויפֿשטיין פֿונעם שלאָף.

פֿונעם שלאָף? משטיינס געזאָגט, דאָס שלאָפֿן וואָס דער אַלטער רב יוזיפֿל שלאָפֿט, אַז אָט נישט לאַנג האָט ער אָפּגעפּראַוועט חצות און אָקערשט, ווי מע זעט נישט, כאַפּט ער זיך אויף, גיסט אָפּ נעגל־וואַסער און נעמט זיך צו עבודת־הבורא, הייבט אָן „זאָגן"... וואָס זאָגן — ווייס זי נישט אַקוראַט, נאָר אַז ער זאָגט, איז אַ מחיה צו הערן! איטלעכס וואָרט ממש צעגייט זיך אין אַלע אברים!

און די בעדערן שטייט אויף פּאַוואָלינקע, גייט אַף די שפּיץ־פֿינגער, נעמט זיך שטילערהייט צו דער מולטער, אויסמאַכן די חלה אַף שבת.

— קוקאַריקו! — ציט אויס אַ ווײַסער האָן מיט רויטלעכע פֿליגלען, שפּרינגט אַראָפּ צוליב דעם טאַקע פֿון די באַנטענעס גלײַך אַף דער שוועל, מיינט, אַז ער האָט דאָ געטאָן עמעצן מי יודע וואָס פֿאַר אַ טובה דערמיט, וואָס ער האָט אויפֿגעוועקט דעם עולם צו דער אַרבעט.

— אַ קיש אין דער ערד אַרײַן! — מאַכט צו אים חווה און טרײַבט אים דורך מיט ביזיונות און שיט אים אָפּ מיט ווערטער. — קיש־קיש צו אַלדע שוואַרצע יאָר! צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט, ער ווייס נאָר קוקאַריקו! וואַרט־וואַרט, וועסט זיך נאָך אַ ביסל בײַ מיר אונטערהאָ־דעווען, וועל איך דיך אַוועקטראָגן צום שוחט, וועט דיר שוין זײַן אַ קוקאַריקו! וועסט שוין בײַ מיר קוקאַריקען!

די דאָזיקע אַלע דבורים, וואָס חווה איז מכבד דעם האָן עם עזות־פּנים, זײַנען אָבער אַרויסגעוואָרפן: דער „רבי" איז שוין במילא אויפ־געשטאַנען, שוין לאַנג אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און גענומען זיך צו עבודת־הבורא, און ער „זאָגט" שוין... וואָס ער זאָגט — ווייס ניט חווה אַקוראַט, נאָר אַז ער זאָגט, איז אַ מחיה צו הערן! איטלעכס וואָרט ממש צעגייט זיך אין אַלע אברים! און זי טראָגט אים אונטער מיט גרויס דרך־ארץ אַ טעפּל ציקאָריע, הייסע און געשמאַקע, און סע זעצט אַ פּאַרע, און סע שמעקט טעם גן־עדן.

יב.

דער רב רב יוזיפל האָט אַ גוטע עלטער

די המצאה, אַז דער אַלטער רב רב יוזיפל זאָל לעבן פון דער פּרנסה פון דער כתרילעווקער קהלשער באָד, איז געווען איינע פון יענע גליקלעכע המצאות, וואָס נאָר אין כתרילעווקע קאָן מען פאַלן אויף אַזאַ גלײַכער זאַך. בערקע ער בעדער, אָדער אדם הראשון, וואָס האָט אויף זײַן אייגענעם חשבון, אייגנטלעך, באַדאַרפט על־פּי כתב באַהייצן מיטן האָלץ פון דער באָד אויך דאָס בית־המדרש, להבדיל, האָט סײַ ווי סײַ געלאָזט פרירן די בעלי־בתים אַ גאַנצן ווינטער, געפונען אַלע מאָל אַן אַנדער תירוץ: דער פראָסט איז צו גרויס, דאָס האָלץ איז נאַס, אַ טומאַן אין דרויסן, וכדומה אַזעלכע פּזמונות, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן — לאָז ער כאָטש אויסהאַלטן רב יוזיפל דעם רב אויף דער עלטער, מען האָט אים שוין מוחל געווען דאָס בית־המדרש! און וואָס דאַרף, משטיינס געזאָגט, אַן אַלטער ייִד, און אַ רב, ובפרט נאָך אַזאַ ייִד, און אַזאַ רב, ווי רב יוזיפל, וואָס אפילו אין די גוטע יאָרן איז בײַ אים אַלצדינג געווען גוט? די רביצן אַליין, פרומע־טעמע עליה השלום, פלעגט דערציילן אויף איר

מאָן, אַף רב יוזיפלען, אַז ס'איז באַ אים אַלצדינג רעכט. ווען, למשל, מע גיט אים עסן הייסע קוילן, עסט ער; ער בריט זיך, נאָר ער עסט. אַזאַ מין מפונק איז דאָס געווען. הײַנט בפרט נאָך איצט אַף דער עלטער! איין זאַך איז נאָר שלעכט: ס'ווערט אים זײַן באַ זיי אַ ביסל ענגלעך. איז דאָ אַן עצה: אָדם מיט חווהן קאָנען גאַנץ פֿײַן שלאָפֿן אין באָד, און „דער רבי" אין שטוב. די באָד מיט דער שטוב איז במילא איין שטוב, שטייען אונטער איין דאַך. נאָך אַ מעלה האָט די באָד, וואָס ווינטער איז דאָרטן וואַרעם, טאַקע ווי אין אַ גן־עדן. אמת, די דאָזיקע מעלה איז אַ מעלה נאָר ווינטער, און קומט זומער — ווערט פֿון דער מעלה אַ חסרון. ס'איז אַזוי הייס, אַז נישט נאָר אין באָד — אין שטוב קאָן מען צעגאַנגען ווערן פֿון היץ. איז אָבער פֿאַראַן אַן אַנדער עצה: שלאָפֿט מען אין דרויסן. זומען אין דרויסן איז דאָך טויזנט מאָל בעסער ווי אין שטוב, ובפרט נאָך דאָ, באַם ברעג טײַך, איז דאָך טאַקע אַ גן־עדן. אמת די דאָזיקע מעלה האָט אין זיך אויך אַ שטיקל חסרון, וואָס איבער די זשאַבעס איז דאָ, באַם ברעג טײַך, אוממעגלעך צו שלאָפֿן. איז דער תירוץ: למאי אין שטוב? אין שטוב באַ זיי איז דען נישטאָ קיין זשאַבעס? עס האָט זיך דען נישט געטראָפֿן חווה די בעידערן וויפֿל מאָל, אַז זשאַבעס זאָלן איר שפּרינגען גלײַך אין פּנים אַרײַן אָדער פֿון בעט, אָדער פֿון דער דייזשע, אָדער גאָר פֿון אויוון אַרויס?... בקיצור, מע האָט דעם „רבין" באַגלייט אין שטוב, און אָדם מיט חווהן האָבן זיך באַזעצט אין גן עדן, דאָס הייסט אין באָד, און האָבן אַכטונג געגעבן אָפּן „רבין", ס'זאָל אים דאָ זײַן גוט, ער זאָל האָבן אַלצדינג צו דער צײַט, דאָס עסן צו דער צײַט און דאָס טרינקען צו דער צײַט. און מיט דער צײַט זײַנען זיי צו אים געוואָרן שטאַרק צוגעבונדן, ליב געקריגן, אַזוי ווי עפּעס אַן אייגענעם.

גערופֿן האָט זיי דער אַלטער רב יוזיפֿל „קינדערלעך", און זיי אים — „רבי". און נישט אומזיסט, וואָרעם זיי האָבן אַף זייער גאַנצן לעבן ביז אַהער נישט געהערט אַזויפֿיל תורה, וויפֿל זיי האָבן זיך אָנגעהערט דאָ פֿונעם אַלטן רב רב יוזיפֿל אין איין טאָג. און אַלצדינג וואָס זיי האָבן פֿון אים געהערט איז באַ זיי געווען אַ נײַס. ער האָט אויסגעזען באַ זיי אין די אויגן, ווי אַ מענטש, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צו פֿאָרן פֿון זייער אַ ווײַטער מדינה און דערציילט זיך אָן אַזעלכע חדושים, וואָס מע האָט זיי קיינמאָל נישט געהערט. און אפילו נישט געזען אין חלום. מיט אָפֿענע מײַלער און מיט האַרצקלאַפּעניש פֿלעגט דאָס דאָזיקע פּאָרל זיצן ווינטער

באַ דער לעזשאַנקע, און זומער אין דרויסן אױף דער פּריזבע, און קוקן אױפֿן „רבין" און האָרכן, ווי דער „רבי" רעדט פֿון רוחניות, דערציילט חדושים פֿון גאָט, פֿון מענטשן דאָ אױף דער וועלט, און פֿון מלאכים דאָרט אױף יענער וועלט, פֿון דער ערד און פֿון אַלע באַשעפֿענישן וואָס אױף דער ערד, און פֿונעם הימל מיט דער זון מיט דער לבנה מיט די שטערן און מיט די אַלע איבעריקע גלגלים. און נישט איין מאָל פֿלעגט זיך אויסווייזן אָדם הראשונען מיט חוהן, זיצנדיק אין דרויסן באַ דער באָד אין די וואַרעמע ליכטיקע זומער־נעכט, אַז דער דאָזיקער זקן, מיט דעם אײנגע־בויגענעם רוקן, מיט דעם קליינעם ווייסן בערדל און מיט די גוטע, גוטע אויגן, איז אַליין עפּעס אַ מין רוחניות וואָס אָט הייבט זיך עס אויף פֿון דער ערד און הייבט אָן שוועבן אין דער לופֿטן, שוועבט אַזוי לאַנג, ביז סע ווערט פֿאַרשוווּנדן דאָרטן ערגעץ, צווישן די גלגלים... און זיי אַליין פֿילן אויך, ווי עס ציט זיי עפּעס אַהין אַרויף, צו יענע ווייסע פּאַסמעס און צו יענע קליינע שטערנדלעך; צו די נשמות, וואָס בלאָנדזשען דאָרט אַרום און געפֿינען נישט קיין רו...

גאָט ווייס אויב ס'איז נאָך עמעצן אױף דער גאַנצער וועלט געווען אַזוי גוט, ווי אונדזער פּאָרל אָדם מיט חוהן אין גן עדן, און אויב עמעצער נאָך האָט געהאַט אַזאַ גליקלעך עלטער, ווי דאָ, באַ זיי אין גן־עדן, האָט געהאַט דער אַלטער רב רב יוזיפֿל פֿון כתרילעווקע.

יג.

כמעט דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן איז רב יוזיפֿל אין כעס

הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז קיין איבעריקע זאַך זאָל נישט זײַן אױף דער ערד; און שטענדיק גוט — דאָס טאָר נישט זײַן קיינעם נישט, אין ערגעץ נישט! פֿאַראַן אַ שטן מקטרג, וואָס מישט זיך אַרײַן, שטייט באַ אונדז שטענדיק הינטער די פּלייצעס און היט אונדז די נשמה, גיט אַכטונג, מיר זאָלן חלילה נישט פֿאַרגעסן אָן גאָט... דער דאָזיקער שטן האָט זיך אַרײַנגעמישט אויך אַהער, אין דעם גן־עדן, וואָס מיר האָבן אויבן באַשריבן, און האָט שיר־שיר נישט אַרויסגעטריבן פֿון דאַנען אָדם מיט חוהן, און מיט זיי אינאיינעם — נעבעך דעם אַלטן עלנטן זקן;

שיר־שיר נישט חרוב געמאַכט די נעסט, שיר־שיר נישט צעשטערט די ליבע און געטריַיע, שיר־שיר נישט פאַרשטערט האָס גליק אַף אייביק.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען חווה די בעדערן איז געקומען פונעם מאַרק. געוואָלט קויפן פישלעך — איז נישט געווען, געוואָלט קויפן קאַר־טאָפּלעס — איז נישט געווען, אַ בינטל ציבעלקעלעך — איז נישט געווען, נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש. פריִער האָט זי גערעכנט, אפשר איז זי צו פרי אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק? האָט זי אַ ביסל צוגע־וואַרט. דערזען, אַז ס'איז שוין גרויסער טאָג און אין מאַרק — איר זאָלט זאָגן אַ משוגענער הונט! ווו־נישט־ווו זעט זי ייִדן לויפן, פּאַקעווען זיך, אין וועג אַריַין. וואָס איז די מעשה? מע לויפט! וווהין לויפט מען? אין דער וועלט אַריַין!...

און ביז חווה איז געקומען אַהיים און איבערגעגעבן דאָס אָדם הראַ־שונען, און ביז אָדם הראשון האָט דאָס איבערגעגעבן דעם „רבין, איז שוין העכער אַ האַלבע שטאָט געווען אַף יענער זיַיט בית־עולם.

תחילת האָט רב יוזיפל גאַרנישט געוואָלט גלייבן, אַז ס'זאָל זיַין אמת: זיי לויפן? וואָס הייסט, זיי לויפן? נאָכדעם האָט ער גענומען דאָס יאַמשאָווע שטעקל מיט דער אויסגעבויגענער בלעכענער גאָלקע, וואָס איז שוין אַלט אפשר אַזויפיל, וויפל ער איז רב אין כתרילעווקע, און האָט זיך מטריח געווען מיט זיַין עלטער אין שטאָט אַריַין, און האָט נאָך געפונען עטלעכע ייִדן קליַיבן זיך אין וועג אַריַין, האָט ער זיי אָפּגע־שטעלט, און מיט אַ זיסן שמייכל האָט ער גענומען זיי שטראָפן, זאָגן מוסר.

— עטלעכע איבערגעבליבענע ייִדן האָבן אים אויסגעהערט מיט זייער אַ טיפן זיפץ און געזאָגט מיט ביטערן שמייכל:

— יאָ, איר זיַיט זייער גערעכט, נאָר פונדעסטוועגן, רבי, זעצט זיך און פאָרט אויך מיט אונדז! פאָלגט אונדז, רבי, פאָרט מיט אונדז, און וואָס גיכער!

— פאָרן? וווהין? צו וואָס? צוליב וועמען?

אָבער אַלע זיַינע רייד זיַינען געווען אומזיסט אַרויסגעוואָרפן, וואָרעם די עטלעכע איבערגעבליבענע ייִדן זיַינען שוין אויך געווען לאַנג פון יענער זיַיט שטאָט.

געקומען אהיים אין גן־עדן, מיין איך: צום בעדער מיט דער בע־דערן אין באָד אריין, האָט ער געטראָפן אָדם מיט חווהן שטארק פאר־זאָרגט, כמעט אין טרערן, און ער, רופט זיך אָן צו זיי:

— וואָס זייט איר, קינדערלעך, אזוי פארצאָרנט?

— ס׳טשעטשע, מאכן זיי צו אים, איר ווייסט דען נישט, וואָס עס טוט זיך? דאָ איז נאָר וואָס געווען האפּקע?

— וואָסער האפּקע?

— האפּקע די ערליתטע, די וואָס פארלעשט די ליכט שבת. דער־ציילט זי זיך אָן אזעלכע מוראדיקע זאכן, וואָס די האָר שטעלן זיך קאפּויר!

און אָדם מיט חווהן דערציילן איםביידע אינאיינעם, כאפּן איינס פאר דאָס אנדערע, די אַלע מוראדיקע זאכן, וואָס האפּקע דערציילט זיך אָן וואָס אַף דער וועלט טוט זיך. און רב יוזיפל דער רב זיצט אָנגעשפּאַרט אַפן שטעקן און הערכט, הערכט מיט קאָפּ. ער זיצט און טראַכט און ענט־פערן ענטפערט ער גאָרנישט. און נאָכדעם הייבט ער אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך ארום פון אַלע זייטן, לייגט אוועק לעבן זיך דאָס אַלטע יאָמ־שאָווע שטעקל, טוט אויס דאָס היטל און בלײַבט אין דער יאַרמעלכע, און רופט זיך אָן צו אָדם מיט חווהן:

— הערט זשע אוים, קינדערלעך, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, אַז דאָס אַלצדינג, וואָס איר דערציילט אָט דאָ, איז דאָס אַלץ פּוסטע זאכן, נישט ווערט קיין שמעק טאַבעקע; הנה זײַט וויסן, אַז לא ינום ולא יישן שומר ישראל, גאָט שלאָפט נישט. איך וועל אײַך דערציילן אַ משל מיט אַ מלך...

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איר הערט בעסער, וואָס האפּקע דערציילט זיך אָן! — אזוי כאַפּט זיך ארוים אָדם הראשון און האָט באַלד חרטה: ער פילט, אַז ס׳איז גראָבלעך, זייער גראָבלעך פון זײַן זײַט. נאָר פאררעכטן האָט ער שוין נישט געקאָנט: רב יוזיפל האָט זיך אָפּגעקערעוועט פון אים, זיך אָנגעטאָן אין טלית ותפילין, גענומען אַ ספר, דאָס אַלטע יאָמשאָווע שטעקל לעבן זיך, און זיך אוועקגעזעצט באָם טיש אויבן־אָן, ווי אַ מלך בשעת מלחמה, אָנגעוואָפּנט פון קאָפּ ביז פּיס, און געקוקט מיט גרוים גדלות, ווי איינער רעדט:

— אנו, לאז, א שטייגער, עמעצער פרווון צוטרעטן אהער?...

און פון זײַנע אלטע שווארצע אויגן און פון זײַנע אלטע גרויע האר האט ארויסגעקוקט אזויפיל גבורה און רויִקייט, אז אדם מיט חווהן האבן זיך געפילט, אז נישקשה — זיי האבן אף וועמען זיך אנצושפארן.

יד.

צוויי שטעט באגעגענען זיך און צעפארן זיך מיט גארנישט — און א סוף

געשניטן האט זיך דער עולם אף דעם טראקט, וואס גייט קיין מאזעפעווקע, אין דער סביבה פון יעהופעץ, און דער ערשטער פונקט אף אפצושטעלן זיך איז געווען קאזאדאיעווקע, אויך א יידישע שטאט, וואס איז באוווסט מיט אירע בארימטע ציגן, וואס דער נאמען אליין באווײַזט שוין דערויף. קאזאדאיעווקער ציגן מעלקן זיך גאר אנדערש און זײַנען אפגעשיידט פון די כתרילעווקער ציגן מיט זייערע הערנער, דאס הייסט דערמיט, וואס זיי האבן נישט קיין הערנער. אפן ארט פון הערנער איז בא זיי עפעס א מאדנע צאצקע פון פארנט, א מין של ראש להבדיל, און זיי זײַנען בטבע זייער פלאכעניסטע געלאסן הייסט דאס און נאריש, א סאך מער ווי די כתרילעווקער ציגן. א קאזאדאיעווקער ציג קאנט איר באגעגענען אין מיטן גאס, איר ווײַזן א ביסל שטרוי און זאגן איר: קאז-קאז-קאז — שטעלט זי זיך אנידער, צענעמט די פיסלעך, כאטש נעמט מעלקט זי אויס...

אויך די יידן, להבדיל, זײַנען דארטן גארנישט די יידן, וואס אין כתרילעווקע, דאס הייסט, די יידן זײַנען דארטן די זעלביקע יידן, וואס דא, מיט די זעלביקע נשמות, מיט די זעלביקע מאגנס, און אפילו די זעלביקע ארעמע לײַט, וואס יענע. דער גאנצער חלוק איז נאר אינעם „ברוך־שאמר“, דאס הייסט, וואס די כתרילעווקער יידן זאגן אינעם דאווענען פריִער „הודו“ און נאכדעם „ברוך־שאמר“, און די קאזאדאיעווקער יידן זאגן, פארקערט, פריִער „ברוך־שאמר“, און ערשט נאכדעם „הודו“. דאכט זיך, וואס איז, אייגנטלעך, די נפקא־מינה: דאס פריִער, יענץ פריִער? סײַ ווי סײַ א תפילה פון גאט, ניין, זאגט דאס נישט! אין אמאליקע גוטע יארן, אז די כתרילעווקער און קאזאדאיעצקער יידן האבן געהאט פרנסה בכבוד און ס'איז זיי אפגעגאנגען, ווי מע זאגט, נאר

קאַפּוויטיק, האָט זיך פאַר דעם „ברוך־שאָמר" מיט דעם „הודו" געגאָסן בלוט. עס האָט זיך וויפל מאָל געמאַכט, אַז אַ קאַזאַדאָיעווקער איז געקו־מען קיין כתרילעווקע אין בית־המדרש אַרײַן דאַוונען, און דער חזן האָט זיך אַוועקגעשטעלט צום עמוד, אָנגערוקט דעם טלית, זיך צעשאָקלט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ניגון:

— הודו לה' קראו בשמו...

האָט זיך דער קאַזאַדאָיעווקער צעלאָזט אַף דער הויכער אָקטאַווע:

— ברוך שאָמר והיה העולם!

און פאַרקערט, אַז אַ כתרילעווקער איז געקומען קיין קאַזאַדאָיעווקע אין שול אַרײַן, און דער חזן האָט זיך פאַרדבקהט, נאָר־וואָס פאַרמאַכט די אויגן, אויפגעהויבן דעם קולאַק און אָנגעהויבן דעם „ברוך־שאָמר והיה העולם", האָט זיך דער כתרילעווקער צעלאָזט אַפן געלענקל:

— הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילו—ו—ו—תיו!

דער „הודו" אַליין איז פאַר די קאַזאַדאָיעווקער נישט געווען אַזוי פּריקרע נאָך, ווי דער „עלילותיו", וואָס דער כתרילעווקער האָט אויסגע־צויגן אפשר אַף אָנדערהאַלבן קלאַפּטער. ממה נפשך, ווילסט זאָגן „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו"? — שטעל זיך אַוועק און זאָג דיר דאָרטן אַף: „הודו לה' קראו בשמו הודיעו בעמים עלילותיו". צו וועלכע גוטע יאָר נוצט דאָס דיר, אַז דו זאָלסט אַזוי אויסציִען אַף אַ קול דעם „עלילו—ו—ו—ותיו"? טוסטו דאָך עס, אַפּנים, אַף צו־להכעיס? איז ווי באַלד דו ביסט אַזאַ צו־להכעיסניק, קומט דיר פּעטש! און מע האָט אים דעמאָלט אַרײַנגעלייגט וויפל ס'איז אין אים אַרײַן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די כתרילעווקער און קאַזאַדאָיעווקער ייִדן אַ שנאה און געצויגן זיך לאַנגע־לאַנגע יאָרן. אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט פּעטש און אויסגעלאָזט מיט מסירות און מיט יאַבעדעס און מיט גראָבעניש און מיט באַגראָבעניש — די וועלט האָט מיט זיי דעמאָלט געהאַט צו טאָן, ווילד־פרעמדע האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין זייערע משפּטים, געמאַכט חוזק פון זיי מיט זייערע ייִדישע מנהיגים און פּוסטע גענג, זיי געגעבן אַ שיינעם נאָמען „פאַנאַטיקער". בקיצור, ס'איז געווען פע, חולשי חלשות!

אמת, יענע נאַרישע נאַר גליקלעכע יאָרן זײַנען שוין לאַנג אַוועק, און גאָט ווייס, אויב זיי וועלן זיך אַמאָל אומקערן: אמת, עס האָט זיי אַלעמען אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז זיי האָבן גרעסערע מכות פון

„הודו" מיטן „ברוך־שאָמר"; נאָר די שנאה צווישן די כתרילעווקער מיט די קאָזאָדאָיעווקער איז פאַרבליבן אַ שנאה, וואָס מיטן שכל קאָן מען זי נישט געבן יענעם צו פאַרשטיין בשום אופן... גיי, אַשטייגער, גיב צו פאַרשטיין דעם שכל, פאַרוואָס, למשל, אַז אַ קליין שייגעצל אין כתרילעווקע, אַז סע דערזעט אַ ייִדן, מוז דאָס כאַפּן דאָס היטל אין די ציין און אָנהייבן טרייסלען דאָס אַהין און אַהער און זינגען בשעת מעשה אַ לידל: „זשיד זשיד! כאַלאַמיד! זאַהוביוו טשערעוויק! אַ יאַ שאָוו! טאַי נאַשאָוו! טאַי פּידניאַוו! טאַי פּישאָוו!" אָדער פאַרקערט, גייט זײַט אַ חכם און גיט צו פאַרשטיין דעם שכל, פון וואַנען נעמט זיך דאָס, אַשטייגער, וואָס באַ אַ כתרילעווקער ייִדן, וויבאַלד ער רעדט פון נישט קיין ייִדן, אַזוי הייבט ער אָן אויסנוצן וויפל ער האָט לשון־קודש־ווערטער: „גיב דעם ערל אין די ידים אַ צנצנת יי"ש, נאָר נישט מלא, מיט אַ שטיקל לחם, וואָרעם ער האָט נאָך הײַנט גאָרנישט געאַכלט, און זײַ אים משלם צוויי זהובים, און לאָז ער הלכענען, נאָר גיב אַכטונג מיט די עינים ער זאָל עפּעס נישט לקחענען"... דאָס זײַנען פון די זאַכן, וואָס פאַרשטיין מיטן שכל קאָן מען דאָס נישט, מע באַדאַרף עס פילן... נאָר מיר קערן זיך אום צו די כתרילעווקער און קאָזאָדאָיעווקער ייִדן.

פאַראַן אַזעלכע מאָמענטן אינעם מענטשנס לעבן, וואָס אַלצדינג ווערט פאַרגעסן, אַלצדינג ווערט אָפּגעמעקט, גלײַך ווי גאָרנישט געווען; און ס'איז אַ גליק, וואָס עס איז אַזוי. אַנישט, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאַט! גאַנץ גלײַך האָבן אונדזערע חכמים מתקן געווען, אַז ערב יום כפּור, בשעת מלקות שלאָגן, איז מען זיך איינס דאָס אַנדערע מוחל.

אויך די שנאה פון די כתרילעווקער מיט די קאָזאָדאָיעווקער, אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט אין וועג אין אַזאַ שיין שטיקל צײַט פון בהלות און לויפעניש, איז מיטאַמאָל אַוועקגעפלויגן, ווי מיטן ווינט און מיטן רויך — אויס שנאה! און באַגעגנט האָט זיך כתרילעווקע מיט קאָזאָדאָיעווקע פּונקט אױף דער מיט וועג, אין פעלד, נישט ווײַט פון יענעם אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געשטאַנען אַ ייִדישע קרעטשמע, וואָס מען האָט זי גערופן „די דעמבבענע", און וואָס האָט איבערן מאַנאָפּאָל געמוזט צומאַכן זיך. עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפן!

אַז כתרילעווקע מיט קאָזאָדאָיעווקע האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך

ביידע אָפּגעשטעלט, און ס'איז צווישן די צוויי פֿאָרגעקומען אַזאַ מין געשפּרעך:

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: וווהין פֿאָרן דאָס, אַשטייגער, ייִדן?

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: וווהין פֿאָרט איר?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: מיר? מיר פֿאָרן גלאַט אַזוי, איטלעכער מכוח זײַן עסק, פֿאַ דיעלו הייסט עס...

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: אַ גאַנצע שטאָט פֿאָרט מכוח עסק?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: וואָס זײַט איר? נישט קיין גאַנצע שטאָט?

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: מיר זײַנען עפּעס אַנדערש; מיר פֿאָרן נישט — מיר לויפֿן.

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: פֿון וואַנען־זשע ווייסט איר, אַז מיר — נישט

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: אָט אַזוי זשע רעדט. וווהין־זשע לויפֿן דאָס ייִדן?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: וווהין לויפֿט איר?

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: מיר? מיר לויפֿן... צו אײַך.

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: און מיר צו אײַך.

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: וואָס וועט איר טאָן בײַ אונדז?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: דאָס אייגענע, וואָס איר בײַ אונדז.

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: הערסט! וואָס זשע דאַרפֿן מיר לויפֿן צו אײַך און איר צו אונדז?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: בכדי, אַפּנים, מיר זאָלן זיך בײַטן מיט די ערטער?

ק אָ ז אָ ד אָ י ע ו ו ק ע: ווערטלעך אויף אַ זײַט! איר זאָגט אונדז בעסער דעם שכל: וואָס לויפֿט איר?

כ ת ר י ל ע ו ו ק ע: וואָס לויפֿט איר?...

. . . .

. . . .

ערשט אָט־דאָ, אַז די צוויי שטעט האָבן זיך צערעדט, זיך רעכט באַטראַכט איינס דאָס אַנדערע און אָנגעקוקט זיך אַקוראַט ווי עס געהער צו זײַן, מיט זײַטיקע אויגן, האָבן זיי אַרויסגעזען, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי האָבן...

— געזען אַ ביסל? זיך צעלאָזט! מע לויפֿט! וואָס לויפֿט מען? וווהין לויפֿט מען? אַ לויפֿעניש אויף זיי!

און מע האָט אָנגעהויבן ווישן די אויגן, וויינען און קרעכצן:
— אַז אַך און ווי איז צו אונדז אַלעמען, אַף וואָס מיר זײַנען אי־בערגעקומען!

און מע האָט זיך צערעדט, אָנגערעדט ווי די פּויקן, זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ... און נאָכדעם האָט מען זיך געגעבן די הענט, מע האָט זיך גאַנץ פֿײַן אָפּגעזעגנט און צעקושט זיך גאָר פֿרײַנטלעך, ווי אמתע גוטע פֿרײַנט, ווי מחותנים, וואָס האָבן זיך נאָך־וואָס משדך געווען, אָדער ווי מאַן און ווײַב, וואָס האָבן זיך געגט און צוריק גענומען זיך. און מע האָט אויסגעבטלט אַלע בייזע ווילסטע חלומות אַף די שונאימס קעפּ, און מע האָט זיך געווינטשעוועט איינס דאָס אַנדערע, אַז דערמיט זאָל מען שוין אָפּקומען, געזאָגט מיט אַ ביטערן געלעכטער: „י ה י רצון”... און מע האָט אַ ווונק געטאָן צו די ערלים, זיי זאָלן מוחל זײַן פֿאַרקערעווען די פֿערדלעך צוריק.

און די צוויי שטעט זײַנען זיך צעפֿאָרן צוריק אַף זייערע ערטער: כתרילעווקע קיין כתרילעווקע, קאָזאָדאָיעווקע קיין קאָזאָדאָיעווקע. שטיל, אָן ווערטער, האָט מען זיך אַרײַנגעגנבעט צו זיך אַהיים, ווי די פֿייגעלעך, איטלעכער אין זײַן נעסט אַרײַן. שטיל, אָן ווערטער, האָט זיך איטלעכער גענומען צו זײַן אַרבעט, און נאָך לאַנג נאָכדעם פֿלעגט מען איבערחזרן, איבעררײדן, דערמאָנען זיך נאָך אַ מאָל פֿון דער שיינער בהלה, וואָס ס'איז אַף זיי געווען. און בכדי די שפּעטערדיקע דורות, אונדזערע קינדס־קינדער, זאָלן אויך וויסן וועגן דעם וויסן, האָבן מיר זיך מטריח געווען באַ־שרײַבן די דאָזיקע שיינע עפּאָפּעע אין אונדזער פּראָסטער ייִדישער שפּראַך און אַרויסגעבן זי באַזונדער אין אַ ביכל, ס'זאָל בלײַבן נאָך אונדז אַ זכר אַף דור־דורות.

געשריבן אין יאָר 1904

אויסגעטרייסלט

— שאַט ! — רופט זיך אָן אַ ייִד מיִט קײַלעכיקע אויגן, ווי באַ אַן אָקס, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צײַט אין ווינקל באַם פּענצטער און האָט געריבערט און געהערט מעשׂיות פון גנבות, גזילות, עקספּראָפּריאַציעס. — אָט וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינס, אויך מיט גנבה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן באַ אונדז, און דווקא אין בית־המדרש האָט זיך דאָס געטראָפן, און נאָך יום־כּפּור דערצו ! איר מעגט דאָס הערכן.

אונדזער שטעטל כּתרילעווקע, — איך בין אַליין אַ כּתרילעווקער — איז אַ קליין שטעטל און אַן אָרעמס. קיין גנבים איז באַ אונדז נישטאָ. מע גנבהט נישט, ס׳איז נישטאָ באַ וועמען צו גנבהנען, און ס׳איז נישטאָ וואָס צו גנבהנען, און אַן אַלעמען איז דאָך גלאַט אַ ייִד קיין גנב נישט. דאָס הייסט, אַ ייִד איז אפילו יאָ אַ גנב, נאָר נישט אַזאַ גנב, וואָס זאָל קריכן דורך אַ פּענצטער, אָדער גיין מיט אַ מעסער צו יענעם קוילען. דרייען, אויסדרייען, אַרײַנדרייען, פאַרדרייען און אָפּדרייען יענעם דעם קאָפּ — דאָס מהכּיתיתי ; אָבער נישט קריכן יענעם אין קעשענע אַרײַן, מע זאָל אים כאַפּן פאַר דער האַנט און מע זאָל אים נאָכדעם באַדאַרפן פירן מיט אַ געלער לאַטקע אַף דער פּלייצע — דאָס פּאַסט פאַר איוואַן זלאָדי, אָבער נישט פאַר קיין ייִדן... שטעלט אײַך פאָר, האָט זיך באַ אונדז אין כּתרילעווקע געטראָפן אַ גנבה, און נאָך וואָסער אַ גנבה — אַכצן הונדערט קאַרבן אין איין קלאַפּ !

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשׂה, עס קומט צו פאָרן צו אונדז אין שטאָט אַרײַן אַן אורח, עפּעס אַ ייִד אַ פּאָדראַטשיק פון דער ליטע, פּונקט אום ערב יום כּפּור פאַר מנחה, שטעלט זיך אָפּ, געוויינלעך, אַף אַן אַכסניה, לייגט אָפּ דעם קלומעק און לאָזט זיך גיין גלײַך אין שול אַרײַן

און טרעפֿט אין אַלטן בית המדרש. געקומען אין בית המדרש צו מנחה, טרעפֿט ער די גבאים בײַ דער שיסל. — „שלום עליכם!" — „עליכם שלום". — „פֿון וואַנען אַ ייִד?" — „פֿון דער ליטע". — „מה שמכם?" — „וואָס איז אײַער באָבעס דאגה?" — „איר זײַט דאָך געקומען אין אַ שול". — „וווּהין דען זאָל איך גיין?" — „ווילט איר מסתמא בײַ אונדז דאַוונען?" — „אַ ברירה האָב איך? וואָס דען זאָל איך טאָן?" — „גיט־זשע עפּעס אין שיסל אַרײַן. — „וואָס דען, אומזיסט וועל איך דאַוונען?".

קיצור הדבר, אונדזער אורח נעמט אַרויס דרײַ זילבערנע קאַרבן און גיט אין דער שיסל אַרײַן, און אַ חוץ דעם — אינעם חזנס טעלער אַ קאַרב, דעם רב אַ קאַרב, אויף דער תלמוד תורה קאַרב, אין צדקה טעלער אַ חצי פֿויגל, אַ חוץ וואָס ער האָט צעטיילט די אָרעמע לײַט, וואָס בײַ דער טיר, — זיי זײַנען פֿאַראַן בײַ אונדז, קיין עין הרע, אַזויפֿיל, אַז מע זאָל זיך וועלן צולאָזן צו זיי, באַדאַרף מען צעטיילן ראָטשילדס פֿאַרמעגן.

דערזען אַזאַ מין אורח, האָט מען דאָך אים מסתמא אָפּגעטראָטן אַ שטאָט סאַמע אין מזרח־וואַנט, אַי, ווי האָט מען גענומען אַ שטאָט, אַז אַלע שטעט זײַנען פֿאַרנומען? איז קיין קשיא נישט, למאי ווי נעמט זיך אַן אָרט, אַז סע מאַכט זיך אַ שמחה, אַ חתונה, אָדער אַ ברית, אַלע זיצן שוין אַרום טיש, פּלוצעם ווערט אַ געריודער, — וואָס איז? דער נגיד איז געקומען! קוועטשט מען זיך אַזוי לאַנג, ביז מע מאַכט אַן אָרט פֿונעם נגידס וועגן. קוועטשן זיך איז אַ ייִדישע זאַך; אַז קיינער קוועטשט זיי נישט, קוועטשן זיי זיך אַליין...

דער ייִד מיט די קײַלעכיקע אויגן שטעלט זיך אָפּ, באַטראַכט דעם עולם, וואָס פֿאַר אַן אײַנדרוק עס האָט געמאַכט אַף אונדז זײַן וויץ, און דערציילט ווײַטער.

— קיצור־הדבר אונדזער אורח האָט זיך באַזעצט אויבן־אָן און האָט געגעבן בײַם שמש אַ שטענדער. אָנגעבויגן זיך איבערן שטענדער, האָט זיך אונדזער אורח צו כּל־נדרי אָנגעטאָן אין טלית און אין קיטל און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען, האָט ער געדאַוונט און געדאַוונט. די גאַנצע צײַט געשטאַנען אַף די פֿיס, זיך נישט צוגעזעצט — פֿון צולייגן זיך שמועסט מען נישט! — ער איז נישט אָפּגעטראָטן פֿונעם שטענדער אַף קיין מינוט, דער ליטוואַק, סײַדן דעמאָלט, ווען מע האָט באַדאַרפֿט זיך שטעלן שמונה־עשרה אָדער פֿאַלן כּורעים... אָפּפֿאַסטן אַזאַ טאָג און

אויסשטיין אַף די פיס, זיך נישט צוגעזעצט אפילו — דאָס קאָן נאָר אַ ליטוואַק!... ערשט נאָכן לעצטן בלאָז, אַז ס'איז געקומען צום וואָכע־דיקן מעריב און חיים־חנא דער מלמד (דער מעריב קומט חיים־חנא דעם מלמד פון קדמונים) האָט זיך אָנגעהויבן ציקלען: „המערי־י־י־ב ערבים!" — פּלוצעם הערט זיך אַ געשריי: „גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!"... מע טוט אַ קוק — דער אורח ליגט אַף דער ערד און חלשט. מע גיסט אים אָפּ מיט וואַסער, מע מינטערט אים אָפּ — ער חלשט ווײַטער. וואָס איז די מעשה? אַ שיינע מעשה. ער האָט געהאַט מיט זיך, דער ליטוואַק הייסט דאָס, אַכצן הונדערט קאַרבן, האָט ער מורא געהאַט, זאָגט ער, זיי איבערצולאָזן אַף דער אכסניה — אַ ווערטעלע אויסצורייידן אַכצן הונדערט קאַרבן! וועמען פאַרטרויט מען אַזאַ מטמון מיט געלט אין אַ פרעמדער שטאָט? האַלטן זיי באַ זיך אין קעשענע אום יום־כּפּור איז עפּעס אויך נישט קיין פּלאַן. האָט ער זיך מישב געווען, זאָגט ער, און האָט זיי אַרײַנגערוקט שטילערהייט אין שטענדער אַרײַן — אַ ליטוואַק קאָן! אַצינד פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס ער איז נישט אָפּגעטראָטן פונעם שטענדער אַף קיין מינוט?... נאָר בשעת שמונה־עשרה שטיין אָדער בעת כורעים פאַלן האָט, אפנים, דאָס געלט עמעצער אַרויסגעלקחנט.

קיצור־הדבר, ער גוואַלדעוועט, ער וויינט, ער לייגט־אײַן די וועלט: וואָס וועט ער איצטער טאָן אָן געלט? ס'איז, זאָגט ער, פרעמד געלט, ס'איז נישט זײַנס, ער איז נאָר אַ משולח פון אַ קאַנטאָר, אַ ייִד אָן אָרע־מאַן, זאָגט ער, און אַ מטופּל מיט קינדער, — עס קומט דאָך אים איצ־טער, זאָגט ער, נאָר נעמען און אַרײַנוואַרפן זיך אין וואַסער אַרײַן, אָדער אויפהענגען זיך, זאָגט ער, אָט דאָ אין שול פאַר אַלעמען אין די אויגן!...

דערהערט אַזעלכע דבורים איז דער גאַנצער עולם געבליבן שטיין ווי געליימט, גאָר פאַרגעסן, אַז ס'איז נאָך אַ תענית און מע באַדאַרף גיין אַהיים גיכער זיך אָפּפאַסטן. ס'איז אונדז געווען אַ בזיון פאַרן אורח, אַ חרפּה און אַ בושה פאַר זיך אַליין: אַזאַ גנבה, אַכצן הונדערט קאַרבן! און וווּ? אין בית־המדרש, אינעם אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש! און ווען? יום־כּפּור! אַזאַ מעשה איז נישט געהערט געוואָרן אין דער וועלט!

— שמש! פאַרשליס די טיר! — אַזוי האָט געגעבן אַ באַפעל אונדזער רב. מיר האָבן אונדזער אייגנס אַ רב, הייסט ער רב יוזיפל, אַן אמתער אַן ערלעכער ייִד אַ כשערער, אפילו נישט אַזאַ איבערגעשפּיצטער,

נאָר אַ מזל־טוב, אַ מענטש אָן אַ גאַל. ער האָט אין זיך אַמאָל אַזעלכע אײַנפאַלן וואָס איר ווערט דערויף קיינמאָל נישט פאַלן, איר זאָלט זײַן מיט אַכצן קעפּ! פאַרשלאָסן די טיר פונעם בית־המדרש, רופט זיך אָן רב יוזיפל דער רב צום גאַנצן עולם, און אַליין איז ער בלאַס ווי די וואַנט, די הענט ציטערן אים און די אויגן ברענען:

— שמעו נא, רבותים, הערט צו יידן ס'איז אַ מיאוסע מעשה! אַזאַ מעשה איז נאָך נישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט, אַז בײַ אונדז אין כתריליווקע, זאָל זיך געפינען אַזאַ בעל־עבירהניק אַזאַ פּושע־ישראל, וואָס זאָל האָבן אַ פּאָטעפּאַלנעסט צונעמען בײַ אַ פרעמדן מענטשן, נעבעך אַ טאַטע פון קינדער, אַזאַ אוצר מיט געלט, און ווען? אין אַזאַ הייליקן טאָג, ווי יום־כפור, און אפשר נאָך צו נעילה, — אַזאַ מעשה איז דאָך נישט געהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט! סע גלייבט זיך מיר גאָרנישט, אַז ס'קאָן געמאָלט זײַן אַזאַ זאַך, סע קאָן נישט זײַן בשום ענין ואופן! און אפשר, אַ קשיא אַף אַ מעשה, יידן זײַנען נעבעך זשעדנע אַ קערבל, ובפרט נאָך אַזאַ אָן אוצר, אַכצן הונדערט קאַרבן, דער יצר־הרע רחמנא ליצלן איז געװאַלדיק גרויס, טאָמער איז עמעצער פון אונדז געשטרויכלט געוואָרן, באַשערט געוועזן עמעצן נעבעך אָן אומגליק, טאָן אַזאַ אָן עבירה אין אַזאַ טאָג, באַדאַרפן מיר זען די זאַך חוקר ודורש זײַן, דערגרונטעווען זיך ביזן שורש. הימל און ערד האָבן געשוואָרן, אַז דער אמת מוז אַרויף ווי בוימל אַפן וואַסער. על כן, זאָגט ער, באַדאַרפן מיר זיך באַזוכן איינס דאָס אַנדערע, באַזוכן, באַטאַפּן, טרייסלען אַלע קע־שענעס, פונעם ערשטן בעל־הבית, זאָגט ער, ביזן שמש, נישט דורכלאָזן קיינעם נישט. נאָט, יידן, טרייסלט מיך!

אַזוי האָט זיך אָפּגעזאָגט אונדזער רב, רב יוזיפל, און האָט זיך דער ערשטער צעגאַרטלט די קאַפּאָטע און איבערגעקערט אַלע קעשענעס אַף דער לינקער זײַט. און, אַף אים קוקנדיק, האָבן אַלע בעלי־בתים זיך צע־גאַרטלט און אויסגעקערט די קעשענעס, און מען האָט גענומען באַזוכן און באַטאַפּן און טרייסלען איינס דאָס אַנדערע, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ס'איז געקומען צו לייזער־יאָסלען. איז ער געוואָרן אַלערליי געשטאַלטן און האָט אָנגעהויבן טענהן, ערשטנס, אַז דער אורח איז אַ שווינדלער. ס'איז אַ מאַניפאָרגע פון אַ ליטוואַק, מע האָט בײַ אים קיינער קיין געלט נישט געגנבעט, שקר וכזב — איר זעט נישט, אַז ס'איז אַ גע־מאַכטע זאַך?...

האָט דער עולם אָנגעהויבן ליאַרעמען נאָך שטאַרקער: ס'טײַטש, בעלי־בתּים האָבן זיך געלאָזט באַזוכן, פאַרוואָס זאָל מען לייזער־יאָסלען אויסמײַדן? נישטאָ קיין מיוחסים! „באַזוכן! באַזוכן!“ — האָט גע־שריגן דער גאַנצער עולם.

לייזער־יאָסל האָט דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָט ער אָנגעהויבן בעטן זיך רחמים, מיט טרערן אויף די אויגן, מע זאָל אים נישט באַזוכן. ער האָט זיך געשוואָרן מיט כּל השבועות, ער זאָל אַזוי ריין זײַן פון שלעכטס, ווי ער איז ריין פון דער גנבֿה. נאָר וואָס דען? ס'איז אים אַ בזיון, זאָגט ער, ער בעט, מע זאָל רחמנות האָבן אויף זײַנע יונגע יאָרן און מע זאָל אים נישט אָנטאָן דעם בזיון, מע זאָל אים נישט באַזוכן. „טוט מיר, זאָגט ער, וואָס איר ווילט, נאָר טרייסלען זאָלט איר מיך נישט!“ ווי געפעלט אײַך אַזאַ ימח־שמוניק? ווי מיינט איר, אשטייגער, מע האָט אים עפּעס געהערט? געלייגט כּבֿוד?...

נאָר שאַט! איך האָב אײַך גאָר פאַרגעסן דערציילן, ווער איז דער לייזער־יאָסל. דער דאָזיקער לייזער־יאָסל איז אַליין נישט קיין כּתרילעווער־קער, ער איז גאָר אַליין פון אַלדי שוואַרצע יאָר, נאָר ער שטייט אײַן באַ אונדז אין כּתרילעווקע פאַר אַן איידעם. דאָס האָט אים אונדזער נגיד אויסגעקראַצט פון ערגעץ, זיך באַרימט, אַז ער האָט דערטאַפּט אַן אבֿן־טובֿ, געהאַנדלט אַ מציאה פאַר זײַן טאָכטער, טויזנט בלאַט גמרא אויף אויסווייניק, און אַ בעל־תּנ״ך, און אַ בעל־לשון־קודש, און אַ בעל־חשבון, תּשבורת מיט אַלגעברע, און אַ כּתבֿא־רבא, הכּלל מיט אַלע זיבעצן מעלות! געבראַכט צו פירן די צאַצקע, איז מען געגאַנגען קוקן אויף חדושים: וואָס האָט דאָ דער נגיד אײַנגעהאַנדלט פאַר אַ מציאה. מילא, אַזוי אַ קוק טאָן אויף אים, איז גאָרנישט, אַ יונגערמאַן אַ זכר, נישט קיין מיאוסער יונגער־מאַן, נאָר די נאָז אַביסל צו אַ לאַנגלעכע, אויגן ברענענדיקע, ווי צוויי קויל פײַער, און אַ מויל — פּעך און שוועבל! מע האָט זיך גענומען מיט אים פאַרהערן אַ בלאַט גמרא, אַ קאַפּיטל פּסוק, אַ שטיקל רמב״ם, דאָס, יענץ — אש להבֿה! ער איז קלאָר, דער הונט, אומעטום, ווי אַ גוי אין אשרי, ווּוּ מע טוט אים אַ כאַפּ, איז ער אינדערהיים! רבֿ יוזיפל אַליין האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער מעג זײַן אַ רבֿ בכּל תּפוצות ישׂראל... און פון די אַלע הײַנטיקע זאַכן שמועסט מען נישט. איר קאָנט פאַרשטיין, באַ אונדז איז פאַראַן איינער אַ גאַנצער חקרן, זיידל רבֿ שעיהס, אַ רעכ־טער משוגענער, איז ער אַ הונט אָקעגן לייזער־יאָסלען! הײַנט זײַן

שפּילן אין שאָך פאַרמאָגט נישט די גאַנצע וועלט! אַז מע שמועסט אַ גערעכטענער!

אַוודאי האָט די שטאָט מקנא געווען אונדזער נגיד אַף אַזאַ תכשיט, כאָטש אַפילו דער עולם האָט געשמועסט, אַז דער תכשיט איז געכאַפּט אַף דער מעשׂה. דהיינו? ס'איז נישט געפעלן דעם עולם, וואָס ער איז צו קלוג (וואָס צו — איז איבעריק) און איז צופיל אַן עניו באַ זיך, אַ גוטער ברודער מיט איטלעכן באַזונדער, זאַפאַני־בראַטאַ מיטן קלענסטן פונעם קלענסטן, עס מעג זײַן אַ בחור, עס מעג זײַן אַ מיידל, עס מעג זיין אַן אשת־איש... הײַנט איז נישט געפעלן דאָס ארומגיין זײַנס — פאַר־טראַכט, קומט אין שול אַרײַן שפּעטער פון אַלעמען, טוט אָן דעם טלית און קוקט אין „בר־מים־חיים", אָדער אין „אבן־עזרא" אַרײַן, די יאָר־מעלקע פון יענער זײַט, און דאַוונען נישט אַ לעק! מע זאָל עפּעס זען אַף אים שלעכטס האָט מען נישט געזען גאָרנישט, נאָר געמורמלט האָט מען, אַז קיין גרויסער ירא־שמים איז ער נישט — אַ מענטש מיט אַלע מעלות קאָן נישט זײַן!

כך הוה. אַז ס'איז געקומען צו לייזער־יאָסלען און מע האָט זיך גענומען צום בחור, וואָס איז די מעשׂה, וואָס ער לאָזט זיך נישט באַזוכן — דאָס איז דאָך שוין אַ סימן, אַז דאָס געלט איז באַ אים! מאַכט ער: לאָז מען אים געבן אַ שבועה דאורייתא, לאָז מען אים שנײַדן, בראָקן, בראָטן, ברענען, אבי נישט טרייסלען די קעשענעס! דאָ איז שוין אונ־דזער רב רב יוזיפל, כאָטש ער איז אַ מענטש אָן אַ גאַל, אויך אַרויס פון די כלים און האָט זיך צעשריגן אַף אים:

— דו אַזעלכער און אַזעלכער! ביסט דאָך ווערט, מע זאָל דיך ווייס איך וואָס! ס'טײַטש, דו זעעסט, סע צאַפּט זיך ייִדן בלוט, אַלע זײַנען מוחל אַפּן בזיון און לאָזן זיך באַזוכן, ווילסטו זײַן אַ יוצא מן הכלל?! ממה־נפשך, אָדער זײַ זיך מודה און גיב אָפּ דאָס געלט, אָדער ווײַז די קעשענע! דו שפּילסט זיך מיט, קיין עין־הרע, אַן עדה ייִדן? מע וועט דאָך דיר דאָ איך ווייס אַליין נישט וואָס!

קיצור־הדבר, דער עולם האָט אים גענומען, דעם שיינעם בחור, מע האָט אים אַנידערגעלייגט מיט גוואַלד און מע האָט אים גענומען באַזוכן און באַטאַפּן, טרייסלען אַלע קעשענעס, און מע האָט באַ אים אויסגע־טרייסלט... אַנו, טרעפט וואָס? אָפּגעגריזעטע ביינער פון אַ פערטל עוף און אַ פּאָר טוץ נאָך גאָר פרישע קערלעך פון נאָר וואָס אויפגעגעסענע

פלוימען! איר פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ חן דאָס האָט געהאַט, אַז מע האָט אויסגעטרייסלט באַ אונדזער תכשיט דעם דאָזיקן אוצר?... איר פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט געהאַט, און דער שווער זײַנער. דער נגיד, און דער רב נעבעך?... אונדזער רב יוזיפל האָט זיך פאַר בזיון אָפּגעקערט אין אַ זײַט, נישט געקאָנט קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן. און אַז דער עולם איז נאָכדעם געגאַנגען פון בית־המדרש אַהיים אָפּפּאַסטן זיך, האָט מען נישט אויפגעהערט צו דערציילן פונעם אוצר, וואָס מע האָט אויסגעטרייסלט באַם תכשיט און מע האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער! נאָר איין רב יוזיפל איז געגאַנגען איינער אַליין, אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, פאַרזאָרגט און פאַרצאָרנט, נישט געקאָנט קוקן קיינעם אין די אויגן אַרײַן, גלײַך ווי מע וואָלט דאָס אויסגעטרייסלט באַ אים אַליין...

דער ייִד האָט, ווײַזט אויס געענדיקט זײַן געשיכטע, וואָרעם ער האָט זיך גענומען צוריק צום רייבערן.

— נו, און דאָס געלט? — האָבן מיר אים אַ פרעג געגעבן אַלע אין איין קול.

— וואָסער געלט? — מאַכט צו אונדז דער ייִד תמעוואַטע און בלאָזט דעם רויך.

— וואָס הייסט וואָסער געלט? די אַכצן הונדערט...

— אַ־אַ־אַ? — ציט ער אויס. — די אַכצן הונדערט? פאַרפאַלן.

— פאַרפאַלן?

— פאַר — פאַ — לן!!!

געשריבן אין יאָר 1902.

די גאָלדשפּינערס

אַ קורצער אַרײַנפאָר

די „גאָלדשפּינערס" — פרעגט זיי עפּעס גרינגערס, ווי אַזוי שפּינט מען דאָס גאָלד? דאָס האָט מען זיי נאָר אַזאַ נאָמען געגעבן אין כתרילעווקע מחמת קנאה; מען איז זיי מקנא, פאַרשטייט איר מיך, וואָס זיי זײַנען גרויסע פאַרדינער. דאָס הייסט, קבצנים זײַנען זיי, נישט פאַר אײַך געדאַכט, גלײַך מיט אַלע כתרילעווקער אָרעמע־לײַט, נאָר אַז עס קומט פּורים, פאַרדינען זיי שטיקער גאָלד. דער אייבערשטער האָט זיי געבענטשט אַלע פון זײַן ברייטער האַנט, יעדן מיט אַ באַזונדער טאַלאַנט, און מענטשן מיט טאַלאַנט איז די וועלט מקנא. דאָס איז שוין אַזוי אַלט, ווי די וועלט איז אַלט. מיר ווילן זיך דעריבער גאָרנישט אָפּשטעלן אפילו אױף אַ מינוט און גייען אַריבער גלײַך צו אונדזערע באַשרײַבונגען.

א.

דער קאָפּ פון די גאָלדשפּינערס: נפתלי מיט די פיס

נפתלי מיט די פיס איז אַ ייִד מיט סכנות־לאַנגע פיס, וואָס הייבן זיך אָן באַ אים כמעט פון דעם האַלדז. קיין מענטש איז נישט אימשטאַנד מיט נפתלין צו גיין און נישט בלײַבן פון הינטן; נישט מחמת דער גאַנג איז באַ אים אַזאַ גיכער, נאָר ווײַל דער שפּאַן איז אַ ברייטער. אָט, דאַכט זיך, זעט איר אים אױף דער זײַט גאַס. איר טוט זיך אַ ריר — אהאַ, ער איז שוין אױף יענער זײַט. די דאָזיקע פיס — דאָס איז נפתלים

קאַפּיטאַל, זײַנע כּלי־זין, זײַנע ברויט־געבער. בקיצור, נפתּלי איז אַ ייִד אַ מעקלער.

קומט צו פֿאָרן אַ פּריץ קיין כּתרילעווקע איין מאָל אין אַ יובל, דערשמעקט נפתּלי, אַז אַ פּריץ איז געקומען, טוען אים אַ טראָג די פֿיס אױף דער אַכסניה: „אדוני פּריץ, וואָס איז דײַן באַגער?" — און וואָס דער פּריץ זאָל נישט באַגערן, וועט אים נפתּלי ברענגען אין איין מינוט: אַ שנײַדער, אַ שוסטער, אַ שמידער, אַ דינסט, אַ פֿערד, אַ טאַראַנטאַס, אַ צירולניק, אַ פֿעלדשער, אַ מכשף, אַ שוואַרץ־יאָר. קיין „ניין" איז גאָר נישטאָ בײַ אים. דער גאַנצער חסרון איז, וואָס נפתּלי איז נישט איינער אױפֿן יריד. פֿאַראַן אין כּתרילעווקע, אַחוץ אים, נאָך מעקלערס. וויפֿל ייִדן, כּמעט אַזוי פֿיל מעקלערס, און יעדנפֿאַלס — מער מעקלערס, ווי פּריצים.

פֿון דעם איז גרינג צו פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ גאָלדענע געשעפֿטן נפתּלי מיט די פֿיס מאַכט און ווי שיין ער וואָלט אויסגעזען, ווען גאָט־ברוך־הוא זאָל נישט מזכּה זײַן זײַן ליב פֿאָלק ישׂראל מיט דעם ליבן, טײַערן, פֿריילעכן, לעבעדיקן יום־טובֿ פּורים. אין דעם דאָזיקן ליבן, טײַערן, פֿריילעכן, לעבעדיקן יום־טובֿ האָט זיך אַרויסבאַוויזן נפתּלים טאַלאַנט מיט זײַן גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ. נפתּלי איז אַ געבאָרענער אַרטיסט, און פּורים־שפּיל איז ווי אָנגעמאָסטן פֿאַר זײַנע לאַנגע פֿיס.

אין פֿלוג וועט אײַך אויסקומען אפֿשר קאָמיש, וואָס קער זיך אָן פּורים־שפּיל צו פֿיס? האָט קיין פֿאַראיבל נישט, עס קער זיך אָן זייער שטאַרק! נפתּלי איז נישט קיין אחשורוש, נישט קיין המן, נישט קיין מרדכי און נישט קיין ושתּי. ער איז נישט מער, ווי אַ ממוכן, אַ מין הויף־מײַסטער בײַם קעניג אחשורוש; און ווער עס איז באַקענט מיטן באַרימטן אחשורוש־שפּיל, דער וועט פֿאַרשטיין, אַז די ראָלע פֿון ממוכן איז זייער אַ וויכטיקע ראָלע. אױף ממוכנען, קאָן מען זאָגן, שטייט דאָס גאַנצע שפּיל. דאַרף מען אַרײַנרופֿן ושתּין, זי זאָל קומען פֿאַרן קעניג אחשורוש אַ נאַקעטע, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, — איז ממוכן. דאַרף זיך דער קעניג האַלטן אַן עצה, וואָס טוט מען מיט ושתּין, וואָס זי וויל נישט גיין קיין נאַקעטע, — איז ממוכן. דאַרף זיך מרדכי דורכריידן דיפּלאָ־מאַטיש מיט אסתּרן, — איז ממוכן. הכּלל — ממוכן דאָ, ממוכן דאָרט, ממוכן און ממוכן! און איר באַדאַרפֿט זען, ווי אונדזער ממוכן אַרבעט מיט די פֿיס. אָט האָט איר אײַך אַ בײַשפּיל:

עס עפנט זיך אויף די טיר און עס קומען אריין די פורים־שפּילער מיטן ברייטן „גוט יום־טוב". נאַטירלעך, בלייבן אַלע אַקטיאָרן שטיין האַרט באַ די ווענט, מיט די הענט אַראָפּ; נאָר איין ממוכן טרעט אַרויס מיט די לאַנגע פיס, מיט אַ שווערד אין דער האַנט און מיט אַ פּאַפּירענעם ספּאָדיק אַפן קאָפּ, אַ שפּאַן אַהער, אַ שפּאַן צוריק — און שיט מיט גראַמען, ווי פון אַ ראָזשעק (בסוד דאַרף מען אייך אויסזאָגן, אַז די אַלע גראַמען, וואָס איר באַגעגנט אָט דאָ, געהערן טאַקע צו ממוכנען, דאָס הייסט, נפתלי מיט די פיס האָט זיי אַליין אויסגעטראַכט פון זיין קאָפּ):

„איך, ממוכן, דער הויפּטמייסטער,
פונעם קלוגן קעניג אחשורוש
דער שטאַלמייסטער,
בין געשיקט צו ושתין דער קעניגין,
זי זאָל זיך פאַר די געסט טון טאָן פאַרנייגין
אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, ווי באַם זיידן
אדם הראשון אין גן־עדן
אַריין, אַריין, אַריין,
מלכה ושתי דו מיין!"

רייסט זיך אָפּ פון דער וואַנט די מלכה ושתי (בערל פּאָנפּאַטש) און ענטפערט אים אָפּ אויך מיט גראַמען, און אויך נפתלים אַרבעט, אַ ביסל אונטער דער נאָז און אַ ביסל מיט אַ קוויטש אַף אַ וויינענדיקן ניגון פון חתן־תורה:

„קומט אַהער אַלע פּרויען פון פּרס ומדי
און אַלע האַרינטעס פון שושן,
וועלן מיר זיך מיט אייך
אַ ביסל דורכשמועסן.
הערט, ווי מיין געמאַל
ווידערשפּעניקט אין דער תורה,
גענוג ער איז אַ טפש, איז ער נאָך
אַ שכור הגדול הגבור והנורא..."

דעמאָלט ווערט ממוכן אָנגעצונדן, טוט אַ שפּאַן מיט זיינע לאַנגע פיס הין און צוריק און הייבט אָן שיטן מיט גראַמען, זיין אייגענע אַרבעט:

„וואס זאגט איר אָף דער הולטייקע? געפעלט אייך א שפּראַך?
וואס האָב איך דאָ מיט איר צו ריידן א סך?
איך זאָל וויסן, אַז דער קעניג וועט נישט זיין אין כעס,
נעם איך אַראָפּ דעם קאָפּ אָט דער מרשעת..."

הייבט אויף קעניג אחשורוש (משה פלעצל) א לאַנגן שטעקן, אַרומ־געוויקלט מיט גאָלדפּאַפּיר:

„פון מיינעטוועגן מעגט איר אייך אַלע קעפּן, שטעכן אָדער הענגען,
אַבי מע זאָל נאָר אָהער דאָס ביסל משקה ברענגען.
וואס האָט איר, מיניסטאָרן, אַראָפּגעלאָזט די נעזער,
אַמער, גיסט בעסער אָן פולע גלעזער,
וועלן מיר טרינקען וויין,
וועלן מיר שכור זיין,
ביזן ווייסן טאָג אַריין!"

כאַפּט אונטער די גאַנצע קאָמפּאַניע:

„וועלן מיר טרינקען וויין,
וועלן מיר שכור זיין,
ביזן ווייסן טאָג אַריין!"

טרעט אַרויס מרדכי (נחמיה דער שוסטער), אָן אָפּגעריסענער, מיט א האָרב און מיט א באָרד פון פלאַקס, פאַרנייגט זיך פאַרן קעניג און רעדט צו ממוכנען און ווינקט עפּעס זייער מאָדנע מיט די אויגן, מאַכט מיט די הענט און זינגט מיט א מיתה־משונה־ניגון:

„היות ווי זיין מאַיעסטעט איז אָן אַלמן געבליבן,
און מע האָט אין אַלע 127 מדינות צעשריבן,
מע זאָל אים ברענגען מיידלעך פון דער גאַרער וועלט,
פון שיינעם יחוס און מיט געלט,
לכן האָב איך פאַר אים א כלה —
אַזאַ יאָר מעג שוין זיין אָף אונדז אַלע:
א מויד, ווי א צימעס, גרין אַזוי ווי גראָז,
א ביסל א ראַבעטיגי מיט א לאַנגער נאָז,

איר נאָמען איז אסתר,
קיין ברידער און קיין שוועסטער,
נישט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען,
נישט קיין פריינט און נישט קיין קרובים,
אַ יונג קינד פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק,
אַחוץ שבתים און יום־טובים..."

טוט ממוכן ווידער אַ שפּאַן מיט די פיס הין און צוריק, רעדט מיט פייער:

„אַדרבה, לאָז זי קומען אַהער,
און זיך טון טאַן פאַרן קעניג אַ קער,
און אויב זי וועט אים געפעלן,
וועט ער איר די קרוין אָפּן קאָפּ אַוועקשטעלן.
און דו, מאַנדריש, פאַר דיין שדכנות,
וועסטו באַקומען אַ המן־טאַש מיט מאָן שלח־מנות...
אַריין, אַריין, אַריין,
אסתר מלכה דו מיין!"...

און ערשט דאַ הייבט זיך אָן דער רעכטער קנאַק: נפתלים פיס זיינען שטאַרקער פון אייזן, אַז זיי טראָגן איבער אַזאַ פּורימדיק שטיקל אַרבעט. דערפאַר אָבער לעקט ער אָפּ אַ פעט ביינדל, וואָרעם ער איז דאָך, קאָן מען זאָגן, דער רעזשיסער פון דער טרופּע, דער בעל־הבית, דער מחבר און דער קאַסירער.

— ער שפּינט גאָלד, שטיקער גאָלד, אָט דער ייִד, אַז עס קומט פּורים!

אַזוי זאָגן אַף אים די כתרילעווקער ייִדן, וואָס זיינען אים פּשוט מקנא, נישט אַזוי אַף זיין טאַלאַנט, ווי אַף זיין פּרנסה.

ב.

די גאָלדשפּינערן: ריוועלע די זיסע

כתרילעווקע זאָל אַלע טאָג נוצן צוקערלעקעך, פלאָדנס און פלעדלעך, אַזוי ווי מע נוצט דאָס דאָרטן פּורים צו שלח־מנות, וואָלט נפתלי מיט די פיס פאַרשפּאָרן זיין אַ גאַנץ יאָר אַ מעקלער און פּורים אַ קאָמעדיאַנט.

זײַן װײַב, ריװעלע די זיסע, װאָלט אים אױפֿהאַלטן מיט זײַן גאַנץ הױז־געזינט מיט כּבֿוד. װאָרעם אױב נפֿתּלי איז באַרימט מיט זײַנע פּיס, איז זײַן װײַב ריװעלע נישט װײניקער באַרימט מיט אירע הענט.

ריװעלע איז אַף דער פּיגור אַ װײַבעלע אַ קלײניטשקע, אַ דאַרינקע, אַ טרוקענע, אַ פּאַרזעעניש, און אַקעגן איר מאַן נפֿתּלי זעט זי אױס, װי אַ פּערטל אַף. אַ קוק טאָן אַף איר — װער װעט זאָגן, אַז דאָס װײַבעלע פּאַרזאָרגט אַ גאַנצע שטאָט מיט צוקער־געבעקס, אַז עס קומט פּורים, װען ייִדן שיקן אײנער דעם אַנדערן שלח־מנות? מאָלט אײַך, ס'איז פּאַראַן נאָך װײַבער אין כּתרילעװקע, װאָס פּאַרנעמען זיך מיט דער זעלבער פּרנסה. װער אָבער פּאַרמאָגט אַזעלכע גאָלדענע הענט, װי ריװעלע די זיסע? אירע טאָרטן מיט אירע לעקעכער, אירע שטרודלען און מלכות־ברײטלעך, אירע מאַנדלעך און אינגבערלעך, מיט אירע געצװױ־קלטע קישעלעך האָבן זיך קונה שם געװען אין דער גאַנצער װעלט און דערלאַנגט אַזש קײן יעהופּעץ, דורך אַ מעשׂה, װאָס האָט זיך געטראָפֿן.
ומעשׂה שהיה כּך היה:

אײנער אַ לץ פֿון די כּתרילעװקער לצים, װאָס זײַנען דאָרטן אַזױ פֿיל, װיפֿל שטערן אין הימל, האָט זיך געװאָלט מאַכן אַ שפּאַס איבער דער שטאָט כּתרילעװקע און איבער די פּראָדוקטן, משטײנס געזאָגט, װאָס די שטאָט גיט אַרױס. װאָס זשע טוט אַזאַ לץ? איז ער זיך מיישב אײנמאָל אַף אַ טשיקאַװעס און שיקט אָװעק דורך דער פּאָסט שלח־מנות פֿון די אױבן־דערמאָנטע זאַכן, װאָס ריװעלע די זיסע גרײט אָן לכּבֿוד פּורים, צו זײַנעם אַ רײַכן קרובֿ קײן יעהופּעץ. צום שלח־מנות האָט ער בײַגעלײגט אַ בריװ זײער שײן געשריבן, אין װעלכן ער בעט דעם רײַכן קרובֿ, ער זאָל קײן פּאַראיבל נישט האָבן פֿאַרן „שיקעכטס, װאָס ער שיקט אים", װאָרעם אין כּתרילעװקע איז קײן „ע ר ג ע ר ע ש י־ק ע כ ט ס ן" נישט צו געפֿינען. װי איבעררײַשט אָבער, שטעלט אײַך פֿאַר, איז אָט דער לץ, אַז ער באַקומט פֿון זײַן רײַכן קרובֿ אַ דאַנק־בריװ מיט אַ בקשה, ער זאָל תּיכּף ומיד צונױפֿקױפֿן פֿון די דאָזיקע זיסע זאַכן װיפֿל ס'איז נאָר מעגלעך און למען השם רעכט אײַנפּאַקן און אָפּשיקן דורך פּאָסט אָפּן נגידים רעכענונג קײן יעהופּעץ (װער װײס נישט, אַז נגידים בכלל, און יעהופּעצער בפּרט, האַלטן פֿון דער אכילה, און האָבן ליב אַ זיסן ביסן?). פֿון דעמאָלט אָן װערט פֿון יאָר צו יאָר אַרױסגעשיקט

צום נגיד קיין יעהופּעץ אַ גאַנצער טראַנספּאָרט פון ריוועלעס זיסע זאַכן אַף פּורים. און אָט אַזוי איז ריוועלעס נאָמען געוואָרן מפורסם אַזש אין יעהופּעץ.

ג.

ש נ י ט ־ צ ײַ ט

ריוועלע זאָל אָבער דאַרפן אַרויסקוקן אַפן יעהופּעצער נגיד אַליין, וואָלט זי בלוי באַשטאַנען. דער עיקר פּדיון איז בײַ איר אַפן אָרט. די עטלעכע טעג, וואָס פאַר פּורים זעלבסט, האָט ריוועלע די זיסע ממש קיין הענט נישט. באַרעכנט אײַך: אַליין באַקן, אַליין פּאַרקויפן, אַליין פּאַרפּאַקן און אַליין רעכענען זיך מיט אַלע בעלי־ביתטעס — צו די חשבונות אַליין דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער!

אָט האָט איר אײַך אַ מוסטער. ווי אַזוי ריוועלע רעכנט זיך מיט אַ נגידס אַ ווײַב, וואָס טראָגט פּערעלעך אין דער וואָכן און הייסט שרה־פּערל:

— פון אײַך קומט, שרה־פּערל, אַזוי גרויס, ווי פאַר אַ האַלב טוץ לעקעכלעך מיט ראָזשינקעס עובר לסוחר צו זעקס גראָשן, זעקס מאָל זעקס — וויפל איז זעקס מאָל זעקס? דאַכט זיך דרײַ־און־דרײַסיק? און פיר קומיש־ברייטלעך האָט איר גענומען צו אַכט גראָשן, עס קאָסט מיך אַליין צו זיבן, איך זאָל אַזוי זײַן געזונט, פיר מאָל אַכט איז אַכט־און־פערציק; הײַנט צוויי פלעדלעך גרויסע אָן פאַרפעלעך און דרײַ פלעדלעך קליינע מיט פאַרפעלעך, וועל איך אײַך רעכענען פאַר די פלעדלעך אַרום און אַרום פינף שטיק צו פיר־און־צוואַנציק גראָשן, עס קאָסט מיך טײַערער, לאָמיר ביידע אַזוי זײַן געזונט! פינף מאָל פיר־און צוואַנציק וויפל איז? ס'זאָל זײַן זעקס מאָל וואָלט דאָך געווען אַ קערבל מיט זעקס גראָשן, און אַז פינף מאָל, איז, אפנים, אַזוי גרויס, ווי אַ קערבל אָן זעקס גראָשן. וויפל־זשע האָבן מיר אינאיינעם, הייסט עס: דרײַ־און־דרײַסיק און אַכט־און־פערציק איז צוויי־און־אַכציק, און אַ קערבל, איז אַנדער־האַלבן קערבלעך מיט צוויי־און־צוואַנציק, גייט אַראָפּ זעקס גראָשן, איז וויפל בלײַבט פון אַנדערהאַלבן קערבלעך מיט צוויי־און־זעכציק קאָפּיקעס, אַז מע נעמט אַראָפּ זעקס גראָשן? נישט קיין רובל מיט נײַנציק?

— א גוט יום־טוב! וואָסערע צוויי־און־זעכציק? ווּ האָבן זיך גענומען צו אײַך צוויי־און־זעכציק?

אַזוי צעשרײַט זיך שרה־פּערל, און בײדע װײַבער נעמען זיך צום חשבון ווידער אַ מאָל פֿונעם אָנהייב.

— זאָלט איר מיר געזונט זײַן, שרה־פּערל, דער חשבון איז דאָך, ווי אַפֿן טעלער; אַ האַלב טוץ לעקעכלעך מיט ראָזשינקעס עובר לסוחר צו זעקס גראָשן אַ שטיקל, איז זעקס מאָל זעקס — וויפֿל איז זעקס מאָל זעקס? נישט קיין צוויי־און־פֿערציק?...

— מזל־טוב! סע וואַקסט בײַ אײַך! פֿריִער איז בײַ אײַך אויסגעקומען דרײַ־און־דרײַסיק, איצט איז שוין געוואָרן צוויי־און־פֿערציק! קיין עין־הרע נישט!

עס העלפֿט נישט. װײַבאַלד עס קומט צו געלט, אַזוי מוז מען אָנקומען צו אונדז, מאַנצבילן, און ריוועלע רופֿט אָפּ נפתלין פֿון די אַקטיאָרן, און נפתלי האָט פֿײַנט, אַז מע רײַסט אים אָפּ פֿון דער אַרבעט, איז ער אין כעס סכּנות.

— אָן אַקציע מיט די װײַבער! קיין צוויי מיט צוויי קאָנען זיי אײַך נישט צונויפֿרעכענען. נו? אַרויס מיטן חשבון, נאָר גיך געשווינד, דער טאָג שטייט נישט!

אַזוי זאָגט נפתלי מיט גרימצאָרן, און מע רעכנט אים אויס דאָס גאַנצע צעטל, בײדע װײַבער אין איין אָטעם. נפתלי הערט מיט צוגעמאַכטע אויגן, רעכנט אויף די פֿינגער און ווערט גיך פֿאַרפּלאָנטערט און פֿאַרטומלט און נאָך מער אין כעס, און ער פֿאַלט אָן אָפֿן ווײַב:

— איך האָב דיר געזאָגט טויזנט מאָל, אַז װײַבאַלד דו האָסט אַזאַ קעצענעם מח און קאָנסט נישט צונויפֿרעכענען קיין צוויי מיט צוויי, הײַנט וועלכע גוטע יאָר טרײַבט דיך, זאָלסט פֿאַרקויפֿן דײַן סחורה הורט! לאחדים פֿאַרקויפֿט מען, אייגציקווײַז! למשל: וואָס האָט איר גענומען? אַ לעקעכל? גיט אַהער זעקס גראָשן! נאָך אַ לעקעכל? נאָך זעקס גראָשן! אַ פּלעצל? לייגט־אַנידער פֿיר־און־צוואַנציק גראָשן! נאָך אַ פּלעצל? נאָך פֿיר־און־צוואַנציק גראָשן!

שרה־פּערל דער נגידית שטייט אַפֿילו נישט אָן די מעשה, מע זאָל זיך מיט איר רעכענען אָט אַזוי אָ, ווי מיט אַ קבצנטע, נאָר זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט. ווּ װעט זי נעמען אַזאַ צוקער־געבעקס אויף שלח־מנות, אַז נישט בײַ ריוועלען? קומט פּורים, איז ריוועלע די מיוחסת.

איטלעכער האָט זיך זײַן צײַט, און אַז מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים פון דער תליה... נישט אומזיסט איז איר די גאַנצע שטאָט מקנא:

— גאָלדענע הענט... שיט אַן גאָלד... ביידע שיטן זיי אַן זעק מיט גאָלד, אַז סע קומט פּורים!...

ד.

דער יונגער גאָלדשפּינער: נח שניצלער

ווען מען גאָט גיט אַ זיסע שטימע צום זינגען, ווען מען הענט צום שפּילן, ווען מען פיס צום טאַנצן: — נחן, נפתלים עלטערן זון, האָט די נאַטור געבענטשט מיט אַ טאַלאַנט צום שניצן.

נאָך אַז נח איז געווען אַ קינד, איז ער אַרומגעגאַנגען אַ צעקנײַטער, אַ צעבײַלטער פונעם פאָטערס קלעפּ און פון דער מוטערס שטשיפּאַלקעס: „אַ יינגעלע זאָל דיר האָבן אַ טבע טאָג ווי נאַכט אַרומגיין און שנײַדן און בראָקן און שניצלען און שניצלען און שניצלען!״...

בכדי אַרויסצושלאָגן פונעם קינד דאָס משוגעת פון „שניצלען״, האָט מען אים אָפּגעגעבן אין חדר אַרײַן און אָנגעזאָגט דעם רבין הונדערט מאָל, ער זאָל אים איבערברעכן די הענט, טאָמער וועט מען אים זען האַלטן אַ מעסערל! זאָל ער בעסער זען וואָס מער לערנען! דעם רבינס לערנען האָט אָבער נישט געהאָלפן גאָרנישט: נח איז אַרויס פון חדר מיט זייער ווינציק תורה. דערפאַר האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן זעלטענע בריהשאַפט צום שניצן. און געשניצט האָט ער אַלצדינג, וואָס סע איז אים געקומען פאַר די אויגן. עס האָבן זיך געפונען מבינים אין כתרילעווקע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז בײַ דעם בחורל אין די הענט זיצט אַ רוח, נישט אַנדערש; ווען ער זאָל זײַן אין אַ גרויסער שטאָט, וואָלט פון אים אַרויס... זיי ווייסן אַליין נישט, וואָס פון אים וואָלט אַרויס. דערווײַל מעגן אים אָפּדאַרן די הענטלעך, וואָרעם ער האָט צעשניצט אַלע בענק מיט אַלע שטענדערס, וואָס אין בית־המדרש, אויסגעשניצט אַף זיי מענטשעלעך מיט פייגעלעך מיט, להבדיל, חזרים... פאַר די חזרים האָט נח באַקומען אַ רעכטע פּאַרציע פון טאַטן, פון דער מאַמען, פונעם רב און פונעם שמש און פונעם בעדער — ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן, דער האָט אים אַרײַנגעלייגט, וויפל ס'איז אין אים אַריין:

— אַ יונגאַטש קאָן! אין אַ מקום־קדוש חזרים!...

דאָס האָט אָבער נישט אָנגעלערנט אונדזער „שניצלער". דער פונק, וואָס האָט געטליִעט באַ אים אינעווייניק בירושה פונעם גרויסן בצלאל, וואָס אין חומש, האָט אים נישט געלאָזט צורו, ביז זײַן טאַלאַנט האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט זײַן גאַנצער קראַפט דורך אַ צופאַל, ווי אַלע גרויסע אַנטדעקונגען אין דער וועלט קומען אומגעריכט, דורך אַ זײַטיקער סבה.

דאָס איז געווען עטלעכע טעג פאַר פורים, האָט מען אים געקויפט אַ מתנה, אַ הילצערנעם גראַגער מיט אַ המן־קלאַפּער, אַף שלאָגן המנען אין בית־המדרש צו דער מגילה. נח האָט דעם גראַגער מיטן המן־קלאַפּער באַטראַכט פון אַלע זײַטן, שטילערהייט צענומען אַף שטיקלעך און צו־נויפגעשטעלט צוריק — און דאָ איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ווען ער זאָל נאָר האָבן מיט וואָס, וואָלט ער געמאַכט אַ גראַגער מיט אַ המן־קלאַפּער, וואָס וואָלטן פאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע גראַגערס מיט אַלע המן־קלאַפּערס פון דער גאַנצער וועלט. נחן האָט געפעלט דערצו נאָר צוויי זאַכן: מאַטעריאַל און אינסטרומענטן, דאָס הייסט, האָלץ און אַ מעסערל. וואָס טוט מען? מילא, מיט האָלץ איז קיין דאגה נישט: האָלץ קאָן מען אוועקלקחנען באַ דער מאַמען פון אונטערן אויוון. ווו נעמט מען אָבער אַ אינסטרומענט? אַ מעסערל ווו קריגט מען? און נח איז געפאַלן אַף אַן המצאה (אַ ליכטיקער קאָפּ!): ער האָט גענומען דעם גראַגער מיטן המן־קלאַפּער און איז אַרוים מיט זיי אַפן מאַרק פאַרקויפן, און פאַרן געלט וועט ער קויפן אַ מעסערל. האָט זיך אָבער געטראָפן אַן אומגליק (מיט אַלע דערפינדערס טרעפן זיך אומגליקן!): דער ערשטער קונה, וואָס נח האָט זיך צו אים געווענדעט, ער זאָל באַ אים קויפן אַ מציאה, האָט אים אָנגענומען באַ דער האַנט און צוגעפירט גלײַך צום פאָטער:

— וואָס איז די מעשה, רב נפתלי, אײַער קליינער האַנדלט שוין מיט גראַגערס?

דאָס פאַרשטייט אַ מינדסט קינד, אַז קודם כל האָט דער דערפינדער באַקומען זײַן פאַרציע פעטש, וואָס אים קומט, און ערשט נאָכדעם, אַז נפתלי האָט זיך גענומען צום זון אויספאָרשן, אַף וואָס ער דאַרף אַזוי נייטיק דאָס געלט, און אַז נח האָט אים דורך טרערן זיך מודה געווען, דערציילט דעם אמתן אמת, וואָס אים קוועטשט, האָט אים דעמאָלט דער פאָטער ערשט מקיים פסק געווען, אים אָנגערופן מיטן נאָמען „בהמה

בצורת פערד" און האָט אים געקויפט אַ מעסערל און האָט אים אַליין אויסגעקליבן האָלץ, און נח האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרבעטן אַף אַלע כלים, עס האָט געברענט בא אים אונטער די הענט, אַזוי אַז אין איין טאָג זײַנען באַשאַפן געוואָרן עטלעכע גראַגערס מיט המן־קלאַפּערס, נאָר אַזעלכע, וואָס די שטאָט איז געגאַנגען קוקן אַף חדושים, און אַלע האָבן אָפּגעגעבן נפתלין מזל־טוב:

— איר האָט שוין, רב נפתלי, מיט אײַער זון גאָרנישט וואָס צו זאָרגן. ער איז שוין אַ פאַרזאָרגטער...

פון דעמאָלט אָן ווייס שוין די גאַנצע שטאָט פון איין עק ביזן אַנ־דערן, אַז אַ גראַגער אין גלײַכן געלט, אָדער אַ המן־קלאַפּער, אָדער אַ קאַלאַקאָטקע אַף פורים — דאָס קריגט מען בא נפתלים זון, נח שניצלער. און וויפל נח זאָל נישט אָנגרייטן קיין סחורה, ווערט זי אויסגעפאַרקויפט ער לפּק. אַלע יאָר, אַז דער פורים גייט אַוועק, קאָנט איר הערן פון נחן די אייגענע ווערטער:

— הײַנטיקס יאָר איז געווען אַ יאָר פון גראַגערס.

נישט אומזיסט איז די שטאָט מקנא נפתלין אַף זײַנע קינדער:

— אַ הצלחה פון גאָלדשפּינערס! — זאָגט כתרילעווקע מיט אַ זיפץ. — נישט גענוג, ער פאַרדינט פון איין זײַט און זי פון דער אַנדערער זײַט, שיטן אָן גאָלד, אַז סע קומט פורים, דאַרפן זיי נאָך האָבן אַזעלכע גאָלדענע קינדער!...

ה.

די קליינע גאָלדשפּינערלעך

אויב איר ווילט זען אַ שיינס און ס'זאָל אײַך נישט קאָסטן טײַער, טאָ פאַרט זיך דורך, זײַט מוחל, אַף פורים קיין כתרילעווקע, שטעלט זיך אָפּ אַף וואָס פאַר אַן אכסניה איר ווילט און קוקט דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס, וועט איר עפּעס זען. פון גאַנץ פרי אָן טיאָפּקען איבער דער בלאָטע, לויפן ווי די פאַרסמטע מײַז, פון איין שטוב אין דער אַנדערער, יינגלעך מיט מיידלעך, אונטערגעבונדן מיט פאַטשיילעס, צום מיינסטן באָרוועסע, כאָטש ס'איז נאָך קאַלט אין דרויסן און סע ווייט אַ שנייעלע. אין די הענט האַלטן זיי אָדער גרויסע בעקנס, אָדער טעלער

און טעלערלעך, אָדער שאָלן און שעלעכלעך, איבערגעדעקט מיט ווייסע טישטעכלעך. דאָס טראָגן יידישע קינדער שלח־מנות, וואָס די כתרילעווער קער וויבער שיקן איינע דער אַנדערער, בייטן זיך מיט די פורימדיקע גוטע זאַכן, וואָס ריוועלע די זיסע האָט אָנגעגרייט.

— איטע־לאה האָט מיר געשיקט צוויי פלעדלעך מיט אַ מלכות־ברויטל, מיט אַ צוקערלעקעכל און מיט צוויי מאַנדל־בייגעלעך — שיק איך איר אָפּ צוריק איין פלעדל מיט צוויי מלכות־ברויטעך, מיט צוויי צוקערעקעכלעך און מיט איין מאַנדל־בייגעלע. און יענטע־מירל האָט מיר געשיקט אַ קישעלע מיט צוויי קומיש־ברויטלעך, מיט צוויי שטרודלען און מיט אַ מאָהינדל — שיק איך איר אָפּ צוריק צוויי קישעלעך מיט איין קומיש־ברויטל, מיט איין שטרודל און מיט צוויי מאָהינדלעך.

אַזוי קאָמבינירן די כתרילעווקער דאַמעס די שלח־מנותן קונציק און מיט אַ רעכענונג, ס'זאָל אויסקומען אי פיין, אי נישט פאַרשעמט, אי איינס אַף איינס. און מחמת די שטאָט לעבט צווישן זיך פריינטלעך, איז דאָ זייער אַ סך ערטער אַף צו שיקן די שלח־מנותן. דורך אייגענע דינסטן אָדער קינדער איז אוממעגלעך דאָס אויספירן. מע מוז אָנקומען צו פרעמדע. דעמאָלט ווערט אַ יקרות אַף אָרעמע יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן פים און ווילן פאַרדינען אַף פסח.

גליקלעך זיינען יענע פאָטער־און־מוטער, וואָס פאַרמאָגן וואָס מער יינגלעך און וואָס מער מיידלעך. אין כתרילעווקע זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע גליקלעכע; נאָר גליקלעכער פון אַלע זיינען די גאָלדשפינערס, ווייל אַזויפיל מיידלעך און אַזויפיל יינגלעך, ווי באַ נפתלין, איז זעלטן צו געפינען אפילו אין כתרילעווקע. וויפל נפשות — קאָן איך אייך אַקוראַט נישט זאָגן; פרעמדע קינדער טאָר מען נישט ציילן, לאָזן זיי וואַקסן געזונטערהייט. ווען מאַכן זיי קאַליע? ווינטער ליגן זיי אונטערן אויוון נאַקעט, איינס אַף דאָס אַנדערע, אַזוי ווי די ווערעם, און זומער־לעבן וואַלגערן זיי זיך אין דרויסן אָפּן מיסט, שפּילן אין „באַבקעלעך", אָדער אין „קאַמער־קאַמער־הויז", אָדער אין „וויפל מייל איז צו אייך ציילט אייך", אָדער מע „לאָזט אַ רעגן", דאָס הייסט, מע הייבט אויף אַזאַ שטויב, אַז עס ווערט פינצטער אין גאַס, מע קאָן דערשטיקט ווערן! דעמאָלט פליִען פעטש מיט קולאַקעס, מיט בעבענצעס, מיט קללות, וואָס געפינען זיך נישט אין דער תוכחה:

— אַ, גיין זאָלט איר אַף קוליעס! שטיין זאָלט איר פּראָווצעס! זיצן אין געהאַקטע ווונדן! ליגן אין ווערעם!...

דערפאַר אָבער, אַז עס קומט פּורים, פּילט חברה קליינוואַרג, אַז זיי האָבן אויך עפּעס אַ ווערט, און אַ גרויסן ווערט. מע צערייסט זיי דעמאָלט אַף שטיקלעך. אַ כתרילעווקער מאַדאַם, אַז זי באַשטעלט באַ־צײַטנס באַ ריוועלען שלח־מנות, באַשטעלט זי שוין מיט אַ קינד, אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל, אַף צו טראָגן דעם שלח־מנות. און ריוועלעס קינדער, די ייִנגלעך מיט די מיידלעך, צעלאָזן זיך איבער אַלע גאַסן פון דער שטאָט, מיט איבערגעדעקטע בעקנס, שאָלן און שעלעכלעך; די בעקלעך באַ זיי פלאַמען, די שטערנס שוויצן און די אויגן ברענען. זיי באַגעגענען זיך אָפּטמאָל איינס מיטן אַנדערן אין דער בלאָטע, נאָר זיי האָבן קיין צײַט נישט אָפּשטעלן זיך אַפילו אַף אַ מינוט, אַ קוק טאָן איינס דאָס אַנדערע אין שלח־מנות אַרײַן. נאָר לויפנדיק פאַרבײַ, וואַרפט מען זיך דורך מיט האַלבע ווערטער, וואָס אַ זײַטיקער מענטש וועט זיי אפשר נישט אינגאַנצן פאַרשטיין:

— פּעטעלעלע! וווהין?

— צו לאהצע די גראָבע. און דו, קרומע פּיסל?

— צו אַלטעריכע מיט די לאָקשן... עפּעס געמאַכט?

— נאָך אַ מין! און דו?

— איך האָב שוין אַ קערבל מיט צוויי פּערציקער מיט אַ גילדן מיט צוועלף גראָשן, און דו וויפל?

— קיין צײַט געהאַט איבערצוציילן — נאָר כ'האָב מורא, אַז מער ווי דו.

— וויש אָפּ די נאָז!

— ברעך דעם קאָפּ!

און מע צעגייט זיך, דער אַהער, דער אַהין.

די כתרילעווקער בעלי־בתים זיצן שוין לאַנג באַ דער פּורימדיקער סעודה, זינגען „שושנת יעקב", קלײַבן פאַרגעניגן פון נפתלי מיט די פּיס און פון זײַנע פּורים־שפּילער, און נפתלים קינדער לויפן נאָך אַלץ אַרום פון שטוב צו שטוב מיט די שלח־מנותן און נעמען צונויף באַ דער שטאָט די גראָשנס. און די שטאָט טרײַבט מיט זיי קאַטאָוועס:

— ייִנגעלע, קום נאָר אַהער. וועמענס ביסטו? נישט נפתלים?

— נפתלים.

— האסט שוין אנגעשלאגן היינטיקן טאג א הונדערטער, צי עפעס ווינציקער?

— כי־כי.

— זאג, שעם זיך נישט.

— כי־כי.

— אט אזוי, ווי איר קוקט דאס אן מיטן געלעכטערל „כי־כי", וועט דאס ברענגען אהיים א פולע קעשענע מיט גאלד!... א שטוב פון גאלדשפינערס!

ז.

די גאלדשפינערס בא דער סעודה

כתרילעווקע איז שוין לאנג אויפגעשטאנען פון דער פורימדיקער סעודה. א סך טראכטן מכח לייגן זיך שלאפן, און נאך מער שלאפן שוין און כראפען גאנץ געשמאק נאכן ביסל משקה, וואס מע האט גענומען צוליב דער שמחה, וואס מע האט געפטרט א שונא — המנען. נאר איין משפחה האט זיך ערשט אוועקגעזעצט צום טיש אפריכטן די סעודה, אויפגעשניטן דעם גרויסן געפלאכטענעם קוילעטש און זיך גענומען צו דער ארבעט לעבעדיק און פריילעך.

דאס זײַנען — די גאלדשפינערס.

אלע זײַנען זיי אויסגעהונגערט, מיד, פילן נישט די פיס אונטער זיך, און אלע האבן צו דערציילן פונעם טאג מעשיות, גאנצע פעק מיט מעשיות! נפתלי — פון זײַנע פורים־שפילער, ווי גוט זיי האבן הײַנט געשפילט, אויסגעצייכנט גוט! נאר איין ושתי האט א ביסל אונטער־געהונקען אף דער עברי.

— ס'זאל אף אים קומען א כאלערע ביז חול־המועד פסח! וויפל מע לערנט אים, אט דעם ושתין, ער זאל זאגן: „ווידערשפעניקט אין דער תורה" — קומט בא אים אויס אף זײַן פאנפע: „פינף הונדערט אין דער גזירה". וואסער גזירה, א רוח אין דײַן שוויגערס טאטן ארײַן? נאר גיי רייד מיט א פאנפעוואטע נאני!

דאס דערציילט נפתלי. און ריוועלע האט צו דערציילן נאך שענערע זאכן, פון אירע קונהטעס, וואס דינגען זיך ביזן ביין. איינע א דאמע האט זיך מיישב געווען און האט גאר געוואלט אוועקגנבענען א פלעדל.

— מאָל דיר, נישט באַ מיר גנבעט מען. „וויפֿל פֿלעדלעך, זאָג איך, מאַדאַם, האָט איר אָפּגעלייגט?" זאָגט זי: „פֿיר". זאָג איך: „נו, און דאָס פֿינפֿטע וואָס איז?" ווערט זי רויט און מאַכט צו מיר: „ס'איז דען אויך אַ פֿלעדל?" זאָג איך: „וואָס דען איז דאָס, אַ וואַנטזייגער?" זאָגט זיך: „איך האָב געמיינט, אַז ס'איז אַ האָניקטייגל". זאָג איך: „נו, און אַ האָניקטייגל איז אַ הונט?"...

אַזוי דערציילט ריוועלע, און די מעשיות, וואָס נח האָט צו דערציילן, דרייען זיך, געוויינלעך, אַרום אַ גראַגער.

— הײַנטיקס יאָר איז געווען אַ יאָר פֿון גראַגערס. אַלע האָבן זיך געכאַפּט צו גראַגערס. נאָר גראַגערס, גראַגערס און גראַגערס. איך בין נאָך נעכטן באַטאָג געבליבן אָן איין גראַצער. קומט־צו אַלע מאָל צו מיר אַן אַנדער יִיד. איך זאָל אים געבן אַ גראַגער. זאָג איך: „איך האָב נישט קיין גראַגערס". זאָגט ער: „ס'איז נישט קיין תירוץ, דו מוזט מיר געבן צוויי גראַגערס!" זאָג איך: „ווו זאָל איך אײַך נעמען גראַגערס?" זאָגט ער: „ווו זײַנען דײַנע גראַגערס?"

— וועסט אַמאָל אויפֿהערן צו גראַגערן, צי ניין?

אַזוי זאָגט צו אים דער פֿאָטער, און נח לאָזט אַראָפּ די אויגן, בייגט זיך אָן און שנײַצט אויס די נאָז אונטערן טיש. דאָס געפֿעלט דווקא דער חברה קליינוואַרג. איצט איז געקומען אויך זייער צײַט צו דערציילן גליקן פֿון זייער שלח־מנות טראָגן; פֿאַראַן אַזויפֿיל צו דערציילן און צו דער־ציילן, אַז ס'וועט כאַפּן ביז פּסח. דערווייל איז ערשט פּורים, און מען איז אויסגעמידט פֿונעם טאָג, און מע דאַרף גיין שלאָפֿן.

און יונגוואַרג צעגייען זיך אַף זייערע ערטער הינטערן אויוון, פֿאַלן, ווי די סנאָפּעס, און ווערן אַנשלאָפֿן מיטן זיסן שלאָף פֿון גליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ גוטן, אַ געראָטענעם יריד...

ז.

די גאָלדשפּינערס ציילן דאָס גאָלד

עס איז שוין העט ווײַט אין דער נאַכט. כתרילעווקע האַלט שוין לאַנג אין רעכטן שלאָף נאָך דער גרויסער פּורימדיקער סעודה מיט די שלח־מנותן. נאָר צוויי פֿאַרשוינען אין דער גאַנצער שטאָט זײַנען נאָך

וואַכעדיק און טראַכטן אַפילו נישט וועגן גיין שלאָפן. דאָס זיינען די גאָלדשפּינערס. נפתלי מיט די פּיס און זיין ווייב ריוועלע די זיסע. שטיל האָבן זיי צוגעשלאָסן די טיר, פאַרהאַנגען די פענצטער און האָבן זיך גענומען צו דער קאַסע. זיי ווילן צונויפרעכענען דאָס ביסל מזומנים, וואָס די גרויסע גאָלדשפּינערס מיט די קליינע גאָלדשפּינערלעך האָבן אַרײַנגע־בראַכט אין דעם דאָזיקע גליקלעכן טאָג, און קאָנען נישט. זיי ציילן און ציילן און קאָנען נישט איבערציילן; אָדער ער האָט אַ טעות אין חשבון, אָדער זי האָט אַ טעות, זיי ברענגען איינס אױף דאָס אַנדערע.

— קיין צוויי מיט צוויי זאָל אַ ייִדענע נישט קאָנען איבערציילן!

אַזוי זאָגט דער מאַן, און דאָס ווייב ענטפערט אים:

— נו, פאַר וואָס זשע ציילסטו נישט, אַז דו קאָנסט, בעל־חשבון מײַנער?

— צייל דו, דו קאָנסט בעסער!

— ניין, צייל דו, דו קאָנסט בעסער!

איר זאָלט גאָר קיין מורא נישט האָבן, טאָמער חלילה צעקריגן זיך מאַן און ווייב. איצט איז נישט קיין צייט פון קריגן זיך. איצט דאַרף מען מאַכן אַ רעכענונג, וואָס מע קאָן און וואָס מע דאַרף און וואָס מע מוז קויפן: שוכוואַרג פאַר זיך און קאַפּאָטקעלעך מיט קליידלעך פאַר די קינדער — דאָס איז נומער איינס. הײַנט מצה אױף פּסח? הײַנט שמאַלץ? אַ דייזשקעלע באָרשט? אַ זעקס קאַרטאָפּלעס?... און מערקווירדיק! וויפל זיי זאָלן נישט רעכענען, וויפל זיי זאָלן וועלן זיין אויסברענגערס, פּרעסערס, געלד־ברענערס, שאַרלאַטאַנעס פון דער וועלט, קומט אויס, אַז ס'וועט נאָך זיין גענוג, סיי אױף שוכוואַרג פאַר זיי, סיי אױף קאַפּאָט־קעלעך מיט קליידלעך פאַר די קינדער, סיי אױף מצות מיט שמאַלץ, מיט אַ דייזשקעלע באָרשט, מיט אַ זעקל קאַרטאָפּלעס אױף פּסח...

און באַ זייביידן צעפלאַקערן זיך די פּנימער און צעברענען זיך די אויגן, די בעקלעך ווערן רויט און די הערצער וואַקסן, און ביידע פילן זיי, אַז די וועלט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן, איז כ'לעבן, גאָרנישט אַזאַ שלעכטע וועלט, און די מענטשן זיינען, כ'לעבן, גאָרנישט אַזעלכע שלעכטע מענטשן. נישט מער, וואָס ייִדן זיינען מקנא אױף פּרנסה, פאַר־גינען נישט, טאָמער האָט איינער אַ גוטן טאָג, איין טאָג אַ גוטן!

— פאַרברענט זאָל ווערן אָט דאָס כתרילעווקע! אַ שטאָט פון נישט־פאַרגינערס!

אזוי זאָגט נפתלי, און ריוועלע נעמט זיך אָן דער שטאָטס קריוודע:

— אָרעמע־לײַט, משטיינס געזאָגט...

— אָרעמע־לײַט, זאָגט זי? אַלץ הייסט בא איר אָרעמע־לייט, כע־כע! כתריליקעס! דלותים! שלעפּערס! בעטלערס! קבצנים! דל־פּנים! עניים ואביונים!!

— נישט דאָ געדאַכט! — זאָגט ריוועלע מיט שרעק. זי האָט פּשוט מורא פאַר אַ גוט אויג.

און פון דרויסן לאָזט זיך הערן, מע ווייס נישט פון וואַנען, אַ ווײַט קרייען פון אַ באַקאַנטן האָן, אַן אַלטער האָן מיט אַן אויסגעזונגענער כלי. אָנהייבן הייבט ער אָן דווקא נישקשהדיק, מיטן ברען און מיטן קוויטש, און אויסלאָזן לאָזט ער אויס מחילה שוואַכלעך, אױף דער נידעריקסטער אָקטאַווע, און עפּעס ווי מיט אַ ווידעראַנאַנד:

— קו! — קאַ! — רי! — קאַו! — או?

עס קומט אויס גלײַך, ווי ער וואָלט זיך אַליין פרעגן אַ קשיא:

— אַלטער נאַר! וואָס שרײַסטו?

אין דרויסן איז בלוילעך, עס שאַריעט אױף טאָג.

געשריבן אין יאָר 1909.

בערל-אײַזיק

דערציילט וווּנדיירים פון אַמעריקע

„אַמעריקע איז אַ לאַנד פון בלאַף"... „אַמעריקאַנער בלאַפערס"...

אַזוי זאָגן די פרעמדע. גרינע חיות — זיי הייבן נישט אָן צו וויסן וואָס זיי זאָגן. אַמעריקע מעג הייצן די פּעטשערעס אין כתרילעווקע, און אונדזער בערל-אײַזיק וועט פאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע אַמעריקאַנער בלאַפערס!

איר קאָנט פאַרשטיין ווער בערל-אײַזיק איז, אַז טאָמער מאַכט זיך בײַ אונדז אין כתרילעווקע, איינער האָט זיך אַ ביסל פאַררעדט, אַף אײַער אַמעריקאַנער לשון וועט דאָס הייסן: ע ר ה א ק ט א ט ש ײַ נ י ק, שטעלט מען אים אָפּ מיט די ווערטער: „בערל-אײַזיק האָט דיר געלאָזט גריסן" — שטויסט ער זיך שוין אָן וואָס מע מיינט און ער ווערט אַנטשווויגן.

אַן אַנעקדאָט דערציילט מען בײַ אונדז אין כתרילעווקע פון איינעם אַ ייִדן אַ חצוף, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר בערל-אײַזיקן. פּסח איז דער מנהג בײַ די גוים, אַז זיי באַגעגענען זיך, זאָגן זיי זיך אָן איינס דאָס אַנדערע אַ גוטע בשורה, אַז קריסטוס איז לעבעדיק געוואָרן — „כריסטאָס וואָסקרעס". דערויף ענטפערט אים דער צווייטער: „וואָאיסטינו וואָסקרעס" — ס'איז אמת, הייסט דאָס, ער איז לעבעדיק געוואָרן... טרעפט זיך אַ מעשה, באַדאַרף אַ קריסט זיך באַגעגענען מיט יענעם ייִדן דעם חצוף און מכבד זײַן אים מיטן פּסוק „קריסטאָס וואָסקרעס"... ווערט אים שלעכט, דעם ייִדן: וואָס זאָל ער טאָן? ענטפערן דעם גוי „וואָאיסטינו וואָסקרעס" — ווייס ער, אַז ס'אַליגן און ס'איז קעגן אונדזער גלויבן... זאָגן אים: ניין, ער איז נישט לעבעדיק געוואָרן — קאָן מען דאָך כאַפּן פאַר אַזעלכע ווערטער אַ מיאוסן פּסק...

איז ער זיך מיישב און רופט זיך אָן צום קריסט: „יאָ, איך האָב עס שוין געהערט היינט פון אונדזער בערל־איציקן"...

היינט שטעלט אייך פאָר, אַז אָט דער בערל־איציק איז אוועק קיין אַמעריקע, אָפּגעווען דאָרט היפּשע עטלעכע יאָר און איז געקומען צוריק — וואָס פאַרא וואונדיירים דער ייִד האָט זיך אָנדערציילט פון דעם אַמעריקע!

„ערשטנס — דאָס לאַנד. ארץ זבת חלב ודבש. מענטשן מאַכן געלט, מע זשעבערוועט מיט ביידע הענט, מע שאַרט גאָלד! און געשעפטן, „ביזנעס" הייסט דאָס דאָרטן, איז פאַראַן אַזויפיל, אַז ס'דער קאָפּ דרייט זיך! וואָס איר ווילט — דאָס טוט איר. ווילט איר אַ פאַבריקע — איז אַ פאַבריקע. עפענען אַ סטאָרקע — איז אַ סטאָרקע. שטופּן אַ פּושקאַר — איז אַ פּושקאַר. אַנישט — נעמט איר זיך צו פּעדלערייַ, אָדער איר גייט אַרבעטן אין אַ שאַפּ — אַ פרייַע מדינה! איר קאָנט אייך געשוואָלן ווערן פון הונגער, אויסציִען זיך אין גאַס, וועט אייך קיינער נישט שטערן, קיין וואָרט נישט זאָגן...

היינט די גרייס פון די שטעט! די ברייט פון די גאַסן! די הייך פון די הייזער! פאַראַן דאָרט אַ „הייזקע", רופט מען זי די „וואָלוואָרט", שפּאַרט אָן דער שפּיץ קוימען גלייך אין דער כמארע אַריין און נאָך העכער; אַ סברה, אַז די הייזקע פאַרמאָגט עטלעכע הונדערט עטאַזשן. ווי אַזוי קריכט מען אַרויף אָפן בוידעם? דורך אַזאַ לייטער, וואָס מע רופט אים „עלעווייטער". אַז איר באַדאַרפט האָבן עמעצן אָפן אייבערשטן עטאַזש, זעצט איר זיך אַוועק אונטן, אָפן עלעווייטער, גאַנץ פרי, קומט איר צו פאָרן אַהין אַרויף ערשט פאַרנאַכטלעך, אַזוי אַרום מנחה צייַט.

„איך בין אַ בעלן געווען אַמאָל זיך דורכפאָרן אַרויף, אַ קוק טאָן אַף אַ טשיקאַוועסט, וואָס טוט זיך דאָרט — האָב איך קיין חרטה נישט. דאָס, וואָס איך האָב דאָרטן געזען, וועל איך שוין נישט זען קיינמאָל. און ווי איך האָב געפילט — לאָזט זיך גאָרנישט באַשרייַבן. שטעלט אייך פאָר, איך שטיי מיר פון אויבן און קוק מיר אַראָפּ, פּלוצעם דערפיל איך אַף מייַן לינקער באַק עפּעס אַ מאָדנע קעלט און אַ גלאַטע, עפּעס ווי אייז; און נישט ווי אייז, נאָר ווי שטאַרק פאַרקילטע פּעטשאַ, גליטשיק און דרילעוואַטע. איך דריי אוים פאַוואָליע דעם קאָפּ לינקס, איך טו קוק — ס'איז די לבנה.

„היינט דאָס לעבן זייערס איז נאָר געיאָגט, און נאָר געלאָפן, און

אָר געכאַפּט זיך. „אַריהאָפּ״ הייסט דאָס באַ זיי. אַלצדינג איז בחפּזון, און אפילו עסן עסט דאָס אויך אַף איין פוס. מע כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן און מע הייסט זיך געבן אַ שנאַפּס, און אַף צו פאַרבײַסן האָב איך אַליין געזען, ווי מען האָט איינעם דערלאַנגט עפּעס אַף אַ טעלער, אַ פריש, אַ צאַפּלדיקס, און ביז ער האָט דאָס צעשניטן, איז איין האַלב אַוועקגעפלויגן אַף איין זײַט, די אַנדערע האַלב אַף דער אַנדערער זײַט, און דער חברהמאַן איז פאַרטיק געוואָרן מיט זײַן אָנבײַסן.

„פונדעסטוועגן זאָלט איר אָנקוקן ווי געזונט זיי זײַנען! אײַזן! גבורים! באַ זיי איז אַ מאָדע שלאָגן זיך אין סטריט, אין מיטן גאַס הייסט דאָס. נישט זיי מיינען אײַך שלאָגן, הרגענען, אונטערשלאָגן אַן אויג, אויסשלאָגן אַ פאָר ציין. ווי באַ אונדז. חלילה! נאָר גלאַט אַזוי, מע פאַרקאַטשעט די אַרבל און מע גיט זיך קלעפּ, מען וויל זען ווער וועמען. באַ זיי ווערט עס אָנגערופן אַף זייער לשון: מע פ ײַ ט ל ט זיך. איין מאָל בין איך געגאַנגען שפּאַצירן אין די בראָנקס, געטראָגן מיט זיך אַ ביסל סחורה, גייען אַקעגן מיר צוויי באָיעס, לויפערס, יונ־גאַטשעס הייסט דאָס, און טשעפּען זיך צו מיר — זיי ווילן זיך פײַטלען מיט מיר. זאָג איך: נאָסער — איך פײַטל זיך נישט״. אַהין־אַהער, זיי לאָזן מיך נישט גיין ווײַטער. בין איך זיך מיישב, אַז איר זײַט יאָ אַזעלכע, וועל איך אײַך באַווײַזן, ווער עלטער איז. און גיי און לייג אַוועק דאָס פּעקל און וואַרף אַראָפּ די קאַפּאָטע, און אַז איך הייב אָן כאַפּן קלעפּ — קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון זייערע הענט! אַז זיי זײַנען צוויי און איך בין איינער! פון דעמאָלט אָן פײַטל איך שוין מער נישט, מע זאָל מיך אָפּגילטן.

„הײַנט זייער לשון! אַלצדינג איז באַ זיי פאַרקערט און ווי אַף צו־להכעיס. למשל, אַז באַ אונדז איז קיך — איז באַ זיי קיטשען. אַז באַ אונדז איז קצב — איז באַ זיי בוטשער. אַז באַ אונדז איז אַ שכן — איז באַ זיי אַ נעקסדאָריקער. אַ שכנה — אַ נעקסדאָריקע. אַ בעל־הביתטע — אַ לענדלאָריקע. אַלצדינג קאַפּויר. אַנומלט האָב איך געוואָלט קויפן אַ האָן אַף שלאָגן כפּרות. זאָג איך צו דער מיסעס, זי זאָל מיר קויפן אַ הון. פרעגט זי מיך: „אַ הון גאָר? אַ הון איז דאָך פאַר מיר!״ זאָג איך: לאָז זײַן אַזוי — אַ הון פאַר מיר און פאַר אײַך אַ הין״. זאָגט זי: „ווּוהין?״ איז זי נאָך אַ ליטוועטשקע אויך צו די צרות! און באַ די ליטוואַקעס וועט איר דען דערגיין אַמאָל אַ טאָלק? אַז אַ הין איז באַ זיי אַ הון, און אַ

הון א האָן — אַ מעשה אָן אַן עק! פֿאַל איך אַף אַ המצאה און זאָג איר:
„קויפֿט מיר דעם דזשענטלמען פֿון די הינער". אוודאי האָט זי פֿאַר־שטאַנען און ערשט דעמאָלט מזכה געווען מיך מיטן שיינעם וואָרט
„אָלרײַט", וואָס איז כמעט אַלץ איינס, וואָס בא אונדז „מהכתיתי, פֿאַר־וואָס נישט? אָך, מיטן גרעסטן בזיון!"...

„הײַנט דעם כבוד, וואָס מיר, יידן, האָבן דאָרטן! קיין אומה ולשון איז דאָרט נישט אַזוי געהויבן, געהויכט און געקרוינט, ווי דער ייד. אַ ייד איז דאָרט גאָר אַ גאַנצער צימעס. עס איז גאָר אַ יחוס, אַז מען איז אַ ייד. איר קאָנט באַגעגענען, למשל, סוכות אַ יידן אין מיטן „פֿינפֿטע עוועניו" מיט אַ לולב און מיט אַן אתרוג און האָט קיין מורא נישט, מע זאָל אים דערפֿאַר אײַנזעצן. אַז איך זאָג אײַך, אַז מע האָט דאָרט ליב דעם יידן, איז דאָך נישט שײַך. פֿײַנט האָט מען דאָרט נאָר אַ יידישע באָרד און פּאות. „וויסקעס" הייסט דאָס אַף זייער לשון. דערזעען זיי אַ יידן מיט וויסקעס, לאָזן זיי דעם יידן צורו, נאָר די וויסקעס צופּן זיי אים אַזוי לאַנג, ביז ער מוז זיי אָראָפּנעמען, אָפּגאָלן. דעריבער זײַנען דאָרט דאָס רוב יידן אָן בערד און אָן וואָנצעס. דאָס פּנים גלאַט ווי אַ טעלער. שווער צו דערקענען, ווער ס'אַ ייד און ווער נישט. אַז נישט קיין באָרד און נישט קיין לשון, סײַדן נאָכן אימפּעט, בעת ער גייט, און נאָכן מאַכן מיט די הענט, בעת ער רעדט... ווײַטער זײַנען זיי יידן. יידן מיט אַלע פּיטשעוועקעס. היטן אָפּ אַלע יידישע מנהגים. האָבן ליב אַלע יידישע מאכלים, האַלטן פֿון אַלע יידישע יום־טובים. פּסח איז פּסח. מצות באַקט מען דאָרט אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר, און אַף חרוסת איז דאָ אַ באַזונדערע פֿאַבריקע, אַ „פֿעקטאָרי" הייסט דאָס דאָרטן. טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער זיצן אין דער פֿעקטאָרי און זיי „מאַנופֿעקטשורן" חרוסת. און אויך פֿון כרפּס און פֿון מרור מאַכן דאָרטן יידן אַ לעבן — איר שפּילט זיך מיט אַמעריקע?..."

— יאָ, בערל־אײַזיק, דאָס איז אַלצדינג זייער פֿײַן, וואָס דו דערציילסט. דו זאָג נאָר איין זאַך, וואָס מיר וואָלטן וועלן וויסן: מע שטאַרבט דאָרטן אין אַמעריקע אויך אַזוי ווי דאָ? צי מע לעבט דאָרטן אייביק?

„מע שטאַרבט, פֿאַרוואָס זאָל מען נישט שטאַרבן? אין אַמעריקע, אַז מע טוט אַ שטאַרב, איז טויזנט און איין טאָג, צען טויזנט, און צוואַנציק טויזנט, און דרײַסיק טויזנט! גאַנצע גאַסן פֿאַלן דאָרטן אײַן!

שטעט גאַנצע ווערן אײַנגעזונקען אַזוי ווי קורח!... איר שפּילט זיך מיט אַמעריקע?"

— שאַ, ווי באַלד אַזוי, וואָס איז מ'איז זיי דער יחוס? שטאַרבן זיי, הייסט דאָס, גלײַך מיט אונדז?

„יאָ, שטאַרבן שטאַרבט מען, נאָר ווי אַזוי שטאַרבט מען — אָט דאָס איז די זאַך. און נישט אַזוי נאָר דאָס שטאַרבן. שטאַרבן שטאַרבט מען אומעטום אַלץ איינס. פונעם טויט שטאַרבט מען. דער עיקר איז דאָס באַהאַלטן — אָט וואָס! ערשטנס, איז אין אַמעריקע דער אײַנפיר, אַז יעדער ווייס פריִער ווו מע וועט אים באַהאַלטן. ווארעם ער גייט אַליין, נאָך בעת ער לעבט, און קלײַבט זיך אַליין אויס אַן אָרט אָפּן בית־עולם — „סעמעטעריע" הייסט עס דאָרטן — און דינגט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער גלײַכט זיך אויס פאַרן פרײַז. נעמט ער די פּלוניתטע זײַנע און פאָרט זיך דורך מיט איר אַף דער סעמעטעריע און זאָגט איר: „זעסטו, נשמה מײַנע? אָט דאָ וועסטו ליגן, אָט דאָ וועל איך ליגן, און דאָרט וועלן ליגן אונדזערע קינדער"... דערנאָך גייט ער אַוועק אין דעם אָפיס פון לוויהס און באַשטעלט זיך אַ לוויה איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס פאַר אַ קלאַס ער וויל. און קלאַסן זײַנען דאָרטן פאַראַן אַזוי גרויס ווי דרײַ: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס. ערשטע קלאַס, פאַר גאַנץ גרויסע גבירים, מיליאָנערן, קאָסט טויזנט טאָלער אַ לוויה. איז דאָס שוין איין מאָל אַ לוויה! די זון שײַנט, אין דרויסן איז אַ חיות. די מטה איז אַף אַ שוואַרצן קאַטאַפאַלק, מיט זילבער באַלייגט. די פערד זײַנען אַלע אָנגעטאָן מיט שוואַרצע פּאָפּאָנעס און ווײַסע פעדערן. די רעוועריענטן — רבנים, חזנים, שמשים — אויך אין שוואַרצן מיט ווײַסע קנעפּ, און קאַרעטעס נאָך דער מטה — אָן אַ שיעור קאַרעטעס! און אַלע קינדער פון אַלע תלמוד־תורהס גייען אויף צו פריִער און מע זינגט אַף אַ קול אויסגעצויגן: צ־ד־ק ל־פ־נ־י־ו י־ה־ל־ך ו־י־ש־ם ל־ד־ר־ך פ־ע־מ־י־ו!... פונעם דאָזיקן געזאַנג קלינגט די שטאָט; אַ קליִיניקייט — טויזנט טאָלער?!...

„צווייטע קלאַס איז אויך אַ פײַנע לוויה, קאָסט שוין נאָר פינף הונדערט טאָלער. און איז שוין נישט דאָס. דער טאָג איז שוין נישט אַזוי פֿויגלדיק. די מטה איז אויך אַף אַ שוואַרצן קאַטאַפאַלק, נאָר אָן זילבער באַלייגט. די פערד מיט די רעווערענטן זײַנען אָנגעטאָן אין שוואַרצן, נאָר אָן פעדערן און אָן קנעפּ. קאַרעטעס גייען נאָך, נאָר שוין

נישט אזויפיל. קינדער — נאָר פון עטלעכע תלמוד־תורהס גייען אויף צו פריער און זינגען שוין נישט אזוי אויסגעציגן: צדך לפניו יהלך — וישם לדרך פעמיו! דאָס זינגען איז טרויעריק, מיטן נוסח ווי מע זאָגט תהלים — ווערליק פינף הונדערט טאָלער...

„דריטע קלאַס איז שוין גאָר אַ געמיינע לוויה און קאָסט אין גאַנצן איין הונדערטער. אין דרויסן איז שוין קיל. כמאַרנעוואַטע. די מטה אַן אַ קאַטאַפאַלק. פערד אינגאַנצן צוויי, און רעוועריענטן אויך צוויי. קאַ־רעטעס — קיין איינע נישט. קינדער נאָר פון איין תלמוד־תורה גייען אויף צו פריער און כאַפּן אָפּ גאָר אַן אַ שום ניגון:

צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו.
צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו.

און שלעפעריק, שטיל, קוים וואָס מע הערט זיי — סך הכל הונדערט טאָלער, וואָס קאָן מען פאַר איין הונדערטער פאַרלאַנגען?"...

— יאָ, וואָס זשע טוט אָבער, בערל־אײַזיק, דער, וואָס פאַרמאָגט קיין הונדערטער אויך נישט?

„איז ער טאַקע אַף גרויסע צרות! אַן געלט איז אומעטום שלעכט! דער אָרעמאַן ליגט אַלע מאָל נײַן איילן אין דער ערד!... פונדעסטוועגן, מיינט נישט! אין אַמעריקע לאָזט מען דעם אָרעמאַן אויך נישט ליגן נישט קיין באַהאַלטענעם. מע מאַכט אים אַ לוויה אַן געלט, עס קאָסט אים נישט קיין סענט אַפילו. אוודאי איז דאָס אַ טרויעריקע לוויה. קיין שום צערעמאָניעס, קיין סימן פון קיין פערד און פון קיין רעוועריענטן. און אין דרויסן ליאַפּעט. נאָר צוויי שמשים קומען צו גיין, די שמשים פון ביידע זײַטן און אין מיטן דער בר־מינן — און אַלע דרײַ שלעפּן זיי זיך נעבעך צופוס גלײַך ביז צום בית־עלמין... אַן געלט, הערט איר, זאָל מען גאָרנישט געבוירן ווערן — אַ פּאַסקודנע וועלט... ווער פון אײַך, ייִדן, פאַרמאָגט אַן איבעריקן פּאַפּיראָס?"

געשריבן אין יאָר 1915.

אַלט־ניי כתרילעווקע

צווייט בוך

אינהאַלט:

כתרילעווקער נשרפים — — — — — — — — — — — — — — 183

דאָס נײַע כתרילעווקע — — — — — — — — — — — — — — 225

כתרילעווקער מושב־זקנים — — — — — — — — — — — — — 276

אַ פּסחדיקע עקספּראָפּריאַציע — — — — — — — — — — — 284

מילכיקס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 294

אַ גרינגער תענית — — — — — — — — — — — — — — 301

צוויי טויטע — — — — — — — — — — — — — — — — 310

חרוסת — — — — — — — — — — — — — — — — — — 322

כתרילעווקער נשרפים

(אַ מעשה פון די קליינע מענטשעלעך)

א.

די אויסדערוויילטע

די גרויסע שיינע אַלטע גוייִשע שטאָט י ע ה ו פ ע ץ, וואָס האָט זיך פון פאַר טויזנט יאָרן, נאָך בימי וולאָדימיר דעם הייליקן, צעוואָרפן אין דער לענג און אין דער ברייט, באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף, אַפן ברעג פונעם אַלטן גרויען דניעפּער, האָט שוין לאַנג אַזעלכע מינים ייִדן נישט געזען, ווי איין מאָל אין אַ פרימאָרגן — סוף זומער איז דאָס געווען. מע קאָן נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע נישט־ייִדישע שטאָט איז, חלילה, זשעדנע אַ ייִדן אַף אַ רפואה. אדרבא, עס איז באַוווסט, אַז זי האָט צו טאָן פון קדמונים נאָר מיט ייִדן, גלײַך ווי איר פעלט שוין מער נישט, ווי מע זאָגט, קיין זאַך, נאָר ייִדן און קאָפּווייטיק. ווען איר זאָלט נישט עפּענען אַ בלאַט־צײַטונג, איז דאָס ערשטע, וואָס קומט אײַך פאַר די אויגן — „ייִדן". אַזויפיל און אַזויפיל ייִדן האָבן זיך אָנגעגעבן אין אוניווערזיטעט — און מע האָט זיי נ י ש ט צוגענומען. אַזויפיל און אַזויפיל ייִדן האָט מען געפּאַקט באַנאַכט אַף אַן „אָבלאַווע" — און מע האָט זיי י אָ צוגענומען. אַשטייגער, ס'זאָל זיך אַמאָל טרעפן, חלילה, פאַרקערט: אַז די ייִדן פון אוניווערזיטעט זאָל מען יאָ צונעמען, און די פון „אָבלאַוועס" נישט— דאָס איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן נישט זײַן, למשל, אַז בעת איר זײַט שטאַרק הונגעריק, זאָלט איר עלפּי טעות טרעפן מיטן ביסן צו יענעם אין מויל אַרײַן.

הכלל, וואָס זשע זײַנען דאָס געווען פאַר אַ מינים ייִדן אין יענעם פּרימאָרגן וואָס מיר דערציילן? — דאָס זײַנען געווען כתרילעווקער בעלי־בתּים. און נישט נאָר סתּם בעלי־בתּים, נאָר אויסגעקליבענע, אויס־דערוויילטע צוליב זייער־זייער אַ וויכטיקער זאַך, צוליב זייער־זייער אַ גרויסער מצווה; דאָס זײַנען געווען איינס אין איינס, די שענסטע, די חשובֿסטע בעלי־בתּים פֿון שטאָט, דער סאַמע צימעס פֿון כתרילעווקע. איך וואָלט אײַך זיי אָנגערופֿן בײַ די נעמען — איז נישט נייטיק. אַ כתרילעווקער ייִד, אַז עוסק במצווה, זוכט נישט בײַ דער וועלט קיין כּבֿוד און איז נישט געוווינט געוואָרן, אַז זײַן נאָמען זאָל זײַן געדרוקט אין דרויסן אויף די בלעטער; פֿאַר אים איז גענוג דאָס ביסל כּבֿוד, וואָס ער האָט אויפֿן אָרט, און ער דאַנקט גאָט, אַז ער ווערט כאָטש נישט געזידלט פֿון די זײַניקע...

צווישן די דאָזיקע אויסדערוויילטע איז געווען איינער אַן עלטערער, גאָר אַן אַלטער מאַן, אַ ייִד אַ זקן, אַריבער שמונים, וואָס גייט שוין אײַנגעבויגן, אָנגעלענט אויף אַן אַלטן שטעקן, אָבער ער האַלט זיך נאָך, קיין עין־הרע, גאַנץ נישקשהדיק. אָנגעטאָן איז ער געווען שבתדיק: אין אַ זײַדענער שרײַענדיקער רעזעוואָלקע, אַן אַרבל, אויף אַן אַלטער נאָר אַטלעסענער צעהאַקטער קאַפּאָטע, מיט אַ שטרײַמל אויפֿן קאָפּ און מיט שיך און זאָקן אויף די פֿיס. דער איבעריקער עולם איז שוין געווען נישט אַזוי יום־טובֿדיק אָנגעטאָן. דערפֿאַר זײַנען זיי אָבער געווען יום־טובֿדיק געשטימט. געגאַנגען מיט אימפּעט, אַ ביסל אָנגעצויגן, נערוועז, געטראָגן בײַ זיך טלית־ותּפֿילינס און זאַנטיקעס, משונה־מאָדנע גרויסע פּאַראַסאָלן, וואָס נאָר איין גאָט ווייס דעם אמת — אויף וואָס באַדאַרף מען זיי, אַז קיין רעגן גייט נישט און די זון ברענט נישט? דער מחבר פֿון דער דאָזיקער געשיכטע האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז עס געפֿינען זיך ייִדן אַזוינע, וואָס קאָנען זיך נישט צעשיידן מיטן שירם סײַ זומער, סײַ ווינטער. וויפֿל איך האָב מיך שוין אָנגעזען אויף מײַן לעבן מיט די דאָזיקע מינים ייִדן, האָב איך נאָך כּמעט קיינמאָל נישט געזען, דער שירם זאָל זײַן בײַ זיי אַן אויפֿגעשטעלטער איבערן קאָפּ, ווי עס וואָלט, אייגנטלעך, באַדאַרפֿט צו זײַן. מערסטנטייל באַגעגנט איר אַ ייִדן לויפֿן אײַנגעבויגן, דער ווינט בלאָזט, שמײַסט אים פּנים אַרײַן, צעפֿעמט אים די פּאָלעס פֿון דער קאַ־פּאָטע און פּאַרקאַטשעט אים פֿון הינטן, מחילה, איבערן קאָפּ — און ער מיטן שירם: טיאַפּ־טיאַפּ, פּיטש־פּאַטש איבער די ליטקעס פֿון די

פּים. איך בין אַ בעלן געווען אַמאָל אָפּשטעלן אַזאַ ייִדן, באַטראַכטן דעם שירם, אים נעמען אין האַנט אַרײַן — וועגט ער, נישקשה, שיינע עטלעכע פונט. ס'איז אים כמעט אוממעגלעך צו עפענען. און אַז איר האָט אים שוין אויפגעעפנט, מעג איר זיך שוין געזעגענען: איר וועט אים צוריק אַזוי גיך נישט פאַרמאַכן. די שטעקלעך זײַנע שטעלן זיך פּאַפּעריק מיט די קעפּלעך אַרויף, און פון דעם שירם ווערט אַ מין פאַראַשוט, וואָס באַ אַ רעכטן ווינט קאָן דאָס אײַך, חלילה, אויפהייבן און אַוועקטראָגן אינאיינעם מיטן זאַנטיק ווײַט־ווײַט אַרויף, אונטער דער כמאַרע, כמעט ווי מיט אַן אַעראָפּלאַן... נאָר לאָמיר אַוועקוואַרפן די זאַנטיקעס און זיך אומקערן צוריק צו אונדזערע ייִדן.

געגאַנגען זײַנען זיי געשמיידיק, גלײַך ווי עמעצער וואָלט זיי געטריבן האַלדז־און־נאַקן, אָדער גלײַך ווי זיי וואָלטן מורא האָבן פאַרשפּעטיקן ערגעץ אַף אַ שמחה, אַ סעודה אָדער אַזוי אַן אסיפה. און גערעדט האָבן זיי הויך אַף אַ קול, און אַלע אינאיינעם, און מיט הענט, ווי געווײנטלעך. נאָר זעלטן האָט געטראָפן, אַז מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרלייגט די הענט אַרונטער און באַטראַכט די הויכע שיינע רײַכע מויערן פון שטאָט, זיך גאַרנישט געקאָנט זאַט אָנקוקן.

— געפעלט אײַך, אַשטייגער, אָט דאָס הײַזל? — רופט זיך אָן איינער, פאַררוקט דאָס היטל, אָטעמט ווי אַ בלאָז־זאַק און מאַכט מיט די זײַטן, ווי אַן אײַנגעמידט פערדל. — איר זײַט עפּעס אַ מבין אַף דאָס הײַזל? שוין איין מאָל אַ הײַזל!

— יאָ, נישקשה פון אַ הײַזל, — ענטפערט אים דער אַנדערער שטיל און קוים וואָס ער זשיפּעט.

— וואָס, רעכנט איר, באַדאַרף עס קאָסטן דאָס הײַזל? — מאַכט איינער אַ יאַדישליוועד מיט גלאַנצענדיקע אויגן און נעמט זיך מיט ביידע הענט אונטער די זײַטן.

— דאָס הײַזל? — ענטפערט אים איינער מיט אַ ברייטן שטערן, ווײַזט אויס, אַ בעל־חשבון און אַ מבין אַף הײַזער. — איך רעכן, אַז דאָס הײַזל מיטן פּלאַץ באַדאַרף זײַן ווערט אָט דאָ, אין דעם שטעטל, נישט ווינציקער פון אַ מאה אלף.

— כאַ־כאַ־כאַ! — צעלאַכט זיך אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, וואָס נאָר־וואָס האָט זיך אָנגעהויבן שיטן אַף דעם אַ בערדל. — מאה אלף, זאָגט איר? לאָמיר עס אַלע פאַרמאָגן, וואָס מער...

— בהמה! — רופט זיך אָן דער יאַדישליווער מיט די גלאַנצנדיקע אויגן. — וויבאַלד אַז ווינטשן, לאָמיר זיך שוין בעסער ווינטשן פּאַרמאָגן, וואָס מען איז שולדיק אַפֿן דאַזיקן הנזל!...

און עס קייטלט זיך אַ שמועס וועגן הנזער, אַ לאַנגער שמועס, אָן אַ שום צוועק; דאָס איז מער נישט אָן אויסרייד. אייגנטלעך, זײַנען שוין אַלע רעכט מיד פֿונעם גיין באַרג־אַרויף און וואָלטן אַלע חשק געהאַט זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווײַלע איבערכאַפּן דעם אָטעם.

— אַפּנים, ס'איז אײַך שווערלעך, רבי, צו גיין באַרג־אַרויף? אפשר וואָלט איר אײַך צוגעזעצט אָט דאָ ערגעץ אויף אַ ווײַלע אָפּרוען?

דאָס איז געזאָגט געוואָרן צום אַלטן. וואָס איז געגאַנגען, נישט קוקנדיק אויף זײַנע אַכציק יאָר, מיט פֿעסטע טריט, אויף־צו־פֿרײַער. און אַלע אויסדערוויילטע פֿון כתרילעווקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, אויפגעהויבן די אויגן און גענומען זוכן אַן אָרט פֿאַרן אַלטן אויף צו צוזעצן זיך. נאָר איידער זיי האָבן צײַט געהאַט אַרומקוקן זיך, ווו זיי זײַנען אין דער וועלט, איז אַרויסגעוואַקסן, ווי פֿון אונטער דער ערד, אַ נפש, אַ באַוואָפֿנטער פֿון אויבן ביז אַראָפּ, מיט אַ רויט פּנים און מיט ווײַסע הענטשקעס, און — גלײַך אויף זיי!... אַלע אויסדערוויילטע האָבן דערפֿילט, אַז ס'איז בײַ זיי פֿאַרקילט געוואָרן דער מאַמעס מילך, און אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט צום אַלטן, וואָס וועט ער זאָגן? דער אַלטער האָט אָבער נישט געזאָגט דאָס צווייטע וואָרט. ער האָט זיך נאָר אָנגעלענט אַפֿן אַלטן שטעקן און געגאַנגען מיט די זעלבע פֿעסטע טריט פֿאָרויס, ווי אַן אמתער גבור, און אַלע נאָך אים, אַזוי אַז דער אָנגעוואָפֿנטער נפש איז געבליבן שטיין אין דער הינער־פּלעט, נישט צו וויסן, וואָס טוט מען מיט זיי? פֿאַרהאַלטן? — ווייס ער נישט פֿאַר וואָס? וועמען שטערן זיי? דורכלאָזן? — ווי אַזוי ווערט מען נישט געוואָר, וואָס דאָס זײַנען פֿאַראַ מינים באַשעפֿענישן אויף דער וועלט? האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צוריק און נאָכגעקוקט זיי מיט די אויגן ביז העט־העט אַרויף. דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ טויער פֿון אַ רײַך גרויסאַרטיק הויז.

איצט פֿרעגט זיך: וווהין זײַנען דאָס געגאַנגען, אייגנטלעך, די דאָזיקע אויסדערוויילטע פֿון כתרילעווקע? צו וועמען און צוליב וואָס?

דאָס איז מען געגאַנגען צו די נגידים קלײַבן נדבות, בעטן ברויט, וועגן רחמנות אויף די אָרעמע עלנטע שטאָט כתרילעווקע. אַן אומגליק האָט

געטראָפן אין כתרילעווקע. איך קען מיך נישט פון נעכטן. איר ווייסט, אַז איך בין נישט קיין מענטש פון אָנזאָגן שלעכטע בשורות. נאָר וואָס זאָל מען טאָן — עס איז געקומען די צײַט, וואָס איר דאַרפט עס וויסן:
רבותי! כתרילעווקע איז אָפּגעברענט געוואָרן!

ב.

פישל רײַסט די וועלט

יאָ, ליבע פרײַנט, כתרילעווקע איז אָפּגעברענט געוואָרן. נאָר איר מיינט, עפּעס גלאַט אַזוי אָפּגעברענט געוואָרן?

עס זײַנען דעם זומער, נישט צו פאַרזינדיקן, אָפּגעברענט געוואָרן גענוג יידישע שטעט און שטעטלעך. נאָר וואָס דען? ס'איז אַ חילוק; ברענען צו ברענען איז נישט גלײַך. כתרילעווקע האָט זיך געוואָלט, אַפּנים, אויספּײַנען פאַר דער וועלט, האָט זי זיך אָנגערופן צו די איבעריקע יידישע שטעט: „וואָס? איר ברענט? כאַ־כאַ! לאָזט מיך, אָט וועט איר זען, ווי אַ שטאָט ברענט!” און כתרילעווקע האָט זיך אָנגעצונדן ווי אַ ליכט... נאָר ניין. מיר לאָזן איבער די באַשרײַבונג פון כתרילעווקער שרפה פאַר אונדזער קאָלעגע, פישל דעם קאָרעספּאָנדענט — דאָס איז זײַן אַרבעט. באַלד אויף מאָרגן נאָך דער גרויסער שרפה האָט פישל קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז אַליין אויך אָפּגעברענט געוואָרן, קוים מיטן לעבן אַרויס, ערגעץ געקריגן מיט נסים אַ טינט־און־פעדער און האָט צעשיקט קאָרעספּאָנדענציעס אין אַלע יידישע צײַטונגען אין זייער אַ שיינער מליצה־שפּראַך און מיט אַ זעלטן שיינער האַנטשריפט, בזה הלשון:

„אַ קול אין הימל טוט זיך הערן! די טאָכטער כתרילעווקע וויינט אויף איר גרויסן אומגליק — זי וויל זיך נישט טרייסטן! אַ בראָך אויף אַ בראָך! אַ וווּנד אויף אַ וווּנד! כתרילעווקע איז נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך דער „בהלה”, וואָס אויף איר איז געווען, האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר אַ נײַער גרימצאָרן, זי האָט אויסגעטרונקען דעם ביטערן כוס פון גאָטס האַנט — אַ פײַער האָט אַראָפּגענידערט פונעם הימל און אָנגעצונדן די שטאָט פון איין עק ביזן אַנדערן עק, אויסגעלעקט ביזן אָפּגרונט — נישט געהאַט קיין רחמנות אויף די הייליקע בתי־מדרשים, און אויף קינדער, קליינע, זייגנדיקע פון דער ברוסט, וואָס זײַנען אַרויף מיטן פײַער־

דיקן פלאם אין הימל אריין. און אויך אלטע מענטשן, אָרעמע, קראַנקע און שוואַכע זיינען געווען אָן עסנוואַרג פאַרן פּייער אינעם טאָג, וואָס גאָט האָט אונדז געטאָן באַשטראָפן בכפל כפלים פאַר אונדזערע גרויסע זינד, און אַפילו אַף זיין הייליקער תורה האָט גאָט קיין רחמנות נישט געהאַט, זי איז פאַרברענט געוואָרן אינאיינעם מיטן אַלטן בית־המדרש. און מיר געפינען זיך איצט אונטער דער דעק פונעם הימל עלנטע, נאַקעטע און באָרוועסע, הונגעריקע און דאָרשטיקע, און ווי די אינדן אַף די אויס־גאַנגען פון די וואַסערן, אַזוי קוקן אַרויס אונדזערע אויגן צו אונדזערע באַרעמהאַרציקע ברידער, די קינדער פון די באַרעמהאַרציקע: מיר בעטן אייך! דערבאַרעמט אייך! לייטזעליקט אונדז! לאָז אויפגעוועקט ווערן רחמנות אין אייערע גוטע הערצער און לאָזן אייערע באַווייליקטע הענט אויסשטרעקן אונדז הילף וואָס גיכער, וואָרעם מיר זיינען פאַראָרעמט געוואָרן זייער! זייט אונדז אַ דערנערונג און לאָזט נישט פאַרלוירן גיין דאָס איבערגעבליבענע ביסל יעקב!״...

דאַכט זיך, וואָס וואָלט געווען פאַר אַן אומגליק, אַז די דאָזיקע האַרצ־רייסנדיקע קאָרעספּאָנדענציע, וואָס איטלעכס וואָרט פון איר איז אַ זיפץ און איטלעכס אות — אַ טרער, זאָל טאַקע, חלילה, זיין געדרוקט אין אַ יידיש בלאַט? ניין. האָט מען גענומען פישלס האָרעוואַניע נעבעך צו פאַרקירצן, קוועטשן און אַרויסקוועטשן פון איר דאָס תמצית, און מע האָט ערגעץ אין אַ ווינקעלע מיט גאַנץ קליינע אותיות אַריינגעקוועטשט קוים דריטהאַלבן שורהלעך.

„אָפּגעברענט כתרילעווקע. נישט באַגאַנגען זיך אָן מענטשלעכע קרבנות. מע בעט הילף״.

אמת, די צייטונגען פאַרענטפערן זיך אַפילו, אַז זיי זיינען נישט שולדיק. זיי האָבן, זאָגן זיי, פונעם דאָזיקן פישל פון כתרילעווקע כמעט אַלע טאָג אַ קאָרעספּאָנדענציע; זיי זאָלן וועלן, זאָגן זיי, דרוקן אַלצדינג, וואָס דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענט שרייבט זיי, וואָלטן זיי באַדאַרפט, זאָגן זיי, אַרויסגעבן פון די קליינע מענטשעלעך וועגן אַ באַזונדער בלאַט און האַלטן אַ באַזונדערע דרוק מיט באַזונדערע מענטשן.

טאַקע נאָר חידושים און געגנוג! קומט צו עפּעס, אַזוי ווערט כתרי־לעווקע באַ איטלעכן גרויס אין די אויגן. די זעלבע רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער, אַז זיי האַלטן באַ אַרויסלאָזן נייע בלעטער מיט נייע ביכער, זשאַלעווען זיי נישט פאַר כתרילעווקע קיין לאַנגע שיינע ברייטע פּראָס־

פּעקטן, שעמען זיך נישט אָנרופן די קלײנע מענטשעלעך מיטן נאָמען „פּיל געערטע און זײער געליבטע אבאָנענטן״. אמת, מיט קײן סך אבאָנענטן אַף זײערע בלעטער אין כתרילעווקע קאָנען זײ זיך נישט באַרימען — אַרום און אַרום האָבן זײ אין גאַנץ כתרילעווקע בסך־הכּל אײן אבאָנענט, זײדל, אונדזער אַלטער באַקאַנטער זײדל רב שעיהס, וואָס באַ אים געניסט שוין אַף צו לײענען אונדזער קאָרעספּאָנדענט פישל, און נאָך אים אַלע איבעריקע, וואָס גאָרן נאָך אַ געדרוקט וואָרט. נאָר וואָס געהער זיך עס אָן מיט פישלען? פאַרוואָס גײען זײַנע אַלע בריוו מיט אַלע זײַנע שרײַבעכצן גלײַך אונטערן טיש אין קויש אַרײַן, נאָך אײדער מע ווײס, וואָס דאָרטן שטײט? פאַרוואָס, אַז סע קומט אונטער אַ יום־טוב און דער רעדאַקטאָר טרעט אַרויס מיט שײנע געצאַצקעטע ווערטער וועגן דעם פאָלק ישראל, צעהיצט ער זיך און זאָגט:

„ווער האָט געציילט דעם שטויב פון יעקבן?

און ווער האָט גערעכנט די צאָל פון די ריטער ישראל?״

מײנט ער נישט אויך די קלײנע מענטשעלעך בתוכם? צי, למשל, יענע מוסר־זאָגער, די וואָס זעצן אויס אונדזערע פעלערן, רופן אונדז אָן מיט די שײנע נעמען „עקספּלאָאַטאַטאָרן״, „וועלט־פרעסערס״, „בלוט־זויגערס״ וכדומה, — מײנען זײ דען נישט אויך די כתרילעווקער יידן בתוכם? כתרילעווקע מעג טאַקע אַף זיך זאָגן: „צו אַ פגירה בין איך אויך אַ בהמה״.

מײנט נישט פונדעסטוועגן, אַז נאָך דער שרפה האָט מען זיך באַנוגנט נאָר מיט פישלס קאָרעספּאָנדענציעס אַלײן: עס זײַנען צעשיקט געוואָרן אויך בריוו — זײער שײנע מליצה־בריוו, טאַקע פישלס אַרבעט, בכל תפוצות ישראל, אומעטום וווּ עס איז פאַראַן ערגעץ אַ גביר מיט אַ נאָמען, וואָס לאָזט זיך הערן אַף דער וועלט: קײן יעהופּעץ, קײן אָדעס און קײן מאָסקווע, און קײן לאָנדאָן, און אפילו קײן פּאַריז, צום גרויסן־גרויסן רויטשילד אַלײן. עס זאָל אײַך קײן חידוש נישט זײַן, ווי קומט דאָס, וואָס כתרילעווקע זאָל אָנשפּאַרן אַזש קײן פּאַריז, צו רויטשילדן! שטעלט אײַך פאָר אַ מעשה, אַז אַ צײַט מיט יאָרן פלעגט כתרילעווקע באַקומען אַלע ערב פסח פון פּאַריז, פון רויטשילדן, אַף ר׳ יוזיפלס אַדרעס הונדערט פראַנק מעות־חטים. אמת, שוין פון אַ צײַט, אַז רויטשילד האָט אויפגעהערט זײ צו שיקן מעות־חטים, מע ווײס נישט, פאַר וואָס; נאָר פונדעסטוועגן שרײַבן זײ צו אים בריוולעך אַלע מאָל, ווען

עס מאַכט זיך עפּעס באַ זיי אַ שמחה אַדער, חלילה וחס, נישט אין אַזאַ שעה אויסגערעדט זאָל זײַן, אַן אומגליק. אי, פאַרוואָס האָבן זיי פון אים קיין שום תשובה נישט שוין אַזויפיל יאָרן? דאָס איז קיין קשיא נישט! אפשר האָט זיך אים צוגעגעסן לייענען זייערע לאַנגע מגילות? — קרעפּלעך עסן, זאָגט מען, ווערט אויך נמאס! און אפשר איז דער אַדרעס נישט געשריבן, ווי עס געהער צו זײַן? און אפשר האָט זיך געטראָפן דאָרטן באַ רויטשילדן אין פּאַריז דאָס, וואָס, להבדיל, באַ פּרעה מלך מצרים האָט זיך געטראָפן, ווי אין פּסוק שטייט: ויקם מלך חדש — ס'איז אויפגעשטאַנען אַן אַנדער מלך, אשר לא ידע את יוסף — וואָס האָט זיך געמאַכט נישט ווילנדיק... איך רייד פון רויטשילדס סעקרעטאַר, פון דעם, וואָס נעמט־אָפּ די פּאָסט און לייענט איבער אַלע בריוו. די, וואָס געפעלן דעם סעקרעטאַר, די באַוווײַזט ער אים, און די בריוו, וואָס געפעלן אים נישט, זאָגט ער: „זה חליפתי, זה כפרתי" — און מאַרש אונטערן טיש... פאַר געווים ווייס איך נישט; נאָר איך מיין, אַז אַזוי באַדאַרף עס זײַן.

הקיצור, איר זעט שוין, אַז כתרילעווקע איז, ברוך השם, אַזאַ שטאָט, וואָס זי שטייט אין פאַרבינדונג, קאָרעספּאָנדירט מיט דער גאַנצער וועלט. און וויבאַלד עס האָט זיך נאָר געטראָפן באַ זיי דאָס גרויסע אומגליק, אַזוי האָט מען שוין די רגע געגעבן צו וויסן דורך פּישל קאָרעספּאָנדענט, אויסגעפּויקט איבער דער גאַנצער וועלט, און אַרויסגעקוקט: טאָמער וועט זיך עמעצער אָנרופן אויף דער גרויסער צרה, וואָס זיי איז געשען.

ג.

כתרילעווקע ברענט ווי אַ ליכט

פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס אומגליק? — פון דעם אַלטן כתרילעווקער מרחץ, וואָס מיר האָבן עס שוין אַמאָל באַשריבן. אַן אַבאַפּעלעך האָט זיך איינמאָל אין אַ דאָנערשטיק אָנגעצונדן, און עס האָט באַלד אַ כאַפּ געטאָן דעם דאַך, און עס האָט נישט געדויערט קיין סך — איז דאָס גאַנצע מרחץ געווען איין שטיק פײַער. און אַז „אָדם" מיט „חווהן", דער בעדער מיט דער בעדערן, זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פון באָד קוים לעבעדיקע, איז דאָס ערשטע, וואָס זיי איז געקומען אויף

דער מחשבה: „אוי־ווײ, דער רבי!" — אין איין כהרף־עין איז „אדם הראשון" (דער בעדער) געווען אין שטוב, און ווי מע טראָגט אַ קליין קינד פון וויגעלע, אַזוי האָט ער אַרויסגעטראָגן דעם רב רב יוזיפל אויף זײַנע געזונטע גרויסע הענט. און רב יוזיפל דער רב האָט ווי אַ קליין קינד זיך פאַרשטעלט די אויגן פונעם פײַער, וואָס האָט באַלויכטן דעם גאַנצן טײַך מיט די ווערבעס, מיטן געמויזעכטס, מיט אַ גאַנצן שטיק הימל, וואָס אַהין האָט זיך געצויגן דאָס פײַער און זיך געקנײַקלט דער רויך, דער געדיכטער רויך, דורכגעוואָרפן אַלע מאָל גרויסע און קליינע פונקען, און אַלץ האָט מיט אַ מאָל באַקומען אַן אַנדער פּנים, אַ מאָדנעם חן, געוואָרן רויט: דער טײַך רויט, דער הימל רויט, די מענטשן רויט — רב יוזיפל האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ מין רויטקייט און אַזאַ מין שיינקייט נישט געזען, און ער האָט נישט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך פון התפּעלות. און אַז „אָדם הראשון" האָט אים אַנידערגעשטעלט אויף דער ערד, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין: „ווי שיין איז גאָטס וועלטל און וווּנ־דערלעך!" — און האָט זיך אָבער באַלד פאַרכאַפּט און אַ קער געטאָן זיך צו „אָדם" מיט „חוהן":

— קינדערלעך, האָט עס אײַך, חלילה, נישט געשאַדט אין די נפשות? דאַנקען השם יתברך, וואָס איר זײַט נישט געשטראָפט געוואָרן מיט פײַער...

— נישט געשטראָפט געוואָרן מיט פײַער? — האָט זיך דער בעדער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און אַ זאָג געטאָן מיט אַ ביטער געלעכטער. — מיט וואָס דען האָט אונדז גאָט געשטראָפט: מיט וואַסער?

— נישט דאָס מיין איך, — פאַרענטפערט זיך דער רב. — איך מיין דעם נס, וואָס מיר זײַנען ניצול געוואָרן מיטן לעבן, געלויבט דער בורא.

— מיטן לעבן? וואָס טויג אונדז שוין דאָס לעבן, אַז מיר האָבן נישט קיין באָד?

— רעדסט ווי אַ קינד — מאַכט צו אים רב יוזיפל און פאַרשטעלט זיך מיט ביידע הענט פונעם פײַער — ווי אַ קינד רעדסטו! ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז דו באַדאַרפסט האָבן אַ באָד? אַז דו ביסט געבוירן געוואָרן, ביסטו דען געבוירן געוואָרן, נאַרעלע, מיט אַ באָד? צי דו האָסט גערעכנט איבער הונדערט יאָר אויף יענער וועלט, אם ירצה השם, קומען מיט אַ באָד? אַמאָל איז געווען אַ מלך...

און רב יוזיפל האָט געוואָלט דערציילן זייער אַ שיינעם משל מיט אַ מלך, ווי זיין שטייגער איז; האָט אים דער בעדער, מחילה, איבער־געשלאָגן סאַמע אין אָנהייב:

— וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? איר טוט בעסער אַ קוק, זייט מוחל, ווי דאָס פייער קייקלט זיך מיר עפּעס, עפּעס אַהין, אין שטאָט אַריין, און דער ווינט בלאָזט מיר עפּעס צו געשמיידיק! איך האָב מורא, עס זאָל נישט אָננעמען לוי־מרדכי דעם קצבס שטוב מיט די שטאַלן, דעמאָלט איז — זיי געזונט, כתרילעווקע!...

און ווי אין אַזאַ שעה אויסגערעדט — עס האָט אַ וואָרף געגעבן דאָס פייער אַף לוי־מרדכי דעם קצבס שטוב מיט די שטאַלן, און עס איז מיט אַ מאָל באַלויכטן געוואָרן אַ נייער שטיק הימל. עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ קנאַקן מיט אַ טרישטשען, מיט אַ מעקען פון ציגן, און עופות פאַר האָבן זיך פון ערגעץ געלאָזט לויפן הענדום־פּענדום, אַראָפּ־אַ־באַרג, צעלאָזט די פליגלען און אויפגעבלאָזן די פעדערן, און גיך איז באַלויכטן געוואָרן דער גאַנצער באַרג מיט דער גאַנצער שטאָט מיטן גאַנצן הימל. אַ משונה־מאָדנער געשריי מיט אַ הילך לאָזט זיך הערן פון שטאָט אַזש אַהער, דאָס געשריי וואַקסט אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער און שטאַרקער און ווערט צונויפגעגאָסן אינאיינעם מיט אַ בילן פון הינט, מיט אַ רעווען פון קי, מיט אַ קוויטשען פון ווייבער, מיט אַ וויינען פון קינדער און מיט אַ שרייען: „וואַסער! וואַסער! ראַ־טעוועט! גיכער! סע נעצט! סע ברענט!" — פּלוצעם זעט מען שפּרינגען אַראָפּ־אַ־באַרג צום טייך אַ האַלעוועשקע אַף פיר פיסלעך; די האַלעוועשקע טאַנצט, מאַכט מיט די הערנער און פליט גלייך צום טייך, דערלויפט נישט אָבער און פאַלט אַנידער און ציט זיך אויס אַף דער ערד מיט די פיסלעך אַרויף, און ציטערט, ווי פאַרן טויט, און לאָזט אַרויס אַף אַ צוגעלעגערט קול אַ מאָדנע „מע־ע־ע!" — דאָס האָט אַ ציג נעבעך פאַר גרויס נאַרישקייט גענומען און איז אַריינגעשפּרונגען אין פייער אַריין און האָט באַלד חרטה געקריגן און אַרויסגעשפּרונגען צוריק; ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט — ס'האָט זיך אָנגעצונדן אַף איר דאָס פעלצל און גיך פאַרסמאַליעט געוואָרן, האָט זי זיך געלאָזט לויפן, האָפּ־האָפּ, משוגענערווייז, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אָן אַ שום פּלאַן און אָן אַ שום שכל.

נישט קיין גרעסערער שכל איז געלעגן אינעם לויפן פון די כתרי־

לעווקער יידן און ווײַבער, וואָס האָבן זיך געוואָרפֿן פֿון איין גאָס אין דער אַנדערער, ווי פֿאַרסמטע מײַז, אָדער ווי נישט־דערקווילעטע הינער, שוואַרץ פֿון רויך, ווי די מלאכי־חבלה, און אָנגעזאָגט איינס דאָס אַנדערע אַ בשורה:

— איר ווייסט? אלי־דוד ברענט!

— איר ווייסט? עס האַלט שוין באַם מאַרק!

— איר ווייסט? סע ברענט די גאַנצע שטאָט! אַ דונער איז מיר, די גאַנצע שטאָט!

— ווי אַ ליכט! ווי אַ סטערינעווע ליכט.

און סע בושעוועט דאָס פֿײַער און סע שטורעמט, ווי דער ים, אַז ער צעשפּילט זיך, און דער ווינט טראָגט גאַנצע האַלעוועשקעס, גאַנצע סנאָ־פּעס שטרוי, און פֿונקען פֿליִען אָן אַ שיעור. די פֿונקען פֿאַלן אַף די גוט־אויסגעטריקנטע פֿון אַלטקייט שטרויענע און הילצערנע דעכער, און עס הערט זיך אַ קנאַקן מיט אַ וואַלגערן, אַ פֿאַלן מיט אַ זעצן, אַ ברעכן מיט אַ טרישטשען — און דאָס אַלץ ווערט ווי צונויפֿגעגאָסן אינאיינעם מיטן געשריי און הילך, מיטן קוויטשען און מיטן וויינען, און שדים, רוחות, נישט קיין מענטשן, לויפֿן, דער אַהין, דער אַהער, משוגענערווײַז, וואַרפֿן זיך אַף אַלע זײַטן, ווי פֿאַרסמטע מײַז ווי נישטדערקווילעטע הינער און דאָס גרויסע ליכטיקע פֿײַער באַלײַכט און באַשײַנט זייערע ווייסע פֿינצטערע איבערגעשראָקענע פּנימער — און כתרילעווקע ברענט, ברענט ווי אַ ליכט.

ד.

רב יוזיפל האַלט מלחמה מיטן רבונו־של־עולם

אַז דאָס מרחץ האָט נאָך געהאַלטן אין ברענען, האָט זיך נישט „אָדם", נישט „חווה" אַרומגעקוקט אַפֿן רב ר' יוזיפל. נאָר שפּעטער, אַז פֿונעם באָד איז נאָר געבליבן דער אײַזערנער קעסל מיטן קוימען (אַפֿילו די מקווה האָט אויך אויסגעברענט ביזן דעק), האָבן „אָדם" מיט „חוה‎הן" זיך געגעבן אַ כאַפּ צום רבין — נישטאָ דער רבי! אומזיסט האָבן זיי אים געזוכט באַם ברונעם, באַם ברעג פֿונעם טײַך, באַם געמויזעכטס, און נאָכדעם אין שטאָט, צווישן די ברענענדיקע גאַסן.

— האָט איר נישט באַגעגנט ערגעץ דעם רבין? — האָט דער בע־

דער זיך נאָכגעפרעגט בא די אַנטלאָפענע אומגליקלעכע נשרפים פון שטאָט. נאָר די אומגליקלעכע אַנטלאָפענע פון שטאָט זײַנען געווען אַזוי צעטומלט, אַז זיי האָבן גאָרנישט געהערט, וואָס מע רעדט צו זיי, און געפרעגט, ווי פאַרחידושטע, געקוקט מיט מוראדיקע אויגן:

— וואָסער רבין? וועמענס רבין?

ווי־זשע איז געווען דער רב רב יוזיפל? רב יוזיפל דער רב, אַז ער איז געקומען צו זיך און דערזען, אַז די גאַנצע שטאָט שטייט אין סכנות, האָט דאָס אים אויפגעטראָגן אין דער לופטן, און ער האָט געכאַפּט דאָס אַלטע אָרויסגעראַטעוועטע שטרײַמל מיטן אַלטן שטעקן און האָט זיך געלאָזט גיין צו זײַנע יידן אין שטאָט אַרײַן, גאָרנישט טראַכנדיק, וווהין ער גייט און צוליב וואָס. פאַר זײַנע אַכציק יאָר איז דאָס געווען נישקשה פון אַ שפּאַציר. נאָר דערזען פאַר זיך אַ גאַנצן ים פון פײַער, האָט ער נישט געפילט די פיס. עס האָט אים געטראָגן ווי אויף פליגלען אַהין, אַהין, צום אַלטן בית־המדרש צו, וווּ ער האָט כמעט דאָס גאַנצע לעבן זײַנס פאַרבראַכט מיט גאָט. שוין־זשע וועט דער אייבערשטער נישט טאָן קיין נס מיט זײַן אייגן הויז? שוין־זשע וועט דער רבונו־של־עולם נישט באַשיצן זײַן תורה, זײַן אייגענע תורה?

מיט די דאָזיקע מחשבות איז אונדזער רב יוזיפל אָנגעקומען צום אַלטן בית־המדרש פּונקט אין דער צײַט, ווען אַרום און אַרום האָט געבור־שעוועט דאָס פײַער. רויטע צונגען האָבן זיך געריסן מיט אַלע זײַטן און האָבן באַלויכטן דעם האַלב־אײַנגעפאַלענעם דאַך מיט די אָפּגעקאָלר־פּעטע געלע ווענט פון דעם אַלטן־אַלטן כתרילעווקער בית־המדרש. אָט־אָט, נאָך אַ מינוט — און גאָטס הויז ווערט אַרומגענומען מיט פײַער.

און רב יוזיפל קאָן נישט משיג זײַן מיטן שכל, ווי שווײַגן דאָס יידן? פאַרוואָס ראַטעוועט מען נישט דאָס בית־המדרש? די הייליקע ספרים? ספרי־תורות? אָנשטאָט דעם זעט ער לויפן יידן הין און צוריק, ווי ווילדע ברואים, שפּרינגען אין פײַער אַרײַן, ראַטעווען אַלטע קראַנקע ווײַבער, קליינע קינדער, בעטלעך, בענקלעך, קישנס, טעפּלעך, סקאָרב און בעבעכעס — און גאָטס הויז האָט מען פאַרגעסן, מפקיר געווען — ווי געשיקט זיך עס?!... רב יוזיפל פּרוּווט זיך שרײַען, רופן צו הילף: „דאָס מקום־קדוש! דאָס בית־המדרש!" — קיינער הערט אים נישט. נאָך אַ מינוט — און רב יוזיפל איז אַרײַן אין שול, און גלײַך צום אָרון־קודש, אַרויסגעצויגן איין ספר־תורה און די אַנדערע ספר־תורה, קוים

ארויס מיטן לעבן אף דער גאס, אוועקגעלייגט זיי ווײַט פאר דער טיר, אף א צעבראָכן בענקל, וואָס עמעצער האָט ארויסגעשלײַדערט פון א שטוב, און אליין אוועקגעשטעלט זיך לעבן זיי און אָנגערופן זיך צום רבונו־של־עולם:

— וואָס איך האָב געקאָנט, האָב איך געטאָן. וויפל איך האָב גע־קאָנט, האָב איך ארויסגעראַטעוועט; די איבעריקע ספרים האָב איך איבערגעלאָזט אף דיר. איך טרעט נישט אָפּ פון דאַנען אף א רגע אפילו. לאָמיר זען, ווי אזוי דו וועסט פארברענען דײַן אייגענע תורה, וואָס דו האָסט אונדז געגעבן דורך משה דײַן קנעכט אפן בארג סיני!...

אין דער מינוט איז אָנגעקומען דער בעדער, אונדזער באַקאַנטער „אדם הראשון". דאָס הארץ האָט אים געזאָגט, אז דער אַלטער דאַרף זײַן ערגעץ בא דער שול. דערזען דעם רבין שטיין לעבן ברענענדיקן בית־המדרש, האָט „אדם הראשון" נישט געמאַכט מיט אים קיין לאַנגע מחזקות, אים א נעם געגעבן אין זײַנע געזונטע האַרעפּאַשנע אָרעמס און אינאיינעם מיט די צוויי ספרי־תורות אים אוועקגעשלעפּט פון פײַער צוריק, אַראָפּ־אַראָפּ, צום אָפּגעברענטן מרחץ, וואָס באַם ברעג פונעם טײַך.

ה.

נאָכן חורבן

דער מנהג פון דער וועלט איז, אז בשעת מלחמה קוקט מען זיך אזוי נישט ארום אפן אומגליק, ווי נאָכדעם, און די געפאַלענע ציילט מען ערשט דעמאָלט, אז עס ווערט אוים געשלעג, און אז אַלץ גייט איבער, הייבט מען ערשט דעמאָלט אָן אונטערפירן חשבונות, וויפל מע האָט און דער הריגה פארלוירן.

אין כתרילעווקע איז אויך אזוי געווען. מע האָט אָנגעהויבן זיך ארומקוקן, ווי ווײַט דאָס אומגליק איז גרויס, ערשט אף מאָרגן נאָך דער שרפה, תחילה האָט מען, געוויינטלעך, דערציילט איינער דעם אַנדערן חידושים, ווי אזוי און ווען און וווּ מען איז געוואָר געוואָרן, אז עס ברענט; דערבײַ האָט איטלעכער, געוויינטלעך, געהאַט צו דערציילן זײַן מעשה, א לאַנגע מעשה: ווי אזוי ער איז נעכטן, ווי אף צו־להכעיס, געקומען

פרי פּאַרנאָכט אַהיים, מחמת אַ גאַנצן טאָג איז נישט געווען וואָס צו טאָן, און, ווי אַף צו־להכעיס, איז ער דעם אָפּדערנאָכט געווען הונגעריק, ווי אַ הונט, און, ווי אַף צו־להכעיס, איז נישט געווען וואָס צו עסן, האָט ער זיך אַף צו־להכעיס געלייגט פרי שלאָפן, און, ווי אַף צו־להכעיס, האָט ער מחמת הונגער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, און, ווי אַף צו־להכעיס, איז ער אַ האַלבע שעה פאַר דער שרפה דווקא אַנטשלאָפן געוואָרן, און דווקא געשמאַק. פּלוצעם הערט ער אַ גוואַלד: „סע נעצט, סע ברענט!“...

דער אַנדערער דערציילט אַ שענערע מעשה, און נאָך אַ לענגערע, ווי יענער: ווי אַזוי ער איז נעכטן אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, כמעט פאַרטאָג, און איז אַרויסגעקומען אין מאַרק אַרײַן, געמיינט, טאָמער וועט ער עפּעס האַנדלען, וואָס ס'וועט זיך מאַכן: אַ טכוירל, אַ ביסל פּאָלאָווע, אַ זעקל קאַרטאָפּלעס, אַבי עפּעס פאַרדינען. צום סאָף — איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש: סך הכל איין ערל מיט אַ זעקל קוילן. פרעגט ער אים: „גוי, וואָס ווילסטו פאַר די קוילן?“ זאָגט ער: „אַ גילען“. ער האָט זיך אײַנגעחזרט אַ גילן — כאַטש נעם גיב אים אַ קרענק! האָט ער אָוועקגעקויפט באַם ערל דאָס זעקל קוילן, גענומען דאָס זעקל קוילן, מחילה, אַף די פּלייצעס — און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, אַ מעשה אַף דרײַ זייגערשעה, ביז ער קומט אַרויף אַף דער שרפה. און סע לאָזט זיך אויס, אַז בשעת די שרפה האָט זיך אָנגעהויבן איז ער געשלאָפן ווי אַ געהרגעטער, מע האָט אים קוים־קוים אויפגעוועקט.

דער דריטער דערציילט נאָך אַ שענערע מעשה. הייבן הייבט ער אָן אַזש פון אייערנעכטן, און דערציילט אַ לאַנגע־לאַנגע מעשה, נאָך אַ לענגערע פון יענער, וואָס מיטן זעקל קוילן, און פּלוצעם מישט זיך אַרײַן אינעם שמועס אַ ייִדענע און לייקנט־אָפּ די גאַנצע מעשה:

— ווייס איך וואָס זיי וועלן אײַך דערציילן מעשיות, נעכטיקע טעג! אָט וועל איך אײַך דערציילן, ווי אַזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבן: איך האָב דעם דאָזיקן דאָנערשטיק, וואָס פאַר דער שרפה, געגרעשטשינעט חלה פון דער מעל, וואָס בערל ברכהס האָט געבראַכט צו פירן, שיינע מעל, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן, אַזאַ יאָר אַף אונדזערע שונאים, אַז בסך־הכל כאַפּט זי גאָר אַ ביטערקייט...

און סע גייט אַוועק אַ געשיכטע פון דרײַ זייגערשעה, אַ דערציי־

לונג פֿון ביטערע מעל, מיט ביטערע הייוון, מיט אַ מולטער, וואָס אירע אַ שכנה, פֿעסל הייסט זי, אַ פֿעסל פֿון גאָט !... און אַזוי ווײַטער — אַ מעשה אָן אַן עק, און עס ווײַזט זיך אויס, אַז צו דער שׂרפֿה וועט זי נישט קומען קיינמאָל, פֿיל זי וועט לעבן !

און אינאיינעם מיט די דאָזיקע שיינע מעשׂיות און דערציילונגען פֿון דער שׂרפֿה לאָזט זיך הערן אויך אַ געוויין, אַ יללה, אַ יאָמער, אַ קלאָג פֿון פֿאַרביטערטע הערצער, פֿון באַליידיקטע נשמות, פֿון פֿאַר־וואָגלטע, עלנטע, אָרעמע, אָרעמע, אָרעמע ! דאָרט שטייט אַ מוטער און ברעכט די הענט און קלאָגט אַף איר ברעקעלע קינד, וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן נעבעך אינאיינעם מיטן וויגעלע ; און דאָרט באַוויינט אַ ייִד שטילערהייט זײַן אַלטן קראַנקן פֿאָטער, וואָס איז גראָד יענע נאַכט געשלאָפֿן אַפֿן בוידעם — קיינמאָל נישט און איצטער יאָ, און איז דאָרט פֿאַרברענט געוואָרן צו אַש... און דאָ גייט אַרום אַ מיידל און שלאָגט זיך מיט די הענט אין קאָפּ : די מאַמע ! די מאַמע ! די מאַמע !

האָב קיין פֿאַריבל נישט, פֿרײַנט לייענער, וואָס איך האָב איבער אין מיטן. מײַן מוזע, די וואָס שטייט איבער מיר בעתן שרײַבן, איז, ווי אַלע כתרילעווקער לײַט, אַ פֿריילעכע נשמה, אַן אָרעמע, נאָר אַ פֿריילעכע. זי האָט פֿײַנט טרערן, זי האַלט נישט פֿון טרויעריקע סצענעס. זי זאָגט, אַז טרערן זײַנען נאָר די, וואָס זײַנען נאַס און געזאַלצן ; די אַלע איבע־ריקע טרערן, וואָס דער שרײַבער גיסט אַף פּאַפּיר — דאָס זײַנען, זאָגט זי, טרוקענע, געמאַכטע טרערן, וואָס האָבן נישט קיין ווערט. זי האַלט, אַז אַ ווייטיק איז נישט דער, וואָס מע גיט אים איבער, נאָר יענער, „וואָס טוט וויי״... דערפֿאַר לאָזן מיר איבער די שרעקלעכע טרויעריקע סצענעס, גייען אַוועק פֿון דאַנען אַ ביסעלע ווײַטער און שטעלן זיך אָפּ נאָר באַ די היזקות, וואָס מײַנע כתרילעווקער בעלי־בתּים האָבן געהאַט פֿון דער שׂרפֿה. דער חסרון איז אָבער, וואָס עס לאָזט זיך גאָרנישט באַרעכענען דעם גרויסן היזק, וואָס כתרילעווקע האָט געהאַט. דאָס איז נומער איינס. והשנית, וואָס וועט העלפֿן דאָס רעכענען ? אפֿנים, עמעצער וועט זיי דען אומקערן ? די גזולשאַפֿטן, וואָס אַסעקורירן פֿון פֿײַער, האָבן זיך ווי צונויפֿגערעדט און האָבן שוין כתרילעווקע לאַנג אויסגע־שטראָכן פֿון דער לאַנד־קאַרטע, גלײַך ווי ס׳איז גאָר קיינמאָל קיין

כתרילעווקע נישט געווען אף דער וועלט אפילו! הײַנט גלאַט, ווער איז דאָס אימשטאַנד צו שאַצן יענעמס גוטס, ובפרט נאָכדעם, אַז ס'איז שוין לאַנג אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך? בעל־הבתישקייט בכלל, און כתרילעווקער בפרט, האָט גאָר אַן אַנדער ווערט, וואָס לאָזט זיך נישט שאַצן. אַלטע שמאַטעס, צעבראָכענע דראָבעס, זײַנען באַם אָרעמאַן אַזוי טײַער (אויב נישט נאָך טײַערער), ווי די שענסטע שפּיגלען מיט די טײַערסטע כלים באַם נגיד, אַז סע ווערט פאַרפאַלן אַ זאַך, קאָן ער פאַר געלט קויפן אַן אַנדערע זאַך; דעם אָרעמאַן ווער וועט אומקערן דאָס, וואָס דאָס פײַער האָט צוגענומען?...

אַזוי האָבן געחקירהט די כתרילעווקער נשרפים און האָבן אַרויסגעזען, אַז מיט חקירהן און פילאָזאָפירן וועלן זיי גאָרנישט מאַכן. מע באַדאַרף זען עפּעס טאָן, עפּעס צוטראַכטן, געפינען אַן עצה. ווי אַזוי ראַטעוועט מען די שטאָט? ווי אַזוי מאַכט מען, אַז די שטאָט זאָל בלײַבן אַ שטאָט? ס'איז קיין קונץ נישט, אַז אַ גאַנצע שטאָט זאָל זיך צעקריכן איבער דער וועלט, זיך לאָזן איבער די הײַזער און בעטן נדבות, ווי געוויינטלעכע „נשרפים". פע, דאָס איז נישט קיין תכלית! מע באַדאַרף זען, אַז כתרילעווקע זאָל בלײַבן כתרילעווקע! אָט אף וואָס מע האָט זיך געבראָכן די קעפּ.

פון די אַלע פלאַם־פײַערדיקע און האַרץ־רײַסנדיקע בריוו, וואָס מע האָט צעשיקט בכל תפוצות ישראל, האָבן זיך אָנגערופן סך־הכל אַ פּאָר שטעטלעך, אויך אַזעלכע אָרעמע, ווי כתרילעווקע, און האָבן אַרײַנגעשיקט ווער אַ ביסל ברויט, ווער אַלטע מלבושים און ווער עטלעכע קערבלעך מזומנע, און געקלעקט האָט דאָס אף איין צאָן; די לאַגע האָט אָנגעהויבן ווערן שרעקלעך! ס'איז געוואָרן אַזוי ביטער, אַז מע האָט שוין אויפגעהערט וויינען און קלאָגן און אַפילו קרעכצן. אַזוי איז אַ מענטש, וואָס האַלט באַ דערפרוירן ווערן, הייבט אָן שטילערהייט אויסגיין, אַנטשלאָפן ווערן אף אייביק... אָט דאָ האָט זיך, ווי אַלע מאָל, באַוויזן רב יוזיפל דער רב מיט זײַן קראַפט, וואָס גאָט האָט אַרײַנגעגעבן אינעם דאַזיקן אַלטן שוואַכן גוף, און ע האָט צונויפגעזאַמלט אַן אסיפה פון בעלי־בתים, און דווקא ער אַליין מיט זײַן אייגענעם כבוד, נישט געשיקט קיין שמשים און נישט פאַרקליבן זיך אויבן־אָן, נאָר פּראָסט און פשוט אַני־דערגעשטעלט זיך און אָנגערופן זיך צום גאַנצן עולם בזה הלשון:

— הערט צו, ייִדישע קינדער, וואָס איך וועל אײַך זאָגן. נישט איך

זאָג עס, נאָר דער, וואָס לעבט אייביק, זאָגט עס אײַך מיט מײַנע זינדיקע ליפּן: זאָרגט נישט — איר זײַט באַוויליקט! איך בין אײַך מבטיח, אַז עס וועט, אם־ירצה־השעם, זײַן גוט. וואָס איז דער פּשט? דער פּשט איז אַזוי: אמת, מיר זײַנען געשטראָפט געוואָרן מיט פײַער, אָפּגעברענט געוואָרן אַליין און פאַרברענט געוואָרן מיט די בתי־מדרשים, מיט די שולן, מיט הייליקע ספרים און אויך מיט לעבעדיקע נפשות, קליינע ברעקלעך קינדער, וואָס זײַנען נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. אוודאי איז דאָס אַ גרויסע, אַ ביטערע שטראָף, וואָס מסתמא האָבן מיר עס כשר פאַרדינט בײַ דעם, וואָס לעבט אייביק. נאָר שטאַרק טרויערן דערויף טאָרן מיר אויך נישט. ערשטנס, וועלן מיר מיט אונדזער טרויערן, וואָס מיר וועלן טרויערן, גאָרנישט העלפן, והשנית, וועלן מיר באַווײַזן פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז דער חורבן כתרילעווקע איז פאַר אונדז, חלילה, ערגער פון חורבן ירושלים, חורבן בית־המקדש. אַ משל קעגן אַ מלך. אַמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט אַ בן־מלך, אַ בן־יחיד...

און רב יוזיפל דערציילט זיי זייער אַ שיינעם משל מיט אַ מלך, ווי זײַן שטייגער איז תמיד צו דערציילן משלים פון מלכים, און ער לאָזט אויס מיט די דאָזיקע ווערטער:

— דערפון אַליין איז גרינג אַרויסצוזען, אַז מיר טאָרן נישט זינדיקן. מיר דאַרפן זיך אָנטאָן אַ כוח און לאָמיר, קינדער, נעמען די שטעקנס אין די הענט און לאָמיר גיין אַלע אָפּריכטן גלות. פאָלגט מיך, קינדערלעך, איך גיי אויך מיט אײַך. איך בין אײַך מבטיח, אַז וווהין מיר וועלן קומען צו גיין, וועלן מיר, אם־ירצה־השם, געפינען חן אין די אויגן פון אונדזערע רײַכע ברידער, און זיי וועלן אונדז נישט לאָזן פאַלן. שטייט אויף, ייִדן, גורט אָן אײַערע לענדן און לכו ונלכה — לאָמיר גיין!

און בשעת מעשה גלײַכט זיך אויס בײַ רב יוזיפלען דער רוקן און דאָס פּנים הייבט אים אָן צו שײַנען, און ער פילט זיך יונג און פריש, ווי אַ בחור, ווי אַ גבור, וואָס איז גרייט צו דער מלחמה. און אויך דער גאַנצער עולם דערפילט זיך, ווי עפּעס אויפגעמונטערט, און מען איז גרייט אין וועג אַרײַן. עס בלײַבט נאָר איבער איין זאַך: וווהין? וווהין גייט מען פריִער? ס'איז פאַראַן, קיין עין הרע, אַזויפיל ייִדישע שטעט און, קיין עין הרע, אַזויפיל נגידים!"...

ז.

לאָז זײַן שטיל — כתרילעווקע פּאַרט!

דער פּסוק „מי ומי ההולכים" — ווער זאָלן זײַן די פּאַרערס? האָט א ביסל אויפגערודערט די שטאָט, אָדער, ווי פּישל דריקט זיך אויס אין איינער פון זײַנע קאָרעספּאָנדענציעס, „געמאַכט פון איר א געפּרעג־לעכטס". אַף דער דאָזיקער נסיעה האָבן זיך געפונען אין כתרילעווקע א סך, א סך בעלנים. אַלע, די גאַנצע שטאָט כמעט, איז געווען גרייט צו פאָרן! איטלעכער האָט געוואָלט די מצווה, און אפשר טאָקע פּשוט — זיך א ביסל דורכלופטערן, דורכטרייסלען די ביינער, — מע ווערט פאַר־שימלט און פאַרקליאַנעט, זיצנדיק אַף איין אָרט. בא איטלעכן מענטשן איז פאַראַן א יצר־הרע, וואָס רעדט־אָן; עס ווילט זיך אַמאָל אָנקוקן א וועלט, זען זיך מיט מענטשן און ברענגען נאָכדעם אהיים צו פירן נײַס, פּעק מיט נײַס. און באמת טאָקע, וואָס קאָן זײַן נאָך מער אָנגענעם פון דעם, וואָס אַז איר קומט צו פאָרן פון ערגעץ אהיים, שטעקט מען אײַך פון אַלע זײַטן שלום־עליכמס, איטלעכער שטופּט זיך, וויל אײַך זען, א קוק טאָן גלײַך אין פּנים אַרײַן? דאַכט זיך, וואָס? א פּנים ווי אַלע פּנימער, נאָר פאָרט א בא מן הדרך, פאָרט אַן אַנדער פּנים! און אַז איר רעדט, דערציילט נײַס פון וועג, חידושים פון דער גרויסער שטאָט, קוקן אײַך הונדערטער מענטשן אין פּנים אַרײַן, שלינגען מיט דאָרשט אײַערע ווערטער, און איר שטייט, קיין עין־הרע, פּאַר אַזא עולם און דערציילט, און דערציילט, און איר באַקומט מיט א מאָל א מאָדנעם חן בא אַלעמען אין די אויגן. איר ווערט א גאַנצער „יש" אין שטעטל, אַן אָדם, א העלד אַף עטלעכע טעג. אמת, די עטלעכע טעג גייען איבער און דער העלד ווערט אפילו באַלד אויס העלד, ווערט אָן דעם גאַנצן חן און ווערט דער אייגענער כתרילעווקער, וואָס אַלע; פונדעסטוועגן, ווער וויל דאָס נישט זײַן קיין העלד? אַף א שעה — און דאָך א העלד! נאָר, צוריק שמועסנדיק, איז דען מעגלעך, אַז א גאַנצע שטאָט זאָל זיך אויפ־הייבן און זיך לאָזן אַף דער וועלט? לכן איז געבליבן, מע זאָל אויס־קלײַבן א דעפּוטאַציע פון עטלעכע געציילטע מענטשן. און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַף דאָס נײַ: מי ומי — וועמען קלײַבט מען אויס? דאָס פאַרשטייט מען אַליין, אַז קלײַבן קלײַבט מען די נגידים מיט די

פֿײַנסטע בעלי־בתים. נאָר גייט, אַשטייגער, זײַט חכמים און מאַכט אַ גרענעץ אין כתרילעווקע צווישן אַ נגיד און צווישן נישט־קיין־נגיד, צווישן אַ פֿײַנעם בעל־הבית און נישט־קיין־פֿײַנעם בעל־הבית! אַז בסך הכּל זײַנען אַלע כתרילעווקער פֿײַנע בעלי־בתים, און די נגידים אַליין זײַנען אויך, עס זאָל אײַך צו קיין חרפּה נישט זײַן, כּמעט אָרעמע לייט! נאָר אַז מע וויל שמועסן נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע ווידער צוריק, האָט דאָך יעדע שטאָט פֿאָרט אירע „פּני". נאַרישקייטן! דעם בעדער מיטן וואַסער־פֿירער קאָן מען דאָך נישט שיקן. איז געבליבן, מען זאָל אויסקלײַבן די גבאים פֿון אַלע שולן און פֿון אַלע חברות, און דעם אַלטן רב רב יוזיפֿל, געוויינטלעך, אויך בתוכם. און מע האָט זיך צונויפֿגעפּאַקט די פּעקלעך, מיטגענומען איטלעכער זײַן קלאַפּערגעצײַג — די טלית־ותפֿילינס מיט די זאַנטיקעס מיט די איבעריקע כּלי־זיין, און מע האָט געדונגען צוויי גרויסע בוידן — „בוכטעס", און מע האָט זיך גאַנץ פֿײַן אָפּגעזעגנט מיט דער שטאָט, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען באַגלייטן די אויסדערוווילטע, געווינטשעוועט, זיי זאָלן מצליח זײַן — און מע האָט זיך אין אַ גוטער שעה אַ מזלדיקער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

צוויי מעת־לעת האָבן זיך אונדזערע אויסדערוווילטע געטרייסלט אין די „בוכטעס" איבער דער געהאַרטעוועטער בלאָטע, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם אַף אַ קליינע צײַט נאָר דעמאָלט, ווען מע האָט באַדאַרפֿט אָפּשטעלן זיך ערגעץ אין אַ קרעטשמע דאַוונען, אָדער עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, אָדער אונטערפּאַשען די פֿערד — און ערשט אַפֿן דריטן טאָג האָט מען זיי, צעבראָכענע, צעהרגעטע, אויסגעמוטשעטע, געבראַכט צו פֿירן צו דער באַן און די אויסדערוווילטע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קאַסע אַלע מיט אַ מאָל אַף דערשטיקעניש און גענומען בילעטן. דער עולם וואָס אַפֿן וואָקזאַל, האָט זיי אָפּגעטרעטן דעם וועג, געזאָגט מיט ליצנות: „לאָז זײַן שטיל — כתרילעווקע פֿאָרט!" און ווער שמועסט קריסטן — די האָבן זיך אָפּגעשטעלט, מיט דרך־ארץ באַטראַכט די דאָ־זיקע ייִדלעך, וואָס האָבן אַלע אינאיינעם גערעדט אין איין אָטעם, און הויך אַף אַ קול, און געמאַכט בשעת מעשה מיט די הענט. און אַז ס'איז געקומען צום ערשטן קלונג, אַז מע האָט זיך באַדאַרפֿט זעצן אין די וואַגאָנעס אַרײַן, איז צווישן די אויסדערוווילטע געוואָרן אַ גוואַלד, מיט אַ בהלה, מיט אַ שטופּערײַ, אַ לויפֿערײַ מיט אַ געפּילדער, מיט אַ געשריי: „לייזער! לאָזער! חנניה! מיכאל!" — דער זשאַנדאַרם

האָט אַ קוק געגעבן אױפֿן סטאַראָזש מיט אַזעלכע אױגן, אַז דער סטאַראָזש האָט זיך נעבעך געמוזט פֿאַרשטעלן דאָס געשטופּלטע פּנים מיט בײדע קולאַקעס, מע זאָל נישט זען, װי ער לאַכט מיטן גאַנצן ברײטן מױל און שטשירעט די גרױסע װײַסע צײן, און אַרױסגעלאָזט האָט ער בשעת מעשה אַ קװיטש: „יאַק װאָראַני זליטאַליסיאַ זשידי!" — און באַ דער „בריגאַדע" האָבן די כתרילעװקער בעל־בתים גאָר װיניציק אױסגענומען. די קאָנדוקטערס האָבן זײ אַרײַנגעשטופּט אַלעמען אין אַ באַזונדערן װאַגאָן, צװישן פּראָסטן עולם, זיך באַגאַנגען מיט זײ עפּעס נישט אַזױ, װי מיט פֿײַנע בעלי־בתים, גבאים, דעפּוטאַטן, װאָס פֿאָרן מכוח אַזאַ װיכ־טיקן ענין לטובת הכלל... און דאָ, אין דעם װאַגאָן, האָט זיך פֿאַר אונ־דזערע אױסדערװײלטע שױן אָנגעהױבן אַ צעטל פֿון צרות מיט אַנגסטן מיט יסורים מיט בזיונות — דער אמתער גלות.

ראשית חכמה, זײַנען זײ אַרײַן אין װאַגאָן, װאָס אַז ס'זאָלן דאָרט נישט זיצן קײן מענטשן, מענטשן מיט מענטשלעכע פּנימער, װאָלטן זײ זיכער מײנען, אַז מע האָט זײ אַרײַנגעלאָזט, מחילה, צװישן דברים־אחרים. די בלאָטע איז געװען אַזױ גרױס, דער רױך איז געװען אַזױ בלױ, און געשמעקט האָט דאָרט אַזױ געדיכט, אַז אונדזערע כתרילעװקער בעלי־בתים, װאָס זײַנען אַלײן אױך נישט פֿון די גרױסע מפונקים, האָבן דערפֿילט, אַז עס װערט זײ ענג אין האַלדז אױף צו חלשן! הײַנט די ענגשאַפֿט, װאָס דאָ איז! קאָפּ אױף קאָפּ! און אַלץ אַזעלכע פּראָסטע נפֿשות, אַרבעטער, מיט גרױסע, מאָדנע שמעקעדיקע טאָרבעס אױף די פּלײצעס, און מיט נאָך מער מאָדנע שמעקעדיקע לאַפּטיעס אױף די פֿיס, און דערצו רײכערן זײ זיך אונטער מיט אַזאַ מין טיטון, װאָס מע קאָן דערװאָרגן װערן. נישטאָ װוּ צו זעצן זיך. װוּ זײ האָבן זיך נישט געגעבן קײן קער, געװאָלט זיך אַנידערזעצן, האָט מען זײ דורכגעטריבן: „פּאָשלאָ־װאָן, פּאַרכאַטיע, זאַניאַטאָ!" אױף אונדזער לשון הײסט דאָס: „זײַט זשע מוחל, רב ייִדל, ס'איז פֿאַרנומען"... דורך פֿאַרנומען! אַפֿילו דאָרט, װוּ ס'איז נישט פֿאַרנומען, איז אױך געװען פֿאַרנומען... און די כתרילעװקער אױסדערװײלטע האָבן, מחילה, געמוזט שטײן אױף די פֿיס, זיך צונױפֿשלאָגן אַלע אינאײנעם אין אַ װינקל, װי די שעפּעלעך, אַ ביסל זיך געקװעטשט און געשטיקט, געשטיקט, און אַלץ גערעדט, גערעדט מיט הענט, און הױך אױף אַ קול, און אַלע אינאײנעם, װי גע־װײנטלעך.

און געדעדט האָט מען, פאַרשטייט זיך, פון דער באַן, פון הײנטיקע פאַרעכצן, מבטל געווען, געמאַכט פשוט אַ תל פון די שיינע המצאות, וואָס מע האָט הײנט אויסגעטראַכט, שטאַרק געבענקט נאָך דער כתרי־לעווקער בוכטע, וואָס כאָטש דאָרט איז אויך גאָרנישט פויגלדיק, דאָך נישט אַזוי פּאַסקודנע, ווי דאָ...

— נאַראָנים! — אַזוי האָבן זיך געשמועסט אונדזערע מפונקים.
— טפשים! משוגעים האָבן אויסגעקלערט אַ באַן! אַ טאַראַראַם! אַ טערעבענדע — כאַ־כאַ!

און דאָרטן, אין די הויכע פענצטער, זיצן הונדערטער טויזנטער געלערנטע, אויפגעקלערטע מענטשן, אײַנגעבויגן אין דרײַען, סקריפּען מיט די פעדערס, שרײַבן, מאָלן, קלאַפּן דעפּעשן, ברעכן זיך די מוחות, טראַכטן צו אַלע מאָל נײַע המצאות, ווי אַזוי מע זאָל בעסער פאָרן, בעסער, גיכער, און ביליקער, האַלטן שוין בײַ לופט־שיפן, אַעראָפּלאַנען — און זיי ווייסן גאָרנישט, עס חלומט זיך זיי אפילו נישט, אַז דאָ, אין וואַגאָן, פאָרן אַ בינטל כתרילעווקער בעלי־בתים, פאַרשטייער פון שטאָט, און קרטיקירן, זײַנען מבטל, מאַכן אַ תל פון אַלע זייערע המצאות און אויפטועכצן, און דווקא אַף אַ קול, בפרהסיה...

לאָז זײַן שטיל — כתרילעווקע פאָרט!

ז.

כתרילעווקע צווישן די „פעלקער

אונדזערע כתרילעווקער אויסדערוויילטע האָבן זיך אַזוי לאַנג גע־שליפן די צינגלעך, געמאַכט חוזק איבער די באַנען און איבער אַלע אַנדערע הײַנטיקע אויפטועכצן, ביז ס'איז זיי נמאס געוואָרן און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך אַף אַלע זײַטן און אויסקוקן ערטער, און, געוויינטלעך, קודם־כל אַן אָרט פאַרן אַלטן רב רב יוזיפל, וואָס איז שוין געווען נעבעך שטאַרק אויסגעמוטשעט פון דער נסיעה. און גאָט האָט זיי געהאָלפן, זיי האָבן דעם אָרט געפונען און האָבן באַזעצט דעם רבין לעבן איינעם אַ פאַרשוין, אַ רעכטן חברה־מאַן מיט אַ רויט העמדל איבער די הויזן און מיט אַ האַרמאָניקע אין די הענט. אַ ביסל איז דער חברה־מאַן געווען מבוסמדיק, דאָס הייסט, טאַקע רעכט בגילופין, אונטערן גלעזל,

מיט איבערגעקערטע אויגן, געשפּילט אַף דער האַרמאָניקע און געזונגען בשעת מעשה זייער אַ שיין לידל:

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאַביראַלאַס פּאָמיראַט —
סאַביראַלאַס פּאָמיראַט.
אומיערעט ניע אומיערלאַ —
דראָם וורעמיאַ פּראָוויעלאַ!

און נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, שוין העכער מיט אַ טאָן:

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאַביראַלאַס פּאָמיראַט —
סאַביראַלאַס פּאָמיראַט.
אומיערעט ניע אומיערלאַ —
דראָם וורעמיאַ פּראָוויעלאַ!

און טאַקע נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע, נאָך העכער און נאָך גיכער:

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאַביראַלאַס פּאָמיראַט...

און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, אָן אויפהער, ווי אַ מאַשין.

מילא, איז דאָס געווען אַ שכן כאָטש אַ פריילעכער. פון דער אַנדער־דער זײַט אָבער האָט גאָט מזכה געווען רב יוזיפלען מיט אַ נפש, איינעם אין אַ באַראַשקענעם פּעלץ, איז ער געווען בייז, אָנגעברוגזט אַף דער גאַנצער וועלט, און געהאַלטן אין איין שפּײַען. יעדער שפּײַ, וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען מיט אַזאַ רציחה, גלײַך ווי עמעצער וואָלט אים דאָ דערגרגזנט מיט אָן איבעריק וואָרט. אַ גליק, וואָס רב יוזיפל האָט דאָס נישט באַמערקט. רב יוזיפל איז געווען גאַרנישט בהאי עלמא. זײַנע מחשבות זײַנען געווען ווײַט פון דאַנען, דאָרטן ערגעץ אין דער גרויסער שטאָט, אַזש באַ די „גדולים“...

ווי אַלע כתריל־עוועקער ייִדן, האָט אונדזער רב יוזיפל געלעבט אין עולם־הדמיון, אַרומגעגאַנגען שטענדיק אין הרהורים, אין פאַנטאַזיעס. האָט אים די פאַנטאַזיע דאָ אויפגעכאַפּט אַף די פליגלען און האָט אים אוועקגעטראָגן גלײַך אַהין, צום גרעסטן פון די „גדולים“... עס האָט

זיך אים פאַרגעשטעלט אַ פּאַלאַץ אַ גרויסער מיט גילדענע כּלים... אויבן־אָן, אַף אַ שטול, זיצט דער גביר אַליין... דערזעען יידן, שטייט אויף דער גביר און גיט זיי אָפּ שלום און פרעגט זיי, וואָס איז זייער באַגער? שטעלט זיך אַרויס ער אַליין טאַקע, רב יוזיפל הייסט דאָס, און זאָגט אים: דאָס און דאָס, אַזוי און אַזוי... און ער לייענט אים אַ צעטל פון כּתרילעווקע מיט אירע יידן און מיט זייערע צרות, ווי אומ־גליקלעך זיי זײַנען נעבעך פון תּמיד אָן, ובפרט אַצינד, נאָך דעם גרויסן חורבן... און דער גביר האָרכט־אויס די גאַנצע מעשה ביזן סוף און שטייט־אויף און גייט־צו צו דער שאַפע און נעמט־אַרויס אַ היפּשע פּויטיקע, און רופט זיך אָן צו אים, צום רב הייסט דאָס:

— ווי מיינט איר — עס וועט זײַן גענוג?

— שײַך זאָגן גענוג? — ענטפערט אים רב יוזיפל און רעדט צו זיך אַליין, מאַכט בשעת מעשה מיט די הענט, מיט די אויגן און מיטן שטערן און זעט גאָרנישט, אַז אַקעגן אים, אַף דער באַנק, זיצן פאַרשווינען, פאַרשיידענע פּנימער, צווישן זיי אויך נקבות מיט רויטע פּנימער, קנאַקן סעמעטשקעס, לאַכן גאַנץ געשמאַק און מאַכן חוזק פון אונדזערע כּתרי־לעווקער לײַט אין די אויגן, קרימען איבער, ווי אַזוי זיי ריידן און ווי אַזוי זיי מאַכן מיט די הענט און ווי אַזוי זיי טרייסלען מיט די פּאות! און איבערהויפּט האָט מען זיך געמאַכט לוסטיק איבער אים אַליין, איבער דעם אַלטן רב יוזיפלען מיטן טיזליק און מיטן שטרײַמל.

דאָס דאָזיקע לאַכן מיטן חוזק מאַכן איז אָבער געווען, ווי מע זאָגט, אָפּגעגעבן ברויט; די כּתרילעווקער לײַט פון זייער זײַט האָבן אויך נישט געשוויגן. זיי האָבן געקריטיקירט, געפּראַוועט ליצנות צווישן זיך איבער די דאָזיקע פריילעכע פאַרשווינדלעך, און איבערהויפּט — איבער דעם חברה־מאַן, וואָס מיטן רויטן העמדל, מיט דער האַרמאָניקע און מיט דעם שיינעם לידל, וואָס סע ווערט אים גאָרנישט נמאס איבערחזרן זיבן הונדערט מאָל אַלץ די אייגענע ווערטער: „קאַסטיושקינאַ מאַט סאַבי־ראַלאַס פּאַמיראַט — סאַביראַלאַס פּאַמיראַט”...

— אַפּנים, אַז דער ערל האָט שוין הײַנט געמאַכט „שהכּל נהיה בדברו”, — באַמערקט איינער פון אונדזערע כּתרילעווקער, און דער אַנדערער כאַפּט אים אונטער אַף לשון־קודש:

— מע זעט דאָס אַרויס בחוש פון די עינים.

— אַ כוסה און דווקא אַ גרויסע! — שטעלט אַריין אַ דריטער צום גראַם.

— יאָ, ער איז מלא! — רופֿט זיך אָן נאָך איינער און קוקט כּלומרשט נישט אויף אים, נאָר אויף דער סטעליע, און נאָך איינער ענדיקט דעם פּסוק:

— וגדוש על כּל גדותיו... — און קראַצט זיך אונטערן קאַלנער.

— געפֿעלט איַך דער ניגון וואָס ער דברט?

— אַ חסידיש לידל מסתמא.

— מיט קלוגע ברבורים!

— טיף — שבלדיק! די אמי פֿון קאַסטיושקינאַ איז שיער נישט מת געוואָרן. אַ קלייניקייט!...

אַפֿילו רב יוזיפֿל, וואָס איז וויַט פֿון ליצנות, האָט זיך נישט געקאָנט איַנהאַלטן און איז אַ בעלן געווען אַ פֿרעג טאָן מיט אַ שמייכל באַ זיַנע כתרילעוואָקער ייִדן: וואָס באַדיַטן די דאָזיקע משונה־מאָדנע ווערטער פֿונעם לידל? האָט זיך געפֿונען איינער, וואָס האָט אים געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם פּשט:

— ס׳איז געווען, פֿאַרשטייט איר, איינער, אַפּנים, אַ קאַסטיושקע, אַ מענטש, וואָס מע האָט אים גערופֿן קאַסטיושקע, האָט דער דאָזיקער קאַסטיושקע געהאַט אַ מאַמע, האָט זיך די דאָזיקע מאַמע, זאָגט ער, געקליבן שטאַרבן, און איז נישט געשטאָרבן...

רב יוזיפֿל לייגט־צו קאָפּ, נאָר ער פֿאַרשטייט נישט דעם שׂכל, וואָס דאָ שטעקט? וואָס הייסט — זי האָט זיך געקליבן שטאַרבן? שטאַרבן איז דען געווענדט אָן דעם מענטשן? בעל־כּרחך אתּה מת — איבער נויט שטאַרבט מען...

— עם הדומה לחמור! פֿון וועמען רעדט מען? — רופֿט זיך אָפּ איינער פֿון די אויסדערוויילטע און שאָקלט מיטן קאָפּ און קוקט אויף דער חברה פֿון אויבן אַראָפּ, און באַלד באַקומט ער אַ קאָמפּלימענט פֿון איינעם פֿון דער חברה, וואָס קרימט זיך נאָך, ווי אַזוי ייִדן דאַוונען, דאָס הייסט: ער שלאָגט זיך מיט דער האַנט איין האַרצן אַריַין און זאָגט מיט אַ מאָדנעם ניגון: „טאַטעלע! מאַמעלע! טאַטעלע! מאַמעלע!" — און דער גאַנצער איבעריקער עולם ווערט צעשמאָלצן פֿאַר געלעכטער.

— מע לאַכט דאָס אָפּ פֿון אונדז! מע לאַכט פֿון אַ ייִדן! אומעטום

מאַכט מען פון אונדז חוזק! — מאַכט איינער פון די אויסדערוויילטע מיט אַ זיפץ און ווינקט מיטן קאָפּ צום רבין, און דער רב רב יוזיפּל קוקט אויף יענעם נפש, ווי ער וואַרפט זיך און ווי ער קרימט זיך.

— נישט פון אונדז לאַכט ער, קינדעניו, — זאָגט רב יוזיפּל, — פון זיך לאַכט ער אָפּ, פון זיך אַליין! פון אונדז איז נישטאָ וואָס צו לאַכן, נשמה מײַנע; פון אונדז דאַרף מען ווײַנען און זיך אַ מוסר אַראָפּ־נעמען, אַ מוסר: וואָס מיר זײַנען געווען און וואָס מיר זײַנען געוואָרן...

און רב יוזיפּל דערציילט דערבײַ זייער אַ שיינעם משל, געווייינט־לעך, מיט אַ מלך, און דער עולם הערט־אויס דעם משל, עס קאָן זײַן, נישט דעם ערשטן מאָל, און יענער חברה־מאַן, וואָס מיטן אַראָפּגעלאָזטן רויטן העמדל און מיט דער האַרמאָניקע, לאָזט זיך אַראָפּ אַלעמאָל נידער־ריקער און נידעריקער מיט אַ האַלבן טאָן (אפנים, ס'איז אים שוין אַליין אויך נמאס געוואָרן):

קאַסטיושקינאַ מאַט
סאַביראַלאַס...
פּאַמיראַט...
פּאַמיראַט... פּאַמיראַט...

— שלום־עליכם! — רופט זיך אָן פּלוצעם אַ פרישער פּאַרשוין, גלײַך ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. — פון וואַנען פאָרן דאָס ייִדן און וווּהין? און וואָס האָט איר זיך פאַרקליבן גאָר אַהער, צווישן אָט די דאַזיקע?... קומט צו אונדז, אין אונדזער וואַגאָן אַרײַן. דאָרטן וועט איר כאָטש זײַן צווישן אונדזעריקע, צווישן אייגענע...

ח.

כתרילעווקע צווישן „אייגענע"

ווי פיש, נאָר־וואָס געכאַפּטע אין דער נעץ און אַרײַנגעלאָזטע צוריק אין טײַך אַרײַן, אַזוי האָבן זיך געפילט אונדזערע כתרילעווקער דעלע־גאַטן, אַז זיי האָבן זיך איבערגעפּעקלט אינעם אַנדערן וואַגאָן, צווישן „אייגענע", צווישן ייִדן. מע קאָן נישט זאָגן, אַז דאָרט זאָל געוועזן זײַן אַ סך ריינער און אַ סך גראַמער, ווי אינעם ערשטן וואַגאָן. עס קאָן זײַן,

אַז דאָ, אויפֿן נײַעם אָרט, איז זיי געווען נאָך ערגער, וואָרעם דאָרטן, אינעם פּריִערדיקן וואַגאָן, איז דער עולם כאָטש געזעסן אַ סך אויף דער ערד, נישט געהאַט קיין איבעריקע פּעקלעך. אַ טאָרבע מיט אַ פּאָר שטיוול — און אַן עק. און דאָ, אויף דעם נײַעם אָרט, צווישן ייִדן, איז געווען דער טומל אַ סך גרעסער, די ענגשאַפֿט אַ סך ערגער, און איבער די פּעקלעך איז נישט געווען, ווו זיך אַ קער צו טאָן.

דאָס איז ידוע, אַז יעדער ייִד האָט מיט זיך אונטערוועגנס נישט ווייניקער ווי צוויי־דרײַ פּעקלעך, און ווײַבער האָבן, אַחוץ די פּעקלעך, אויך קישנס מיט קאָלדרעס מיט שמאַטעס. פֿון דער וועלט שמאַטעס. אין וועג זעען דעריבער ייִדן אויס נישט נאָר ווי רײַזנדע אַליין, נאָר ווי וואַנדערער, ווי עמיגראַנטן, וואָס פֿאָרן אַריבער ערגעץ זייער אין אַ ווײַטע מדינה, דאָרט ווו ס'איז נישט צו קריגן פֿאַר קיין געלט נישט קיין קישנס, נישט קיין קאָלדרעס, נישט קיין שמאַטעס... און זיי פֿילן זיך דערפֿאַר אומעטום, ווי באַ זיך אין דער היים. ייִדן, וווּהין זיי זאָלן נישט פֿאָרן, פֿירן זיי, ברוך־השם, מיט זיך זייער היים, זייער „געטאָ" מיט זייער גלות און דערפֿאַר, אַפּנים, האָבן זיי אומעטום און אַלעמאָל טאַקע איין פּנים, בײַטן זיך אַזוי גיך נישט איבער און פֿילן זיך גוט נאָר דעמאָלט, ווען זיי זײַנען אינאיינעם. און די וועלט טוט זיי צוליב: איר ווילט אינאיינעם — זײַט אַײַך אינאיינעם...

אַרײַנגעטראָטן אינעם נײַעם וואַגאָן און דערזען, אַז מען איז אין דער היים, צווישן „אייגענע", האָבן זיך אונדזערע אויסדערוויילטע צעלייגט, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, אַוועקגעלייגט זייערע פּעקלעך אויף יענעמס פּעקלעך, זיך געזעצט גאַנץ נאָענט איינס לעבן דאָס אַנדערע, געבעטן יענעם זיך אַ ביסעלע אַ רוק טאָן, און קוים אַרײַנגעכאַפּט זיך, מאַכט שוין נישט אויס, מעג מען שוין יענעם אַ ביסל צוקוועטשן, און פֿאַרוואָס טאַקע נישט אינגאַנצן אַרויסקוועטשן?... מען איז דאָך צווישן ייִדן!...

און האָט קיין יסורים נישט: מע וועט זיך, חלילה, נישט קריגן, נישט זידלען איבער אַזעלכע נאַרישקייטן. ווערטלעך זאָגן, געבן יענעם אָנצוהערעניש — דאָס מהכתיתי. צום בײַשפּיל: אַז איינער טרעט אָן דעם אַנדערן רעכט אויפֿן פֿוס, טוט יענער אַ שפּרונג אונטער און אַ זאָג בלומרשט אַזוי, פֿאַרבײַגייענדיק:

— אוי האָט איר, קיין עין־הרע, אַ האַרטן טראָט, פֿעטער!

אָדער אַז איינער שטעלט אוועק זײַן טשעמאָדאַן כמעט גלײַך אױף יענעמס פּלייצע, מאַכט יענער חוזק נישט איבער אים, נאָר איבערן טשעמאָדאַן, און טוט זיך אַ זאָג אונטער דער נאָז:

— הערט איר? אײַער טשעמאָדאַן האָט, אַפּנים, קיינמאָל נישט געקרענקט.

אָדער אַז איינער פאַרשטעלט דעם אַנדערן די שײַן, טוט ער אים אַ זאָג:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך דערציילן? איך האָב מורא, אַז איר זײַט נישט קיין גלעזערנער...

און אַז סע מאַכט זיך אַפילו אַמאָל, אַז צוויי ייִדן צעאַמפּערן זיך שוין גאָר איבער אַן אָרט אין וואַגאָן, הייבן זיי אָן שיטן איינס אַפּס אַנדערע מיט ליצנות און שטעכווערטלעך:

— זײַט־זשע מוחל, פּעטער, דאָס איז מײַן אָרט.

— טאַקע באמת? מיט וואָס איז דאָס אײַער אָרט, למשל?

— ווײַל דאָ בין איך געזעסן.

— וואָס־זשע, איר האָט דאָ שבת געהאַלטן? צי עס שטייט אויפֿגעשריבן אױף דעם אָרט: „זה המקום שייך”?...

און דער זיצנדיקער פּאַרשוין פֿילט זיך נישט, הייבט זיך אויף און זוכט אָפּן אָרט די אויפֿשריפֿט: „זה המקום שייך”. ווערט צווישן עולם אַ געלעכטער, פּאַרדריסט דאָס דעם שטייענדיקן פּאַרשוין און ער רופֿט זיך אָן צום זיצנדיקן:

— איר זײַט, דאַכט מיר, שוין אַ ביסל צו דאַסיק.

— צו וואָסיק? — פֿרעגט אים דער זיצנדיקער, און דאָס געלעכטער צווישן עולם וואַקסט. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מע גיט זיך אַן עצה: מע ענגט זיך אַ ביסל, מע רוקט זיך צונויף און מע מאַכט אַן אָרט פֿאַרן שטייענדיקן. ממה־נפשך, עס זיצן, קיין עין־הרע, אַזויפֿיל ייִדן, וועט זיצן נאָך איינער... און די דאָזיקע צוויי, וואָס האָבן זיך נאָר־וואָס געווערטלט, בלאָזן זיך נאָך אַ קליינע ווײַלע, נאָכדעם נעמט מען זיך צו די זייגערס: ווו האַלט בײַ אײַך דער זייגער? אָדער מע קוקט אין פֿענצטער בײדע: ווייסט איר נישט, וויאַזוי הייסט די סטאַנציע? און מע מאַכט אַ שמועס פֿון סטאַנציעס און פֿון באַנען און פֿון

געשעפט — און עס גייט אוועק, ווי אַ מזמור. דער פרישער פּאַרשוין, וואָס קומט אַריַין און טרעפט די צוויי, מיינט ער, אַז דאָס זיַינען אָדער צוויי שותפים, אָדער קרובים, אָדער מחותנים, אָדער אַזוי גוטע פריַינט פון איין שטאָט...

לאָזן חכמים זיך וויצלען, וויפל זיי ווילן. לאָזן זיי צוטראַכטן אַזעלכע שפּריכווערטלעך, ווי, למשל: „זיצן זאָל מען צווישן גוים, ליגן — צווישן יידן", „מיט יידן איז גוט נאָר קוגל עסן", וכדומה. איך גיי מיר מיט מיַין וועג, אַז יידן, און נאָך כתרילעווקער דערצו, פילן זיך צווישן אייגענע אַ סך בעסער און אַ סך היימישער, ווי צווישן פרעמדע.

ט.

„אַ ייד וואָס קאַטאָרי"

דער מענטש, וואָס איז ווי אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל און האָט אַריבערגעפּעקלט אונדזערע דעלעגאַטן אַהער פון יענעם וואַגאָן, איז געווען איינער פון יענע זעלטענע פּאַרשוינען, וואָס מע קאָן זיי זען נאָר אונטערוועגנס. אַז איר באַגעגנט זיך מיט זיי, ווערט איר באַלד חבר, אויסגעבונדן, גליַיך ווי איר זיַיט שוין מיט זיי באַקענט פון כמה וכמה יאָרן. ווער ער איז — ווייסט איר נישט. וואָס ער איז — ווייסט איר אויך נישט. עס איז רעכט צו זאָגן, אַז ער איז אַ ייד, אַ קרעמער, און עס איז רעכט צו זאָגן, אַז ער איז אַ מעקלער פון דער בערזע. נאָר גיכער פון אַלץ איז ער גאָר אַ שניַידער, אַ חשוב באַ נאַטשאַלסטווע און דרייט זיך באַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע"...

אַליין איז ער אַ מענטש פון מיטלמעסיקן וווּקס און מיטלמעסיקן שטאַנד, אַ שוואַרצער מיט אַ גלאַנץ פון אַרמענישן טיפּ, מיט אַ קליין בערדל, מיט קליינע שוואַרצע אומרויִקע אויגן, מיטן קאַפּעלושל אַהינטער — אַ רירעוודיקער, אַ לעבעדיקער פּאַרשוין, וואָס קאָן נישט זיצן אויף איין אָרט, מוז עפּעס טאָן, ערגעץ גיין, מיט עמעצן ריידן, און איבערהויפּט — ריידן. רייַדן — דאָס איז זיַין וועלט. געפינט זיך אין וואַגאָן אַ ייד — איז אוודאי גוט. אַלאַ נישט — איז אַ גוי, אַ סאָלדאַט, אַ פּריצה, אַ גלח. פאַר נויט איז גוט אַ קאָנדוקטאָר, אַן אויוונהייצער, אַ רעדער־שמירער, אַ שוואַרציאַר, אַבי אינעם געשטאַלט פון אַ מענטשן.

און אַ כוח האָט ער: ווער ס׳זאָל נישט זײַן — מוז בײַ אים ווערן ריידעוודיק. סײַדן אַ געבוירענער שטומער. מחמת ער ווייס, פאַרשטייט איר מיך, פון וואָס און וויאַזוי מיט וועמען אָנהייבן צו ריידן. און ריידן וועט ער מיט אײַך פון וואָס איר ווילט, כמעט קאָן מען זאָגן, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל נישט וויסן, און נישטאָ אַזאַ מענטש אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל אים נישט קענען. מיט אַזעלכע איז אַ פאַרגעניגן צו זיצן אין איין וואַגאָן. דערצו איז ער גלאַט אַ גוטער מענטש. אַן אָפּנהאַרציקער און זייער אַ צוגעלאָזטער. ער מעג אײַך זען דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן לעבן, איז ער גרייט צוליב אײַך פונדעסטוועגן גיין, וווּהין איר ווילט: אפשר ווילט איר צו דער קאַסע נאָך אַ בילעט? אָדער העלפן אײַך צונויפּפּאַקן די זאַכן? — מיטן גרעסטן כבוד! ער וועט אַרײַנקוקן דערווײַל צו אײַך אין פּעקל אַרײַן, אָפּשאַצן, וואָס איז ווערט אײַער טשעמאָדאַנדל, אָדער אײַער פּעלץ, אָדער אײַער זייגער, אויסרעכענען פינקטלעך, אין וואָסער שעה און וויפל מינוט איר דאַרפט קומען אַהיים, און וואָס וועט אײַך קאָסטן דער באַגאַזש, און געבן אײַך אַן עצה, וויאַזוי, אויף וואָסער וועג, איר זאָלט פאָרן, און ווו איר זאָלט זיך אָפּשטעלן. בשעת־מעשה וועט ער אײַך האַלטן בײַ אַ קנעפּל, אָדער בויערן אײַך מיטן פינגער אַ לעבל, און דאָס קאַפּעלושל האַלט שוין בײַ אים ווײַט, און די בעקלעך פלאַמען, און די אויגן ברענען, גלײַך ווי ער טוט זייער אַ נייטיקע זאַך. מיט איין וואָרט — דאָס איז געווען אַזאַ מין פאַרשוין, וואָס בײַ אונדז רופט מען אים: „ י ִ ד וו אָ ס ק אַ ט אָ ר י״.

פאַר אונדזערע כתרילעווקער פּאַסאַזשירן איז דער דאָזיקער „ייִד וואָס קאַטאָרי״ געווען, קאָן מען זאָגן, אַן אָאַזיס אין דער מדבר, אַ געזונט אין בויך, אַ זאַלץ אין די ביינער. אַ קלייניקייט — זייער מיסיאָן, וואָס זיי האָבן אויף זיך געהאַט! דאָס ערשטע מאָל אין אַ פרעמדן אָרט, אין אַזאַ גרויסער שטאָט, וואָס זייער באַבעס באַבע איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען אין חלום אפילו! מע ווייס נישט, ווו אַ טיר עפנט זיך, און מע פאָרט מכוח אַזאַ ענין, אַזאַ הייליקע זאַך!...

אויך דער פאַרשוין האָט זיך מחיה געווען מיט זיי, ממש דערקוויקט זיך. געוואָר געוואָרן, וווּהין, צו וועמען און צוליב וואָס זיי פאָרן, האָט ער זיי באַשאָטן מיט עצות, וויאַזוי זיי זאָלן זיך נוהג זײַן פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי וועלן אָנקומען אויפן וואָקזאַל, ביז זיי וועלן זיך צושלאָגן

צום פונקט, וואָס זיי באַדאַרפֿן. און די כתרילעווקער אויסדערוויילטע האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשלונגען איטלעכס וואָרט זײַנס.

— איר פֿאַרט, מײַנע ליבע ייִדן, — האָט ער אײַנגעטענהט מיט זיי געטרײַ, ווי אַ פֿאָטער, געשמייכלט און געגלעט זיך דאָס בערדל, — איר פֿאַרט, מײַנע ליבע ייִדן, וועגן זייער אַ וויכטיקן עסק. מע קאָן זאָגן, אַ הייליקע זאַך, הלוואי איר זאָלט נאָר מצליח זײַן, און איר וועט, אם־ירצה־השם, געוויס מצליח זײַן. איך בין זיכער, אַזוי ווי מיר האָבן הײַנט יום גימל אױף דער גאַנצער וועלט. דער עיקר, איר זאָלט וויסן, וווּ אײַן און וווּ אויס. די שטאָט איז אַ גרויסע און אַ צעוואָרפֿענע. אַ גויעשע שטאָט, פֿאַרשטייט איר מיך. נאָר ייִדן זײַנען, קיין עין־הרע, פֿאַראַן, און דווקא רײַכע ייִדן. דאָס הייסט, ס'איז פֿאַראַן קבצנים אויך גענוג, אפֿשר מער קבצנים ווי נגידים. נאָר צו די קבצנים דאַרפֿט איר דאָך נישט האָבן. קבצנים, זאָגט איר, האָט איר אַליין. עצתי, אַז גיין זאָלט איר נאָר צו די גרויסע, צו די סאַמע גדולים. וועד זײַנען באַ אונדז די סאַמע גדולים — ווילט איר וויסן? נעמט, זײַט מוחל, אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלײַ־פֿעדער און פֿאַרשרײַבט, וועל איך אײַך זאָגן אַקוראַט מיט די אַדרייסים און מיטן יחוס פֿון איטלעכן באַזונדער. איך קען זיי, פֿאַרשטייט איר מיך, אויסגעזבונדן. גדולים זײַנען זיי אַלע, און וואָלטן וועלן אַריבערשטײַגן, אַריבערשפּרינגען, אײַנשלינגען איינס דאָס אַנדערע מיט די ביינער, זיי זאָלן נאָר קאָנען. און אַלע רײַסן זיי זיך אַרויף, אַרויף, טאַנצן נאָך גאָר דעם גרויסן, דעם אמתן גדול, דעם ל יי ב צווישן די חיות... איך זע נאָך אײַערע פּנימער, אַז איר ווייסט שוין, וועמען איך מיין... אַזוי איז טאַקע דער נאָמען זײַנער. און כשמו כן הוא... ער איז טאַקע אַ לייב. אַ קעניג איז ער, אַ גביר, אַ גרויסער גביר, אַן אדיר, אַ מיליאָנער. איר ווילט וויסן, וויפֿל ער פֿאַרמאָגט? פֿרעגט גאָרנישט. וויפֿל איר זאָלט אײַך נישט פֿאָרשטעלן — פֿאַרמאָגט ער צוויי מאָל, דרײַ מאָל, צען מאָל אַזויפֿיל. ס'איז רעכט צו זאָגן — פֿופֿציק מיליאָן, און ס'איז רעכט צו זאָגן — זיבעציק. און אַז איר וועט מיך שטאַרק בעטן, איז אפֿשר טאַקע אַלע הונדערט. אַהין דאַרפֿט איר זיך דערשלאָגן שוין צום סוף, אַז איר וועט פֿאַרטיק ווערן מיט אַלע איבעריקע גדולים. ווײַל איר ווילט דאָך מסתמא אַ גראָבס, אַ מנה יפֿה. און וויבאַלד אַ מנה יפֿה, איז נאָר באַ אים. וואָרעם וועט איר אים טרעפֿן אין דער גוטער מינוט

— איז נישט שיין צו זאָגן. בא אים געבן א נדבה א טויזנטער, און פופציק טויזנט, און הונדערט טויזנט — איז טפו! אָדער שא! ווייסט איר גאָר וואָס? איך וועל אייך געבן א בעסערע עצה.

דאָ האָט זיך דער „ייִד וואָס קאַטאָרי" פאַרטיפט אין מחשבות, נאָכ־דעם האָט ער זיך אָנגענומען באַם בערדל און אָנגערופן זיך, ווי א מענטש, וואָס איז געפאַלן אויף זייער א גליקלעכע אידעע:

— הערט־זשע אוים, מיינע ליבע ייִדן, וואָס א י ך וועל אייך זאָגן. בא אייך איז, זאָגט איר, אָפּגעברענט געוואָרן דאָס גאַנצע שטעטל? דאַרפט איר דאָך געהילף אויף בויען הייזער? האָט ער א וואַלד, טאַקע נישט ווייט פון אייערע מקומות, אָבער א וואַלד, ווי זאָגט איר, מיט ביימער! וואָס פאַר א ווערדע האָט בא אזא מיליאָנער איינטונקען די פען און אוועקשרייבן א קוויטל אין וואַלד אריין: „אבקש ליתן על חשבוני"?

און דער „ייִד וואָס קאַטאָרי" טוט א מאַך מיט דער האַנט אין דער לופטן, ווי דער גביר מיט דער פען, און אונדזערע כתרילעווקער אוים־דערוויילטע גיבן זיך בא די ווערטער א הייב־אויף, און טרערן האָבן זיך אזש געשטעלט בא זיי אין די אויגן. נאָר דאָ האָט זיי דער „ייִד וואָס קאַטאָרי" א ביסל אראָפּגעוואָרפן. ער האָט, אפנים, פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיי אריינגעגעבן א ביסל צופיל האָפענונג, האָט ער זיך א גלעט געגעבן דאָס בערדל און א זאָג געטאָן צו זיי:

— איך דאַרף אייך אָבער זאָגן, מיינע ליבע ייִדן, נאָך א מאָל דאָס אייגענע: עס ווענדט זיך אָן דעם, אין וואָס פאַר א מינוט איר וועט אים טרעפן... טאָמער, חלילה, טרעפט איר אים אויף דער לינקער זייט, בין איך אייך נישט מקנא. ער איז א מענטש, וואָס אַלע קוקן אים אין מויל אריין, פאַרשטייט איר מיך, און איז אַזוי גרוים, אַזוי תקיף, ווי זאָגט איר: „מה יעשה הבן"... אוודאי ווען איר זאָלט זיין נישט קיין ייִדן! — עהע־הע!

די כתרילעווקער אויסדערוויילטע זיינען בא די ווערטער גאָר מבולבל געוואָרן. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט דערמיט אָט דער מענטש: וואָס הייסט — ווען זיי זאָלן נישט זיין קיין ייִדן? וואָס דען זאָלן זיי זיין — אנדרוגוניסן?... דער „ייִד וואָס קאַטאָרי" האָט, אפנים, געזען, אַז זיי פאַרשטייען אים נישט, האָט ער גענומען זיי מסביר זיין:

— פֿאַרשטייט איר מיך, מײַנע ליבע ייִדן, דער מענטש איז זייער גרויס, זייער תּקיף און שטאַרק אַנגענומען צווישן קריסטן. „גענערעלער" קומען צו אים אין שטוב אַרײַן, זיצן מיט אים אַט אַזוי־אָ, ווי איך מיט אײַך... נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז וויבאַלד קריסטן זײַנען מיט אַ ייִדן אַט אַזוי־אָ, ווערט זיך אַ ייִד פֿאַר זיי מפֿקיר זײַן...

מע קאָן נישט זאָגן, אַז דער דאָזיקער פּירוש איז געווען פֿאַר אונדזערע כּתרילעווקער לײַט אינגאַנצן פֿאַרשטענדלעך. זיי האָבן נישט אויפֿגעהערט צו האַלטן אָפּן מויל און אויערן, און יענער האָט נישט אויפֿגעהערט צו גלעטן זיך דאָס בערדל און לויבן אין טאָג אַרײַן די סאַמע גדולים, אויסגערעכנט זיי אַ גאַנץ צעטל פֿון „גרויסע גדולים" און פֿון „קליינע גדולימלעך", און אַלע מיט די נעמען און מיט די גאַסן און מיט די נומערן פֿון די הײַזער, זיך אָפּגעשטעלט אַלע מינוט כּמעט בײַ יעדן איינציקן גדול מיט אַ קורצער נאָר אַ שאַרפֿער כאַראַקטעריסטיק, וואָס פֿון דעם אַליין וואָלט געקאָנט זײַן אַ באַזונדער בוך, ווען דאָס זאָל זײַן בײַ אונדז דער עיקר. נאָר אַזוי ווי דער עיקר איז דאָך די מעשׂה מיט די כּתרילעווקער נשׂרפֿים, לאָזן מיר עס דורך פֿאַרבײַ און קערן זיך אום צוריק צו אונדזערע כּתרילעווקער דעלעגאַטן אין דער גרויסער נישט־ייִדישער שטאָט, וווּ מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט סאַמע אין רעכטן אָנהייב פֿון זייער הייליקער אַרבעט.

י.

אין עולם התּוהו

דער עולם־התּוהו, ווי עס ווערט באַשריבן בײַ אונדז אין די הייליקע ספֿרים, — דאָס איז געווען די גרויסע שטאָט מיט אירע „גדולים" פֿאַר אונדזערע אויסדערוויילטע פֿון כּתרילעווקע. די גאַנצע קונץ פֿונעם עולם־התּוהו באַשטייט אין דעם, וואָס דעם מענטשנס נשמה בלאָנדזשעט אַרום אויף דער וועלט, איז אויסן אין אַלע ווינקעלעך, זעט און הערט און פֿילט אַלצדינג, נאָר דער גוף איז דערבײַ נישט אויסן. צי מחמת גרויס אויפֿרעגונג פֿון די מעשׂיות, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהערט אין וואַגאָן פֿונעם „ייִדן וואָס קאַטאַרי", אָדער אפֿשר ווײַל זיי זײַנען דאָס ערשטע מאָל אַרויס אויף דער גרויסער פֿרײַער לופֿט — דאָס איז זיכער, אַז זיי זײַנען

נישט געווען בהאי עלמא. דאָס הייסט, די נשמה האָט זיך בײַ זיי אַרומ־געבאַמבלט דאָ, צווישן די „גדולים", נאָר דער גוף איז געווען ערגעץ ווייס איך ווו, ווײַט פון דאַנען.

פון דער ערשטער מינוט איז זיי געגאַנגען נישט כשורה, יעדנפאַלס — נישט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט. געגאַנגען זײַנען זיי דווקא מיט אַ סדר, מיט אַ סיסטעם, לויט ווי יענער פאַרשוין מיט די ברענענדיקע אייגלעך האָט זיי געלערנט און לויט די נומערן פון די הײַזער מיט די נעמען פון די גאַסן, וואָס יענער האָט אויפגעגעבן. פריִער האָבן זיי אָנגעקלונגען צו די „קלענערע גדולים", דערנאָך צו די „גרע־סערע גדולים", און געשטיגן וואָס ווײַטער אַלץ העכער און העכער. מע קאָן נישט זאָגן, אַז זיי האָבן נישט מצליח געווען. נדבות זײַנען דווקא אײַנגעגאַנגען, אָדער, ווי זיי האָבן זיך נאָכדעם באַרימט פאַר זייערע כּתריל׳עווקער: „אַ רעגן פון נדבות האָט געגאָסן אויף זייערע קעפּ". אויב עס האָט באמת געגאָסן אַ רעגן פון נדבות — דאָס ווייסן מיר נישט. איינס איז זיכער, אַז בײַ זיי אין דער היים זײַנען זיי צו אַזעלכע נתיונות געווים נישט געוווינט געוואָרן, און אַזעלכע מטבעות, ווי מע האָט זיי דאָ דערלאַנגט, האָבן זיי געזען דאָרטן סײַדן אין חלום, איז דאָס — נישט אַלע מאָל... נישט מער, וואָס האָט זיי געקוועטשט? זיי האָט גע־קוועטשט נאָר איין זאַך: עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי זײַנען נישט צווישן אייגענע... ווי ווילד־פרעמדע, ווי גאַנץ ווײַטע האָט מען זיי אויפגענומען, אָפּגעגעבן זייערס און — האָט קיין פאַריבל נישט.

אַנדערע האָבן אַפילו נישט געוואָלט אָנקוקן זייערע פּנימער, אַרויס־געשיקט זיי זייער נדבה נאָך איידער זיי האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל. אַנדערע זײַנען געווען בייז אויף, נישט געלאָזט זיך אויסריידן אַן איבעריק וואָרט: „אָפּגעברענט געוואָרן? געהערט אַזעלכע זאַכן, איר זײַט נישט די איינציקע"...

עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעשריגן אויף זיי, אָנגערופן זיי מיט עפּעס זייער מיאוסע נעמען: „פּלעכטלעך", „פּאַגאַ־רעלצעס", „שנאָרערס"... איינער אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט אַ שפּיציקער נאָז און מיט צוויי קליינע בערדלעך, צעקעמט רעכטס און לינקס, האָט זיך געהייסן ווײַזן אַ בוך.

— וואָסער בוך?

— דאָס בוך, וווּ עס ווערן בײַ אײַך פאַרשריבן די נדבות.

דאַ האָט זיך שוין אַרויסגעשטעלט דער זקן, רב יוזיפֿל דער רב:

— די נדבות, וואָס ווערן געגעבן אַף אונדזערע נשרפים, ווערן פאַרשריבן מיט אַזאַ כתב און מיט אַזאַ לשון, וואָס נישט איר און נישט מיר וועלן דאָס קאָנען לייענען אפילו...

רב יוזיפֿל האָט איצטיקס מאָל גערעדט פאַרשטעלט, אפילו מיט אַ בנעימותדיק שמייכעלע, ווי אַלע מאָל, נאָר אין קול האָט זיך געלאָזט הערן אַ פאַדראָס. רב יוזיפֿל דעם רב איז נישט געגאַנגען אין דעם, וואָס מען איז זיי חושד בכשרים. ניין. אים האָט געאַרט די קאַלטקייט, וואָס האָט זיי באַגעגנט אומעטום, אין יעדער יידישער שטוב פון די דאָזיקע „גדולים". רב יוזיפֿל איז געוווינט געוואָרן בא זיך אין כתרילעווקע, אַז אַ ייִד גיט אַ נדבה, עס מעג זיך זײַן נאָר אַ פרוטה, לאָז זײַן אפילו אַ האַלבע פרוטה, גיט ער זי מיטן גאַנצן האַרצן. וואָרעם אחוץ, וואָס ער איז מחיה אַן אָרעמאַן, אחוץ וואָס ער העלפֿט אַ נויטבאַדערפטיקן, טוט ער אַ גוטע זאַך און פ א ר ד י נ ט א מ צ ו ו ה... רב יוזיפֿל דעם רב האָט געוווּנדערט, וואָס צווישן די אַלע גדולים האָט זיך נישט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל זיי אָפּגעבן אַ ייִדישן, אַ פשוטן, אַ היימישן שלום־עליכם. קיין איינער האָט זיך נישט געפונען, וואָס זאָל זיך נאָכפרעגן אַף כתרילעווקע, וואָס זאָל כאָטש וועלן אויסהערן זייער אומגליק, זייער האַרץ, און האָבן זיי זיך נאָר געפּרוּווט אָנהייבן ריידן, אויסריידן זיך, דערציילן וועגן דעם גרויסן חורבן, וואָס זיי האָבן איבער־געלעבט, אַזוי האָט מען געעפנט דאָס בײַטעלע, ווי איינער רעדט: „נאָט אײַך און גייט אײַך געזונטערהייט"...

געוווינט געוואָרן פון תמיד צו פאַרענטפערן יעדן איינציקן, האָט רב יוזיפֿל געזוכט צו געפינען אַ זכות אויך אַף די דאָזיקע „גדולים".

— מענטשן געפינען זיך אין אַזאַ עולם־התוהו! — האָט ער זיך געטראַכט און געגאַנגען מיט פעסטע טריט, גאַרנישט נאָך זײַנע יאָרן, אַלץ ווײַטער און ווײַטער.

עס איז געווען שוין נישט פרי, ווען אונדזערע דעלעגירטע פון כתרילעווקע זײַנען צוגעטרעטן צום סאַמע גרעסטן גדול, צום „לייב צווישן די חיות", ווי יענער מענטש אין וואַגאָן האָט אים אָנגערופן. און דאָ האָבן זיי זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס יענער מענטש האָט זיי געגעבן אָנצוהערעניש אַף דעם „גדול", א ז ו ו ע ן ז י י ז א ָ ל ן ז ײַ ן נ י ש ט ק י י ן י י ד ן — ע ה ע ־ ה ע !...

דער דאַזיקער „עהע־הע" מיט דער קילקייט, וואָס זיי האָט באַגעגנט אומעטום, אין יעדן הויז, האָט זיי געבראַכט דערצו, אַז זיי זאָלן ביס־לעכווײַז פאַרלירן זייער קוראַזש און מורא האָבן אַנצוקלינגען בײַ אַזאַ גדול, וואָס רעכנט זיך פאַר „אַ לייב צווישן די חיות"... אַ היפּשע ווײַלע איז מען געשטאַנען בײַ דער טיר און גערונגען זיך, צי מע זאָל טאַקע אָנקלינגען פשוט, ווי מע האָט אָנגעקלונגען אומעטום, צי אפשר?...

— אפשר וואָס?

— גאָרנישט.

— וואָס זשע זאָגט איר „אפשר"?

— ווער זאָגט דען „אפשר"?

— אַז איר זאָגט נישט „אפשר", פאַרוואָס זאָלט איר נישט אָנ־קלינגען?

— ווו שטייט עס, אַז איך? פאַרוואָס נישט איר?

— הייבט זיך אָן אַ מעשה מיט אַ ייִדן!

— שאַ, שאַ, קינדערלעך, לאָז זײַן שטיל! — רופט זיך אָן רב יוזיפל און טוט אַ צי דאָס גלעקל פון דער טיר, קוים־קוים, אַף וויפל עס דערלויבן אים זײַנע אַכציק יאָר.

יא.

אין די הויכע פענצטער

שטייענדיק הינטן בײַ דער טיר באַם סאַמע גרעסטן פון די „גדולים", באַם סאַמע „לייב פון די חיות", האָבן אונדזערע כתרילעווקער דעלעגאַטן געהאַט אַ געלעגנהייט אַ ביסל צו פאַרנעמען זיך מיט חקירה וועגן די הויכע פענצטער: וואָס טוט זיך דאָרטן? אַשטייגער, וואָס טוען די „גדולים" בײַ זיך אין די אַפּאַרטאַמענטן אין דער צײַט, ווען אונטן בײַ דער טיר שטייען און וואַרטן „קליינע מענטשעלעך" מיט זייערע קליינע עסקים, געשעפטן, בקשות, פּלאַנען און חלומות? אפשר זיצן זיי דאָרטן בעת־מעשה איבער זייערע גרויסע געשעפט־ביכער, ברעכן זיך די מוחות און זײַנען אַזוי פאַרטיפט, אַז זיי ווייסן גאָרנישט, וואָס אונטן טוט זיך?... און אפשר זיצן זיי און קלערן, וואָס זאָלן זיי אויפטאָן, מתקן

זײַן אַף דער וועלט מיט דעם כוח פֿונעם גאָלד, וואָס דער אייבערשטער האָט זיי באַגליקט צוליב דער טובה פֿון זייער פֿאָלק, אָדער פֿון דער גאַנצער מענטשהייט? און אפֿשר זיצן זיי גלאַט אַזוי צונויפֿגעלייגט די הענט, טוען זיך אָן כל תּענוגי העולם הזה, עסן און טרינקען און שלאָפֿן, ווי גאַנץ געוויינלעכע מענטשן?

צײַט אַף צו חקירהן האָבן אונדזערע דעלעגאַטן געהאַט גענוג: אַף דעם שוואַכן קלונג פֿונעם אַלטן רב יוזיפֿל האָט מען זיך נישט געכאַפּט צו עפֿענען. זיי האָבן געהאַט צײַט אויך אַף צו דורכשמועסן זיך וועגן דעם, וויאַזוי מע זאָל זיך פֿאַרשטעלן פֿאַרן „גדול שבגדולים" און ווער עס זאָל מיט אים ריידן. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז ריידן דאַרף מיט אים דער רב. ווער דען? די פֿראַגע איז נאָר פֿון וואָס ער זאָל אָנהייבן? וואָרעם לויט ווי דער פֿאַרשוין אין וואַגאָן האָט זיי אָנגעשראָקן, דאַרף מען וויסן, ווי מיט אים צו האַנדלען און וואָס אים צו זאָגן. נישט אומזיסט שטייט בא אונדז געשריבן: „החיים והמות ביד הלשון" — דער פּשט איז: אַז מיט איין וואָרט קאָן מען אַמאָל קאַליע מאַכן אַזויפֿיל, וואָס איר וועט דערנאָך נישט פֿאַרריכטן מיט קיין צען טויזנט ווערטער.

און די דעות האָבן זיך דאָ בא זיי צעטיילט אַף צוויי כּתות, צוויי לאַגערן: ר ע כ ט ע און ל י נ ק ע. די רעכטע, די עלטערע פֿון די אויסדערוויילטע, זײַנען געגאַנגען מיט דעם ר ע כ ט ן וועג. זיי האָבן געדרונגען, אַז מע קומט צו אַזאַ גרויסן גביר, דאַרף מען קומען מיט תּחנונים, אויסמאָלן דעם חורבן פֿון כּתרילעווקע מיט אַלע פּיטשעווקעס: „אַט ערשט נישט לאַנג געווען אַ שטאָט, ווי אַלע שטעט. האָט זיך אויפֿגעהויבן אין מיטן דער נאַכט אַ שטורעם־ווינט מיט אַ פֿײַער פֿון גאָט, און עס איז אַוועק מיטן רויך די גאַנצע שטאָט, אָפּגעמעקט געוואָרן כּתרילעווקע פֿון דעם פּנים פֿון דער ערד"... דערבײַ דאַרף מען נישט זשאַלעווען קיין טרויעריקע פֿאַרבן, וויאַזוי נאַקעטע, באָרוועסע, הונגעריקע ליגן אונטער גאָטס הימל און בעטן ברויט, לאָזן אַ טרער, און פֿאַר וואָס טאָקע נישט געבן קיין רעכטן וויין, ווי עס געהער צו זײַן?... און די ל י נ ק ע, יונגעלײַט געוויינלעך, האָבן געטענהט פֿאַרקערט: וואָס זײַנען מיר, ווײַבער? צי איר מיינט, אַז די נגידים זײַנען זשעדנע טרערן? זיי דאַרף מען נעמען מיט י ו ש ר, מיט ג ע ר ע כ ט י ק יי ט. היתּכן, — דאַרף מען זיי פֿרעגן — אַז אין דער צײַט, וואָס דאָ וואַלגערט זיך גאָלד אין די גאַסן און מענטשן טוען נישט אַרײַן קיין

האַנט אין קאַלט וואַסער, גייט מען ד אַ ר ט ן אויס פּאַר אַ לעפל געקעכטס — לעבעדיקע נפשות, אייגענע ברידער, בלוט און פלייש?!...
„אַי־אַי! אַי־אַי! — האָבן זיך די רעכטע אָנגע כאַפּט באַם קאָפּ. — זיי ווילן אונדז איבערקוילען דעם האַלדז אָן אַ מעסער! אלה תולדות יונגע־לייט!"...

אַ גליק, וואָס רב יוזיפל איז געווען דערבײַ, האָט ער זיי גיך אײַנגעשטילט מיט ווייכע רייד, ווי זײַן שטייגער איז.

— קינדערלעך, — האָט ער צו זיי געזאָגט, — אומזיסט אײַער קריגן זיך, וואָס איר קריגט זיך. וואָס קאָן אַ מענטש, אַ בשר־ודם משטיינס געזאָגט, וויסן, וואָס ע ר וועט זאָגן? און אַז בלעם הרשע איז שוין געווען אונטערגעקויפט און גאָר פאַרטיק אַף צו שילטן די ייִדן — נו, האָט ער זיך דען גערירכט, אַז דער וואָס לעבט אייביק וועט אים איבערדרייען די ווערטער מיטן קאָפּ אַראָפּ? מיר ווען, אם ירצה השם, אים נעמען נישט מיט תחנונים און נישט מיט סטירדעס, נאָר מיט אַ משל. אַז גאָט וועט הייסן, וועל איך אים דערציילן אַ משל מיט אַ מלך, וואָס האָט זיך צעבייזערט אַף זײַנע אייגענע קנעכט און האָט פאַרברענט זײַן אייגענעם פּאַלאַץ...

אַ שאָד. אַזאַ שיינער משל — און איז געבליבן אין מיטן, איבער אַ סיבה, וואָס נישט רב יוזיפל און נישט די איבעריקע אויסדערוויילטע זײַנען געווען אין דעם שולדיק. שולדיק איז געווען אין דעם גאָר אַ זײַטיקער פאַרשוין. דאָס איז געווען דער אָנגעוואָפּנטער נפש, וואָס איז דערמאָנט באַ אונדז אין אָנהייב באַשרײַבונג. אַ סברה, אַז דער דאָזיקער יונג, וואָס איז געשטעלט געוואָרן אכטונג צו געבן אַף דער גאַס, האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטן אונדזערע כתרילעווקער לײַט אַפּן אויג. אים איז די גאַנצע קאָמפּאַניע נישט געפעלן געוואָרן מיט זייער גיין פון שטוב צו שטוב, מיט זייער פאַררײַסן די קעפּ און קוקן אַף די נומערן פון די הײַזער און מיט זייער אַלע מאָל אָפּשטעלן זיך איבערשמועסן זיך אַף אַ קול אַלע אינאיינעם, ווי די גענדז: גער־גער־גער! דאָ, באַ זייער לעצטן אָפּשטעלן און אויסטענהן זיך, האָט ער שוין מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן און ער האָט זיך ווידער אַ מאָל געלאָזט גלײַך אַף זיי — דאָס מאָל שוין מיט מער פרישקייט און מיט מער אימפּעט.

דערזען פּאַר זיך דעם שונא אַזוי נאָענט און דערפילט אַ סכנה, זײַנען אונדזערע דעלעגאַטן פאַרשטאַרבן געוואָרן, און ס'איז געבליבן

בהסכם כולם, אַז מע דאַרף זיך ראַטעווען, מאַכן פּליטה. וווּהין? צוריק — הייסט גיין גלײַך אַף אים. האָבן זיי גענומען קלינגען אַלע מיט אַ מאָל אין דער טיר אַרײַן, גוט קלינגען, מיט אַלע כּוחות, און גאָט האָט געהאָלפן — די טיר האָט זיך טאַקע עפּעס ווי על־פּי־נס, געגעבן אַן עפן־אויף, און עס האָט זיך באַוויזן אַ פּאַרשוין מיט אַ רויט אויסגעהאָדעוועט פּנים, מיט אויסגעשניטענע פּאַלעס און מיט ווײַסע הענטשקעס אַף די הענט. אַרויסגעלאָפן איז דער פּאַרשוין מלא רציחה, געמאַכט מיט די הענט גע־שריגן און געשאָלטן און געאַרבעט אַזוי, גלײַך ווי דאָס וואָלטן זײַן ווילדע מענטשן, אָדער גזלנים, כוליגאַנעס, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן אַן אָנפאַל אין מיטן העלן טאָג אַף זײַן בעל־הבית'ס שטוב.

דערזעענדיק פאַר זיך „אַן אָפענע טיר“, האָבן זיך די כתרילעווקער כוליגאַנעס געגעבן אַלע אינאיינעם אַ שפּאַר אַרײַן. האָט זיי אָבער דער פּאַרשוין מיטן אויסגעהאָדעוועט פּנים מיט די ווײַסע הענטשקעס געגעבן מיטן גאַנצן כּוח אַ שפּאַר־אַרויס צוריק. און אין דער מינוט איז אונטערגעקומען דער יון מיטן שווערד, געגעבן אַ שטאַרקן פּײַף, און ס'איז אויסגעוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, נאָך אַ יון, אויך אַן אָגעוואָפּנ־טער פון קאָפּ ביז פיס.

אומזיסט האָבן זיך אונדזערע כתרילעווקער אויסדערוויילטע געבעטן באַם פּאַרשוין מיט די ווײַסע הענטשקעס, ער זאָל זיי אַרײַנלאָזן אינעווייניק, כאָטש פון פאָרנט, כאָטש אין קיך אַרײַן. אומזיסט האָבן זיי פאַרריסן די אויגן אַרויף, אַרײַנגעקוקט אין די הויכע פענצטער אַרײַן, טאָמער וועט דער אייבערשטער טאָן אַ נס (ער אַז ער וויל, קאָן ער!), טאָמער וועט דער גביר אַליין, אָדער עמעצער פון זײַן הויזגעזינד, דערזען יידן זײַנען אין אַ סכנה, וועט מען אַרויסגעבן אַ באַפעל פון אויבן, מע זאָל זיי נישט אָנרירן...

האָט אָבער אַף זייער מזל קיינער פון די הויכע פענצטער נישט אַראָפּגעקוקט, און אונדזערע דעלעגירטע, די פּאָרנעמסטע בעלי־בתים פון כתרילעווקע מיטן רב רב יוזיפל בראש, זײַנען אָפּגעפירט געוואָרן מיט גרויס כּבוד אין אַזאַ מקום אַרײַן, וואָס קיין דירע־געלט קאָסט דאָרט נישט און אַלע זײַנען דאָרט גלײַכע מיוחסים: אפילו יידן, און אפילו כתרילעווקער יידן, קאָנען זיך דאָרטן זיצן און זיצן, אַבי יאָרן.

יב.

דער נס

דער וואָס מיינט, אַז הײַנטיקע צײַטן טרעפֿן זיך שוין גאָר קיין נסים נישט — דער האָט אַ טעות. אמת, אַ נס טרעפֿט זיך הײַנט זעלטן, זייער זעלטן, אָבער עס טרעפֿט. דעם בעסטן באַווײַז האָבן מיר — אונדזערע כתרילעווקער געפֿאַנגענע.

די לייענער מעגן זיך מיינען, אַז, ווי יעדער מחבר, זײַנען מיר מסתמא מגזם און טראַכטן אויס אַזעלכע זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן. מיר פֿאַרזיכערן אָבער, אַז דאָס, וואָס מיר דערציילן דאָ, איז לויטער אמת. פּונקט אין דעם מאָמענט, וואָס סע האָט זיך געטראָפֿן דער אויבן־באַשריבענער פֿאַל מיט די כתרילעווקער דעלעגאַטן בײַ דער טיר פֿונעם גדול, פּועם „לייב צווישן די חיות", פּונקט אין דער מינוט, ווען זיי זײַנען געשטאַנען אין איין ציטערניש און געקוקט אַרויף־צו אין די הויכע פֿענצטער און געטראַכט זיך יעדער בײַ זיך אין הארצן: „מאין יבוא עזרי — פֿון וואַנען וועט קומען די הילף, פֿון גאָט, צי פֿון מענטשן?" — פּונקט אין דער צײַט האָט באַדאַרפֿט גיין פֿאַרבײַ אונדזער באַקאַנטער פֿאַרשוין פֿון וואַגאָן, דער „ייִד וואָס קאַטאָרי".

געגאַנגען איז ער זיך וועגן זײַנע אייגענע געשעפֿטן, און גיך, ווי זײַן שטייגער איז, מיטן קאַפּעלוש אַהינטער, ווײַזט אויס, פֿאַרטראַכט. דערזען זײַנע באַקאַנטע ייִדן, אַרומגערינגלטע מיט סאָלדאַטן, איז ער שטיין געבליבן. ער האָט באַלד אָנגעשמעקט מיט דער נאָז, וואָס דאָ טוט זיך, און איז גרייט געווען די רגע אַרײַנשפּרינגען אין מיטן און אויפֿהייבן אַ סקאַנדאַל, זיי מאַכן אַ וויסטן סוף: „פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? גאָט די נשמה!"...

נאָכדעם האָט ער זיך אָבער מיישב געווען: אפֿשר ניין? ער קען זיך זייער גוט. אַ היציקער מענטש. מי יודע וואָס פֿאַר אַ ווערטער עס קאָנען זיך אַרויסרײַסן בײַ אים פֿון מויל... ער האָט זיך געטראַכט, אַז מיט תקיפֿות איז נישט גוט (ס'איז תמיד גלײַכער, אַז מע באַטראַכט זיך), און ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס קאַפּעלושל, זיך גענומען באַם בערדל, צוגע־מאַכט אַן אויג — אַ סימן, אַז דער מוח אַרבעט, — האָט זיך אויסגעקע־רעוועט צוריק און איז מיט די זעלבע גיכע טריט אַוועק, ווי אַ מענטש,

וואָס איז געפֿאַלן אויף אַ גלײַכע המצאה און האָט פֿעסט באַשלאָסן דורכצו־פֿירן די אידעע ביזן סוף.

ווּהין איז דער פּאַרשוין אַוועק?

מיר ווייסן נישט, ווּהין, נאָר מיר קאָנען רעכענען, אַז מסתמא האָט ער זיך געלאָזט גיין טאַקע אַהין, צום „ליב פֿון די חיות", מחמת דעם זעלבן אָפּדערנאַכט האָט דער טעלעפֿאָן אין די הויכע פֿענצטער אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט סכנות־נפֿשות...

און אין דער פּאָליציע האָט געקאַכט. פֿענעס האָבן געסקריפּעט, טינט האָט זיך געגאָסן, פּאַפּירן זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן, און די געפֿאַנ־גענע, וועלכע זײַנען שוין גרייט געווען צו גיין אַ לאַנגן וועג מיטן טעאַף זײַנען פּלוצעם אויפֿגעכאַפּט געוואָרן אין מיטן באַנאַכט, אַרויסגעצויגן געוואָרן פֿון דער פֿינצטערניש און אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אין אַ גרויסע ליכטיקייט מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך ווי דאָס וואָלטן זײַן נישט כתרילעוקער קליינע מענטשעלעך, נאָר מי יודע וועד... אמת, מע האָט זיי קיין שטולן נישט אונטערגעטראָגן, זעצן זיך נישט פֿאַרגעלייגט און פֿון מחילה בעטן שמועסט מען נישט. דערפֿאַר האָט מען אָבער נישט געהערט, מע זאָל אויף זיי אָנשרײַען, חלילה, ברענגען פֿאַרן מויל דעם ייִדישן טיטל „זשיד"; אדרבה — פֿײַן, שטיל, נאָר זייער בחפֿזונדיק, געכאַפּט, טאַקע נאָר ווי יציאת־מצרים, איז צוגעגאַנגען די באַפֿרײַונג פֿון די כתרילעווקער בוליגאַנעס. די קלענערע שרײַבער און שרײַבערלעך האָבן זיך נישט געקאָנט זאַט באַוווּנדערן, וואָס טוט זיך דאָ: „איבער אַזעלכע ייִדלאַקעס אַזאַ בהלה!"...

די ערשטע מינוט, אַז מען איז אַרײַנגעקומען צו אונדזערע געפֿאַנ־גענע און געזאָגט, זיי זאָלן זיך מטריח זײַן אַרויס, האָבן זיי זיך איבער־געקוקט צווישן זיך און אָפּגעזעגנט זיך שטילערהייט, אָן ווערטער. וואָס דערוואַרט זיי דאָרטן, אויבן? — דאָס ווייס נאָר איין גאָט אין הימל. הלוואי, רבונו של עולם, זיי זאָלן אָפּקומען נאָר מיט תפיסה אַליין. וואָרעם וואָס איז הײַנטיקע צײַטן תפיסה, אַז תליה איז אַ וואָכעדיקער גאַנג?... דאָס איז אָבער נאָך נישט אינגאַנצן: יעדער ייִד האָט אַ ווײַב און קינדער, און אַז עס קומט צו אַ ווײַב מיט קינדער, זײַנען ייִדן (מיר מוזן זיך מודה זײַן) געפֿערלעכע עגאָאיסטן...

מיט אונטערגעהאַקטע פֿיס און מיט צעבראָכענע הערצער זײַנען אונדזערע דעלעגאַטן אַרײַנגעבראַכט געוואָרן פֿאַר די, אין וועמענס הענט

עס איז געלעגן איצט זייער גורל. נאָר איינער איז געגאַנגען פאָרויס מיט פעסטע טריט, ווי אַלע מאָל, כאָטש אַפילו שטאַרק אײַנגעבויגן און אָנגע־לענט אויפֿן שטעקן.

דאָס איז געווען דער אַלטער רב יוזיפל.

— ווער איז דאָ צווישן אײַך דער „סאַמע ראַבין”? — האָט מען זיי אַ פרעג געגעבן האַלב ערנסט און האַלב ליצנותדיק.

— דאָס בין איך! — האָט אַ זאָג געגעבן רב יוזיפל מיט אַ מאָדנער שטאַרקייט און איז אַרויסגעטראָטן מיט אַזאַ מסירות־נפש, גלײַך ווי ער וואָלט גענומען אויף זיך דעם גאַנצן בלבול און וואָלט זײַן גרייט די רגע גיין אויפֿן עשאַפֿאָט פֿאַר זײַנע אַלע ייִדן.

שיין, גרויסאַרטיק שיין, איז געווען אין דער מינוט אָט דער אַכציק־יעריקער זקן. זײַן געל־געקנייטשט, דורכזיכטיק געלײַטערט פּנים האָט געלויכטן, גלײַך ווי די שכינה האָט אויף אים גערוט. אין זײַנע אַלטע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ יונג פֿײַערל. נאָר די הענט האָבן אים גע־ציטערט און די אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט. ער האָט געוואַרט, וואָס וועט מען אים זאָגן. ער איז גרייט געווען אויסצוהערן אַלצדינג, דאָס ערגסטע, וואָס בייזע מענטשן קאָנען נאָר צוטראַכטן. וועמען הערט אָט דער אַלטער מיט די אַכציק יאָר, וואָס הינטער זײַנע פּלייצעס? ער האָט אַזש פֿאַרלייגט איין האַנט אַהינטער און געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן מיט אַ מין גדלות און מיט אַן אַזעס, וואָס די אויף־טויט איבערשראָ־קענע כתרילעווקער אויסדערוויילטע האָבן עס קיינמאָל אויף זייער רבין נישט געזען.

דאָס איז געווען אַ הויכע מינוט, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג־לאַנג, אפֿשר אַ גאַנצע אייביקייט.

ביסטו דאָס, הייסט עס, דער „סאַמע ראַבין”? — האָט מען אים נאָך אַ מאָל אַ זאָג געגעבן מיטן זעלבן האַלב־ערנסטן, האַלב־ליצנותדיקן טאָן. — נאַ, אָט האָסטו דיר צוריק דײַן געלט, וואָס איר האָט צונויפֿגע־זשעבעבעט פֿאַר אײַערע אָפּגעברענטע ייִדעלעך, און נעמט אײַך אײַערע לײַב־סערדאַקעס (דאָס האָט מען געמיינט, אַפֿנים, די טלית־ותפֿילינס) מיט די פֿאַנטשאַכעס (און דאָס האָט מען געמיינט, אַפֿנים, זייערע באַרימטע זאַנטיקעס) — און הײדאַ גלײַך מיט דער באַן צוריק אַהיים. ביז טאָג זאָל דאָ אײַער פֿוס נישט זײַן. מאַרש!

* * *

געקומען אהיים, האָבן אונדזערע אויסדערוויילטע געהאַט געגוג צו דערציילן חידושים און נסים ונפלאָות פון זייער נסיעה און די נסיונות, וואָס זיי זײַנען אויסגעשטאַנען צוליב די נשרפים: וויאַזוי מען איז געפאָרן, און וויאַזוי מען איז געקומען, און וואָס מע האָט געהערט, און וואָס מע האָט געזען, וויאַזוי עס האָט זיך געגאָסן אַף זיי נדבות — א מבול פון נדבות (פריִער איז געווען א „רעגן", איצט איז שוין געווען א „מבול". און וויאַזוי מע האָט זיי געפּאַנגען דאָרט, בײַ די הויכע פענצטער, און אָפּגעפירט אין גוטן „מקום", צוגענומען בײַ זיי די „קליי־נערס" און אַרײַנגעזעצט אין „חד־גדיא" אַרײַן... און נאָכדעם — דער נס, וויאַזוי דער אייבערשטער האָט באַוויזן, וואָס ער קאָן: מע האָט זיי באַפרײַט און אומגעקערט צוריק דאָס גאַנצע געלט ביז דער לעצטער פּרוטה, און נאָך מיט א יתר־שאת: אַז זיי זײַנען שוין געווען גרייט צו דער נסיעה אהיים, האָט זיי אָנגעיאָגט איינער א מענטש מיט א הויכן קאַנעלוש און האָט זיי איבערגעגעבן גאָר איבעראַנײַס א שיינע מטבע, אַהיפּשע „פּויטיקע" — א נדבה פאַר די כתרילעווקער נשרפים, טאַקע פון אים אַליין, פון דעם, וואָס יענער פאַרשוין האָט אָנגערופן מיטן נאָמען: „דער ליִיב צווישן די חיות" — הײַנט גייט זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אַף דער וועלט!

יאָ, די כתרילעווקער דעלעגאַטן האָבן געהאַט וואָס צו דער־ציילן, און האָבן נאָך צו דערציילן און צו דערציילן. איך מיין, אַז סע וועט קלעקן אַף א גאַנצן ווינטער, און אפשר וועט נאָך בלײַבן אַביסל אַפן זומער.

נאָר איין רב יוזיפל האָט נישט דערציילט גאָרנישט. ער האָט אָנגע־נומען א פול מויל מיט וואַסער — און שאַ: ער האָט זיך פון דער נסיעה אומגעקערט זייער מיד און שוואַך און צעבראָכן. נישט אַזוי צעבראָכן אין גוף, ווי אין נפש, אין דער נשמה... און דערצו איז ער געווען פאַרנומען, באַשעפטיקט טאַקע מיט זיך אַליין. ער האָט זיך, פאַרשטייט איך מיך, געגרייט צו אַן אַנדער נסיעה, ער האָט זיך געגרייאַט אין ווײַטן וועג אַרײַן — אין א וועג, פון וואַנען קיינער איז נאָך ביז הײַנט צוריק נישט געקומען... מיינט נישט, אַז א ייִד ווי רב יוזיפל, ער מעג זיך זײַן א רב און א זקן און אַריבער שמונים. איין מענטש אַליין, אָן א קינד, אָן א רינד, אָן א שום פאַרמעגן, — נאָר קוים האַלט מען בײַ גיין פון דער זינדיקער וועלט, איז פאַראַן, פאַראַן וואָס צו טאָן...

געשריבן אין די יאָרן 1903—1915

דאָס נײַע כתרילעווקע

(באַשרײַבונגען)

הקדמה

אין דער לעצטער צײַט האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין אַף דער וועלט אַלערליי באַשרײַבונגען פֿון שטעט און פֿון לענדער, וכדומה אַזעלכע נוצלעכע ביכער. האָב איך מיך מיישב געווען אַזוי: אומעטום טאַנצן מיר זיי נאָך: בײַ זיי זײַנען פֿאַראַן גאַזעטן — בײַ אונדז זײַנען פֿאַראַן גאַזעטן; בײַ זיי איז פֿאַראַן „נאָווי־גאָד"; בײַ אונדז איז פֿאַראַן „נאָווי־גאָד"; בײַ זיי איז פֿאַראַן „יאָלקעס", — בײַ אונדז איז פֿאַראַן „יאָל־קעס"... בײַ זיי איז פֿאַראַן אַ בוך „גאַנץ מאָסקווע", „גאַנץ פּעטער־בורג", „גאַנץ בערלין", „גאַנץ פּאַריז", — פֿאַרוואָס זאָל בײַ אונדז נישט זײַן אַ בוך „גאַנץ כתרילעווקע"?

ואני — און איך ,שלום־עליכם, וואָס איך בין אַליין אַ דאָרטיקער פֿון געבוירן און בין נישט לאַנג געווען דאָרטן צו־גאַסט אַף קבר־אבות, האָב איך מיך מיישב געווען: מיט וואָס קאָן איך אָפּדאַנקען מײַנע כתרילעווקער ברידער און שוועסטער פֿאַר זייער גאַסטפֿרײַנטלעכקייט, ווען נישט מיט דעם, וואָס איך וועל זיי מאַכן אַ שטיקל נאָמען אַף דער וועלט? דערבײַ האָב איך אין זינען געהאַט, געוויינלעך, מער טובת־הכלל ווי מײַן אייגענע טובה: לאָזן פֿרעמדע מענטשן וויסן, אַז זיי וועלן קומען קיין כתרילעווקע, ווו מען דאַרף זיך אָפּשטעלן, ווי אַזוי מע דאַרף פֿאָרן, ווו מע זאָל עסן אַ גוטן מיטאָג, פֿאַרטרינקען מיט אַ גלעזל ווײַן, זיך דורכגיין אַביסל אַמוזירן אין טעאַטער, וכדומה אַזעלכע פֿאַרגעניגנס, וואָס זײַנען דאָרטן פֿאַראַן לרוב, וואָרעם ס'איז

שוין נישט דאָס כתרילעווקע, וואָס אַמאָל. דער גרויסער וועלט־פּראָגרעס האָט זיך אַהין אַרײַנגעכאַפּט און האָט איבערגעקערט די שטאָט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף. און דערפאַר האָב איך עס אַ נאָמען געגעבן: „דאָס נײַע כתרילעווקע".

א.

כתרילעווקער טראַמוואַי

אָנגעקומען בין איך קיין כתרילעווקע מיט דער באַן — עס גייט שוין, דאַנקען גאָט, אַהין אַ באַן! — אַסיען־צײַט, אין דער פרי, פאַרן דאַוונען. אין דרויסן האָט געמראַקעט אַ קליין רעגנדל, און סע האָט זיך געבילדעט פון דעם אַ גרויס שיטער בלאָטקעלע. אויפן וואָקזאַל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַקעגן מיר אַ גאַנצע קאָמאַנדע הויז־משרתים מיט געלע בערד, מיט געלע קאַפּאָטעס און מיט געלע בלעכלעך אויף די געלע אָפּגעבאַ־רעטע קאַשקעטן.

— פּעטער! גראַנד־האָטעל!

— האָטעל פּראַנציע, פּעטער!

— פּעטער! פּאָרטוגאַליע!

— פּעטער! טערקאַליע!...

דורכגעלאָפן מיט גאָטס הילף דורך דער דאָזיקער קאָמאַנדע הויז־משרתים בשלום, האָב איך מיך אַרײַנגעכאַפּט צווישן אַן אַנדער חברה, חברה בעלי־עגלות מיט גרויסע שטיוול און מיט לאַנגע בײַטשן. די דאָזיקע חברה־לײַט האָבן מיך ממש שיער נישט צעריסן אויף שטיקלעך. איינער אַ יונגאַטש מיט ביינער האָט באַ מיר בעל־כרחי אַרויסגעריסן מײַן טשעמאָדאַנטשיק, האָב איך געמאַכט זייער אַ גרויסן גוואַלד: „מײַנע כתבים! מײַנע פּאַפּירן!" — האָבן זיך צוויי אַנדערע בעלי־עגלות אָנ־גענומען מײַן קריוודע, מיך געוואָלט נעמען צו זיך, און ס'איז געוואָרן צווישן זיי אַ געשלעג. בתוך כך האָב איך געכאַפּט מײַן טשעמאָדאַנטשיק, אַרויסגעגליטשט זיך פון זייערע הענט און האָב זיך געלאָזט גלײַך צום טראַמוואַי.

— אַהער, ברידערלעך, אַהער! אַ פּיטאַקל אַ פּאָר! אַ פּיטאַקל אַ

ייִד! פֿון דאַנען ביזן עק בעלעפּיליר גאַס סך־הכל איין פּיטאַקל! פֿינף קאָפּיקעס אַ ייִד!

דאָס שרײַט דער קאָנדוקטאָר אַליין, אַ יונגערמאַנטשיק מיט אַ געל בערדל, אַף אַ כאַרבלדיקער שטימע, מיט אַ רײַזעטאַש אַפֿן האַלדז און מיט אַ קנעפּל אַפֿן קאַשקעטל. לעבן אים שטייט נאָך איינער, אַ ייִד מיט אַ צעריסענער קאַפּאָטע און מיט אַ בײַטש — דער קוטשער פֿונעם טראַמוואַי. ביידע ווײַזן מיר מיט די הענט אַף אַ מין בײַדל, וואָס שטייט אָנגעבויגן אַביסל אַף אַ זײַט, מיט אויסגעזעצטע שויבן, וואָס מע רופֿט דאָס „וואַגאָן”; באַ אַ לאַנגן דישל שטייט צוגעשפּאַנט אַ ווײַס אויס־געדאַרט פֿערדל, האַלט אַראָפּגעלאָזט די מאָרדע און דרעמלט.

— פּאַוואָלי נאָר, — זאָגט צו מיר דער קאָנדוקטאָר — איר זאָלט זיך נישט פֿאַרטשעפּען דאָרט; עס פֿעלט אַ ברעטל אין דער פּאָדלאָגע. מע רעמאָנטירט דעם טראַמוואַי.

איך זעץ מיך אַרײַן פּאַמעלעך אין וואַגאָן, לייג אַנידער לעבן זיך דעם טשעמאָדאַנטשיק און וואַרט. ס'איז קילבלעך. איך קלאַפּ אַ פֿוס אָן אַ פֿוס.

— קאָנדוקטאָר! — זאָג איך צום יונגנמאַן. — מיר וועלן אַמאָל פֿאָרן, צי ניין?

— אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף! — ענטפֿערט מיר דער קאָנדאָקטאָר.

— גיב נאָר אַהער אַביסל טיטון, דו יאָסל! — מאַכט צו אים דער קוטשער, וואָס מיט דער בײַטש און מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע.

— איר זײַט נישט קראַנק צו רייכערן קאַרענצעס, רב כתריאל!

— האַקט אים אָפּ יאָסל דער קאָנדוקטאָר. — פֿון גוטן טיטון קאָן אײַך חלילה ווי טאָן דער קאָפּ!

— מאַך נישט קיין אָנשטעלן, דו סמאַרק איינער, און גיב אַהער אַ ציגאַר טיטון! — זאָגט צו אים כתריאל דער קוטשער.

און דער קאָנדוקטאָר מיטן קוטשער פֿאַרדרייען צו פּאַפּיראָסן.

— ווען וועלן מיר פֿאָרן? — פֿרעג איך ווידער באַם קאָנדוקטאָר.

— הײַנט. — ענטפֿערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק און גיט דעם קוטשער פֿאַררייכערן.

איך וואַרט און וואַרט, ביז עס הייבן אָן ביסלעכווײַז צונויפֿקלײַבן זיך פּאַרשוינען. פֿרײַער קריכט אַרײַן אַ ייִד מיט אַ צעריסן טולופּל פֿון אַ

מין רויכווארג, וואָס ס'איז שווער צו טרעפן, וואָס פאַר אַ חיה האָט געטראָגן די דאָזיקע פעל: זאָל איך זאָגן אַ פוקס — איז דאָס צו ווײַס; זאָל איך זאָגן אַ קאַץ — איז דאָס צו רויט. נאָך דעם יידן מיט דעם צערי־סענעם טולופּל קריכט אַרײַן נאָך אַ ייִד אָן אַ טולופּ, אַ געפרוירענער נעבעך, קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן, זיפּצט און זוכן אָן אָרט און זעצט זיך אַנידער באַ דער טיר אין אַ ווינקעלע. נאָך דעם געפרוירענעם יידן קריכט אַרײַן אַ קאָשעק מיט עפּל, און תיכף נאָכן קאָשעק — אַ ייִדענע, אײַנגע־וויקלט אין דרײַ שאַלן, און אַלע דרײַ זײַנען צעפלאַכטן, און מע זעט, אַז ס'איז איר נעבעך קאַלט.

— פּיאַ־אויט! רב כתריאל, פּאַשאָל! — רופט זיך אָן יאָסל דער קאָנדוקטאָר צו כתריאל דעם קוטשער, טוט אַ פײַף, און דער טראַמוואַי רירט פונעם אָרט. ער גייט־אָפּ עטלעכע טריט און שטעלט זיך באַלד אַנידער. עס עפנט זיך אויף דאָס טירל פונעם וואַגאָן און עס באַווײַזט זיך אַ קאָפּ.

— נישט פאַראַן דאָ משה?

— וואָסער משה? — פרעגט יאָסל קאָנדוקטאָר.

— אַ בחור מיט אַ קאַשקעט! — ענטפערט דער קאָפּ.

— ער דינט אין אַ זאַליאַזנע קראָם? — פרעגט אים יאָסל.

— אין אַ זאַליאַזנע קראָם. — ענטפערט דער קאָפּ.

— איך קען אים! — מאַכט יאָסל קאָנדוקטאָר, טוט אַ פײַף צום קוטשער: — פּיאַ־אויט! רב כתריאל, פּאַשאָל!

און מיר פאָרן ווײַטער.

— אַ בילעט! — רופט זיך אָן צו מיר דער קאָנדוקטאָר. — איר זײַט מיר עפּעס נישט קענטלעך; אַפּנים, נישט קיין היגער?... איר רעכנט דאָ שטיין לאַנג? קאָן איך אײַך פאַרפירן אין אַ סטאַנציע, דווקא נישט קיין האָטעל, נאָר אַ ריינע, אָן וואַנצן... און עסן וועל איך אײַך אָנווײַזן אַן ערטל, ווו עס וועט אײַך קאָסטן וואָלוול און איר וועט האָבן הנאה.

איך דאַנק אים זייער און זאָג אים, אַז איך האָב דאָ באַקאַנטע. פרעגט ער: ווער זײַנען זיי, וואָס זײַנען זיי און וואָס איז זייער טועבץ? איך טראַכט אים אויס אַ נאָמען פון דער הגדה און טשעפּע מיך אָפּ פון אים. ער לאָזט מיך צורו און גייט צו צום יידן מיטן טולופּל און הייסט אים נעמען אַ בילעט. דער יידן מיטן טולופּל קנייטשט מיט די פּלייצעס:

— ווייס איך! איך האָב דען אַ גראָשן אַפּילו בײַ דער נע־שאָמע?...

— שוין דאָס דריטע מאָל הײַנטיקע וואָך, אַז איר פֿאָרט אָן אַ בילעט: — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטאָרן מיט פֿאַרדראָס.

— נו, בכן, — זאָל איך גיין צופֿוס? צי זאָל איך גיין ערגעץ גנבענען פֿון דײַנעטוועגן? — ענטפֿערט אים דער ייִד מיטן טולופּל אויך מיט פֿאַרדראָס.

יאָסל קאָנדוקטאָר גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און גייט אַוועק פֿון אים צו יענעם געפּרוירענעם ייִדן, וואָס אָן אַ טולופּ. יענער מאַכט זיך ווי ער דרעמלט.

— הערט נאָר, זײַט־זשע מוחל, אַ בילעט!

דער ייִד האָט זיך כלומרשט אויפֿגעכאַפּט פֿונעם שלאָף און רײַבט אַ האַנט אָן אַ האַנט.

— אַ בילעט! — מאַכט צו אים נאָך אַ מאָל יאָסל קאָנדוקטאָר.

— שמעתי! — ענטפֿערט אים דער ייִד און הוקעט זיך אין די קולאַקעס אַרײַן.

— וואָס טויג מיר אײַער שמעתי? — זאָגט צו אים יאָסל קאָנ־דוקטאָר מיטן הארבן וואָרט. — נעמט אַרויס, זײַט מוחל, אַ פּיטאַקל און נאָט אײַך אַ בילעט.

— שאַ־שאַ! — מאַכט צו אים דער געפּרוירענער. — וואָס איז עפּעס מיט אַזאַ ירגזון. קוק אים אָן, אַ גאַנצער יחסן!

— מאַכט נישט קיין אָנשטעלן — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטאָר — און גיט אהער דאָס פּיטאַקל!

— עט־נו! — מאַכט צו אים דער געפּרוירענער. — מיר וועסטו, מאַלט אײַך, עפּעס אָפּלאָזן פֿון אַ פּיטאַקל!

— מײַנע צרות וועל איך אײַך אָפּלאָזן! — זאָגט יאָסל קאָנדוק־טאָר.

— האַלט זיך מיט זיי געזונטערהייט! — ענטפֿערט אים דער געפּרוירענער. — איך האָב גענוג אייגענע צרות.

— וועל איך אײַך בעטן מחילה, איר זאָלט זיך מטריח זײַן אַראָפּ פֿונעם וואַגאָן! (צום קוטשער:) רב כתריאל, סטאָפּ!

כתריאל דער קוטשער שטעלט אָפּ דעם טראַמוואַי און איז זיך ממש מחיה, און דאָס פערדל — אוודאי.

— זײַט זשע מוחל, מיט דער רעכטער פוס! — זאָגט יאָסל קאָנ־דוקטאָר צום געפּרווירענעם. דער געפּרווירענער זיצט, טאַנצט מיט די פּיס און רײַבט זיך די הענט און רירט זיך נישט פונעם אָרט.

— איר וואַרט אַף כבוד? — מאַכט צו אים יאָסל קאָנדוקטאָר. — איר ווילט, איך זאָל אײַך נעמען פאָרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן אַף דרײַ שפּענדלעך? לאָז קומען וועלוול דער „קאָנטראָליר", ער איז בא אונדזער קאַסירער אַף אַ ברית, וועט איר האָבן אײַער פּסק. רב כתריאל, פּאַשאָל! — מאַכט ער צום קוטשער, און דער טראַמוואַי פאָרט ווײַטער.

— נישטאָ קיין אמת אַף דער וועלט! — רופט זיך אָן פלוצעם די ייִדענע פון די עפּל. — מיט וואָס איז דער ייִד ערגער פון יענעם ייִדן, וואָס יענער מעג פאָרן אָן אַ בילעט און דער טאָר נישט? באשר יענער טראָגט אַ טולופּל, און דער גייט נאַקעט! ער וועט דיר אָפּניצן אַ שטיקל בענקל וועט ער דיר? צי דו מיינסט, מע וועט דיר שטעלן אַ גאָלדענע מצבה וועט מען דיר?

— ווער בעט אײַך, איר זאָלט זיך אַרויסשטעלן פאַר אַ מליץ־יושרטע? — רופט זיך אָן צו איר יאָסל קאָנדוקטאָר. — וואָס גלײַבט איר זיי צו יענעם ייִדן? יענעם ייִדן קען איך: ער איז אַ טאַטנס אַ קינד, נעבעך אַ געפּאַלענער. און זיי (ער ווײַזט אַפן געפּרווירענעם) — איך וויים ווער זיי זײַנען? עפּעס אַן אָרעמאַן, אַ שלעפּער!

— נו, און אַז אַן אָרעמאַן, איז וואָס? — שטעלט זיך אויף די ייִדענע פון די עפּל. — באַדאַרף מען אים וואַרפן? וואָס איז פאַר אַ וואַרפן וואָס? זע נאַר, וואָס ער האָט דאָ חוטא־בעגל געווען! דאָס פערדל גייט דאָך במילא אין שטאָט אַרײַן, וועט זיצן נאָך אַ ייִד! עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז דו האָסט שוין צוגענומען נאָך אַ פּיטאַקל, נו? וועסטו זיי שוין פּעט מאַכן דערמיט די יויך וועסטו?

— אַז מע פרעגט אָבער בא אײַך קיין עצות נישט! — מאַכט צו איר יאָסל קאָנדוקטאָר. — איר גיט בעסער אַהער אײַערס אַ פּיטאַקל און נאַט אײַך אַ בילעט!

— אוי! ייִדן! — כאַפּט זיך אויף די ייִדענע, טוט אַ פּאַטש איבער

די קליידער. — איך האָב אָבער געוווּסט, אַז ער וועט זיך טשעפּען צו מיר אויך! איך זאָל אַזוי האָבן אַלדאָס גוט, ווי איך האָב געוווּסט.

— וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? — זאָגט יאָסל קאָנדוקטאָר.

— איך וועל אײַך פירן אומזיסט?

— וואָס הייסט, דו וועסט מיך פירן? — מאַכט די ייִדענע. — דער וואַגאָן פירט מיך, נישט דו פירסט מיך! — ער האָט זיך אָנגעהאַנגען אַ מעשׂן קנעפּל און קאָמאַנדעוועט! איך געדענק דאָך נאָך, אַז דו ביסט געווען אַ באַהעלפער בא לייזער־הערש דרדקי ביסטו געווען, געטראָגן די קינדער אױף די פּלייצעס אין חדר אַרײַן מיט אַ טעפּעלע אָנבײַסן, — הײַנט וואָס דערציילסטו מעשׂיות: „בילעט — שמילעט״?

— וואָס זאָגט איר צו מײַנע גליקן? — מאַכט צו מיר יאָסל און זעצט זיך צו צו מיר. — אָט אַזוי, ווי איר זעט, זײַנען זיי דאָ אַלע אַזעלכע פאַרשווינען. ווער עס האָט געלט און קאָן צאָלן — דער גייט צופוס, און ווער עס האָט נישט און קאָן נישט צאָלן — דער פאָרט מיטן טראַמוואַי און גיי לעב, האַלט אויס אַן אַלטע מאַמע מיט אַ שוועסטער אַן אַלמנה... איר זעט אַ פּאָר שטיוול? (ער ווײַזט מיר די שטיוול) זיי בעטן עסן...

פּלוצעם הערט זיך אַ טראַסק, אַ קלאַפּ פון צוויי דישעלס, אַ כראָפּען און אַ סאָפּען פון צוויי פערד. דאָס האָבן זיך באַגעגנט צוויי וואַגאָנעס אױף איין ליניע, דער אַהער, דער אַהין. און עס הערן זיך קולות:

— אַ כאָלערע! אַ מיתה משונה! סע זאָל אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטנס טאַטן אַרײַן ביז אָדם הראשון געפלויגן געוואָרן!...

— ווער דערוואָרגן מיטן דישעל, און לאָז זיך דיר שטעלן דאָס מויל אױף אַ זײַט! אַ רוח אין דײַן טאַטנס טאַטן! דו ביסט בילכער!

— ווּ זײַנען דײַנע אויגן, דו ממזר? זעסט, אַז איך פאָר רעכטס — נעמט מען זיך לינקס!

— ווּ שטייט דאָס געשריבן, דו פאַרך איינער, אַז דו באַדאַרפסט פאָרן רעכטס און איך לינקס? טאָמער איז גאָר איבערגעקערט דעם פּעלץ אױף דער אַנדערער זײַט: איך רעכטס און דו לינקס?

— בהמה, דערויף איז דאָך פאַראַן צוויי ליניעס; איך אַהער און דו אַהין!

— ביסט אַליין אַ פערד! ווּ שטייט דאָס געשריבן, אַז דו אַהער און איך אַהין?

— ווייסטו וואָס? כאַפּט זיי בעניע מיט זייערע ליניעס, מיט זייערע וואַגאָנעס, מיט זייער גאַנצן טראַמוואַי! גיב נאָר אַהער, כתריאל-סערדצע, אַ ציגאַר-טיטון, טאָמער האָסטו? ברענען זאָלן זיי מיטן טראַמוואַי אַף איין פֿײַער! וואָס מאַכט עפּעס די אַלטע דײַנע? שטילער געוואָרן אַביסל?

— ווי לאַנג שמײַסט מען זי! שטיל איז זי נאָר דעמאָלט, ווען זי שלאָפֿט. וואָס הערט זיך עפּעס בײַ דיר?

— וואָס זאָל זיך הערן? מע מאַכט מיר אויף די „פּאָסטאַראָנקעס". איך האָב מורא, איך וועל מיט זיי שלאָגן כּפּרות...

— ווייסטו נישט וואָס מע טוט, בהמה? דו שלאָג בעסער מיט זיי בלאָט; נעם זיי אָפּן „דראָנזשיק", אַזוי ווי איך, וועלן זיי געבן האָבער.

— גיבן זאָל זיי גאָט קרענק מיט קדחת אַ גרוים מעסטל!... וואָס טוט עפּעס דער „באָולאָנער" דײַנער? ער גייט שוין בײַ דיר אין פּריס-טיאַזש? צי נאָך נישט?

— לאָז ער דיר גיין אין גאָטס ערד! ער האָט מורא פֿאַר אַ בײַטש און מאַכט „לעמל"... אַ שוועבעלע האָסטו? גיב פֿײַער!

און אָט לאָזן זיך אַרײַן ביידע קוטשערס אין אַ לאַנגן שמועס אַף בעלעגלה-לשון, ווי די גרעסטע גוטע ברידער. אויך ביידע קאָנדוקטאָרס פֿאַרבינדן צווישן זיך אַ שמועס גאָר פֿרײַנטלעך, ביז עס קומט אָן וועלוול קאָנטראָליר, פֿריילעך פֿונעם קאַסירערס ברית, און מאַכט אַ געפּילדער:

— אַ רוח אין אײַער פֿאָרנט און מיטן אַרײַן! איר האָט זיך שוין ווידער פֿאַרביטן מיט די יוצרות? אײַער גליק, וואָס איך בין הײַנט אַביסל אויפֿגעלייגט פֿונעם ברית, וואָס אונדזער קאַסיר מאָטיע האָט געמאַכט... הערט איר, קינדער, האָט ער געמאַכט אַ ברית — זאָל דער רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן! נישט אומזיסט זיצט ער בײַ דער קאַסע... איך וואָלט אויך אַ בעלן געווען! אַ סך בעסער ווי זײַן אַ קאָנטראָליר, נאָכלויפֿן נאָכן וואָגאָן, ווי אַ הונט!... ייִדן! וואָס האָט זיך דאָ בײַ אײַך געטראָפֿן? ווידער אַ קאַטאַסטראָפֿע? ווידער אַ צוזאַמענפֿאָרע-ניש? ווו זײַנען אײַערע אויגן? די פֿאַרשווינען — כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! אַ גליק, וואָס די וואַגאָנעס נישט צעבראָכן. בקיצור, איר מוזט זיך, קינדער, צעפֿאָרן... רב כתריאל-סערדצע, נעמט, זײַט מוחל,

שפּאַנט איבער דאָס פערדל מיטן דישעל און פאָרט צוריק אַפן וואָקזאַל, און רב עזריאל וועט אײַך נאָכפאָרן הינטן...

— וואָס איז עפּעס געפאַלן דער גורל אַף מיר? — זאָגט כתריאל.

— לאָז עזריאל איבערשפּאַנען דאָס פערדל און לאָז ער פאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן, און איך וועל אים נאָכפאָרן הינטן.

— רב עזריאל! — רופט זיך אָן דער קאָנטראָליר. — נעמט, זײַט מוחל, שפּאַנט איבער דאָס פערדל און פאָרט צוריק אין שטאָט אַרײַן.

— אָבער גאָר לא מיט אַ לאַנגע־כּף! — זאָגט עזריאל. — איך קאָן באַשטיין, אַז כתריאל זאָל איבערשפּאַנען דאָס פערדל און פאָרן צוריק צום באַן. ער איז נישט חולה.

— איך זאָל וויסן, דער טויט זאָל מיר זײַן — זאָגט כתריאל — פאָר איך נישט צוריק!

— איך זאָל וויסן, אַז איך נעם דאָ אײַן אַ מיתה־משונה, — זאָגט עזריאל — ריר איך נישט פונעם אָרט!

— אַזאַ יאָר! אַזאַ מזל! — מישט זיך אַרײַן די ייִדענע, כאַפּט דעם קאָשעק מיט עפּל און קריכט אַרויס פונעם טראַמוואַי. — אַ שיינער פּאָר! פּיטאַקלעך הייסן זיי זיך נאָך צאָלן! ווען איך גיי צופוס, וואָלט איך שוין זעקס מאָל געווען אין שטאָט וואָלט איך! אַ „טראַמבעליק" האָבן זיי צוגעקלערט אין כתרילעווקע — טפו זאָלן זיי ווערן!...

„אפנים, — טראַכט איך מיר — אַז מע באַדאַרף נעמען די פיס אַף די פּלייצעס און עולה־רגל זײַן אין שטאָט אַרײַן"...

איך נעם מײַן טשעמאָדאַנטשיק אין די הענט אַרײַן און לאָז מיך גיין מחילה צופוס; פאָרן אָן פון הינטן חברה בעלי־עגלצעס מיט אַ פּײַף מיט אַ הוק און מיט אַ געלעכטער.

— אהאַ? דער רבי האָט נישט געוואָלט עסן קיין טייגלעך מיט פּאַסאָלעס? איר האָט נישט געוואָלט פאָרן מיט קיין פּראָסטן בעל־עגלה? מיטן „טראַמבעליק" האָט זיך אײַך געגלוסט? אײַער גליק, וואָס איר זײַט נאָך אַרויס גאַנץ, נישט געמאַכט פון אײַך קיין פּרעזשעניצע... קריכט שוין אין בויד אַרײַן, פעטער, מיטן טשעמאָדאַנטשיק, קריכט אין וואָס פאַר אַ בויד איר ווילט, — באַ אונדז איז יד אחת, אַ מכה בחברותה, וואָס גאָט גיט, אַבי אינאייינעם... וויאָ, קינדער, וויאָ־וויאָ!...

איך קריך מיט מײַן טשעמאָדאַנטשק אין בויד אַרײַן און פאָר־אַרײַן קיין כתרילעווקע מיט גרויס פּאַראַד.

ב.

כתרילעווקער האָטעלן

— אויב איר ווילט, סע זאָל זײַן וואָלוול און ס'זאָל לאַפּטשען, וועל איך אײַך פאַרפירן אַף אַ רעכטע סטאַנציע! — מאַכט צו מיר מײַן בעל־עגלה און פירט מיך צו אַ צווייגאָרנדיקער שטוב מיט אָפּגעקאָלופּעטע ווענט, און איך לייען איבער אַן אויפשריפט מיט גרויסע אותיות: „האָ־טעל טערקאַליאַ". מײַן בעל־עגלה קלאַפּט מיט דער בײַטש אין טיר און שרײַט אַף אַ קול:

— נוח! נוח! ווו ביסטו ערגעץ אין אַלדי רוחות? עפן! איך האָב דיר געבראַכט אַ העכט!...

אַף דעם געשריי עפנט זיך די טיר און עס באַווײַזט זיך אַ יידל, וואָס מע דופט איר נוח, דער שווייצאַר פונעם האָטעל. ער כאַפּט מײַן טשעמאָדאַנטשיק, פרעגט מיך נישט, און טראָגט דאָס ארויף אַף די טרעפּ, גלײַך אַפּן אייבערשטן גאָרן, און טוט מיך אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ נומער, למשל, ווילט איר? מיט געזאַנג, צי אָן געזאַנג?

— וואָס פאַר אַ געזאַנג? — זאָג איך.

— פון די אַקטעיורן. בא אונדז שטייען די אַקטעיורן פונעם יידישן טרעיאַטער, און אַקעגן שטייט בא אונדז אַ חזן פון דער ליטאַ מיט צוועלף זינגערלעך. געקומען צו פאָרן אַף שבת. מע זאָגט, אַז ס'איז נישט קיין שלעכטער חזן. גאָר אַן אַנטיק פון אַ חזן!

— עס קאָן זײַן, — זאָג איך — אַז ער איז אַן אַנטיק פון אַ חזן, נאָר איך בין אײַך מוחל. איר גיט מיר בעסער אָן געזאַנג.

— ווי איר ווילט אײַך! — מאַכט צו מיר נוח דער שווייצאַר. — איך קאָן אײַך געבן אַן אַנדער נומער, די ברירה איז בא אײַך; נאָר אַז סע וועט אײַך זײַן דאָרט נישט אַזוי דאַסיק, זאָלט איר צו מיר נאָכדעם קיין טענות נישט האָבן.

— וואָס הייסט — זאָג איך — „נישט אַזוי דאַסיק"

— למשל, — זאָגט ער — טאָמער וועט מען אײַך בײַסן.

— ווער — זאָג איך — וועט מיך בײַסן?

— ווער וועט אײַך בײַסן? — זאָגט ער. — איך וועל אײַך נישט

בײַסן; עס װעלן זיך שױן געפינען אַזעלכע, װאָס װעלן אײַך בײַסן. מע האָט נישט לאַנג, ערב פּסח, געריײניקט, נאָר עס העלפט נישט, קײן קעראָסין אױך נישט...

— אױב אַזױ, — זאָג איך — לאָז שױן זײַן מיט געזאַנג...

און נוך דער שװײצאַר פירט מיך אַרײַן אין אַ פינצטער חדר מיט אַ משונה־מאָדנע ריח פון פרישע פעל, נאָר־װאָס אױסגעמאַכטע, און פױלע אוגערקעס מיט מאַכאָרקע. און אײדער איך קוק מיך אַרום, װוּ איך בין אין דער װעלט, כאַפּט נוך עפּעס אַ זאַך און הײבט דאָס אָן צו פּאַטשן, װי מע פּאַטשט אַ װײכן קישן, בשעת מע װיל עמעצן מאַכן אַ גוט געלעגער, ער זאָל הנאה האָבן. בשעת פּאַטשן רעדט נוך צו זיך אַלײן און שילט עמעצן מיט טױטע קללות:

— דו יאָלד אײנער! דו ים־קאַטער! דו אָקסנהאָרן! אַט גיב איך דיר אַ שמיר איבערן טשאָלנט־ברעטל און מאַך דיר קאַליע די יאַס־לעס! די גאַנצע װעלט פאָרט פונעם באַן, און ער איז אַרײַן מיט די שטיװאַלעס אין בעט, זיך צעלײגט, װי באָם טאַטן אין װײַנגאָרטן, און כאַליעט אין דער קרענק! אַ שײנער לאַקײ! קראַנק געװען ביז אַהער עפענען די לאָדן! צי שטעלן דעם סאַמאָװאַר? צי אָפּפּוצן די אַקטעיורן די שטיװל? צי אױפראַמען באָם חזן מיט די זינגערלעך? משה־מרדכי הלך, מיטן קאָפּ אין דער ערד!

ערשט דאָ האָב איך דערזען אַ גרױסן בחורעץ, מיט גרױסע גוט־אָנגעשמירטע שטיװל, און איך האָב שױן פאַרשטאַנען, פון װאַנען דער ריח גײט... די פּעטש, װאָס דער לאַקײ האָט געכאַפּט פונעם שװײצאַר (דאָס האָט ער זיי געכאַפּט), האָט ער גאַנץ פײַן אַראָפּגעלאָזט אין קע־שענע, אָפּגעװישט די ליפּן, גלײַך װי נישט אים מײנט מען, אױפגעעפנט די לאָדן, אַ קוק געטאָן אױף מיר און צעלאַכט זיך.

— זעט נאָר זעט! — מאַכט צו מיר דער שװײצאַר. — טאָמער װײסט איר, װאָס איז מיט אים דער געלעגנדער? סע שטופּט אים הנאה די פּעטש אָפן ניכטערן האַרצן! משה־מרדכי הלך, מיטן קאָפּ אין דער ערד! דו פּאַסקודנער בחור! דו קאַרטאָפל־פרעסער! דו לאָקשן־שלינ־גער! דו בײגל־כאַפּער!...

און נוך דער שװײצאַר דערלאַנגט אים אַ טראַסק אין האַלדז־און־נאַקן און װאַרפט אים אַרױס אױף יענער זײַט טיר.

— אַ גאַנץ ערלעכער בחור! — מאַכט צו מיר נאָכדעם דער שװײ־

צאַר. — נאָר אַביסל אַ פּוילער, האָט אַ האַרטן שלאָף. אָן פּעטש וועט איר אים נישט אויפוועקן בשום אופן! האַרעוועט נעבעך, ווי אַן אייזל! וואָס ער פאַרדינט — גיט ער אָפּ דער שוועסטער. קוים געפּועלט בא אים, ער זאָל זיך מאַכן אַ פּאָר שטיוול... וואָס וועט איר זיך עפּעס הייסן געבן צו דער טיי? פריש געבעקס, אייערבייגל, קאַרזשיקלעך מיט מאָן, אָדער גאָר כּתרילעווקער פּרענזעלן?

— און נוך דער שווייצאַר דרייט זיך אוים און ווערט פאַרשוווּנדן.

— פּעטער! איר זײַט שוין אַ געדאַוונטער? — מאַכט צו מיר עמעצער און שטעקט אַרײַן אַ קאָפּ אין דער טיר.

— וואָס גייט דאָס אײַך אָן? — פרעג איך אים.

— איך האָב צו אײַך אַ בקשה. — מאַכט ער.

— ווער זײַט איר? — פרעג איך אים.

— אַ ייִד, — מאַכט ער — אַ פרעמדער, נישט קיין היגער. איך האָב געוואָלט בעטן אײַך אויף אַ מינוט אײַער טלית־און־תּפילין. מײַנעם האָט מען אָוועקגעגנבעט ערשט נעכטן אָט־דאָ, אויף דער סטאַנציע.

עס עפנט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אַרײַן נאָך אַ קאָפּ אין אַ היטל און רעדט אויף עטלעכע לשונות מיט אַ מאָל:

— ראַזניך טאָוואַראָוו, פּאַני! זאַכן גוטע! רענקאָוויטשקי זיִעמני, בעסטע וואַרע וואָלוול! בחצי־חנם, יאַק באָגאַ קאָכאַם!... קויפט אײַך זאַכן כאָטש אַ האַלב טוץ!... לאָז אײַך גאָט געבן געזונט!... איך האָב נישט געוווּסט ווער איר זײַט, וואָרעם סע מאַכט זיך אַ מאָל, מע טרעפט אָן אויף אַ פריץ און מע רעדט צו אים אַוועק אַ שעה כּסדר אויף אונדזער ייִדיש לשון, כאַפּט מען אַ פּסק. האָב איך מיך מיישב געווען, איך וועל מיך פּרוּוון אויף פּויליש, אויף רוסיש, אויף דײַטש; איך פאַרשטיי, דאַנקען גאָט, עטלעכע שפּראַך... הענטשקעלעך אַ פּאָר גוטע, וואַרעמע, ווילט איר נישט?... איך בין, ווי איר זעט מיך, געווען אַמאָל אַ גרויסער סוחר, געפאָרן אויף די גרעסטע ירידים: קיין יאַרמעלינעץ, קיין פּראָס־קוראָוו און קיין פּאָלטאַווע... מער, הייסט דאָס, ווילט איר גאָרנישט? זייף אַ שטיקל? אַ קעמעלע אַ גוטס, פון די אַנטיקן? ניין? אַ דאַנק אײַך פאַרן פדיון. מײַנע קינדער וועלן זיך מחיה זײַן... אפשר וועט איר פאָרט קויפן אַ בערשטל אַ גוטס? אָדער אַ שניפּס אַ שיינס? אָדער נאָך אַ האַלב טוץ זאַכן, וועל איך אײַך אָפּגעבן וועלוועלער. ניין? איך ווילט נישט? האָט זשע אײַך אַ גוטן תּמיד!...

דער ייִד כאַפּט דאָס היטל און גייט אַוועק. עס קומט אַרײַן אַן אַנדער ייִד, שוין מיט אַ היטל.

— קויפט בײַ מיר זאָקן, פֿעטער, גוטע זאָקן, וואָלוול!

— איך דאַרף נישט קיין זאָקן. — זאָג איך. — אַ דאַנק!

— וואָס הייסט — זאָגט ער — איר דאַרפֿט נישט קיין זאָקן? אָט האָט איר דאָך נאָר־וואָס געקויפֿט אַ האַלב טוץ זאָקן בײַ יענעם! איך בין אויך אַ ייִד אַן אָרעמאַן און אַ מטופּל מיט קינדער, צוויי ייִנגלעך אין דער „אוטשילישטשע", איינער איז בײַ אַ בעל־מלאכה און די קלע־נערע אין חדר... אַ דאַנק אײַך. זײַט געזונט. גאָט זאָל אײַך באַגליקן!...

נאָך דעם ייִדן קומט אָן אַן אַנדער ייִד. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן איבערגעשראָקן פּנים.

— אויב איר ווילט פֿאַרדינען אַ מצווה, איר זאָלט פֿאַרשפּאָרן פֿאַסטן תּשעה־באָב, נעמט צו בײַ מיר אַ רעשטל אין גלײַכן געלט. פֿאַר־בליבן בײַ מיר זאָקן אַ פּאָר טוץ.

— איך דאַרף נישט קיין זאָקן! — זאָג איך. — איך האָב שוין גענוג זאָקן.

— איך גיב זיי אײַך אָפּ אונטערן קרן. — זאָגט ער. — איך דינג מיך מיט אײַך נישט. וויפֿל איר וועט געבן, געבן זאָל אײַך גאָט געזונט און לאַנגע יאָר!... איך האָב אַ זון אין גימנאַזיע, ענדיקט ער הײַנטיקס יאָר, וויל שטודירן אויף דאָקטער. „דו וועסט שוין פֿאַרשפּאָרן, — זאָגט ער — טאַטע, אַזוי האָרעווען. דעמאָלט האָרעווען וועל א י ך שוין, און ד ו וועסט שוין, זאָגט ער, אַביסל אָפּרוען"... אַזוי זאָגט ער צו מיר, מײַן זון. נאָר דערווײַל מוז מען אים אונטערהאַלטן מיט אַ דרײַערל, כאָטש ער פֿאַרדינט שוין, קיין עין הרע, אַליין אַזעלכע צען קאַרבן אַ חודש... בלײַבט געזונט און זײַט מצליח!

נאָך דעם ייִדן קומט אַרײַן אַ ייִדענע מיט אַ טערקישער שאַל און רעדט מיט אַ ניגון:

— דאָס זײַט איר דער אורח פֿון יעהופּעץ?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז איר זײַט געקומען קיין כתרילעווקע קויפֿן זאָקן, האָב איך אײַך געבראַכט עטלעכע טוץ זאָקן אויף אַ מוסטער. בײַ מיר איז אַ פֿאַבריקע פֿון זאָקן. שוין צען יאָר, אַז איך אַרבעט זאָקן...

— ווער האָט אײַך געזאָגט, — זאָג איך — אַז איך קויף זאָקן? איך בין נישט געקומען נאָך קיין זאָקן, איך דאַרף נישט קיין זאָקן!

נאָר די ייִדענע הערט נישט וואָס איך רייד און טוט זיך אירס: זי מאָלט, ווי אַ מיל.

— מײַנע זאָקן האָבן אַ שם אויף גאַנץ כתרילעווקע! קוקט אָן אַ זאָק!... וואָס זאָגט איר אויף דעם זאָק?

— אָבער אין גאַטעס ווילן! — שרײַ איך. — איך קויף נישט קיין זאָקן! איך דאַרף נישט קיין זאָקן!

— אָט ליגן דאָ — זאָגט זי — באַ אײַך זאָקן —

— דאָס האָב איך געבראַכט זאָקן אויף צו פאַרקויפן! — זאָג איך און באַגלייט אַרויס די ייִדענע און פאַרשליס די טיר טאָמער טראָגט מען מיר זאָקן. — ווער קלאַפּט דאָס?

— ס׳איז איך! — ענטפערט מען מיר פון יענער זײַט טיר.

— ווער איז דער „איך”? — פרעג איך און האָב מורא עפענען די טיר, טאָמער טראָגט מען מיר זאָקן. — ווער קלאַפּט דאָס?

— דוד. — ענטפערט מען מיר.

— וואָסער דוד?

— דוד שפּאַן?

— וואָסער דוד שפּאַן?

— דוד שפּאַן דער קאָמיסיאָנער!

— וואָס דאַרפט איר? — פרעג איך אים. — אפשר זאָקן?

— איר דאַרפט — זאָגט ער — זאָקן? אָט טו איך אַ שפּאַן צווישן די קלייטן און ברענג אײַך זאָקן!

— ניין! ניין! — שרײַ איך. — איך דאַרף נישט קיין זאָקן!

איך עפן אויף די טיר, קומט מיר אַקעגן נוח דער שווייצאַר, אָנגעלאָדן מיט בולקעס און מיט בייגל, מיט קיכלעך, פּלעצלעך, קאָרזשיקלעך און פּרענצלעך.

— פון וועמענס וועגן איז דאָס אַזויפיל פּראָוויזיע? — פרעג איך אים.

— וואָס האָט איר יסורים? — זאָגט נוח. — פאַר די הינט וועט מען דאָס חלילה נישט אַרויסוואַרפן. פאַראַן, קיין עין־הרע, ווער ס׳זאָל עסן. איך אַליין האָב זעקס פּיקערס אייגענע, אחוץ צוויי פרעמדע יתומים נעבעך... זאָגט מיר בעסער. וואָס זײַט איר פאַר אַ מאָדנע בריאה

אַזעלכע? איר דאַרפֿט האָבן זאַקן, האָט איר נישט געקאָנט זאָגן מיר? נישט דוודל שפּאַן, ער זאָל אײַך גײן ברענגען זאָקן?

— ווער האָט אים געהייסן — זאָג איך ברענגען זאָקן?

— איך ווייס נישט, — זאָגט נוח — ווער עס האָט אים געהייסן; איך האָב אים געוויס נישט געהייסן! דוודל־גנב וועט אײַך ברענגען זאָקן, וועט זײַן וואָס צו זען! כתרילעווקער זאָקן!...

באַ די ווערטער עפֿנט זיך אויף די טיר און ער קומט אַרײַן אַ געפּאַקט ייִדל מיט רויטע באַקן, מיט אַ פֿאַרשוויצט פּנים און מיט אַ ליולקע־ציבעקל אין מויל. איך מאַך נישט קיין לאַנגע שהיות, נעם אים אָן באַ דער האַנט און ווײַז אים די טיר.

— גייט אײַך געזונטערהייט מיט אײַערע זאָקן צו אַלדי גוטע יאָר! איך דאַרף נישט קיין זאָקן!

— גאָט איז מיט אײַך! — רופֿט זיך אָן צו מיר נוח דער שווייצאַר.

— וואָס טרײַבט איר זיי? דאָס איז דאָך אונדזער בעל־הבית פֿונעם האָטעל!...

— אַזוי גאָר? האָט קיין פֿאַריבל נישט. — זאָג איך צו אים און גיב אים אָפּ שלום, און טראָג אים אונטער אַ בענקל. — איך האָב גע־מיינט, דאָס זײַט איר יענער ייִד, וואָס איז אַוועקגעלאָפֿן מיר ברענגען זאָקן. אַן אומגליק! מע האָט מיך פֿאַרוואָרפֿן מיט זאָקן! אַ מבול פֿון זאָקן! זיצט, איך בעט אײַך.

— אַ דאַנק! איך קאָן באַשטיין! — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית און זעצט זיך אַנידער און פּיפּקעט פֿונעם ליולקע־ציבעקל. — פֿון וואַנען קומט אַ ייִד? פֿון יעהופּעץ? איך האָב דאָרטן אַ באַקאַנטן אין יעהופּעץ. דאָס הייסט, ער זיצט שוין נישט אין יעהופּעץ — ער איז אַריבערגעפֿאָרן פֿון דאָרטן שוין לאַנג, איך האָב מורא, אויב נישט אַ יאָר אַכצן, און אפֿשר טאַקע אַלע נײַנצן... קיין אַדעס, זאָגט מען, איז ער אַריבער־געפֿאָרן; ער האָט דאָרטן קרובים אין אַדעס, ס'איז באַ זיי אַ קאַנטאָר פֿון ווייץ. הווי קאַנטאָרן, איינע אין אַדעס, די אַנדערע אין ניקאָלאַיעוו... די אַדעסער קאַנטאָר מאַכט נישקשה, נאָר די ניקאָלאַיעווער קאַנטאָר מאַכט נישט אַזוי גוט, מחמת ניקאָלאַיעוו איז אַצינד געשלאָגן, שטאַרק געשלאָגן, איבער פֿעאָדאָסיע, זאָגט מען, איבער דעם „פּאָרט", וואָס מע האָט געמאַכט אין פֿעאָדאָסיע. ס'איז הײַנט אַ גאַנצע שטאָט געוואָרן

פעאָדאָסיע. איך האָב אין פעאָדאָסיע אויך באַקאַנטע. אַ פֿײַנע שטאָט, זאָגט מען, פעאָדאָסיע!...

איך זע, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, פֿאַל איך אים אַרײַן אין די רייד און טו אים אַ פֿרעג:

— וואָס האָב איך אײַך אין זינען געהאַט צו פֿרעגן? יאָ. פֿאַר וואָס האָט איר אַ נאָמען געגעבן אײַער אַכסניא „האָטעל טערקאַליאַ״?

— איך געדענק נאָך פעאָדאָסיע — ענטפֿערט מיר דער בעל־הבית — פֿאַר אַ קליין שטעטל... איך בין אַליין, פֿאַרשטייט איר מיך, אַ דאָרטיקער, אַ בעסאַראַבער בין איך, פֿון בעסאַראַביע, פֿון אַ קליין שטעטל דובאָסאַרע. דאָס הייסט, געבאָרן בין איך פֿון בעלץ... איר זײַט געווען אַ מאָל אין בעלץ? אַ פֿײַנע שטאָט בעלץ. נאָר ווי קומט זי צו קעשע־ניעוו?...

— גוט מאָרגן געלע, רעטאַך טראָג איך! — מישט זיך אַרײַן נוח דער שווייצאַר פֿון דער ווײַטן. — איר מעגט ריידן מיטן בעל־הבית אַביסל העכער, ס'איז באַ זיי קאַליע די שמיעה, זיי הערן נישט די וועלט...

איך רוק זיך צו צום בעל־הבית גאַנץ נאָענט און שרײַ אים אָפּ אַ קול גלײַך אין אויער אַרײַן:

— איך פֿרעג, פֿאַר וואָס הייסט עס עפּעס אײַער האָטעל מיט אַזאַ מאָדנעם נאָמען?

— וואָס שרײַט איר אַזוי? — מאַכט ער צו מיר. — איך בין נישט טויב! אַ מאָדנער נאָמען, זאָגט איר? מיט וואָס איז ער אַזוי מאָדנע? „איטאַליע״ איז גוט? „פּאָרטוגאַליע״ איז גוט? און „טער־קאַליע״ טויג נישט?! יענע אַלע נעמען האָט מען פֿאַרכאַפּט פֿרײַער, האָב איך אַ נאָמען געגעבן נאָכן טערק... יאָ, איז ווו האַלט איך? קעשעניעוו! און די מענטשן?... באַ אונדז אין בעסאַראַביע, הערט איר, זײַנען גאָר אַנדערע מענטשן! באַ אונדז אין בעסאַראַביע עסט מען גאָר אַנדערש... באַ אונדז אין בעסעראַביע, אַז מע זעצט זיך עסן, דערלאַנגט מען, הערט איר, צו אַלעם ערשטן די שיינע פֿיש פֿונעם שיינעם טײַך. נאָכדעם — „קאַדע״, דאָס גוט, דאָס פֿעטע שטיקל „קאַדע״. נאָכדעם גיט מען אָפּ דעם גרויסן טעלער די שיינע די ריינע מאַמעליגע, וואָס מע שנײַדט דאָס מיטן גרויסן פֿאָדעם אין דער ברייט. נאָכעם דער־לאַנגט מען די פֿרישע די הייסע פּאַמפּושקעס, און מע פֿאַרטרינקט מיט

דעם אמתן ריינעם בעסעראַבער ווײַן, און מע פאַרבײַסט מיט דעם רעכטן, דעם גוט נאָהוט... אַזאַ מין אַרבעס...

און דער בעל־הבית בשעת מעשה באַלעקט זיך און מאַכט מיר אַן אַפּעטיט צום עסן, און בשעת דער בעל־הבית רעדט פון די בעסעראַבער מאכלים, לאָזט זיך הערן פון איין זײַט אַ געזאַנג פון אַ ליטווישן חזן, וואָס ציקלט זיך, שרײַט און מאַכט מאָדנע העוויות:

ישמחו ב־
מלכותך שו־
מרי שבת ו־
קוראי עונג!...

און דאָס כאָר צעטיילט זיך אויף צוויי; איין העלב כאָר זינגט:

טוראַרירל! טוראַרירל!
טוראַרירל! טוראַרירל!

און דאָס אַנדערע העלבע כאָר האַלט אונטער:

פּים־פּאַם!
פּים־פּאַם!
פּים־פּאַם!

און פון דער אַנדערער זײַט הערט זיך אַ געזאַנג פון די „אַקטעיורן":

פּי - סע - לעך!
און פּי - סע - לעך!
און לעבעדיקע!
פּי - סע - לעך!
אויף מיר אַזאַ יאָר!...

אויך דער משרת, וואָס פּוצט די שטיוול הינטער מײַן טיר, טוט אַלע מאָל אַ שפּײַ אָפּ אין בערשטל און זינגט אַ לידל:

האָב איך אַ שוויגער,
האָט זי אַן איי־איי־איי־דעם!
שלאָגט ער איר טאָכטער,
ציטערט דער ביי־איי־איי־אײדעם!

און נאָך אַ געזאַנג לאָזט זיך הערן: אַ קול פון אַ ייִדענע, וואָס זי שילט דעם מאַן. דאָס זוכט די בעל־הביתטע דעם בעל־הבית אין אַלע נומערן, און הערט נישט אויף צו שילטן אים מיט משונה־מאָדנע קללות, וואָס לאָזן זיך אויס, מיינסטנס, מיט אַ גראַם:

אַ מכּה, אַ צרה! אַ שלאַק, אַ כּפּרה!
אַן אויסגוס, אַ קללה! אַ קלאָג, אַ יללה!
אַ פֿײַער, אַ שׂרפֿה! אַ מהומה, אַ מגפֿה!...

— איר וועט עסן מיטן בעל־הבית און מיט דער בעל־הביתטע?
— מאַכט צו מיר נוח דער שווייצאַר אַף דער טיר. — צי איר וועט גיין עסן אין אַ רעסטאָראַציע?
— אין אַ רעסטאָראַציע! — זאָג איך. — אין אַ רעסטאָראַציע!...

ג.

כּתרילעווקער רעסטאָראַנען

„כּשר! בכּאן עסט מען פֿריש און וואָלוול! שׂרה אינדיק".

איבערגעלייענט אַזאַ מין אויפֿשריפֿט, קלעטער איך אַרויף אַף גלי־טשיקע טרעפּ, אַפֿן צווייטן שטאָק פֿון אַ רויטן נאַקעטן מויער, און כאַטש די ריחות, וואָס לאָזן זיך הערן אַף די טרעפּ, זײַנען עפּעס נישט אַזוי אָנגענעם פֿאַר דער נאָז, נאָר אַ הונגעריקער מאָגן קלײַבט נישט איבער.

— ווו איז דאָ ערגעץ שׂרה אינדיק? — טו איך אַ פֿרעג בײַ אַן אַלטן ייִדן מיט אַ געל פּנים, וואָס זיצט אַף דער ערד און פֿאַרריכט אַן אַלטן מאַטראַץ.

— ווײַט! — מאַכט צו מיר דער אַלטער און טוט אַ פּאַטש דעם מאַטראַץ, און עס גייט פֿון אים אַ גרין רויכל.

— אַוועקגעפֿאָרן? — פֿרעג איך אים.

— אַוועקגעפֿאָרן! — מאַכט צו מיר דער אַלטער און שאָקלט מיטן קאָפּ. — אַוועקגעפֿאָרן אַף אייביק!...

— געשטאָרבן? ברוך דיין אמת! — זאָג איך און וויל מיך אַרויס־כאַפּן צוריק.

— יאָ, — מאַכט ער — געשטאָרבן. ערב פּסח ווערט זעקס יאָר, אַז זי איז געשטאָרבן. גלייבט מיר, איך האָב זי נאָך נישט פֿאַרגעסן

אַף קיין מינוט אַפילו! ווי קאָן מען דען אַזעלכעם פאַרגעסן? איר קאָכן, איר באַקן, איר באַגיין זיך מיט דער וועלט, איר ריידן מיט אַ מענטשן און איר צוטרעפן מיר מײַן שגעון! נאָר איך פאַרשטיי נישט — איך באַדאַרף אײַך דערציילן? איר האָט דאָך זי מסתמא געקענט?

— פון וואַנען — זאָג איך — האָב איך זי געזאָלט קענען, אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל אַף מײַן לעבן אין כתרילעווקע?

— הערסט! הײַנט וואָס זשע — זאָגט ער — פרעגט איר זיך נאָך אַף שׂרהן?

— איך פרעג גאָר נישט אַף שׂרהן. — זאָג איך. — איך פרעג, צי דאָ איז דער רעסטאָראַן „שׂרה אינדיק", וואָס סע שטייט אויפגעשריבן אַף דער וואַנט? איך וויל עפּעס עסן.

— עפּעס עסן? — מאַכט ער צו מיר. — הערסט! הײַנט וואָס זשע שווײַגט איר? רחל! רחל!

און עס באַווײַזט זיך אַ שוואַרצהנעוודיק ווײַבל מיט שוואַרצע לאַנג־דיקע אייגעלעך, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט מעל אַף די הענט, אַפן פאַרטעך און אַפן פּנים.

— וואָס איז שוין ווײַטער? — רופט זיך אָן דאָס שוואַרצהנעוו־דיקע ווײַבל, טוט זיך אַ וויש די נאָז מיטן אַרבל, וואָס אַף דער זײַט עלנבויגן. — מע לאָזט נישט איבערזיפּן די מעל! אַלע מינוט: רחל! רחל!

— זיי ווילן עפּעס עסן. — מאַכט צו איר דער אַלטער און הערט נישט אויף צו פּאַטשן דעם מאַטראַץ.

— עפּעס עסן? — רופט זיך אָן דאָס ווײַבל מיט אַ מאָדנע מין געזאַנג, ווי מען איז מעביר די סדרה, און טרייסלט אויס דעם פאַרטעך און פאַרשיט מיר די אויגן מיט מעל. — וואָס ווילט איר עסן?

— וואָס האָט איר? — זאָג איך צו איר מיטן זעלבן ניגון, וואָס זי.

— וואָס ווילט איר? — זאָגט זי נאָך אַ מאָל מיטן אייגענעם ניגון.

— וואָס איך וויל? — זאָג איך. — המ... פיש איז דאָ בײַ אײַך געפילטע?

— נאָכן מאַרק פיש? — זאָגט זי — אַ שיינע מעשׂה!

— נו, לאָז זײַן באָרשטש, — זאָג איך — אַז נישט קיין פיש.

— ווו האָט איר געזען — זאָגט זי — נאָך האַלבן טאָג באָרשטש? אַ באָרשטש דאַרף זיך קאָכן — דאָס ווייסט איר, צי ניין?

— אַלצדינג — זאָג איך — באַדאַרף זיך קאָכן.

— אַבי איר ווייסט, — זאָגט זי — איז גוט!

— נו, — זאָג איך — איז קיין ראָסלפליישׁ אויך נישטאָ?

— פון וואַנעט — זאָגט זי — האָט זיך גענומען אַ ראָסלפלייש? ס'איז געווען אַ ראָסלפלייש, האָט מען אים אויפגעגעסן.

— נו, — זאָג איך — לאָז זײַן אַ יויך!

— מיט וואָס, — זאָגט זי — ווילט איר, זאָל זײַן די יויך? מיט מאַנענגרײַפּעלעך, מיט אַ מצהלע, צי מיט מאַנדלען (אַ פּתח פאַרבײַט זיך בײַ איר אָפט אויף אַ קמץ).

— לאָז זײַן — זאָג איך — מיט וואָס איר ווילט, אַבי אַ יויך!

— אויף ווען, — זאָגט זי — ווילט איר, זאָל זײַן די יויך?

— וואָס הייסט, — זאָג איך — אויף ווען? אויף באַלד!

— וואָס הייסט, — זאָגט זי — אויף באַלד? איר ווילט דאָך מסתמא אַ יויך זאָל זײַן פון עוף? וואָסער טעם האָט אַ יויך אָן עוף? און אָן עוף באַדאַרף מען ערשט כאַפּן, שיקן צום שוחט, אָפּפליקן, מאַכן, זאַלצן, אָפּגיסן, אויסווייקן און צושטעלן. עס קאָן אַרויסקומען הלוואי אויף דער נאַכט.

— גיט זשע מיר אַזוי — זאָג איך — וואָס נישט איז: אַ שטיקל פלייש, אַ ביסל זופּ, אַ פּרעזשעניצע פון עטלעכע אייער, אָדער עפּעס געזאַלצנס, טאָמער האָט איר?...

— אַ מאָדנער ייִד! — רופט זי זיך אָן צום אַלטן. — אַלצדינג גלוסט זיך אים... אַ הערינג, אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך מאַכן.

— לאָז זײַן אַ הערינג, — זאָג איך — אַבי גיכער.

— ווי אַזוי ווילט איר? — זאָגט זי. — מיט אַ ציבעלקע?

— מיט אַ ציבעלקע.

— און מיט עסיק אויך?

— מיט עסיק אויך.

— און מיט בוימל אויך?

— מיט בוימל אויך.

זי טוט ווידער אַ טרייסל דעם פאַרטעך, קאַטשעט־אויף די אַרבל, לאָזט זיך גיין נאָך אַ הערינג און קערט זיך אום צוריק.

— ווי אַזוי האָט איר ליב אַ הערינג זאָל זײַן — מיט אַ מילעך? צי מיט אַ רויג?

— לאָז ער זײַן ווי ער וויל זיך, — זאָג איך — אַבי לאָז ער שוין זײַן.

— געריי‌כערטע פישלעך עסט איר?

— פאַר וואָס נישט? — זאָג איך.

— און אַדעסער קעפאַליען? — זאָגט זי.

— בכבוד גדול! — זאָג איך.

— איך ווייס אָבער נישט, — זאָגט זי — צי זיי זײַנען שוין דאָ? מיר דאַכט, אַז זיי זײַנען נאָך נישטאָ, און אפשר זײַנען זיי שוין דאָ?... ניין, ס'איז נאָך פרי!... פונדעסטוועגן וועל איך גיין זען, טאָמער זײַנען זיי שוין דאָ...

רחל לאָזט זיך גיין און קערט זיך אום צוריק.

— אַף יידישן קאַלבאַס זײַט איר אַ בעלן?

— אָך! — זאָג איך. — אדרבה, קויפט, קויפט קאַלבאַסן, איך האָב ליב קאַלבאַסן.

— איר מיינט דאָך אַוודאי וואַרשעווער קאַלבאַסן?

— נו יאָ! — זאָג איך. — געוויינלעך, וואַרשעווער!

— אַזוי! — זאָגט זי. — וועט איר מוחל זײַן זיך דורכפאָרן קיין וואַרשעווע, וועט איר דאָרט עסן וואַרשעווער קאַלבאַסן. בײַ אונדז פאַר־קויפט זיך כתרילעווקער קאַלבאַסן, פון אונדזער אייגענער כתרילעווקער פאַבריקע, באַדאַרף מען האָבן צו זיי אײַזערנע ציין! שנײַדן מיט אַ מעסער איז אוממעגלעך, סײַדן האַקן מיט אַ האַק — דער שוואַרצער יאָר ווייס זיי, וואָס זיי שטופּן אַן אַהינצן, וואָס ס'איז אַזוי האַרט? מע האָט אַנומלטן צעהאַקט אַ קאַלבאַס, האָט מען געפונען אַ טשוואָק. אַפנים, זיי לייגן אַרײַן טשוועקעס, סע זאָל גיין גוט אַף דער וואָג?...

— טאָמער וואָלט געוועזן גענוג ריידן? — רופט זיך אָן דער אַל־טער. — גיי און ברענג צו טראָגן, און אַן עק זאָל דאָס האָבן האָבן!

— וואָס הייסט, גלאַט ברענגען צו טראָגן? מע באַדאַרף דאָך וויסן וואָס ברענגען! איטלעכער האָט זיך זײַן משוגעת. אָט האָסטו, אַשטייגער, ליב געפּרעגלטע פיש; און אַנדערע האָבן פײַנט געפּרעגלטע, האָבן ליב באַק־פיש... צי, אַשטייגער, פאַראַן אורחים בײַ אונדז אַזעלכע, וואָס הייסן זיך אָפּקאָכן געהירן און עסן דאָס צעהאַקטערהייט מיט אַ ציבעלקע און מיט שמאַלץ... און ווידער איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן ליב אין מיטן דער וואָך פּעטשאַי מיט צוגעטריקנטע פּענעצלעך

מיט קנאָבל... און פֿאַראַן אַזעלכע פּרעסער, וואָס וועלן אײַך אוועקגעבן די נשמה פֿאַר אַן אָנגעפּילטע קישקע מיט פֿאַרפֿל... און פֿאַראַן ווידער אַזעלכע, וואָס איר זאָלט זיי גילטן, זיי זאָלן אײַך נעמען אין מויל אַרײַן אַן עסיקפֿלייש!...

— איך בעט אײַך, — זאָג איך — ברענגט מיר וואָס איר וועט שוין ברענגען, וואָרעם איך בין טויט־הונגעריק!

רחל גייט אוועק, און דער אַלטער רופֿט זיך אָן צו מיר:

— נײַן מאָס רייד!

— ס'איז אײַערע אַ טאָכטער? — פֿרעג איך אים.

— וואָסער טאָכטער? — מאַכט ער צו מיר. ס'איז מײַן ווײַב, דאָס אַנדערע ווײַב בײַ מיר. עך־עך־עך! אַוודאי איז דאָס נישט יענע... יענע, עליה השלום, איז געווען אַ ייִדענע, וואָס מע קריגט זי נישט!... דאָס הייסט, איך האָב צו דער אויך גאָרנישט; זי האָרעוועט נעבעך זייער געטרײַ. אַז אָך און וויי איז איר!... אָט דאָס שטיקל מאַטראַץ, וואָס איר זעט, איז אונדזער גאַנץ בעטגעוואַנט... און דערצו בין איך אַ קראַנקער און אַ קאַפּריזנער! אויסשטיין מײַן שגעון — באַדאַרף מען זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן! דאָס הייסט, בטבע בין איך דווקא אַ גוטער, נאָר מיך אַז מע דעררגזנט מיט אַ וואָרט, איז חיות נישט זיכער — וואָס סע קומט מיר אין האַנט פֿליט דאָס אין קאָפּ אַרײַן!... אָט אַזאַ ספּיל־שליווער בין איך!... איר מיינט, איך האָב דאָס איר נישט געזאָגט פֿריִער, איידער איך האָב זי גענומען? איך האָב איר געזאָגט, אַז קיין האָניק וועט זי בײַ מיר נישט לעקן! זי וועט זײַן צופֿרידן, אַז עס וועט זײַן אַ שטיקל ברויט אין שטוב. פֿון פֿלייש און פֿון מילך שמועסט מען נישט. און האָרעווען — האָב איך איר געזאָגט פֿריִער, אַז זי וועט האָ־רעווען פֿאַר דרײַ...

— צוליב וואָס זשע האָט זי אײַך גענומען? — פֿרעג איך אים.

— וואָס הייסט — מאַכט ער צו מיר פֿאַרוווּנדערט — צוליב וואָס? און די שטוב איז בײַ אײַך אַ הונט?

— וואָסער שטוב? — זאָג איך. — אָט דער מויער איז דען אײַערער?

— ניין! — מאַכט ער צו מיר מיט אַ געלעכטער. — איך מיין די „רעסטאָראַציע”, וואָס איך האָב. ס'איז שוין בײַ מיר אַן אײַנגעפֿירט געשעפֿט פֿון כמה וכמה יאָרן. אָט ווי ס'איז נישט געשלאָגן איצטער די

פּרנסה, פונדעסטוועגן איז פּאַרט אַ שטוב! ווען איר טוט אַ קוק אויף מײַן רחלען, אַז זי טוט זיך אָן און גייט אַרויס אויפן שפּאַציר, וואָלט איר געמיינט, ס'איז אַ גראַפיניע! זי איז טאַקע, קיין עין־הרע, זייער אַ שיינע. איצט איז זי שוין אַביסל „אָפּגעבליאַקעוועט". איר זאָלט זי געזען זען פריִער מיט עטלעכע יאָר!...

— וויפל קינדער האָט איר? — מאַך איך צו אים.

— טע־טע־טע! — מאַכט ער צו מיר. קינדער! אָט דאָס איז די גאַנצע צרה, וואָס איך האָב קיין קינדער נישט!... אַביסל בראָנפן וועט איר נעמען? וועל איך אײַך געבן אַ ביסל „שפּירעט".

— אָך, — זאָג איך — מיטן גרעסטן כבוד!

— איך וועל אײַך געבן אין אַ פינצטערער כלי. — מאַכט צו מיר דער אַלטער און שלעפּט אַרויס פון בוזעם־קעשענע אַ פלעשל און אַ קליין געגלייזט טעפּעלע און גיסט מיר אָן אַביסל „שפּירעט". דאָס ביסל „שפּירעט" מאַכט מיר נאָך אַ גרעסערן אַפּעטיט, און איך פיל, אַז עס עקט זיך מיר דאָס חיות.

עס קומט רחל מיטן הערינג און טוט זיך אַ פּאַטש מיט ביידע הענט איבערן קליידל:

— אוי, אַ דונער איז מיר! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז אין שטוב איז נישטאָ נישט קיין בולקע און נישט קיין ברויט! וואָס פאַר אַ געבעקס האָט איר ליב? יידישן קוילעטש, צי פראַנצאָלים, צי גאָר קאָרן־ברויט?

— וואָס איר וועט דערזען פריִער — זאָג איך — אָט דאָס זאָלט איר קויפן! איך בעט זייער, איר זאָלט מיך מער נישט פרעגן וואָס איך האָב ליב! איך האָב אַלצדינג ליב!

— אַ קאַפּריזנער אורח! — זאָגט רחל. — פערעבענדעוועט נאָך מער ווי מײַן מאַן!... מײַן מאַן וואָלט אַ בעלן געווען אַלע טאָג אַ פרישן פּידפּאַלעק... אַלט־געבאַקן ברויט נעמט ער נישט אין מויל ארײַן... קאָן דען זײַן אַלע טאָג פריש געבעקס? דאָס קאָן אויספירן סײַדן קאַביליאַנסקי...

— נו, גיי שוין, גיי! — זאָגט צו איר דער אַלטער. — זעסט דאָך, אַז זיי חלשן עסן!...

רחל גייט אַוועק נאָך געבעקס און עס קומט ארײַן אַ יידענע אַ הויכע מיט איין אויג: איין האַנט האַלט זי אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האַנט קראַצט זי זיך אין אויער.

— וואָס טוט מען, רב משה־יאַנקל, גיט מיר אַן עצה? — זאָגט די הויכע ייִדענע צום אַלטן. — בײַ מײַן שמואלקן האָט זיך שוין ווידער צעשפּילט אַן אויערל...

עס קומט אַן רחל מיטן געבעקס און מאַכט מיר דעם הערינג, און די הויכע ייִדענע הערט נישט אויף אויסצומאָלן, ווי עס רינט בײַ איר שמואלקן פון אַן אויערל... זי האָט מורא, זי וועט ווידער מוזן אָנקומען צום רופא — ווייס זי נישט, צו וואָסער רופא זאָל זי גיין? דען צו וואָסער רופא זי זאָל נישט גיין, ווייס זי פריִער, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן, מחמת די כתרילעווקער רופאים, דער רוח זאָל זיי נעמען, זײַנען גוטע בלוטצאַפּערס! אַ כתרילעווקער דאָקטער אַז איר גיט חלילה ווינציקער ווי אַ גילן, טוט ער אײַך אַ שמיץ אין פּנים אַרײַן! ס'איז אים קאַרג צו קרענקען, דעם פּראָפעסאָר!...

— גיט עפּעס אַ נדבה אַ קראַנקן! — מאַכט אַ ייִד מיט אַ בלוי פּנים און ציט אויס אַ קליין אויסגעטריקנט הענטל, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן לכתחילה פאַר אַ סגולה אַף בעטן נדבות.

— גיט עפּעס אַ נדבה אַ ווייסטן קאַליקע! — רופט זיך אָן אַ נפש, וואָס גייט אַף די הענט, מחמת ביידע פיס זײַנען בײַ אים צונויפגעפלאָכטן און אונטערגעבויגן אונטער זיך.

— גיט עפּעס אַ נדבה אַ חולה־נופלדיקן!...

איך וואַרף אַוועק אין מיטן דער „סעודה", איך צערעכן זיך פאַרן עסן און אַנטלויף פון דער „רעסטאַראַציע" ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט!

ד.

כתרילעווקער ווײַן און כתרילעווקער שכורים

„נאָך אַזאַ מיטאָג וואָלט געווען גוט פאַרטרינקען מיט אַ גלעזל ווײַן", — אַזוי טראַכט איך מיר און דערזע אַן אויפשריפט: „בכאן מוכרים יי"ג, מעד וביער למקח השוה".

איך לאָז מיך אַראָפּ אין אַ פינצטערן קעלער, צווישן פעסער און פעסלעך, צעבערס און פלעשלעך, און דערזע, בײַ דער זײַט זיצט אַ היפשער בחור מיט אַן אונטערגעבונדן געשוואָלן פּנים איבער אַ מולטער און האַקט ראָזשינקעס מיט אַ האַקמעסער.

— ווו איז ערגעץ דער בעל־הבית ? — פרעג איך דעם בחור.

— דער בעל־הבית ? — מאַכט צו מיר דער בחור און נעמט אָן אַ פולע זשמעניע מיט ראָזשינקעס, טוט אַ שמיר איבערן מויל און כראָמקעט מיט די ציין גאַנץ געשמאַק. — דער בעל־הבית איז אין קאַמער, ער מאַכט „ווימאָראָזיג".

— וואָס הייסט — זאָג איך — ער מאַכט „ווימאָראָזיג" ?

— איר ווילט וויסן, — מאַכט צו מיר דער בחור — ווי אַזוי מע מאַכט „ווימאָראָזיג" באַ אונדז אין כתרילעווקע ? מע נעמט ראָזשינקעס און מע האַקט און מע האַקט, און מע האַקט זיי אַרײַן אין אַ גרויס פאַס אַרײַן, מע בויטעט אָן דאָס איבעריקע מיט וואַסער פון דער גנילאָפּיאַטקע און מע מישט אַרײַן האָפּן, הייבט דאָס אָן צו שפּילן, און אַז סע צעשפּילט זיך, ווערט אַ געשטאַנק, אַז מע קאָן דערוואָרגן ווערן ! נעמט מען אַ פּאָר עמער „שפּירעט" און מע האַקט־אַרײַן עפּעס אַ מין פּראָשעק אַזעלכן, וואָס סע קאָסט אַ גילן אַ פּוד ; נאָכדעם זײַט מען דורך דעם גאַנצן ווײַן דורך אַ גוייִשן העמד און מע שרײַבט אָן מיט קרײַד אַף דער פאַס : „ו י מ אָ ר אָ ז י ג אַ ק ע ר מ אַ ן". און אַז איר ווילט, דער ווײַן זאָל זײַן רויט, נעמט מען דעם אייגענעם ווימאָראָזיג און מע פאַרפאַרבט אים מיט גאַלעש־טינט און מע שרײַבט אָן מיט קרײַד אַף דער פאַס : „ז מ י ר ע ר פ ע אָ ד אָ ס י ע", אָדער „א ו נ ג ע ר ש ע ר מ אַ ל אַ ג ע"... און כתרילעווקער מבינים זשליאָקען די דאָזיקע קאַקאַפּיציע און לעקן די פינגער... שאַ, אָט גייט דער בעל־הבית, אַרויסגיין זאָל פון אים די פּאַרע !

דערזען דעם בעל־הבית גיין, הייבט דער בחור אָן צו האַקן די ראָזשינקעס מיט אַלע כוחות.

— וואָס האָט איר געוואָלט ? — מאַכט צו מיר דער בעל־הבית, אַ רויטער ייִד, נישט קיין הויכער, מיט אַ הייזעריק קול און מיט איין אויג אָן אָפּענעם, וואָס אַפילו אַז ער שלאָפט, מוז ער דאָס אויך, אַפּנים, האַלטן אָפן.

— אַ גלעזל ווײַן. — זאָג איך.

— אַ לאחדים־גלעזל־ווײַן ? — מאַכט ער צו מיר, דרילעוועט אַן אויער און קוקט אַף דער סטעליע.

— אַ לאחדים־גלעזל־ ווײַן. — זאָג איך.

— וואָס זשע — זאָגט ער — האָט איר זיך אַראָפּגעלאָזט אין

קעלער? פאַר וואָס זײַט איר נישט אַרויפגעגאַנגען אויבן? קריכט אַרויף און נעמט זיך, זײַט מוחל, רעכטס!

איך קריך אַרויף און נעם מיך רעכטס און קום אַרײַן אין אַ פינצטערן חדר, פול מיט רויך און מיט בלאָטע. עס שטייען עטלעכע טשאַכאַטעטשע־נע הינקענדיקע בענקלעך, און יידן זיצן, רייכערן פּאַפּיראָסן און טרינקען „ווימאַראַזיג". זיי זינגען נישט, שרײַען נישט, שלאָגן נישט מיט די הענט אין טיש אַרײַן און באַווײַזן נישט קיין שום מיאוסע שטיק; וואָס דען טוען זיי? זיי זיצן און זויפן דעם „ווימאַראַזיג" פון די גלעזלעך, פאַר־רייכערן אַ פּאַפּיראָס, זיפצן און קרעכצן און ריידן שטילערהייט. אָט זיצן צוויי יידן בײַ אַ טישל, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. מע זעט, אַז ס'איז בײַ זיי אויסגעגאַנגען ווערטער. כאַפּט זיך אויף איינער:

— וואָס זאָגסטו, שמעון־דוד, אויף דעם „ווימאַראַזיג", האַ?

— וואָס זאָל איך זאָגן אויף דעם „ווימאַראַזיג"? — כאַפּט זיך אויף דער אַנדערער, ווי פונעם שלאָף. — ס'איז אַ „ווימאַראַזיג" פון גאָט! ס'איז שוין איין מאָל אַ „ווימאַראַזיג"!

— מע באַדאַרף אים פרעגן, צי וועט ער האָבן פון דעם אייגענעם „ווימאַראַזיג", אם־ירצה־השם, אויף פּסח?

— דו זאָרגסט זיך שוין פאַר פּסח? ביסט שוין, אַפּנים, אַ באַ־וואָרנטער מענטש אַרום און אַרום, נאָר פּסחיקער „ווימאַראַזיג" גייט דיר אָפּ?

— וואָס דען, איך בעט דיך, אַז אָך און וויי איז מיר!

— אַז אָך און וויי איז טאַקע דיר, אַז דו באַדאַרפסט זיצן אָט־אָ־דאָ אַ גאַנצן טאָג, אויסבאַהאַלטן זיך פונעם ווײַב, זי זאָל נישט מאָנען אויף שבת.

— דערמאָן מיך נישט דאָס ווײַב, גיב מיר בעסער מיט אַ פּיסטויל אין האַרצן! וואָס קאָן איך איר געבן? צרות קאָן איך איר געבן, אַז אָך און וויי איז מיר!

— דו מיינסט מיר איז בעסער? אַז אָך און וויי איז מיר אויך!

— איך ווייס, אַז דיר איז אויך נישט בעסער, אַז אָך און וויי איז אונדז ביידן! לחיים! לאָמיר זײַן געזונט...

נאָך צוויי יידן זיצן בײַ איין טישל, איינער מיט אַ גאַנצער קאַפּאָטע, און דער אַנדערער מיט אַ צעריסענער קאַפּאָטע. דער וואָס מיט דער

גאַנצער קאַפּאָטע רעדט, און יענער וואָס מיט דער צעריסענער קאַפּאָטע קוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן און שאָקלט צו מיטן קאָפּ.

— פאַרשטייסטו שוין, וויאַזוי לווי־יצחק דרייט אוים אַ גע־שעפּט?... לווי־יצחק קאָן זיך אַרײַנדרייען און דרייען און פאַרדרייען אי זיך, אי יענעם, און סוף־כּל־סוף פּאַרט אויסדרייען! וואָרעם איך, אַז איך טרעט־צו צו אַ געשעפט, שמעק איך פריִער, שאַ, פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט... און אַז איך שמעק גוט אָן ווו עס האַלט, טו איך מיר אַ פּאַרקע הינטן אַרום — דאָס, יענץ, לאָקש, בוידעם, ציבעלע, טאָמער אַזוי, טאָמער אַזוי, וואָס וועט אײַך אָרן, ממה־נפשך, ווי זאָגט ער: גוט איז אַ חיי־שעה!... אי, טאָמער טוט מיר יענער אַ קוק־אַוועק און איך דערזע, אַז ס'איז אַף צרות, אַף קידער־ווידער? טרעט איך מיר אָפּ אָן אַ זײַט און — שאַ! לאָז זיך עס טאָן אָן מיר!... אויב ס'איז באַשערט, וועט דאָס נישט אַוועק, און אַז מע וועט באַדאַרפן פּאַרקען, וועט מען פּאַרקען... פאַראַן אַ פּייטערבאַרג איז פאַראַן!... מיר ווייסן שוין, ווו אַ טיר עפנט זיך, מיר פאַרשטייען דאָס מין... מיר קענען די עברי וואָס מע דאַרף... טאָמער דאַרף מען שרײַבן, געפינט מען שוין דעם, וואָס ער שרײַבט... דער עיקר איז, ס'זאָל זײַן שטיל — ששש!!! (ער טוט זיך אַליין אַ בים דעם קולאַק און ווערט שטיל).

נאָך עטלעכע ייִדן מיט פאַרשיידענע קאַפּאָטעס און אַלערליי קאַש־קעטן זיצן באַ איין טישל און ריידן אַלע מיט אַ מאָל, אַזוי, אַז זייערע ווערטער ווערן צונויפגעגאָסן אינאיינעם, און עס קומט אוים אַ מישמאַש פון מסחר, פון פּאָליטיק, פון „ווימאַראַזיג", פון אַמאָליקע יאָרן פון הײַנטיקע קינדער, פון דאָקטוירים, פונעם טראַמוואַי, פון דער טאַקסע, פון אַ רוח־אין־די־כתרילעווקער־נגידימס־טאַטן־אַרײַן — ס'איז שווער אַרויפצוכאַפּן אַפן פּאַפּיר דאָס, וואָס סע ווערט דאָ גערעדט. און באַ דער זײַט שטייען ווילד־פרעמדע ייִדן, וואָס טרינקען נישט קיין „ווימאַראַזיג", נאָר זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אַהער גלאַט אַזוי, הערן וואָס מע רעדט טאַקע, און אין איין וועג זיך אָנוואָרעמען...

נאָך אַ קאָמפּאַניע ייִדן זיצן אַרום טיש, טרינקען „ווימאַראַזיג" און זינגען אַ לידל, און דווקא אַף גוייִש; נאָר שטיל, אָן געפּילדער, מיט זייער אַ וויינענדיקן נוסח, ווי מע זאָגט סליחות אָדער תהילים:

אברהמניו! אברהמניו!
אָבינו טי נאַש!
טשעמו טי נע פּראָסיש
אלהינו נאַש!
אַלבאַ נאַם וויקאָפּיט,
אַלבאַ נאַם וויפּראָסיט —
לאַרצנו נאַשו,
לזעמליו נאַשו! ?...

אַז עס האַלט באַם „וויקאָפּיט", מאַכן זיי דאָס מיט אַ שטורעם, מיט אַ ירגזון, דאָס הייסט, מיט שטאַרקייט; נאָר אַז עס קומט צום „וויפּראָ־סיט", ווערן זיי מיט אַ מאָל ווייך, בייגן־איַין די קעפּ און מאַכן מיט די הענט, ווי, להבדיל, אַ פרומער חזן ימים־נוראים פאַרן עמוד. און באַם „לאַרצנו נאַשו, לזעמליו נאַשו" צעוויינען זיי זיך טאַקי מיט טרערן, ווי קליינע קינדער...

— עי־עי־עי־עי! — רופט זיך אָן איינער פון דער קאָמפּאַניע, אַ ייִד, וואָס דאָס קאַשקעטל ליגט אים שוין אַף יענעם האַלבן קאָפּ, די אויגן זיַינען באַ אים ווי שלעפעריק און די צונג פּלאָנטעט זיך שוין אביסל צווישן די ציין. — וואָס וואָלט געווען אַשטייגער, כדומה למשל, מע זאָל אונדז אָפּגעבן, הייסט דאָס, ארץ־ישראל? הא, יאַנקל? וואָס זאָגסטו, יאַנקל? דו ביסט דאָך עפּעס אַ יודע־נגן!

— ארץ־ישראל? — זאָגט יאַנקל, ציט־אויס דעם האַלדז און קראַצט זיך אונטערן קאָלנער. ארץ־ישראל? ע. ס'וואָלט אוודאי געווען נישט שלעכט... עפּעס טוען זיי, זאָגט מען, דאָך אין דעם — וויאַזוי הייסן זיי? די... די... די...

— די ציוניסטן? — כאַפּט אים אונטער נאָך איינער. — בלאָטע! ס'וועט גאָרנישט זיַין פון דעם!

— פאַרוואָס? עפּעס באַדאַרף דאָך זיַין אַלצדינג מיט אַ טעם!

— אַזוי. מסתמא ווייס איך, אַז איך זאָג. איך האָב פיַינט ריידן גלאַט אַזוי. דו ווייסט דאָך, אַז איך זאָג, איז געזאָגט!

— איר זיַיט אַלע בהמות! — רופט זיך אָן אַ ראַקאָוואַטע ייִדל מיט אַ ליוסטרינענער קאַפּאָטע, רעדט פּאַוואָליע, ציילט די ווערטער, לייגט אַרויף דעם פינגער אַף דער נאָז, האַלט דאָס מויל אין אַ זיַיט און שמייכלט צו זיך אַליין זייער געשמאַק, און די בעקלעך פלאַמען אים.

— איר זײַט פערד, ווי איך בין אַ ייִד, אוי, זײַט איר פערד! איך קוק און שווײַג און הער זיך צו, וואָס איר רעדט: ציוניסטן, שמיוניסטן, קעבעבע מיט לאַקרעץ!... איך זע־אַרויס, אַז איר ווייסט קיינער נישט מה דקאמרי רביצין! אויב איר ווילט, וועל אַ י ך אײַך זאָגן וואָס דאָ ליגט! די מעשה דערפון איז אַזוי... נאָר הערן זאָלט איר מיט קאָפּ!...

ער נעמט דאָס בערדל איז מויל אַרײַן, פאַרמאַכט די אויגן, טראַכט לאַנג־לאַנג און כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף און טוט אַ מאַך צום בעל־הבית, קנאַקט־צו מיטן פינגער:

— רב זײַט־זשע מוחל! הייסט געבן נאָך אַ פלעשל „ווימאַראַ־זיג”!...

ה.

כתריל‌עווקער טעאַטער

אַרויסגעגאַנגען פונעם ווײַן־קעלער, האָב איך דערזען אַן אַפיש מיט גרויסע אותיות, אַף ייִדיש, אָפּגעדרוקט די דאָזיקע ווערטער:

„דאָס ערשטע מאָל אין כתריל‌עווקע!
„דאָס ייִדישע טעאַטער!
„דער אמתער אַדלער פון אַמעריקאַ!
„דער גרעסטער קאָמיקער פון דער וועלט!
„איר וועט צעגיין פאַר געלעכטער!
„אַזאַ באָבע יאַכנע איז נאָך נישט געוועזן זינט די וועלט שטייט!
„אַזאַ האָצמאַך, ווי בא אונדז, איז נאָך גאָר נישט געבוירן געוואָרן!
„הײַנט שפּילט מען אַ שפּאָגל־נײַע אָפּערע:

! ק אָ ל ד ו נ י אַ !

„ייִדן! פאַרזעצט וואָס איר האָט!
„ייִדן; גייט אין טעאַטער!
„ייִדן! איר וועט זיך מחיה זײַן!
„ייִדן! לויפט!
„בילעטן קויפט!
„גיכער! גיכער!
„ווי אַ וויכער!”...

אונטן גייט געחתמעט: דער רעזשיסער, דער דיריזשער און דער אנטרעפרינער — טאקע אדלער אליין, דער אמתער אדלער פון אמעריקא, דער גרעסטער קאמיקער אין דער וועלט.

— איר ווייסט נישט, ווו איז דא ערגעץ דאס יידישע טעאטער? —טו איך א פרעג א יידן, וואס לויפט פארביי מיר מיט א פעקל סחורה אונטער דער האנט.

— דאס יידישע וואס? — מאכט צו מיר דער ייד מיטן פעקל סחורה און שטעלט זיך אפ און באטראכט מיך פון קאפ ביז די פיס.

— דאס יידישע טעאטער — זאג איך.

— וואסער טעאטער? — זאגט ער.

— דאס טעאטער, — זאג איך — וואס מע שפילט דארט.

— ווער שפילט דארטן? — פרעגט ער מיך.

— אדלער — זאג איך — שפילט דארטן.

— וואסער אדלער? — מאכט ער צו מיר.

— אדלער, — זאג איך — דער אמתער אדלער.

— פון וואנען איז ער? — מאכט ער צו מיר.

— פון אמעריקע — זאג איך — איז ער.

— פון אמעריקע? — מאכט ער צו מיר. — וואס זשע טוט ער הי?

— ער שפילט דא — זאג איך — אינעם יידישן טעאטער.

— וואס זשע שפילט ער? — זאגט ער.

— „קאלדוניא" — זאג איך — שפילט ער.

— וואס זשע הייסט דאס „גאלדוניע"? — מאכט ער צו מיר. איך וויל אוועקגיין, לאזט ער מיך נישט; ער וויל, איך זאל אים נאר דער־ציילן, וואס דאס איז אזעלכעס „טרעיאטער", און וואס הייסט „גאל־דוניע", און ווער איז דער אדלער, וואס ער איז געקומען פון אמע־ריקע?... איך דערצייל אים, און ווי ווייט מעגלעך מאך איך אים קלאר, וואס איז אזעלכעס טעאטער, און וואס איז „קאלדוניא", און ווער איז אדלער. מיין ייד הערט אוים אלצדינג מיט קאפ, בייגט זיך אן, טוט א שפיי־אוים און גייט אוועק אן א זייט־געזונט.

— חנה־ביילע! וווהין לויפסטו אזוי? — שרייט א ווייבל צו דער אדערער איבער דער גאנצער גאס און כארכלט, קאן נישט אויסריידן קיין „ריש".

— אין טכעיאטעך אכאן! — ענטפערט איר דאס אנדערע ווייבל

אויך מיט אַ כאָרכלען און מיט קמץ דאָרט, ווו מע דאַרף אַ פּתח. —
נו, און דו גייסט גאָר נישט אין טכעיאַטער אַכאָן?

— אַכויסגיין זאָל איך די נשמה! — מאַכט דאָס ערשטע ווײַבל.

— וואָס זאָגסטו צו מײַן כתרילעווקער נגידית? זי וויל, איך זאָל איך הײַנט מאַכן די געגנדו, מאַכן זאָל זיך איך אַ מכה! און פּכעגלען שמאַלץ, פּכעגלען זאָל מען שוין זי חבונו־של־עולם! די גאַנצע וועלט גייט אין טכעיאַטער, און איך דאַרף זײַן געבונדן, בינדן זאָל מען זי שוין אַף אַלע פּיך, ליבער גאָט!

— וואָס העכסטו זי? — זאָגט דאָס אַנדערע ווײַבל. — פּאַך דײַן געלט מעגסטו גיין ווו דו ווילסט.

— איך הער זי ווי המן דעם גבייגער!... — מאַכט דאָס ערשטע ווײַבל. — איך לויף אַהיים, איך טו זיך איבער און גיי אין טכעיאַטער אַכאָן, זי זאָל אַפילו אויפלויפן ווי אַ באַכג!

ביידע ווײַבלעך צעגייען זיך, און איך האָב דערוויַיל מיט וועמען צו גיין אין טעאַטער. דאָס ווײַבל קוקט זיך אַלע ווײַלע אַרום און זעט, ווי איך גיי איר נאָך, בלײַבט זי שטיין אַ ווײַלע און נעמט זיך רעכטס — איך גיי רעכטס; זי נעמט זיך לינקס — איך גיי לינקס; זי גייט פּאַוואָליע — איך איר נאָך. הייבט אָן דאָס ווײַבל לויפן; אַזוי ווי מע לויפט אַף אַ שרפה.

— וואָס איז? — פרעגט מען זי. ווו לויפסטו? גאָט איז מיט דיר!

— עפּעס אַ שלימזל! — זאָגט דאָס ווײַבל און ווײַזט אָן אַף מיר.

— ער גייט מיך נאָך שוין פון אַ שעה. איך ווייס נישט ווער ער איז!...

גיך ווערט באַשאַפן אַרום אונדז אַ גאַנץ רעדל פון יידן, ווײַבער און קינדער. מע הייבט אָן טײַטן אַף מיר מיט די פינגער... עס פאָרט דורך פאַרבײַ אַ בעל־עגלה, כאַפּ איך מיר אַרײַן אין בײַדל און הייס מיך פירן אין טעאַטער אַרײַן.

צוגעפאָרן צום טעאַטער, טרעף איך אַ גאַנצע כאַליאַסטרע מיידלעך מיט בחורים שטייען אין דרויסן, ריידן און לאַכן און שיטן מיט ווערטלעך.

— לאָזט דורך דעם פּריץ! — שרײַט איינער צום אַנדערן.

— פּאַוואָליע, איר וועט אים חלילה צעקנייטשן דעם קאַפּעלוש! — שרײַט נאָך איינער.

— קוים מיט צרות, מיט לײַד, זיך דורכגעשטופּט דורך דער כאַ־ליאַסטרע צו דער קאַסע, אַ קליין פענצטערל, טו איך אַ פרעג, צי קאָן

איך באַקומען אַ בילעט, און די כאַליאַסטרע פון הינטן שטופּט מיך און קוועטשט מיך פון אַלע זײַטן.

— וואָסער אַ בילעט ווילט איר? — פרעגט מיך דער קאַסיר, אַ דאַרער בחור מיט אַ לאַנגן גאַרגל.

— וואָסערע בילעטן האָט איר? — פרעג איך דעם קאַסיר.

— פאַראַן — זאָגט דער קאַסיר — אַף אַ גילן און אַף צוויי גילן און אַף דרײַ גילן.

— און טײַערער איז נישטאָ בײַ אײַך? — פרעג איך אים, און די כאַליאַסטרע בשעת מעשה הערט נישט אויף צו פּילדערן.

דערהערט פון מיר אַזעלכע דבורים, כאַפּט זיך אויף דער קאַסיר פונעם בענקל, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פונעם פענצטערל און שרײַט אויס אַף דער כאַליאַסטרע מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן:

— אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן אַרײַן! איר וועט זיך נישט צעגיין? אָט שיק איך אײַך אַרויס רב לאָזער דעם גאָראָדאָוואָי מיט אַ קישקע וואָסער! קומט — מאַכט ער צו מיר — אַהערצו אין טויער אַרײַן.

די כאַליאַסטרע טרעט־אָפּ אַביסל אַף אַ זײַט, און איך שלאָג מיך דורכן טויער אין הויף אַרײַן. אין הויף שטייט אַ גרויסע שטאַל, אָדער שאַלאַש, וואָס פון די ברעטער לײַכט זיך דורך אַ פײַערל און עס לאָזט זיך הערן אַ געשריי פון מענטשן. אַ האַלבע טיר פון דעם שאַלאַש שטייט אָפן, און צוויי געזונטע יונגען שטייען און גיבן אַכטונג, מע זאָל זיך נישט אַרײַנכאַפּן אין טעאַטער אָן אַ בילעט.

— יזדן! איינציקוויז גייט! איינציקוויז! — שרײַט אַ ייִד מיט אַן אויסגעפּליקטער באָרד און מיט אַ שווערד אַף דער זײַט — אַפּנים, דאָס מוז זײַן רב לאָזער גאָראָדאָוואָי. נאָר דער עולם הערט אים, ווי דער קאָטער: מע וויל נישט גיין איינציקוויז; איטלעכער וויל פריִער און אַלע שפּאַרן זיך מיט אַ מאָל.

— לאָז דורך, דו יון מיט דער שפּאַגע! דו זעסט נישט ווער סע גייט? — אַזוי שרײַט איינער און שטופּט זיך דורך מיט גוואַלד, שיט מיט ווערטער אַף די אַקטיאָרן: „פּײַפּער", „האָלעדראַנעץ", „גרינער אַגרעס", „לײדיקע קישקע"!

איך קוק מיך אַרום: ווער רעדט דאָס? עפּעס זייער אַ קענטלעכע שפּראַך. איך קוק מיך צו — איך האָב אים דערקענט: ס'איז נוח דער

שווייצאַר פון מײַן סטאַנציע „האָטעל טערקאַליאַ”. נאָך אים שלעפּט זיך אַ גאַנץ געזינדל ווײַבער, בחורים און מיידלעך.

— ווער איז דאָס ווײַבל? — פרעגט אים איינער פון די אַקטיאָרן.

— דאָס איז מײַן ווײַבל. — ענטפערט נוח. — דו קענסט נישט מײַן שרה־פערל? און דאָס זײַנען מײַנע קינדער.

— און דאָס?

— דאָס איז מײַן שוויגער.

— און די דאַזיקע?

— דאָס איז מײַן ווײַבס אַ שוועסטערל.

— און ווער איז דער יונגערמאַן?

— דאָס איז איר חתן.

— און ווער איז דאָס מיידל?

— דאָס איז דעם חתנס אַ שוועסטער.

— און ווער איז דער בחור?

— דאָס איז דעם חתנס שוועסטערס אַ חתן.

— און ווער איז אָט דאָס מיידל?

— דאָס איז זײַן שוועסטער, דאָס הייסט, דעם חתנס שוועסטערס חתנס אַ שוועסטער.

— אַ היפּשע משפּחה באַ אײַך, רב נוח!...

— זאָלץ דיר אין די אויגן, שטיינער דיר אין הארצן!! — מאַכט צו אים נוח. — זאָג באַטש „קיין עין־הרע”, דו אַקטיאָרטשיק! דו קאָמע־דיאַנטשיק! דו בערן־טרײַבער! דו גאָרגל־רײַסער! דו בולקע־שלינ־גער!...

תיכף נאָך נוח דעם שווייצאַר שפּאַרט זיך דורך דער משרת פונעם האָטעל מיט די גרויסע שטיוול. איינער פון די צוויי אַקטיאָרן, וואָס שטייען באַ דער טיר, דערלאַנגט אים אַ זעץ פון הינטן און שטופּט אים אַרײַן אין טעאַטער אַרײַן.

נאָך אים זע איך פאַרשיידענע פאַרשוינען שפּאַרן זיך דורך, מערסט־טייל אָן בילעטן. צווישן די פאַרשוינען דערקען איך מײַן בעל־הבית פון דעם „האָטעל טערקאַליע” מיט עפּעס אַ ייִדענע זייער אַ גראָבע, וואָס גיים, ווי אַף רעדלעך, און קאַטשעט זיך, ווי אַ קאַטשקעלע.

— אַ? איר זײַט אויך דאָ? — מאַך איך צום בעל־הבית און פאַרגעס, אַז ער איז טויב ווי די וואַנט.

— נישקשה! — ענטפערט ער מיר און שרייַט אַף אַ קול, גלײַך ווי איך וואָלט דאָ געווען דער טויבער. — זיי זינגען קיין מעשה נישט!

— איר זייַט דאָ דאָס ערשטע מאָל? — פרעג איך אים.

— ס'איז רב ליפעס שטאָל. — מאַכט ער צו מיר. — אַ גאַנץ יאָר האַלט מען דאָ בהמות אָדער פערד.

— קום שוין, קום־ — רופט זיך אָן צו אים די גראָבע ייִדענע און טוט אים אַ שלעפּ באַ דער פּאָלע, און זיי גייען אוועק ביידע און באַזעצן זיך גאַנץ אויבן־אָן.

— הערט נאָר, איר אַקטיאָרן! וווּ זייַט איר ערגעץ? — אַזוי רופט זיך אָן איינע אַ דאַמע מיט אַ הוט, מיט אַ ווייַסער פעדער און מיט ברי־ליאַנטן, און לעבן איר שטייט אַ קאַוואַליער מיט אַ קאַפּעליוש און מיט אַ געשוירן בערדל.

עס שפּרינגט אונטער איינער פון די אַקטיאָרן, אַ בחור מיט אַ קורץ רעקל, מיט אַ קויטיק העמד און מיט אַ הונגעריק פּנים.

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, מאַדאַם?

— וואָס הייסט, וואָס וועל איך זאָגן? — מאַכט צו אים די מאַדאַם.

— מיר האָבן דאָך געקויפט בילעטן. פאַר וואָס ווייַזט מען אונדז נישט אונדזערע ערטער?

דער לאַנגער אַקטיאָר מיטן הונגעריקן פּנים נעמט באַ זיי די בילעטן און פירט זיי צו גאַנץ אויבן־אָן און וויל זיי באַזעצן — זייַנען פּאַרנומען אַלע בענקלעך.

— זייַט זשע מוחל, איר האָט זיך געזעצט נישט אַף אייַערע ערטער!

— מאַכט דער אַקטיאָר צו אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס זיצן און קנאַקן ניסלעך פון אַ שקאַרמוצל.

— ווער האָט אייַך געזאָגט, אַז מיר זיצן נישט אַף אונדזערע ער־טער? — זאָגט דער בחור און טוט זיך זייַן אַרבעט.

— ווייַזט אייַערע בילעטן! — זאָגט צו זיי דער אַקטיאָר און נעמט באַ זיי די בילעטן, און ווייַזט זיי וווּ זיי דאַרפן זיך זעצן, אַ סך נידעריקער.

— וואָס הייסט — מאַכט דער בחור — איר וועט אונדז זאָגן דעות, וווּ מיר זאָלן זיך זעצן? וואָס איז דאָ, להבדיל, אַ מקום קדוש, אַ שול, צי וואָס?

דער אַקטיאָר לאָזט זיך אַרייַן מיט אים אין אַ לאַנגן שמועס. דער בחור מיטן מיידל רירן זיך נישט פון די ערטער און קנאַקן ניסלעך.

דער לאַנגער אַקטיאָר מיטן הונגעריקן פּנים פּרוּווט זיך בײַ אַלע איבעריקע פּאַרשוינען וואָס אין טעאַטער, נאָר דאָס גאַנצע פּובליקום זיצט אויף די ערטער גאַנץ פעסט, קיינער וויל נישט אָפּטרעטן, כאָטש נעם פיר ארוים דאָס גאַנצע טעאַטער מיט גוואַלד.

די דאַמע מיט דער ווײַסער פעדער און מיט די בריליאַנטן בייזערט זיך: „וואָס איז דאָס פאַר פּאַריאַדקעס אין כתרילעווקער טרעיאַטער?" זי שרײַט, מע זאָל איר אומקערן דאָס געלט, וואָס זי האָט באַצאָלט פאַר די בילעטן! ווו איז ערגעץ לאַזער גאָראָדאָוואָי?!...

עס בלײַבט, אַז מע זאָל ברענגען עקסטרא פון אירעטוועגן צוויי שטולן, און עס ווערט אַביסל שטילער.

ביסלעכווײַז ווערן אָנגעצונדן די לעמפּלעך, וואָס רייכערן און לאָזן זיך הערן מיט אַ שאַרפן ריח פון גאַז. איינציקווײַז באַווײַזן זיך די כלי־זמר בײַ דער סצענע, וואָס איז איבערגעצויגן מיט אַ לײַלעך. פריִער פון אַלע קומט צו גיין דער באַס, אַ גרויסער ייִד מיט גראָבע פּאות און מיט בייזע אויגן, ווי בײַ אַ גזלן. באַלד נאָך אים באַווײַזט זיך דער קעסלפּויק, אַ האָרבאַטער בחור מיט אויסגעקראָכענע האָר. נאָכדעם קומט דער טראָ־מייטער, אַ נידעריקער ייִד מיט גראָבע ליפּן, דער פליייטיסט מיט אַ טשאַכאָטקע־פּנים און אַ טרובאַטש מיט גנבהשע אייגעלעך, וואָס לויפן אהער און אהין, און צוויי דריי יונגע לײַט מיט פידלען; און ערשט אויפן סוף — דער ערשטער פידלער, דער עלטסטער פון אַלע כלי־זמר, דער דיריזשער, — אַ רויטער בחור מיט אַ ווײַסער פּאַפּירענער מאַנישקע, מיט אַ קורצן פּידזשאַק, מיט שטאַרק־אָנגעפּאָמאַדעטע האָר און מיט אַ גרויסן בלויען שניפּס. ער שטעלט זיך מיטן פּנים צום פּובליקום, קנאַקט אויס אַלע פינגער און שמייכלט פון דער ווײַטן צו עמעצן אַ מיידל מיט ווײַסע הענטשקעלעך. די גאַנצע קאַפּעליע זעצט זיך אויס, און מע נעמט זיך אָנשטעלן די אינסטרומענטן. קודם כל טוט דער דיריזשער אַ קלאַפּ מיטן סמיטשיק איבערן פידעלע, און דער טראָמייטער מיט די גראָבע ליפּן גיט אַ טאָן, און תיכף נאָך אים שטעלן אַלע איבעריקע אַ טאָן, און הייבן אָן זיך דורכריידן אויף זייערע אינסטרומענטן: דאָס פי־דעלע פּאַרגייט זיך, וויינט און כליפּעט, דער טראָמייט מאַכט „האַלדיר! האַלדיר!" ווי אַן אינדיק, וואָס מע האָט אים שטאַרק צערייצט, דער באַס בורטשעט־אונטער, ווי אַ בער, און די פלייט פּײַפט זיי אַן אַלעמען.

אינאײנעם קומט דאָס אױס אַ מישמאַש, װי פֿון עטלעכע מאות װײַבער אַף אַ יריד, און אַ געפּילדער פֿון אַ סך גענדז און קאַטשקעס.

עס באַװײַזט זיך עפּעס אײנער אַ יונגערמאַן מיט אַ גרינער קאַפּאָטע, טראָגט אין אײן האַנט אַ פּאַק מיט פּאַפּירן, אין דער אַנדערער האַנט — אַ האַלבע בולקע מיט אַ שטיקל הערינג, און זעצט זיך אַנידער גאַנץ אױבן־אָן אַף אַ קלײן בענקעלע, אַקעגן דער סצענע, און בײַסט־איבער.

— װער איז דאָס ? — הער איך, װי די דאַמע מיט דער װײַסער פֿעדער פֿרעגט באַם קאַװאַליער.

— דאָס איז זײער סופלירער. — ענטפֿערט איר דער קאַװאַליער.

— װאָס הײסט סופלירער ? — פֿרעגט אים װידער די דאַמע.

— דאָס הײסט : זײער פּירזאָגער. — זאָגט דער קאַװאַליער.

און פֿון יענער זײַט לעבן מיר רײדן זיך איבער די אַקטיאָרן צװישן זיך פֿון פֿאַרשײדענע זאַכן :

— װוּ איז ערגעץ פֿראַדל די פּרימאַדאָנע, צו אַלדי שװאַרצע יאָר ?

— זי איז געגאַנגען צום שוסטער. זי האָט נישט אין װאָס אַרױסצוגײן אַף דער סצענע. אָפּגעשפּרונגען אַן אָפּצאַס.

— קראַנק געװען גײן באַטאָג ? אַ שײנע פּרימאַדאָנע !...

— אַברהמל, טו אױס די הױזן !

— װאָס מאַכן דיר קאַליע מײַנע הױזן ?

— אַ שײנע באָבע־יאַכנע — מיט הױזן !...

— איך גײ דאָך אױבן אַ קלײדל ! װאָס מאַכט דאָס אױס ?

— איך װײס, אַז דו טראָגסט אױבן אַ קלײדל. װאָס װעט אָבער זײַן, אַז מע װעט דיך װאַרפֿן אין פֿײַער ? דעמאָלט פֿליסטו מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרױף, — װעט מען אַרױסזען די הױזן !...

— גיב מיר בעסער אַ צי טאָן פֿון דײַן פּאַפּיראָס, דו פּאַרכוץ !...

— האָצמאַך ! װוּ איז דײַן באָרד ? פֿאַרװאָס קלעפּסטו שױן נישט אָן די באָרד ?... רבקה ! שמיר דיר אָן דאָס פּנים מיט קרײַד !... מנשהקע ! מאַך דיר אַ האָרב פֿון הינטן, בכדי דו זאָלסט האָבן מער פּנים פֿון אַ ייִדן !... װוּ זײַנען ערגעץ די פֿיס ?

— װאָסערע פֿיס ?

— װער האָט געבראַכט די פֿיס פֿון יאַטקע ?... טױזנט מאָל האָב איך אײַך געזאָגט, אַז מע שפּילט „קאַלדוניאַ״, באַדאַרף זײַן אַ פֿוס !...

דער רוח זאָל אײַך נעמען! ווערלוול! וואָס ביסטו פֿאַר אַ רעזשיסער. דו יאָלד איינער?!...

פּלוצעם ווערט אַ קלאַפּערײַ אין טעאַטער, אַז מע קאָן טויב ווערן. עס פֿליט דורך איינער מיט אַ גלעקל און קלינגט. עס גייט־אַוועק עטלעכע מינוט, דער עולם הייבט אָן ווידער צו שרײַען און צו קלאַפּן. יענער לויפֿט ווידער דורך מיטן גלעקל, און אַזוי עטלעכע מאָל, ביז דער רויטער פֿידלער כאַפּט זיך אויף, טוט אַ מאַך עטלעכע מאָל מיטן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, מאַכט צורעכט דעם קאָלנער מיטן בלויען שניפּס, טוט אַ זעץ מיטן שטעקעלע, און די כּלי־זמר שפּילן־אָפּ אַ „שטיקל". הייבט דער עולם ווידער אָן צו שרײַען און צו קלאַפּן — שפּילן די כּלי־זמר נאָך „אַ זאַך". עס ווערט נישט שטיל, ביז עס הייבט זיך אויף דער לײַלעך, און דאָס שפּיל הייבט זיך אָן.

צום אַלעם ערשטן גייט אַרויס אַ מיידל מיט אַן אונטערשט קליידל און מיט צעפּלאָכטענע האָר, גלײַך ווי עמעצער וואָלט זי נאָר־וואָס אויסגעפּאַטשט, און הייבט אָן זינגען אַ טרויעריק לידל פֿון אַן אָרעמער יתומה מיטן נוסח פֿון „סטאַאיט גאָראַ וויסאָקאַיאַ!" — „אַ יתומהלע! אַ יתומהלע!" — און דאָס גאַנצע פּובליקום האַלט זי אונטער: „אַ יתומהלע! אַ יתומהלע!" — פֿריִער שטיל, וואָס ווײַטער אַלץ העכער און העכער, אַזוי אַז מע הערט שוין מער נישט דאָס מיידל זינגען, נאָר דאָס פּובליקום. שפּרינגט אַרויס איינער פֿון די אַקטיאָרן אַף דער סצענע און בעט דעם עולם, „עס זאָל זײַן שטיל"! דער עולם ווערט שטיל, אָבער נישט אַף לאַנג; דאָס מיידל הייבט אָן צו זינגען, אַזוי זינגט מיט איר גאַנץ קהל: „אַ יתומהלע! אַ יתומהלע!"...

עס שפּרינגט אַרויס ווידער אַ מאָל דער אייגענער אַקטיאָר, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ער גייט אַרויס פֿון די כּלים און זאָגט זיי מיטן האַרבן וואָרט:

— איר וועט נישט אַנטשטומט ווערן? אָט רוף איך אַרויס רב לאָזער גאָראָדאָוואָי מיט דער קישקע, וועט אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן אַרײַן!...

דער עולם הערט אויף צו זינגען, נאָר מע זאָגט מבינות, איטלעכער נאָך זײַן פֿאַרשטאַנד. דער זאָגט, אַז זי האָט אַ קול פֿון אַ „ריקבעט", און דער זאָגט, אַז עמעצער זאָל איר אונטערטראָגן אַ בולקע, וואָלט ער

פארדינט א מצווה... די הינטערשטע בענק שרייען, ס'זאל זיין שטי־לער! נאר עס העלפט נישט. ביז עס פליט־ארויס אף דער סצענע האָצ־מאך, א ייד מיט א מאָדנע שטריימל, מיט איין האַלבע באָרד, מיט לאַנגע פאות במעט ביזן גארטל, מיט שיך און זאָקן, מיט איבערגעקערטע אויגן און מיט א האָרב אף די פּלייצעס. האָצמאך טראָגט מיט זיך א קאָשעק מיט סחורה, לויפט ארום איבער דער סצענע, ווי א משוגענער, און רעכנט אויס וואָס ער האָט צו פארקויפן: „בייטשעלעך, שטעקעלעך, שוועבעלעך, מעסערלעך! זאָקן פּאַפּירענע! קליידלעך קרישטאָלענע! שפּילקעלעך, ביינועלעך! קויפט עפּעס, ווייבלעך!״... און טוט זיך אַלע מאָל א כאַפּ בא די פאות, א שפּרונג און א געשריי:

— האָצמאך! דער רוח זאָל מיך נעמען!...

דער עולם ווערט אזוי נתפּעל פון האָצמאכן, אז עס ווערט אן אייג־לייגעניש אף א האַלבע שעה. מע פּאַטשט בראַוואָ, מע שרייט: „האָצמאך, הוררא!״ מע קלאַפּט מיט די שטעקנס איבער די בענק, מע וויל גאָרנישט אויפהערן. האָצמאך פּרוּווט זיך איינשטילן דעם עולם. ער שטעלט זיך אוועק און מאַכט מיט די הענט — הייבט מען אָן נאָך מער צו שרייען: „האָצמאך! א טענצל, האָצמאך! האָצמאך!״ פּלוצעם...

פּלוצעם האָט עפּעס געגעבן א פּאַטש מיט די פליגל, א פלי פון אויבן אראָפּ און א פאַל גלייך אפן הוט מיט דער ווייסער פעדער פון דער דאַמע מיט די בריליאַנטן. די דאַמע הייבט אָן פאר שרעק חלשן, און אין טעאַטער ווערט מיט א מאָל א בהלה מיט א געשריי: „גוואַלד, ייִדן, ראַטעוועט! ראַטעוועט!״... איינער האָט א געשריי געטאָן: „עס ברענט!״ — און מער האָט מען נישט באַדאַרפט. ס'איז געוואָרן א שפּרינגעניש איבער קעפּ צו דער טיר מיט א געשריי: „באַסיע, וווּ ביסטו?... „יאָנקל, אהער!״... „רבקה, האַלט זיך!... „מאָטל, איך שטאַרב!״... „ברכה, שריי נישט!״... „בעניע, וווּ איז יענטל?...
„מאַמע! אָט בין איך, מאַמע!״...

נאָך איין מינוט וואָלט פון אונדז אַלעמען געוואָרן א תל. א גליק, וואָס נוח דער שוויצאַר פון מיין האָטעל איז געפאַלן אף א שׂכל און האָט אונדז אַלע אויסגעלייזט פונעם טויט. ער איז ארויפגעשפּרונגען אף א בענקל און האָט זיך אָנגערופן צום פּובליקום אף א געמבע:

— שוטים! נאַראָנים! ליימענע גולעמס! גלאַטע בהמות! צי־

גענע בערד! נאַרישע גאָרגלען! ווײַבערשע נשמות! וואָס פּילדערט איר? וואָס שרײַט איר? ווּהין לויפט איר? אָט ווערט פון אײַך באַלד אַ פּרעזשעניצע! טפּשים! פאַר וועמען האָט איר אײַך דאָ איבערגע־שראָקן? פאַר אַ נאַריש עוף? איר זעט דען נישט, אַז אָן עוף איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער „סידעלע"? רב לאָזער, וואָס שווײַגט איר? שטעלט אָן די קישקע!... כלי־זמרים! אַ רוח אין אײַער טאַטן אַרײַן, אַ פרײלעכס — טאָדערידעריראָדערידעראָדערידע!...

די כלי־זמר כאַפּן אַ פרײלעכס, און דער עולם הייבט זיך אָן אויסצור־זעצן צוריק אויף די ערטער... איך גנבע מיך אַרום פּאַוואָלינקע פונעם טעאַטער, כאַפּ אַ בײַדל און היים, מע זאָל מיך פירן אויף דער סטאַנציע, אין „האָטעל טערקאַליאַ". דאָס בײַדל העצקעט מיך איבער די שטיינער און שטעלט זיך אָפּ אַלע ווײַלע און העצקעט ווײַטער.

— וואָס שטעלט איר זיך אָפּ אַלע מינוט? — פרעג איך דעם בע־עגלה.

— דער רוח ווייס זיי. — ענטפערט ער מיר. — וויאָ!... עס האָט זיך זיי געגלוסט באַלײַכטן אונדזער כתרילעווקער בלאָטע, האָבן זיי אויסגעקלערט עפּעס אַ מין באַלײַכטונג — „לאַמטעדערידעמס" אַזעלכע, וואָס איבער זיי קאָן מען נישט פאָרן, מחמת די פערדלעך שרעקן זיך פאַר די סטאָיפּעס. זיי זײַנען נישט געוווינט געוואָרן בײַ אונדז, מע זאָל זיי באַלײַכטן. וויאָ!... אַלע מאָל, אַלע מאָל, קלערט מען צו אַ נײַע צרה: פּרוּער אַ טראַמבעליק, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן! וויאָ!... נאָכדעם לאַמטערידעמס אויף צו שרעקן די פערד. און איצטער, זאָגט מען, וועלן זיי שוין פאַרווערן דאָס וואַסער פון דער גנילאָפּיאַטקע. וויאָ!... עס וועט זיי, מאָלט אײַך, העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס, מחמת די וואַסערפירערס זאָגן, אַז זיי זאָלן וויסן דער טויט זאָל זיי זײַן, וועלן זיי נישט דערלאָזן, אַז כתרילעווקע זאָל טרינקען ברונען־וואַסער! וויאָ!... זיי ווייסן שוין גאָר נישט וואָס אויסצוטראַכטן, די נגידים, ברענען זאָלן זיי! מע זאָגט, אַז עס וואַקסט יאַקבי פון יעהופּעץ. די יעהופּעצער נגידים פעלט, אַפּנים, נאָר קאַפּווייטיק? וויאָ!... זיי זיצן און ברעכן זיך די מוחות, וויאַזוי נעמט מען צו בײַ ייִדן פּרנסה, אויסרײַסן באָם אָרעמאַן דעם לעצטן ביסן ברויט פונעם מויל... אַ מיתה מהומה זאָל אויף זיי קומען דאָרטן אין יעהופּעץ! וויאָ, קינדער, וויאָ!...

ז.

כתרילעווקער שרפות

געלעגן אױף דער סטאַנציע אין „האָטעל טערקאַליא", האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געהאַט מלחמה מיט בייזע חיות, וואָס האָבן מיך באַפאַלן, זיך נוקם געווען אין מיר, דערפאַר וואָס איך האָב נישט געוואָלט זיך לייגן מיט זיי אין איין בעט און האָב זיך אויסגעבעט אױף דער קאַנאַפּע.

— וואָס האָסטו געפּועלט? — האָבן זיי זיך מיט מיר גערייצט. — אי מיר וועלן דיך בײַסן, אי עס וועט דיר זײַן הארט צוקאַפּנס, וועסט אויפשטיין פון דער קאַנאַפּע אָן אַ האַלדז־און־נאַקן...

פּלוצעם דערהער איך אַ משונה־מאָדנע קלונג: „באָם! באָם! באָם!!!" און תיכּף נאָך דעם לאָזט זיך הערן אַ לויפערײַ פון מענטשן מיט אַ קול: „עס נעצט! עס נעצט!" איך שטיי אויף. איך גיי־צו צום פענצטער. איין האַלבער הימל איז רויט, ווי אַ פײַער, די אַנדערע האַלבע איז חושך! איין האַלבע שטאָט איז משונה־מאָדנע באַלײַכט, די אַנדערע האַלבע שטאָט איז פאַרזונקען אין אַ מוראַדיק פינצטערניש. איך כאַפּ אױף זיך דאָס אָנטאָן און לויף אַרויס אין דרויסן. עס לאָזט זיך הערן פון דער ווײַטן אַ מאָדנע געשריי, אַ הילך אָן ווערטער, און מענטשן צוזען זיך אַהינצו שלעפעריק, גייען און גענעצן און ציטערן פאַר קעלט און דערציילן איינער דעם אַנדערן נסים ונפלאות: ווער עס האָט פריִער דערהערט, און וויאַזוי ער האָט דערהערט. און זיי זײַנען זיך משער איטלעכער באַזונדער, ווער דאָס ברענט. דער זאָגט: „ס'איז יאָסל!" דער זאָגט: „ס'איז מנשה!" דער זאָגט: „ס'איז נישט יאָסל און נישט מנשה — ס'איז שרה־זיסל!"

— ווי קומט אַהער שרה־זיסל? — שפּאַרט אים איבער נאָך איינער. אַז שרה־זיסלס שטוב איז אױף דער יאַרדיגע, און דאָס איז גאָר אױף דער אַלטער שטאָט?

— ס'איז אַזוי אױף דער אַלטער שטאָט, ווי איך בין אַ רביצין!

— ענטפערט אים נאָך איינער. — זעסט נישט, אַז ס'איז לעבן דער באָד?

— שאַ, וואָס דאַרפט איר זיך שפּאַרן? — גלײַכט זיי אוים נאָך איינער. — אָמער קומט אַהין, וועלכן מיר וויסן אַקוראַט.

זיי גייען, און איך גיי זיי נאָך און הער מיך צו וואָס מע רעדט.

— עמעצער האָט שוין דאָ געמאַכט „בורא־מאורי־האש".
— וואָס איז די ראיה?
— מחמת ס'איז געווען געסטראַבירט.
— פון וואַנען ווייסטו?
— וואָס דען? ס'זאָל נישט זײַן געסטראַבירט, וואָלט נישט גע־ברענט. אַ שטוב ברענט נישט פון זיך אַליין.

— וואָס זאָגסטו, יאַנקל, ווי שיין עס ברענט? מחיה נפשות!

ווי אַ הבדלה ברענט אַ שטיבל, וואַרפט אַרויס עטלעכע שטאַרק־רויטע צונגען. דער דאַך איז שוין נישטאָ. עס קנאַקן די קראָקוועס, עס טרישטשען די פענצטער, און אַ געדיכטער רויך מיט שוואַרצע קנוילן קײַקלט זיך און ציט זיך ווײַט, ווײַט, איבער הײַזער און הײַזלעך. עס הערט זיך אַ קול פון ווײַבער, וואָס באַקלאָגן זיך אױף דעם שלאָק, וואָס האָט געטראָפן אין מיטן האַלבע נאַכט, און אַ געוויין פון קליינע נאַקעטע קינדער, וואָס ציטערן און וואַרעמען זיך באַם פײַער. דאָרט זיצט אַ גאַנץ געזינדל אױף איין איבערבעט מיט עטלעכע קישנס, וואָס זיי האָבן קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דער שרפה, און דאָ שטייט אַ ייִדענע, אַ מעוברתע, מיט אַ טעפּל אין האַנט און מיט אַ פלעדערוויש און דערציילט דער אַנדערער ייִדענע, וויאַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן.

— אָנגעהויבן האָט זיך עס אָנגעהויבן, ווי איז מיר, פון שמעון דעם סטאָלער. מען איז געגאַנגען, אַפּנים, מיט אַ לעמפּל, וויסט איז מיר, באַנאַכט. סטרוזשקעס איז פאַראַן אַ סך, פּינצטער איז מיר, און אפשר אַ שוועבעלע, אָדער אַ פּאַפּיראָס, און אפשר האָט דער בעל־הבית אַליין, גדליה מיין איך, דאָס געטאָן — ווייס איך נישט; איך בין דערבײַ נישט געווען... נאָר דערווײַל זײַנען נעבעך, אוי איז מיר, אָרעמעלײַט בדיל־הדל געוואָרן, אַרויס אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, ווײ איז מיר! פרעגט מיך בחרם, וואָס טראָג איך עפּעס אַ טעפּל מיט אַ פלעדערוויש — ווייס איך אַליין נישט...

— אוי אַן אומגליק!? אוי אַ שלאָק!? — וויינט אַ ווײַבל מיט אַ ניגון פון „אקדמות" און ברעכט די הענט. — וואָס וועל איך איצטער טאָן? נישט אַרויסגעראַטעוועט אפילו קיין פאָדע־עם. ווו וועל איך נעמען אַ טאָג איבערצוקומע־ען? ווו וועל איך מיך אַהינטאָן מיט מײַנע קליינע קינדע־ער?...

ווי שדים, ווי רוחות, לויפן אַרויס און אַרײַן יונגע לײַט פונעם גע־

ברענטן שטיבל, שפרינגען אין פֿײַער אַרײַן, ראַטעווען וואָס זיי קאָנען, כאַפּן־אַרוים פֿון דאָרטן דער אַ פּיסל פֿון אַ בענקל, דער אַן אומרו פֿון אַ זייגער, דער אַ בעזעם.

— ווו איז ערגעץ עליע מיט דער קישקע? — שרײַט איינער פֿון דער חברה לעשערס און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — רופֿט זיך אָן עליע, אַ קליין ייִדל, און באַברעט זיך בײַ דער קישקע.

— וואָס טוסטו דאָרטן? וואָס באַברעסטו זיך אַזוי לאַנג?

— איך פֿאַרנײַ די קישקע, זי האָט זיך צעטרענט! — זאָגט עליע.

— ווו איז ערגעץ פּישל מיט די עמערס? — שרײַט איינער אַ שוואַרצער ייִד מיט אַ צעפּליקטן טלית־קטן, מיט אַ פֿאַררויכערט פּנים און מיט אַ הייזעריק קול.

— פּישל! פּישל!!! — העלפֿן אים שרײַען אַלע איבעריקע.

— וואָס פּישלט איר? — רופֿט זיך אָן איינער, אַפּנים, פּישל אַליין טאַקע. — זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך דאָס אָביסל צעפּישלט! פּישל־פּישל! פּישל־פּישל!

— ווו זײַנען די עמערס דײַנע? — פֿרעגט מען אים.

— די עמערס זײַנען דאָ, — זאָגט פּישל, — נאָר וואָס וועט איר מאַכן מיט זיי, אַז ס'איז נישטאָ גרונם מיטן פּעסל?

— טאָמער וואָלסטו זיך מטריח געווען, פּישל, דערווײַלע כאַפּן ערגעץ אַ פּאָר עמער וואַסער צווישן די שכנים?

— וואָס איז עפּעס איך? — זאָגט פּישל. — לאָז גיין עליע!

— עליע! כאַפּ אָן עמעס און טו אַ שפּרונג נאָך וואַסער!

— ווי קאָן איך? זעסט דאָך, אַז איך בין פֿאַרנומען מיט דער קישקע! לאָז גיין מאָטל.

— מאָטל! גיי קריג ערגעץ אָן עמער וואַסער.

— וווהין זאָל איך גיין, אַז איך קען דאָ קיינעם נישט? לאָז גיין אַנשל!

— אַנשל! אַנו, טו־נאָר אַ לויף נאָך וואַסער!

— איך? איך ווייס נישט ווו אַ טיר עפֿנט זיך אַפֿילו! לאָז גיין דוד!

— שאַ, שאַ! אָן פֿאָרט גרונם מיטן פּעסל! ער פֿאָרט! ער פֿאָרט!

— און אַלע טוען זיך אַ וואָרף צו גרונמען נאָך וואַסער, און פֿריִער פֿון

אַלעמען — עליע מיט דער קישקע. גרונם, אַ ייִד מיט אַ גלאַנצנדיק פּנים, װאָס סע שײַלט זיך, גײט זיך גאַנץ רױק, נישט געכאַפּט, די פּאָלעס אַרונטערגעשטעקט אַרונטער, און נאָך אים שלעפּט זיך נאָך אַן אײַנגעדאַרט פערדל, קוים װאָס סע שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע. בײדע, אי גרונם, אי דאָס פערדל לחבדיל, זײַנען שטאַרק פאַרשלאָפן.

— ברוך־הבא אַ ייִד! און מיר האָבן געמײנט, אַז איר װעט שױן הײַנט נישט זײַן חלילה.

— אַ שײנע מעשה נאָר אַ קורצע! — זאָגט גרונם. — װער דען װעט זײַן, אַז נישט איך? װאָס בין איך, עפּעס אַ ייִנגעלע? איך האָב דערהערט דעם ערשטן קלונג, בין איך שױן געװען באַם פערדל. מײַן אַלטע האָט מיך אַפילו געװאָלט אָפּהאַלטן: װאָס װעסטו זיך שלעפּן, זאָגט זי, אין אַזאַ בלאָטע? אַ רחמנות נעבעך, זאָגט זי, אױפן פערדל, ס'איז אױסגעמוטשעט פונעם טאָג... נאָר װער האָרכט זי װער? איך האָב ליב אַ מצװה, ובפרט נאָך דאָרט, װוּ עס גײט אין דעם נפש — אָרעמע לײַט נעבעך ברענען! אַ קלײניקײט?

— לאַנג לעבן זאָלט איר, רב גרונם! מיר גײען דאָ אױס פאַר אַביסל װאַסער — באַ אַלע שכנים נישטאָ אַ לעק!

און די חברה לעשערס טוען זיך אַ לאָז מיט די לײדיקע עמערס צום פעסל, און פרײַער פון אַלע — עליע מיט דער קישקע. חברה נעמען זיך אָנפּאָמפּען װאַסער, צאַפּן אין די עמערס אַרײַן — עס צאַפּט זיך נישט.

— װאָס איז דאָס, רב גרונם? איר זײַט משוגע, צי חסר־דעה איר זײַט געקומען מיט אַ לײדיק פעסל.

— װאָס הײסט מיט אַ לײדיק פעסל? — זאָגט גרונם. — אַ פול פעסל, װי אַן אױג, — זאָגט איר גאָר דאָס!

— גײט זעט! — רופט זיך אָן אײנער. דאָס פעסל איז לײדיק, װי אַ באַראַבאַן!

— װאָס הײסט ס'איז לײדיק? — זאָגט גרונם און באַטראַכט דאָס פעסל. — עפּעס רעדט איר מיר פּדרוך, תרגום־לשון, נאַ דיר גאָר לײדיק! לאָז מײַן שונאים זײַן לײדיק אין בױך און אין די קישקעס!

און גרונם קלינגט מיטן פינגער אין פעסל אַרײַן, דרײט זיך אַרום פון אַלע זײַטן און דערזעט, אַז ס'איז אַן אַ צאַפּן.

— יאָ, װי איך בין אַ ייִד, אַ לײדיק פעסל! — און ער כאַפּט זיך באַם קאָפּ און הײבט אָן צו שילטן — מע װײס נישט װעמען:

— א כאָלערע! אַ מיתה־משונה! אַן אויסלויפעניש! אַן אײַנטרי־קעניש! אַן אײַנשרומפּעניש! ווען האָט געקאָנט ארויס דער צאַפּן, אײַנ־געזונקען זאָל ער ווערן? און ווו איז ער אהינגעקומען? אַ, ברענען זאָלסטו, שלימזל, אָפּן פֿײַער!

און גרונם לאָזט־אויס זײַן גאַנץ ביטער האַרץ צום פערדל נעבעך, דערלאַנגט דעם אַ רוק מיטן בײַטש־שטעקל אין זײַט אַרײַן. דאָס פערדל טוט אַ פינטל מיט די אויגן, לאָזט־אַראָפּ די מאַרדע, קוקט אַן אַ זײַט און טראַכט זיך: „פאַר וואָס קומט מיר, אַשטייגער, אָט דער זעץ? גלאַט גענומען און געבובעט זיך! ס'איז נישט קיין קונץ נעמען אַ פערד, אַ שטומע צונג, און שלאָגן אים אומזיסט און אומנישט!"...

— האָב דיר אַבציק שוואַרצע פינצטערע יאָר! — זאָגט גרונם צו זיך אַליין. — איך זע וואָס דאָס איז: איך גיס און גיס, און גיס און גיס! אַצינד פאַרשטיי איך שוין: דאָס פעסל איז, אַפּנים, פון דער לכתחילה געווען אָן אַ צאַפּן? קומען זאָל אויף דיר אַ פאַהיבעל הײַנטיקע נאַכט! זאָלסט צעפּאַלן ווערן אויף שטיקלעך, רבונו־של־עולם!

וואַסער! וואַסער! — שרײַען די וואָס ראַטעווען פון דער שרפה. — גיכער! גיכער! טראָגט אהער די עמערס! דאָס וואַסער!

— וואַסערע עמערס? וואַסער וואַסער? — ענטפערן זיי די לע־שערס. — איר זעט דאָך, אַז ס'איז נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער!

— וואָס הייסט, עס איז נישטאָ קיין וואַסער?

— נישטאָ קיין וואַסער הייסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין וואַסער!

— ווו איז אהינגעקומען דאָס וואַסער?

— אויסגעלאָפן בײַ גרונמען דאָס גאַנצע פעסל וואַסער — און גיי שרײַ חי וקים!...

פּלוצעם לאָזט זיך הערן ווידער אַ מאָל יענער מאָדנער קלונג: באָם! באָם!! באָם!!! — און עס ווערט באַלײַכט די אַנדערע האַלבע שטאָט.

— נאָך אַ שרפה! אויף דער נײַער שטאָט!! — שרײַען עטלעכע קולות מיט אַ מאָל, און דער גאַנצער עולם מיט דער חברה לעשערס לאָזן זיך לויפן אויף דער נײַער שטאָט.

— צוויי שרפות אין איין נאַכט — זאָגט גרונם צו זיך אַליין — בין איך שוין נישט מחויב! איך האָב אַליין אַ ווײַב און קינדער! קיין געצאָלט דערפאַר נעם איך דאָך נישט! און דאָס פערדל איז אויך נישט

פון אײַזן! אַ צער בעלי־חיים, עס האָרעװעט זיך נעבעך אָן גענוג דורכן טאָג, באַדאַרף עס נאָך אַרומשלעפּן זיך גאַנצע נעכט! עס האָט מער נישט װאָס צו טאָן!... מע װעט מיך נישט נייטן פון קהל!... לאָזן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן װאַנט!... קום, ברודער, — זאָגט ער צום פערדל — לאָמיר פאָרן אַהיים.

ז.

כתרילעװקער באַנדיטן

געקומען אַהיים פון די שרפות שוין פאַרטאָגלעך און אױפגעעפנט די טיר פון מײַן חדר, בין איך נבהל ונשתומם געװאָרן: איך האָב דערזען דרײַ מאָדנע פאַרשױנען, נישט קיין באַקאַנטע פּנימער, דרייען זיך אַרום מיט ליכט. דאָס בעט איז צעװאָרפן, די שאַפע איז אָפן, מײַן טשעמאָדאַנטשיק ליגט אין מיטן שטוב, און מײַנע פּאַפּירן, מײַנע כתבים, װאַלגערן זיך אױף דער ערד.

— װאָס איז דאָס? װער זײַט איר? װאָס טוט איר דאָ? — טו איך אַ פרעג בײַ איינעם, אַ ייִדן מיט אַ רױטער באָרד און מיט אַ בלױער בראָדעװקע אױף דער נאָז.

— זײַװ אים אַ סעמער, לאָז אים סאַרוי די נמשה! — רופט זיך אָן איינער אױף אַ משונה־מאָדנע לשון צום רױטן מיט דער בלױער בראָדעװקע.

דער רױטער ענטפערט נישט דאָס אַנדערע װאָרט; ער פאַרשליסט די טיר, בייגט זיך אָן און שלעפּט אַרױס פונעם שטיװל אַ גרױסן, אַ שאַרפן, אַ קאַלאַדאַטש־מעסער און טוט אַ מאַך מיטן מעסער מיר איבערן פּנים הין און צוריק, אַרױף און אַראָפּ, װי אַ כישופמאַכער.

— װער מיר זײַנען? מיר זײַנען היגע באַנדיטן! — רופט זיך אָן צו מיר איינער פון דער חברה, אַ שװאַרצער ייִד מיט אַ בעלמע אױף איין אױג, און בשעת ער רעדט אױס דאָס װאָרט „באַנדיטן", טוט ער מיטן געזונטן אױג אַ מוראדיקן גלאַנץ און אַ קריץ מיט די ציין, װי אַ רוצח.

— טו אים אַ לײַסטער בײַ די שעקענים! — רופט זיך אָן יענער אױף זייער איבערגעקערטער שפּראַך.

— דענגי! דאַװאַי דענגי!! — שרײַט אױס דער דריטער פון דער

חברה, א הויכער יִיד מיט א הייזעריק קול, און כאַפּט מיך אָן בײַ דער לאַץ פון דער קאַפּאָטע און טרייסלט מיך, ווי א לולב.

— געלט — זאָג איך — ווילט איר? בײַ מיר ווילט איר נעמען געלט? ווי קום איך צו געלט? גאָט האָט מיך אויסגעהיט פון געלט.

— גאַז אים, אז ער גיבט! — רופט זיך אָן יענער אַלץ אױף זײַער לשון.

— דו לייגסט! — מאַכט צו מיר דער וואָס מיט דער בעלמע. — די מינוט זאָלסטו אָפּגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס דו האָסט, אַנישט — געזעגן זיך אָפּ מיטן לעבן. מיר שענקען דיר צוויי מינוט אױף צו באַטראַכטן זיך און איין מינוט אױף זאָגן ווידוי...

און בכדי איך זאָל נישט מיינען, אַז מע טרײַבט מיט מיר קאַטאָוועס, גייט צו מיר צו דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעוווקע, און באַווײַזט מיר מיטן מעסער אַרויף און אַראָפּ, אַהין און אַהער, עטלעכע מאָל, ווי מע מאַכט מיטן לולב סוכות צו הלל.

— וואָס טײַטשט איר, ווי די מיילענע לוגמס? לאָז מען אים ניבדן די טהען מיט די סיף! — רופט זיך אָן דער הייזעריקער אױף זײַער פאַרשטעלטער שפּראַך און לאָזט אויס אױף אונדזער לשון:

— ווו זײַנען ערגעץ די שטריק? לאָמיר אים בינדן!

— למאַי זאָלט איר זיך מטריח זײַן? — זאָג איך. — אמער, נאָט אײַך אָפּ מײַן גאַנץ פאַרמעגן, דאָס בײַטעלע מיט די עטלעכע קערבלעך, און לאָזט מיך אָפּ. וואָס האָט איר צו מיר? איך בין א טאַטע פון קינדער, קיין עין־הרע, פיר מיידלעך מיט צוויי ייִנגלעך, דאָס קלענסטע איז נאָך נישט אַלט קיין חודש...

אַלע דרײַ באַנדיטן ריידן זיך איבער איינער מיטן אַנדערן אױף זײַער גנבהשער שפּראַך, ציילן איבער די עטלעכע קערבלעך, וואָס בײַ מיר אין בײַטעלע, און נעמט מיך אָפּן צימבל. זיי פרעגן מיך און איך ענטפער זיי.

— פון וואַנען איז א ייִד?

— פון יעהופּעץ.

— מה שמכם?

— שלום־עליכם.

— עליכם שלום. ווי־אַזוי איז אײַער נאָמען?

— שלום־עליכם.

— עליכם שלום. מיר פרעגן אײַך, ווי־אַזוי רופט מען אײַך?

— שלום־עליכם — אַזוי רופט מען מיך טאָקע.
— אַ טשודנער נאָמען! וואָס איז אײַער טועכץ?
— איך בין אַ שרײַבער.
— מע שמועסט, וואָס איז אײַער טועכץ, אײַער פּרנסה?
— איך בין אַ שרײַבער.
— וואָס זשע שרײַבט איר? פּראָשעניעס? פּאַפּירן? מסירות?
— פעליעטאָנען, מעשה־ביכלעך פאַר ייִדישע קינדער.
— זײַט איר, הייסט דאָס, אַ מוכר־ספרימניק, אַ בעל־מחבר?
— אַ מחבר.
— וואָס זשע טוט איר הי?
— געקומען אָנקוקן כתרילעווקע.
— און מער גאָרנישט?
— מער גאָרנישט.
— קיין שום געשעפט?
— קיין שום געשעפט.
— און לייגט הוצאות?
— און לייג הוצאות.
— צו וואָס נוצט דאָס אײַך?
— בכדי איך זאָל האָבן וואָס צו באַשרײַבן.
— ווּהין שרײַבן?
— אין די גאַזעטן.
— וואָסערע גאַזעטן?
— ייִדישע גאַזעטן.
— פאַראַן ייִדישע גאַזעטן?
— ווי דען?
— וואָס טוען זיי?
— זיי דרוקן זיך.
— ווּ דרוקן זיי זיך?
— אין וואַרשע.
— אַף וואָס דאַרף מען זיי?
— אַף צו לייענען.
— ווער לייענט זיי?
— ייִדן.

— עמעצער צאָלט אײַך עפּעס דערפֿאַר, וואָס איר שרײַבט?
— געוויינלעך.
— אָט אַזוי זשע רעדט! וואָס, אַשטייגער, האָט איר דערפֿון? וויפֿל פֿאַרדינט איר אַ וואָך?... איר רייכערט? ווו זײַנען אײַערע פּאַפּיראָסן?
— איך נעם אַרויס מײַן פּאַפּיראָס־קאַסטן און טראָג זיי אונטער אַלעמען, זיי זאָלן זיך נעמען צו פּאַפּיראָסן.
— גרעף איס, צי ס'איז פֿון ביזלער... — רופֿט זיך אָן איינער אַף זייער שפּראַך.
— אַ זילבערנער? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און וועגט דעם פּאַפּיראָס־קאַסטן אַף דער האַנט. — אַ זילבערנער, צי אַ פּראָסטער חי־וקים?
— אַ פּראָסטער שלש־סעודות פֿון צוויי גילדן! — זאָג איך, און מיר פֿאַררייכערן אַלע צו פּאַפּיראָסן.
— טו אים אַ פּאַט באַם גייזער! — רופֿט זיך אָן איינעם אַף גנבהש לשון.
— ווו איז אײַער זייגער? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און באַזוכט מיר אַלע קעשענעס. — איר האָט גאָר נישט קיין זייגער?
— איך האָב — זאָג איך — אַ זייגער, און דווקא אַ גוטן זייגער, אַ גילדענעם, איז ער פֿאַרזעצט אין לאָמבאַרד אין יעהופּעץ...
— אַן עבירה! — זאָגט דער הייזעריקער. — ער וואָלט אונדז שטאַרק צונוץ געקומען אַצינד!... מיר דאַרפֿן טאַקע איצט אַ גילדענעם זייגער, ווי אין לעבן אַרײַן!
— אַף וואָס דאַרפֿט איר דאָס אַזוי — זאָג איך — אַ גילדענעם זייגער?
— אַ גילדענעם זייגער — זאָגט ער — קאָן מען פֿאַרקויפֿן און אָפּלייזן גוטע געלט!
— פּאַכט אים דער טאַוועגכאַמער! — רופֿט זיך אָן איינער אַף זייער לשון. ער איז אַ מאַרגאַס גלײַך מיט אונדז!...
— אַ גוטע נאַכט! — מאַכן צו מיר די באַנדיטן און לאָזן זיך גיין. — דאָס אַנדערע מאָל, אַז איר גייט אַוועק, זאָלט איר פֿאַרשליסן די טיר, נישט פֿאַרלאָזן זיך אַפֿן אייבערשטנס נסים און אַפֿן יושר פֿון

כתרילעווקער גנבים... האָט קיין פּאַריבל נישט, וואָס מיר האָבן אײַך אפשר דעקוטשעט.

— אדרבה! — זאָג איך. — האָט איר קיין פאריבל נישט, וואָס אזוי ווינציק... — און איך וויל זיי אַרויסבאַגלייטן אַף יענער זײַט טיר, רופט זיך אָן צו מיר דער הייזעריקער, לייגט־צו אַ פינגער צום מויל און ציט־אויס מיטן ניגון פון „קאַלדוניאַ״:

— פּתח שין — ששששאַ־אַ־אַ־אַ!...

און דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעווקע, נעמט אַרויס דאָס מעסער און טוט אַ מאַך מיט דעם איבערן קאָפּ עטלעכע מאָל, ווי איינער רעדט: „טאָמער טוסטו חלילה אַ פּיפּס, איז דײַן לעבן קיין לעבן נישט!״...

. . . .

. . . .

— גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! יזדן, ראַטעוועט! האָב איך מיך צעשריגן נישט מיט מײַן קול, וויבאַלד די באַנדיטן זײַנען אַוועק, און איך האָב אויפגעוועקט די גאַנצע שטוב. מען איז זיך צונויפגעלאָפן פונעם גאַנצן האָטעל; ווײַבער זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פון די בעטן אין אונ־טערשטע קליידער, און מאַנצבילן — מחילה, אין איינע תחתונים. מע האָט געמיינט, אַז עס ברענט.

— ווידער אַ שׂרפה?

— ווידער געברענט?

— ווו ברענט?

— ווער ברענט?

— שאַ, שאַ, קיינער ברענט נישט! — איז אַרויס נוח דער שווייצאַר מיט זײַן שפּראַך און רופט זיך אָן צו מיר:

— וואָס האָט איר זיך, למשל, צעשריגן, ווי אַ משוגן קעלבל? וואָס גוואַלדעוועט איר, ווי אין אַ מאַנהויז? איר וועט חלילה אויפוועקן אַלע אַקטעיורן!...

— גזלנים! — זאָג איך. — רוצחים! באַנדיטן זײַנען מיך באַ־פאַלן נאָר־וואָס און מיך באַנומען!

דערהערט „גזלנים״, פאַלט־אָן אַפן גאַנצן עולם אַ פּחד, און עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ גערייִדערײַ פון אַלע מיט אַ מאָל:

— גזלנים?

— וויפל גזלנים?

— דרײַ גזלנים!

— וואָס פאַר אַ פּנים האָבן זיי?

— צוויי יונגע, איינער אַן אַלטער!

— געגאַנגען מיט מעסערס?

— למאי האָט איר געשוויגן?

— איר האָט מורא געהאַט שרײַען?

— נאָט אײַך גזלנים! גאָט זאָל שומר ומציל זײַן!...

— נעכטן געווען אינעם אַנדערן הויף אויך גזלנים... געשטיקט אַ ייִדענע, אַרויסגעטראָגן די בריקלעך, געפונען אַן אײַזן...

— מסוכן איבערבלײַבן איינער אַליין אין שטוב...

— מע וועט שוין באַלד דאַרפן אַנטלויפן פון כתרילעווקע!

— נאַ דיר גאָר גזלנים, טאָמער איז קאַרג!...

— כאַפּט זיי! כאַפּט זיי! כאַפּט זיי! — הערט זיך פּלוצעם פון דרויסן אַ קול פון אַ נקבה און אַ געלויף מיט אַ קלאַפּערײַ פון אַ סך מענטשן. — כאַפּט זיי! כאַפּט זיי!

— געכאַפּט!

— איינעם געכאַפּט! צוויי געכאַפּט!...

— בינדט זיי! האָסט שוין דעם דריטן אויך? בינדט אים! בינדט אים!...

— פּאַוואָלי בינדט, נישט פאַרן קאָפּ, פאַר די פיס, פאַר די פיס!...

— זעלדע! גיב מיר דײַן פאַטשיילע, זעלדע!

— אָה, איר האָרכט? מע האָט זיי געכאַפּט! — רופט זיך אָן צו אונדז נוח דער שווייצאַר און לאָזט זיך לויפן מיט אַ לאַנטערנע אין דרויסן אַרויס, און מיר אַלע — נאָך אים.

— נו, וואָס הערט זיך? — שרײַט נוח אין דער פינצטער אַהין, פון וואַנען עס גייען די קולות. — שוין געכאַפּט?

— געכאַפּט, געכאַפּט! — ענטפערט אים אַ קול פון אַ נקבה אין דער פינצטער.

— און געבונדן?

— געבונדן, געבונדן!

— אַלע דרײַ?

— אלע דרײַ, אלע דרײַ!

— אנו, לאָמיר זיי כאָטש אָנקוקן, וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבן!

— מאַכט נוח דער שווייצאַר און רופט מיט זיך דעם גאַנצן עולם, און מיר גייען צו נאָענט מיט דער לאַנטערנע צו די געכאַפּטע גזלנים, און מיר דערזעען אַף דער ערד ליגן דרײַ געפּענטעטע... אינדיקעס!

די אינדיקעס האָבן אַראָפּגעלאָזט די בלויע שנאָבלען, בלאָזן מיט די נעזער און בליצן מיט די אייגלעך אַף דער שײַן פון אונדזער לאַנטערנע, און די ווײַבער, האַלב־נאַקעטע, דערציילן אונדז נסים ונפלאות, וויאַזוי די אינדיקעס זײַנען אַרויס פון שטײַג, מע ווייס נישט וויאַזוי: צי גנבים, צי אַ טכויר איז דורכגעלאָפן און האָט זיי איבערגעשראָקן, — נאָר דאַנקען גאָט, וואָס מע האָט זיי געכאַפּט, אַנישט — וואָלט געווען חלילה אַ היזק פון מי יודע וויפל!...

— טפו זאָלט איר ווערן, כתרילעווקער קורעלאַפּניצעס! — זאָגט נוח און בטלט אוים אַף זיי אַלע בייזע ווּיסטע חלומות. — אַ רוח אין אײַער אינדיטשקעס־געגנדז־קאַטשקעס־פלעדערווישן אַרײַן!...

און נוח דער שווייצאַר הערט נישט אויף צו שיטן מיט זײַנע געקליבענע, שאַרפע, פאַרשפּיצלטע ווערטער, און דער עולם הייבט אָן בים־לעכווײַז זיך צעגיין, מיט אַ גענעץ, איטלעכער אין זײַן רו אַרײַן.

איך בלײַב שטיין איינער אַליין, אין מיטן דער בלאָטע, פאַרטומלט פון דער נאַכט מיט אירע פּחדים, מיט אירע בהלות. אַ נאַסע קעלט נעמט דורך מײַן לײַב, דורך און דורך. ערטערווײַז באַווײַזט זיך אַ פײַערל אין די פענצטער. פון אַ פּאָר קוימענס ציט זיך אַ בלוי רויכל. פון אַ זײַט הימל באַווײַזט זיך אַ העלער פּאַס. פון עטלעכע ערטער הערט זיך אַ קרייען פון הענער, וואָס שטעלן־אָן זייערע העלדזער און שרײַען אַף אַלערליי קולות און פאַרשיידענע נוסחאות: קו־קו־רי־קו־או!...

עס שאַריעט אַף טאָג.

געשריבן אין יאָר 1901

כתרילעווקער מושב־זקנים

אַלצדינג פּראָגרעסירט אַף דער וועלט, גייט פאָרווערטס. עס פּראָג־רעסירט אויך אונדזער כתרילעווקע.

כתרילעווקע האָט זיך אַ שטאַרקן רוק געטאָן די לעצטע צײַט. אַזוי אַז איר וועט קומען צו פאָרן אַהין אַצינד, וועט איר זײַן דערשטוינט. איר וועט דערזען אין מיטן שטאָט, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, אַ גרויסן, אַ ברייטן, אַ הויכן מויער פון געלע ציגל, מיט אײַזן געדעקט און מיט אַ סך, אַ סך פענצטער, מיט אַ שיינער הויכער געשניצטער טיר, און אויבן, איבער דער טיר, צוגעשלאָגן אַ ווײַסער מאַרמאָר־שטיין, אויס־געקריצט מיט גרויסע גאָלדענע יידישע בוכשטאַבן:

מ ו ש ב ־ ז ק נ י ם.

איר שטייט און קוקט אַף דאָס דאָזיקע בילד, און עס דאַכט זיך אײַך אויס, אַז עס האָט דעם אָנבליק פון אַ טײַערער סאַמעטענער לאַטע אַף אַן אַלטער פאַרגרינטער ליוסטרינענער צעריסענער קאַפּאָטע. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פּרעכטיקער „מושב־זקנים" אינמיטן דרינען אין דעם אָרעמען־אָרעמען כתרילעווקע? וואָס איז דאָס — עמעצן אַף צו־להכעיס? אָדער אַ ליצנות? אָדער גאָר עמעצנס אַ טעות? אָט וואָס מע האָט מיר דערציילט דאָס לעצטע מאָל, אַז איך בין געווען דאָרט אַף קבר־אָבות.

דאָס איז געווען אין דער צײַט, וואָס מע האָט געזאָלט דורכפירן דורך כתרילעווקע אַ באַן. עס זײַנען אַראָפּגעקומען פון מאָסקווע מיני מאָדנע באַשעפענישן: אינזשעניערן, גאַסנמעסטערס, ערדשנײַדערס וכדו־מה אַזעלכע פאַרשוינען, און ועל כולם — איינער אַ פּאָדראַטשיק, אַ יונג מיט ביינער, און דווקא אַ „אונדזעריקער". דעם נאָמען זײַנען

ווייס מען עד היום נישט. אפשר איז דאָס פּאָליאַקאָווס אַ „מענטש“, און אפשר טאַקע פּאָליאַקאָוו אַליין. נאָר אַז ער איז אַ גביר אַן אדיר, אַ מיליאָנשטשיק — דאָס האָט אַ מינדסט קינד אויך געקאָנט אַרויס־זען. וואָרעם ווער וועט זיך עס פאַרגינען שטיין איין מענטש אַליין אין צוויי חדרים, פּרעסן הינער, זשליאַקען ווײַן אין מיטן מיטוואָך און מאַכן קוצעניר־מוצעניו מיטן בעל־אכסניהס ייִנגערער שנור, די הול־טײַקע? (זי טראָגט אייגענע האָר בפרהסיה און האָט פײַנט דעם מאַן — אַלע ווייסן דאָס).

אין יענער צײַט האָט זיך אונדזער אַלטער באַקאַנטער, דער רב רב יוזיפל אַרומגעטראָגן מיט אַ מחשבה: אַוועקשטעלן אין כתרילעווקע אַ „מושב־זקנים“ פאַר אַלטע קראַנקע אָרעמע לײַט. וואָס עפּעס גראָד אַ „מושב־זקנים“? פאַר וואָס נישט קיין „בקור־חולים“? הייבט זיך אָן אַ מעשה פון קשיות פרעגן! ער זאָל זיך געוועזן נעמען פאַר אַ „בקור־חולים“, וואָלט איר פרעגן: פאַר וואָס נישט קיין „מושב־זקנים‘? איך בין אײַך ערב, אַז אַ זײַטיקע מחשבה: טאָמער האָט דאָ חלילה רב יוזיפל געהאַט אַ מיין, אַ טובת־הנאה פאַר זיך אַף דער עלטער — איז דאָ זיכער נישט געווען. רב יוזיפל איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז אַף אַן אַלטן מאַן און אַ קראַנקן איז מער רחמנות, ווי אַף אַ יונגן. דאָס הייסט, אַ יונגער חולה איז אויך אַף גרויסע צרות. נאָר אַז מען איז קראַנק און נאָך אַלט דערצו, איז מען גאָר איבעריק באַ דער וועלט. איבעריק און נמאס. אַ מענטש האָט פײַנט אַן אַלטן מאַן אַ זקן — דאָס איז בדוק ומנוסה.

הכלל, ס׳איז באַ אים געבליבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל: כתרי־לעווקע מוז האָבן אַ „מושב־זקים“. אַ „מושב־זקנים איז בילכער פון אַלצדינג. און בכדי אַלע זאָלן פאַרשטיין, ווי ווײַט ס׳איז נייטיק אַ „מושב־זקנים“ אין כתרילעווקע, האָט רב יוזיפל שבת באַטאָג אָפּגעהאַלטן אַ דרשה אין שול, דערציילט זייער אַ שיינעם משל: „אמאָל איז געווען אַ מלך, האָט ער געהאַט אַ בן־יחיד...“ נאָר ווײַל מיר האַלטן אינמיטן אַ שמועס, ווילט זיך מיר נישט אַרײַנמישן איין מעשה אין דער אַנדערער. לייגן מיר אָפּ רב יוזיפלס משל אַף אַן אַנדערש מאָל. איך קאָן אײַך נאָר זאָגן, אַז דער משל איז אפשר נישט געווען אַזוי גלײַך צום נמשל, נאָר דער עולם האָט געלעקט פון אים די פינגער, ווי פון אַלע משלים, וואָס רב יוזיפל פלעגט זיי דערציילן. הלוואי וואָלט רב יוזיפל געווען אַזאַ

בריה אַף צו פֿאַרדינען זיך דאָס שטיקל ברויט, ווי ער איז געווען אַ מאַדים אַף צו זאָגן משלים.

אויסגעהערט דעם משל, רופֿט זיך אָן צו אים איינער אַ בעל־הבית.

— פֿון די נכבדים, געוויינלעך, וואָרעם ווער דען וועט זיך אײַנשטעלן אַרויסטרעטן קעגן אַ רב פֿאַר אַן עדה מיט ייִדן?

— יאָ, רבי, איר זײַט אַוודאי זייער גערעכט. דער משל איז זייער אַ שיינער משל. די קשיא איז נאָר: ווו נעמט מען געלט? אַ „מושב־זקנים" דאַרף קאָסטן געלט, און כתרילעווקע איז אַ שטאָט פֿון סאַמע כתריליקעס, אָרעמע לײַט, קבצנים, דלפֿנים, עניים ואביונים...

— ע! איך וועל דיר דערציילן, קינדעניו, דערויף אויך אַ משל. אַמאָל איז געווען אַ מלך... האָט ער געהאַט אַ זון אַ בן־יחיד...

הכלל, וואָס דער מלך האָט געטאָן מיט זײַן בן־יחיד — דאָס איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז דאָס, וואָס אונדזער רב יוזיפֿל האָט אַף מאָרגן, זונטיק, גענומען צוויי בעלי־בתים פֿון די „פֿאַרנעמסטע" און איז אַרויסגעקומען מיט אַ פּאַטשיילע אין מאַרק, גענומען גיין פֿון קלייט צו קלייט, פֿון שטוב צו שטוב — דער אַלטער מנהג אין כתרילעווקע אַף צו „מאַכן געלט". פֿאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע קאַפּיטאַלן קאָנען דערפֿון נישט ווערן. רב יוזיפֿל האָט אָבער צײַט. ער קאָן באַשטיין, עס זאָל געדויערן נאָך אַ וואָך. רוים איז נישט געבוירן געוואָרן אין איין טאָג. וואָס זאָל מען טאָן: נעבעך אַ שטאָט פֿון קבצנים! דער גאַנצער אַרויס־קוק איז אַף די פּרעמדע, די סוחרים, וואָס קומען אַראָפּ קיין כתרילעווקע, אָדער גלאַט אַזוי דורכפֿאָרער, וואָס שטעלן זיך אָפּ אַף די אַכסניות. דאָרט אַז מע דערטאַפּט אַמאָל אַ פֿויגל, פֿליקט מען אים אָרום אַזוי, אַז ער פֿאַרזאָגט אַ צענטן: „אַז איר וועט פֿאָרן פֿאַרבײַ כתרילעווקע, זאָלט איר דאָס אויסמײַדן אַ מײַל אַרום און אַרום — ס'איז נישט אויסצושטיין פֿון די דאָרטיקע אָרעמע לײַט!"...

דערהערט, אַז ס'איז געקומען צו פֿאָרן פֿון מאָסקווע אַ ייִד אַ פּאָדראַטשיק, פּאָליאַקאָוו אַ „מענטש", אָדער אפֿשר פּאָליאַקאָוו אַליין, אַ גרויסער מיליאָנשטשיק, — האָט זיך רב יוזיפֿל אָנגעטאָן שבתדיק, גענומען אַף זיך דעם טיזליק מיטן שטרײַמל, וואָס האָט זיך עפּעס נישט געפּאַסט צום גרויסן וואָכעדיקן שטעקן, וואָרעם ממה־נפֿשך: איז דאָס שבת — ווי קומט אַהער אַ שטעקן? איז דאָס אין דער וואָכן — וואָס עפּעס אַ שטרײַמל?... פֿאַרענטפֿערט איז די קשיא געוואָרן ערשט דע־

מאָלט, אַז רב יוזיפל האָט מיטגענומען מיט זיך די צוויי פֿײַנסטע בעלי־בתים און איז אַוועק מיט זיי גלײַך אַף דער אכסניה, צום רײַכן פּאָדראַ־טשיק.

איך ווייס נישט, וויאַזוי זײַנען די איבעריקע מאָסקווער פּאָדראַ־טשיקעס. נאָר דער פּאָדראַטשיק, וואָס איז געקומען קיין כתרילעווקע דורכפירן אַ באַן, איז געווען אַ מאָדנער פּאָדראַטשיק, אַליין אַ קליינינטשקער, אַ פּוכלינקער, מיט פּעטע בעקלעך, מיט פלײשיקע ליפּן און מיט קורצע הענטלעך, — איז דאָס געווען אַ בריאה אַ רירעוודיקע, וואָס אַז סע גייט, לויפט עס, און אַז סע רעדט, שרײַט עס און לאַכט מיט אַ צעשאָטן געלעכטערל: „הע־הע־הע!" און די אייגלעך זײַנען באַ אים תמיד באַנעצט מיט טרערן, און אַלצדינג איז באַ אים גיך, כאַפּנדיק, אַף איין פוס, און נערוועז — מיט סכנת־נפשות! אים נישט צוטרעפן, וואָס ער וויל, אָדער אים זאַטשעפּען מיט אַ וואָרט — איז חיות נישט זיכער. באַלד צינדן זיך אים אָן די אייגעלעך און ער איז קאַפּאַבל אײַך דורס זײַן, צערײַסן אַף צווייען. אַ מאָדנער, אַ מאָדנער פּאָדראַטשיק!

אײַנגעפירט האָט ער אַף דער אכסניה, אַז ווער סע זאָל צו אים נישט קומען, יהיה מי שיהיה, מעג זײַן דער גובערנאַטאָר אַליין (אַזוי טאַקע מיט דעם לשון האָט ער אָנגעזאָגט), דאַרף מען אים פריִער אַ קלאַפּ טאָן אין דער טיר, און אַז ער וועט הייסן אַרײַן, דאַרף מען ערשט דעמאָלט אים מעלדן, ווער עס וויל מיט אים ריידן — איז אָדער ער בעט אַרײַנקומען, אָדער ער הייסט קומען מאָרגן.

פאַרשטייט זיך, אַז אין כתרילעווקע האָט מען זיך געגוג אָנגעלאַכט אַף דעם דאָזיקן פאַרשוין און אַף זײַנע נאַרישע געגנג. האָט איר געהערט אַן השגה פון אַ מאָסקווער פּאָדראַטשיק? לאַ־די, וואָס איך האָב מיך מטריח געווען און קום צו דיר אַהיים, דאַרף איך נאָך שטיין אַ היפשע ווײַלע אַף יענער זײַט טיר און אויסוואַרטן ביז דו וועסט מיר „פּאָזוואָ־ליען" אַרײַנקומען צו דיר, אָדער אַנישט — וועסטו מיר הייסן קומען מאָרגן? ניין, דאָס קאָן נאָר אַ מאָסקווער פּאָדראַטשיק. דאַכט זיך, מע דאַרף נישט קיין גרעסערן מענטשן, ווי רב יוזיפל דער רב, אַ ייִד אַ למדן און אַ גרויסער ירא־שמים. פונדעסטוועגן איז באַ אים אַלע מאָל, צו יעדער צײַט, אָפן טיר און טויער, כל דכפין — מיר זײַנען דאָך עפּעס ייִדן אַף דער וועלט!

דערזען פאַר זיך רב יוזיפל דעם רב בכבודו ובעצמו און נאָך שבתדיק

אַנגעטאָן, איז דער בעל־אכסניה, אַ ייִד מיט אַ ליולקע־ציבעק, מיט אַ היפּשן בויך און מיט אַ צעשפּיליעטן פּונפּאַרענט, ממש מבולבל געוואָרן: „ברוכים הבאים! סקאַל קומט! אַזאַ גאַסט! דער רב אַליין באַ מיר אין שטוב! אַזאַ זכיה! רבי, זיצט... וואָס? צום אורח דאַרפט איר? מיטן גרעסטן כבוד!"...

און דער בעל־אכסניה האָט גאָר פאַרגעסן פונעם „יהיה מי שיהיה" און פונעם „גובערנאַטאָר", אַוועקגעלייגט דעם ליולקע־ציבעק, פאַרשפּי־לעט דעם פּונפּאַרענט און האָט צוגעפירט דעם רב מיט די צוויי פיינסטע בעלי־בתים צום אורחס טיר, און אַליין איז ער נעלם געוואָרן.

מיט וואָס דער אורח איז דאָרט געווען אין דער מינוט באַשעפטיקט — איז שווער צו זאָגן. אפשר האָט ער געהאַלטן סאַמע אין מיטן רעכע־נונג וועגן אייזנבאַן, ווו מע זאָל ציִען די רעלסן און ווו מע זאָל אַוועק־שטעלן דעם וואָקזאַל? אָדער אפשר איז ער געלעגן באַ זיך אין צווייטן צימער אַנגעשפּאַרט און געדרעמלט? אָדער אפשר איז ער דאָרטן געזעסן גלאַט אַזוי און געשמועסט, געפּלוידערט מיטן בעל־אכסניהס יונגער שנור די הולטײַקע, וואָס טראָגט אייגענע האָר און האָט פײַנט דעם מאַן — אַלע ווייסן דאָס? ווער קאָן עס וויסן, וואָס אַ ייִד אַ פּאַדראַטשיק פון מאָסקווע, אַ יונג מיט ביינער און אַ מיליאָנשטשיק דערצו, טוט באַ זיך אין מענטש אַליין אין צוויי צימערן? נאָר אַז די כתרילעווקער דעפּו־טאַציע איז אַרײַנגעקומען צו אים אינעם ערשטן חדר, האָבן זיי אים נישט געטראָפן. זיי האָבן נאָר באַמערקט, אַז די טיר פונעם צווייטן חדר איז אָפן און ס'איז דאָרטן זייער שטיל. גיין ווײַטער האָבן זיי נישט געוואָלט. ס'איז נישט קיין דרך־ארץ — טאָמער שלאָפט ער? זײַנען זיי געפאַלן אַף אַ המצאה און האָבן אַלע דרײַ געגעבן אַ הוסט (אַזוי איז דער מנהג אין כתרילעווקע). האָט דער פּאַדראַטשיק דערהערט, איז ער אַרויסגעלאָפן נישט טויט, נישט לעבעדיק, דערזען אומבאַקאַנטע געסט, איז ער באַלד געוואָרן מלא כעס וחמה און האָט זיך צעשריגן אַף זיי אָפן מאָסקווער אופן:

— ווער איז? וואָס דאַרפט איר, אַזעלכע און אַזעלכע? ווער האָט אײַך אַרײַנגעלאָזט? איך האָב דאָך טויזנט מאָל אָנגעזאָגט, אַז „אָן אַ דאָקלאַד" זאָל מען צו מיר נישט גיין!

ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט אויסגענוצט דערבײַ, זאָגט מען, דאָס וואָרט „זשידי"... ס'איז אפילו נישט צו גלייבן אַזעלכעס אַף אַ ייִדן,

נאָר אַ מענטש, און אַ מיליאָנשטשיק דערצו, אַז מע ברענגט אים אַרײַן אין גרימצאָרן, קאָן ער אַפּטאָן נאָך אַ סך ערגערע זאַכן...

אונדזער לעזער, וואָס איז שוין באַקאַנט געווען מיטן כתרילעווקער רב, ווייס גאַנץ גוט, וואָס פֿאַר אַ ייִד אַן עניו אָט דער רב יוזיפֿל איז. ער וועט אײַך קיינמאָל נישט זײַן קיין קופּץ בראש. ער האָט תּמיד ליב זײַן בעסער דער לעצטער, ווײַלע ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַ בשר־ודם דאַרף זיך נישט כאַפּן. ער האָט נישט וואָס אַנצוּווערן און וועט קיינמאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן. נאָר דאָ האָט ער געמוזט אַרויסטרעטן מיט איין פּוס פֿריִער, ווײַל יענע „פֿאַרנעמסטע בעלי־בתּים" האָבן זיך פּשוט אָי־בערגעשראָקן פֿאַרן מיליאָנשטשיק, וואָס האָט זיך צעלאָזט אַף זיי מיט די הענט און צוגעטופּעט מיט די פֿיס. ווער ווייס, וואָס ער איז? אפשר איז ער פֿאַליאַקאָווס אַ „מענטש", און אפשר איז דאָס פֿאַליאַקאָוו אַליין? האָבן זיי שוין בעל־כּרחם געמוזט אַביסל אָפּרוקן זיך צוריק, זײַן אַביסל נענטער צו דער טיר. אַ קשיא, וואָס סע מאַכט זיך... נאָר איין רב יוזיפֿל האָט זיך עפּעס איצטיקס מאָל גראָד נישט דערשראָקן. ער איז געגאַנגען מיט אַ ממה־נפשך: איז דער מענטש אַ ג ר ו י ס ע ר מענטש, דאַרף איך פֿאַר אים קיין מורא נישט האָבן. אלא וואָס דען? ער איז אַ ק ל יי ן מענטשעלע, — האָב איך אוודאי פֿאַר אים נישט וואָס מורא צו האָבן!... איז ער אַרויסגעטרעטן קעגן אים מיט שטאַרקייט און רופֿט זיך אָן צו אים אַזוי צו זאָגן:

— זײַט זשע מוחל, איר שרײַט... אפשר זײַט איר גערעכט... האָט קיין פֿאַריבל נישט, וואָס מיר האָבן אײַך אפשר געשטערט... מיר זײַנען זיך אָבער עוסק אין אַ מצווה, און שלוחי־מצווה, שטייט בײַ אונדז געשריבן, אינן ניזוקין — דער וואָס איז אַן עוסק במצווה — דעם קאָן נישט שאַטן... מיר זאַמלען נדבות, פֿאַרשטייט איר מיך, אַף אַ גרויסער זאַך, אַף אַ „מושב־זקנים"...

דער פּאָדראַטשיק פֿון מאָסקווע איז גאָר געבליבן אָן ווערטער. דאָס אַרײַנרײַסן זיך צו אים „אָן אַ דאָקלאַד" פֿון אָט די דרײַ ייִדן פּלוצעם אינמיטן דרינען און דאָס האַלטן זיך פֿון אָט דעם דאָזיקן אַלטן מיטן שטרײַמל, וואָס האָט אים אויסגעוויזן אי נאַריש, אי פֿרעך, האָבן אונדזער אורח אַזוי אויפֿגעבראַכט, אַזוי צעקאָכט, אַז ער האָט דערפֿילט, ווי עס האָט אים דערלאַנגט אַ קיצל אין נאָז און אַ הייב אויף דעם מוח און דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַרײַן אין פּנים אַרײַן. ער איז פּשוט אַרויס

פון די כלים און אזוי שטארק פארלוירן זיך, אז ער געדענקט אליין נישט, וואס מיט אים איז געווען. עס האט זיך עפעס ווי קעגן זײַן אייגענעם ווילן אויפגעהויבן בא אים די האנט, און ער האט מיטן גאנצן כוח אראפּגעלאזט דעם אלטן א הילכיקן פלאמפּיעדיקן פּאטש.

— נאט אײַך! אט האט איר אײַך א „מושב־זקנים״!...

פונעם דאזיקן פּאטש זײַנען באם אלטן אראפּגעפלויגן פון קאפּ דאס שטרײַמל מיט דער יארמלקע אינאיינעם, און דער כתרילעווקער רב איז געבליבן שטיין א ווײַלע בגלוי־ראש — דאס ערשטע מאל אפשר אין זײַן לעבן... עס האט אבער געדויערט נישט מער ווי א רגע כמימרא, האט דער רב רב יוזיפל קודם זיך אײַנגעבויגן, אױף דער גיך אויפגעהויבן דאס שטרײַמל און צוגעדעקט דעם נאקעטן קאפּ. דערנאך האט ער פּאוואלינקע זיך א טאפּ געגעבן בא דער באק און א קוק געטאן אױף דער האנט, צי איז ער חלילה נישט צעדמט? און טאקע באותה שעה רופט ער זיך אן צום אורח שטיל און בנעימותדיק, מיט א מאדנעם שמייכעלע, און דאס פּנים איז אים טויט, ווי בא אלע טויטע:

— נו, מילא, דאס האט איר, הייסט עס, געגעבן מ י ר. וואס זשע וועט איר עפּעס געבן, רב יודה, פאר די אלטע קראנקע נעבעך, איך מיין טאקע אפן „מושב־זקנים״ מיין איך?

. . . .

. . . .

. . . .

וואס ווײַטער איז געווען — לאזט זיך נישט דערציילן. קיינער ווייס נישט, ווארעם די „פּארנעמסטע בעלי־בתים״, אז זיי האבן דערהערט פונעם פּאדראטשיק די מאסקוואער שפּראך, האבן זיי שוין נישט געסטײעט... און דער רב רב יוזיפל האט גלאט נישט געוואלט ריידן דערפון... אז ער איז ארויסגעגאנגען פון דארטן, האט אים דאס פּנים מאדנע געשײַנט. איין באק (די לינקע) האט געשײַנט מער פון דער אנדערער... און ער האט מיט זײַן בנעימותדיק שמייכעלע געזאגט:

— מזל־טוב, יידן, איך קאן אײַך אנזאגן א בשורה: מיר האבן מיטן אייבערשטנס הילף א „מושב־זקנים״, אבער א „מושב־זקנים״, הערט איר, אז גאט און לײַט וועלן זיך פרייען...

די „קליינע מענטשעלעך״ וואלטן אפשר דעם רב נישט אינגאנצן געגלייבט, ווען זיי זאלן נישט הערן פונעם פּאדראטשיק אליין מיט זייערע

אויערן, ווי ער זאָגט און קלאַפּט זיך מיט די קורצע פינגער אין דער ווײַסער מאַנישקע:

— יידן, איך שטעל אײַך אוועק אַ „מושב־זקנים". איך, איך!...

— און נישט נאָר געעהרט מיט די אויערן, נאָר מע האָט געזען מיט די אויגן אינגיכן, ווי דער פּאָדראַטשיק גייט־אום מיטן רב אין שטאָט, מעסט מיטן שטעקן: „אָט דאָ וועט שטיין דאָס הויז. אָט אַזוי פיל וועט זײַן די לענג, און אָט אַזוי פיל די ברייט"... און אָט האָט מען שוין געבראַכט צו פירן ציגל, געהילץ און אַנדערע מאַטעריאַלן — און עס גייט אַ גאַנג.

אמת, עס האָבן זיך געפונען בעלנים, וואָס האָבן גענומען אויספרעגן באַם רב, אויסטאַפּן, ציִען ווערטער: „רבי! ווי־אַזוי איז געווען די מעשה? ווי־אַזוי האָט אײַך דער דאַזיקער מפיים געווען פאַר די האַרטע רייד?... וואָס האָט איר אים געזאָגט און וואָס האָט ער אײַך געענטפערט?"... רב יוזיפל האָט אָבער אַלצדינג דורכ־געלאָזט פאַרבײַ און פאַררעדט דעם עולם די ציין, געשמייכלט דערבײַ מיט זײַן שטענדיק בנעימותדיק שמייכעלע:

— אָבער אַ „מושב־זקנים" וועלן מיר, אם־ירצה־השם, האָבן, הערט איר, אַז גאָט און לײַט וועלן זיך פרייען!...

* * *

און עבֿירה — דאָס „מושב־זקנים" שטייט נאָך עד היום ליידיק: רב יוזיפל איז שוין עליו השלום — נישטאָ מיט וואָס צו פירן. די כתריל̄עווקער קליינע מענטשעלעך האָבן שוין אַזאַ מזל: חלומט זיך זיי אײַנגעמאַכטס — פעלט זיי אַ לעפל; אָנגעגרייט אַ לעפל — חלומט זיך זיי נישט קיין אײַנגעמאַכטס.

געשריבן אין יאָר 1910

אַ פּסחדיקע עקספּראָפּריאַציע

א.

כתרילעווקע האָט פון תמיד אָן נאָכגעטאַנצט אדעס; נאָר פון זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די בהלות, טרעט כתרילעווקע נישט אָפּ פון אדעס אף קיין האָר: אין אדעס אַ שטרײַק — אין כתרילעווקע אַ שטרײַק; אין אדעס אַ פּאָגראָם — אין כתרילעווקע אַ פּאָגראָם. איינער אַ ליג האָט ארויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אין אדעס האָט מען אָנגעהויבן זיך אָפּשניידן די נעזער, האָט מען אין כתרילעווקע גענומען שאַרפן מע־סערס; אַ גליק, וואָס אין כתרילעווקע גופא האָט מען ליב קוקן אף יענעם, דעריבער האָט יעדער געוואַרט, ביז דער ערשטער וועט זיך אָפּ־שנײַדן די נאָז. און מע וואַרט נאָך עד היום...

נאָך אַזאַ מיר הקדמה וועט שוין קיינעם קיין וווּנדער נישט זײַן, וואָס עס גייט נישט אַוועק כמעט אַ טאָג, מע זאָל נישט לייענען אף די גאַזעטן אַלע מאָל אָן אַנדער אומגליק פון כתרילעווקע: ווי אַזוי „חברה" האָבן זיך ארײַנגעכאַפּט צו אַ בעקער און האָבן עקספּראָפּריאירט דאָס גאַנצע געבעקס, אָדער ווי אַזוי אַ שוסטער האָט שוין געהאַט כמעט געענדיקט אַ פּאָר שטיוול — ס'איז געבליבן נאָר ארויפזעצן אַ פּאָר פּאָדעשוועס מיט די אָפּצאַסן, — אין מען אים באַפאַלן אין מיטן העלן טאָג, אָפּגע־זאָגט דעם געוויסן פּסוק „שאו ידיכם" — „רוקי ווערך!" — און צוגע־נומען די שטיוול. אָדער אַ ייִד אַן אָרעמאַן איז געגאַנגען איבער די הײַזער — דאָנערשטיק איז געווען די מעשה — האָט מען אים זאַטשע־פּעט ערגעץ אין אַ געסל, צוגעשטעלט אים אַ פּיסטויל גלײַך אין פּנים ארײַן און ארויסגעטרייסלט בײַ אים וואָס ער האָט געהאַט. אָדער הערט אַ מעשה, וואָס אַ ייִדענע דערציילט... נאָר וואָס אַ ייִדענע דערציילט

ווייל איך אליין ניסט איבערחזרן; א פרוי האט שוואכע נערוון, די צייט איז אן אומרויקע, עס קאן זיך איר אויסווייזן א קוצע קו פאר א בארנבוים... איך וויל נישט נעמען אף זיך „די פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דער גע־זעלשאפט"...

בקיצור, עס איז אוועק אין כתרילעווקע א סדרה עקספראָפּריאַציעס, איינע שרעקלעכער פון דער אנדערער. עס איז געוואָרן א מורא צו לעבן אף דער וועלט. און מע האט אנגעהויבן בענקען נאך די אלטע גוטע יאָרן, ווען איין פּריסטאוו, וואס פלעגט נעמען א קערבל, האט געקאָנט האלטן א גאנצע שטאט בא זיך אין קעשענע און מע האט אנגעהויבן בעטן גאָט און תפילה טאָן:

— גוואלד, רבונו־של־עולם, השיבנו נאזאד, הארצעדיקער פאטער, חדש ימינו כקדם!...

— דאָס איז אָבער נאָך אלץ נישט מער ווי א הקדמה. די מעשה הייבט זיך ערשט אָן.

ב.

בנימין לאסטעטשקע איז דער גרעסטער נגיד אין כתרילעווקע. אויסרעכענען זיין גרויסקייט האט נישט קיין שיעור. ערשטנס, האט ער מחותנים רייכע אף דער גאנצער וועלט. די מחותנים זיינען שוין איצט נישט רייך, ווי זיי זיינען געווען אמאל, אָבער היינטיקע צייטן מיט היינטיקן אנזעצן — ס'איז גאר קיין חידוש נישט; א חידוש איז נאָר, ווי יידן האלטן זיך נאָך, און ווער שמועסט די כתרילעווקער יידן — זיינען שטארקער ווי אייזן! ווי הערינג אין א פאס האבן זיי זיך צונויפגעפאקט אלע אף איין אָרט, און זיי פרעסן איינס דאס אנדערע לעבעדיקערהייט. א שטיקל גליק אָט דאס אמעריקע, וואס נעמט צו פון דאָרטן אלע יאָר כמעט צוויי מאל אזויפיל, וויפל עס שטארבן אויס פון הונגער, פון פאגראָמען און פון אנדערע שלעק... פונדעסטוועגן זעט איר דאָך, אז גאָט וויל, איז נאָך דאָ אין כתרילעווקע א ייד א נגיד, וואס הייסט בנימין לאסטעטשקע, וואס אלע זיינען אים מקנא, וואס ער דאַרף נישט אָנקומען צו קיינעם, אחוץ צו זיינע רייכע מחותנים. מאָלט אייך, אָנקומען צו א רייכן מחותן איז עפּעס אויך נישט אזא זיס שטיקל

ברויט, מחמת דאָס רוב רײַכע מחותנים זײַנען בטבע, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן, גרויסע חזרים... פונדעסטוועגן איז בנימין לאַסטעטשקע פאַרט דער נגיד אין כתרילעווקע. אַז מע דאַרף אַ מאָל אַ טובה, וווּהין גייט מען? צו בנימין לאַסטעטשקע. און בנימין לאַסטעטשקע הערט אויס, העלפט אַ מאָל מיט אַן עצה, אַ מאָל מיט אַ גוט וואָרט, אַ מאָל מיט אַ קרעכץ — גוט איז אויך דאָס, וואָרעם אָן דעם וואָלט דען געווען בעסער? אַלץ איין שוואַרץ יאָר.

וואָס איז דער חילוק פֿון אַ כתרילעווקער נגיד ביז, למשל, אַ נגיד אין יעהופּעץ? די יעהופּעצער נגידים האָבן ווייכע הערצער, קאָנען נישט צוזען דעם צער פֿון די אָרעמע לײַט, האַלטן זיי פֿאַרמאַכט די טיר, שטעלן אַוועק אַ שווייצאַר בײַ דער שוועל, לאָזן נישט צו קיין בן־אָדם, וואָס גייט נישט אָנשטענדיק אָנגעטאָן. און אַז עס קומט דער ליבער זומער הייבן זיי זיך אויף ווי די שוואַלבן און פֿאָרן אַוועק קיין אויסלאַנד — גייט זוכט זיי! אַנו, זאָל פּרוּוון אַ כתרילעווקער נגיד אַזוי טאָן, וועט מען אים די ביינער צעטראָגן! צי ער וויל, צי ער וויל נישט — בנימין לאַסטעטשקע איז ראש וראשון אין קהל. אין אַלע צדקה־זאַכן איז ער דער ערשטער, נישט נאָר אַף צו געבן די ערשטע נדבה, נאָר אַף צו נעמען דאָס שטעקל, מחילה, און גיין פֿון שטוב צו שטוב צונויפֿנעמען נדבות פֿון אָרעמע לײַט פֿאַר אָרעמע לײַט...

הײַנט ווער שמועסט ערב פּסח באַם צונויפֿנעמען „מעות חטים" —! אָ! דעמאָלט מעגט איר זיך פֿאַרגינען אַ קוק טאָן אַף בנימין לאַסטעטשקע באַטש פֿון דער ווײַטן. איך ווייס נישט, אויב דער גרעסטער כלל־טוער פֿון דער גאַנצער וועלט האָט פֿאַר דעם ברענענדיקסטן וואָלקאַמף אַמאָל אַזוי געשוויצט, ווי אונדזער לאַסטעטשקע שוויצט גאַנצע פֿיר וואָכן פֿאַר פּסח! ער שווערט, אַז פֿון פּורים ביז פּסח שלאָפֿט ער אין אָנטאָן! לאָמיר אים גלייבן אַף נאמנות, וואָרעם וואָס קומט אים ארויס פֿון דעם? קיין געלט פֿאָדערט ער נישט פֿאַר זײַן טרחה. אי, איר וועט זאָגן, ער טוט עס צוליב כבוד? זאָל זײַן אַזוי. וואָס קאָן עס אײַך אַרן? יעדער מענטש וויל כבוד; אַפילו שררות האָבן עס נישט פֿײַנט. מיר ווען די נאַטור פֿונעם מענטשן נישט איבערמאַכן — פֿאַרפֿאַלן!

ג.

דער מנהג פון צונויפנעמען מעות־חטים פאַר אָרעמע לייט אויף פסח איז זייער אַן אַלטער מנהג, זייער אַ קאָנסערוואַטיוו מיטל פון „פילאַנטראָפּיע”; דאָך, מיין איך, איז ער נישט אַזוי ביטער, ווי די היינטיקע ווילן אונדז איינריידן. זיי זאָגן, אַז „פילאַנטראָפּיע איז אַ שחיטה פאַר דער געזעלשאַפט”. איך וויל מיך מיט זיי אין חקירות און אין פּאָלעמיק נישט אַריינלאָזן. איך וויל נאָר זאָגן, אַז נאָך מיין מיינונג, איז דאָ נאָך אַ פּיל ערגערער מנהג: וואָס די נגידים ווילן נישט געבן, און וואָס מע דאַרף בײַ זיי רייסן פון די ציין. און נאָך טויזנט מאָל ערגער איז דאָס, וואָס די שיינע מענטשן, וואָס ווילן נישט געבן, ווילן אייך איינריידן אַ קינד אין בויך, אַז דערפאַר גיבן זיי נישט, ווייל ס'איז פאַראַן בײַ זיי אַ „פּרינציפּ”... פאַר אַזעלכע מענטשן זאָלט איר אַנטלויפן; אַזעלכע מענטשן זיינען טרוקן, ווי אַ טרוקן פישל, און אומעטיק, ווי אַ קאַץ... דאַנקען גאָט, וואָס אין כתרילעווקע איז דער „פּרינציפּ” נאָך נישט אַריין אין דער מאָדע. די וואָס גיבן נישט, גיבן נישט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט... ערב פסח אָבער, אַז עס קומט צו מעות־חטים, איז דאָס אויך קיין תירוץ נישט. אין כתרילעווקע גייט אַ שפּריכוואָרט: „יעדער ייִד איז מחויב אָדער ג ע ב ן מעות־חטים, אָדער נ ע מ ע ן מעות־חטים...

מאָדנע מענטשן די כתרילעווקער ייִדן! טויזנטער יאָרן זיינען אַוועק, זינט זייערע עלטער־עלטער־זיידעס האָבן זיך באַפרייט פון גלות־מצרים, קאָנען זיי זיך נאָך עד היום נישט אָפּגעוווינען פון צו עסן מצות אַכט טאָג דורכאַנאַנד אַלע יאָר, און איך האָב זייער מורא, אַז דער דאָזיקער טרוקענער מאכל וועט נאָך לאַנג־לאַנג נישט אַרויס פון דער מאָדע... אַ גאַנץ יאָר וועט איינך אַ כתרילעווקער ייִד שוואַלן פון הונגער, און קומט פסח, מעג זיך איבערקערן די וועלט, מוז ער זיין פאַרזאָרגט מיט מצות! עס איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז אַ ייִד זאָל דאָרט שטאַרבן פסח פון הונגער. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל אַזאַ פאַל, דאַרף מען אים פאַרשרייבן אַפן חשבון פונעם יאָר, דאָס הייסט, ער איז געשטאָרבן נישט ח״ו מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט די אַכט טאָג פסח קיין מצה, נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין ח מ ץ אין

די 357 טעג פון אַ גאַנץ יאָר. עס איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ גרויסער אונטערשייד!

ד.

נישטאָ איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט האָבן קיין אויס־נאַם. דאָס יאָר, וואָס מיר באַשרײַבן אונדזער געשיכטע, איז געווען פאַר כתרילעווקע אַזאַ יאָר, וואָס מע האָט אַזעלכעס קיינמאָל נישט געהערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נ ע מ ע ר ס אויף מעות־חטים זײַנען מער ווי ג ע ב ע ר ס. מע זאָל זיך נישט שעמען פאַר לײַטן, וואָלטן כמעט אַלע ייִדן דאַרטן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון צו נעמען מעות־חטים... אַ צער־בעלי־חיים געווען אָנצוקוקן אונדזער גביר בנימין לאָס־טעטשקע, ווי ער זיצט אין „קאָמיטעט" דעם לעצטן טאָג וואָס פאַר פסח און האַלט אין איין אָפּזאָגן:

— נישטאָ קיין געלט!... אויסגעגאַנגען!... האָט קיין פאַריבל נישט!...

— דערלעבט איבער אַ יאָר, — האָבן אים געענטפערט די „אָפּגע־זאָגטע" אָרעמע לײַט און צוגעלייגט אונטער דער נאָז: — און איר זאָלט קומען צו אונדז נאָך מעות־חטים...

איינס נאָך דאָס אַנדערע זײַנען די אָרעמע לײַט אַרויס פון „קאָמי־טעט" מיט ליידיקע הענט און מיט רויטע פּנימער, ווי פון אַ שוויץ־באָד, געשאָלטן די נגידים אויף וואָס די וועלט שטייט — ס'זאָל פאַלן אין ים אַרײַן.

צווישן די לעצטע „אָפּגעזאָגטע" איז געווען אַ גאַנץ בינטל בחורים, אַרבעט־יונגען, וואָס דרייען זיך אום אַ גאַנצן ווינטער אָן אַ שטיקל אַר־בעט. מע האָט שוין פאַרקויפט פון זיך אַלץ, וואָס מע האָט געהאַט. איינער האָט פאַרזעצט אַ זילבערנעם זייגער און פאַרן געלט געקויפט פּאַפּיראָסן, און אַלע בחורים האָבן גערייכערט, אום צו שטילן דעם הונגער אַלע בחבֿרותא — מעשה קאָמונע... געקומען אין „קאָמיטעט", האָט דאָס בינטל בחורים אַרויסגעשטעלט פאַרן גענעראַל־רעדנער איינעם, אַ דאַמסקי שנײַדער, מיטן נאָמען שמואל־אַבא פינגערהוט. און כאָטש שמואל־אַבא פינגערהוט איז געווען דער גענעראַל־רעדנער, פונדעסטוועגן האָט אים דאָס גאַנצע בינטל מיטגעהאָלפן, און אַלע האָבן גערעדט, גע־

טענהט, אַז זיי גייען־אויס פון הונגער, ממש זיי פאַלן מיטן פנים צו דער ערד. דער גבאי ראשון פון „קאָמיטעט", בנימין לאַסטעטשקע, האָט זיי געלאָזט ריידן, און אַז זיי האָבן אויסגעלאָזט, האָט ער אָנגעהויבן בזו הלשון:

— האָט קיין פאַריבל נישט, אײַערע רייד זײַנען אַרויסגעוואָרפן. ערשטנס, זײַט איר נישט קיין באָוויַבטע, און מיר גיבן מעות־חטים נאָר פאַר באָוויַבטע; צווייטנס, זײַט איר, קיין עין־הרע, יונגע לײַט, וואָס קאָנען גיין אַרבעטן און פאַרדינען אַף פּסח. דריטנס, איז הײַנטיקס יאָר בא אונדז אַ גערעטעניש אַף אָרעמע לײַט, פאַראַן מער נעמערס, ווי געבערס; פערטנס — ס'איז אַ בזיון צו זאָגן, מיר האָבן שוין נישט פון גאַנץ פרי אָן אַ צעבראָכענעם גראָשן אין דער קאַסע. טאָמער גלייבט איר נישט, נאַט זעט.

און דער גבאי ראשון פון קאָמיטעט האָט זיך איבערגעקערט זײַנע אַלע קעשענעס אַף דער לינקער זײַט, באַוויזן אויג־אַף־אויג, אַז ער איז נקי, ריין ווי גאָלד. דאָס בינטל איז געבליבן אָן לשון, נאָר דער לידער, שמואל־אבא פינגערהוט, האָט אַ פּה קדוש — מע דאַרף אים די צונג נישט פּיקן. ער האָט זיך אָנגערופן צום גבאי מיט אַ גאַנצער דרשה האַלב יידיש, האַלב רוסיש:

— זשאַל, וואָס איר האָט נישט אָנגעהויבן פונעם סוף, וואָלט איר פאַרשפּאָרט טראַטיען אַזוי פיל פּאָראָך פּאָנאַפּראַסנאָ. נאָר איך וועל אײַך געבן אַ וואָזראַזשעניע אַף אַלע אײַערע דאָוואָדן. וואָפּערוויך, וואָס מיר זײַנען באַלאָסטיאַקעס — איז דאָס פאַר אײַך אַ מעלה: ווינציקער אָרעמע לײַט אין שטעטל. וואָווטאָריך, וואָס איר זאָגט: אַרבעטן — סדיעלאַיטע אָדאָלזשעניע! גיט אונדז אַרבעט, וועלן מיר אײַך איבערקערן די וועלט! וטרעטיך, וואָס איר זאָגט: אָרעמע לײַט, איז אין דעם שולדיק דער קאַפּיטאַליזם ס'אָדנאָי סטאָראָני און די עקספּלאָאַטאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט ס'דרוגאָי סטאָראָני. אַ וטשעטוויאָרטיך, וואָס איר וויוואָראַטשעוועט די קעשענעס אַף דער לינקער זײַט, איז דאָס נישט קיין דאָקאַזאַטעלסטוואָ. מיר סאָמניעוואַיען זיך נישט, אַז בא אײַך אין דער היים, נאַפּרימער, זײַנען די שאַפּעס אָנגעפּאַקט מיט מצות, אייער, ציבעלעס און קאַרטאָפּלעס און גענדזנשמאַלץ און טאָמו פּאָדאָבנאָיע, און ווײַן אויך אַף אַרבע כוסות... איר זײַט אַלע בורזשוקעס און בעזסאָוועסטנע עקס־

פלאַטאָטאַרעס — און באַלשע ניטשעוואָ! טאָווארישטשי, קומט לאָמיר גיין!...

מיר מוזן נאָכגעבן, אַז כתרילעווקע, וואָס טאַנצט־נאָך אדעס און אַלע אַנדערע גרויסע שטעט, איז נאָך אַזוי ווײַט נישט פאַרגעשריטן, אַז אַזאַ עקספּלאָאַטאַר, ווי אונדזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, זאָל עפענען די שאַפעס, צעטיילן פאַר די אָרעמע לײַט די מצות מיט די אייער מיט די ציבעלעס מיט די קאַרטאָפּלעס מיטן גענדזנשמאַלץ און מיטן ווײַן אויף ארבע בוסות, און אַליין זאָל עס בלײַבן מיט ווײַב און קינדער אָט אַזוי אָ... איך בין אָבער איבערצײַגט, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז מײַנע כתרילעווקער עקספּלאָאַטאַרס וועלן דאָס זיכער טאָן, זאָל נאָר פרײַער באַוויזן אדעס, אָדער יעהופּעץ, אָדער אַנדערע גרויסע שטעט אַזאַ מין בײַשפּיל. כתרילעווקע, מײַנע ליבע פרײַנט, איז נישט מחויב צו זײַן די ערשטע אויפן יריד...

ה.

מיט אַ ריינעם געוויסן, אַן אויסגעבאָדענער, אַ יום־טובדיקער, האָט זיך בנימין לאַסטעטשקע אָוועקגעזעצט מיט ווײַב און קינדער די ערשטע נאַכט פּסח צום סדר, רויק און אויפגעלייגט, טאַקע ווי אַן אמתער מלך, וואָס פילט זיך גוט אין זײַן מלוכה. אין דער רעכטער האַנט האָט ער די מלכה, שרה־לאה זײַן ווײַב, אויסגעפּוצט יום־טובדיק מיט אַ נײַער זײַדע־נער פאַטשיילע, פון וועלכער עס קוקן אַרויס צוויי לאַנגע באָמבלדיקע אוירינגלעך פון עכט זילבער 84טע פּרווו, און אַרום און אַרום טיש די קינדער, די פּרינצן מיט די פּרינצעסנס — אַ גאַנצער בוקעט פון אויס־געצוואָגענע קעפּלעך, רויטע בעקלעך, בלישטשענדיקע אייגלעך. אַפילו זלאַטקע די דינסטמויד, וואָס אַ גאַנץ יאָר איז זי אײַנגעשפּאַנט אין יאָך און אַרבעט ווי אַן אייזל, האָט זיך אויסגעצוואָגן און אָנגעזייפט מיט פּאַטשולי־זייף און אַרײַן אין אַ נײַ סיצן קליידל מיט נײַע „באָטינקעס" און מיט אַ ברייטער רויטער סטענגע אויפן שוואַרצן גלאַנצנדיקן שטערן. אַלע פילן זיך גוט, מחיה, פרײַ, גלײַך ווי זיי אַליין זײַנען נאָר וואָס אַרויס פון מצרים. מיט אַ קנאַק האָט דער יִנגסטער פון די פּרינצן אָפּגעקלאַפּט די פיר קשיות, און דער פאָטער דער מלך, בנימין לאַסטעטשקע, האָט גענומען לאַנגזאַם, מיט זייער אַ שיינעם ניגון, אויף אַ הויך קול, ענטפערן

אים אַ תּירוץ, דעם אַלטן תּירוץ: עבֿדים היינו — קנעכט זײַנען מיר געווען, לפּרעה במיצרים — בײַ פּרעהן אין מצרים, האָט אונדז גאָט אַרויסגעצויגן פֿון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט גרויסע וווּנדער, באַצאָלט פּרעהן מיט צען שיינע מכּות... און האָט גענומען אויסרעכענען אויף אַ קול און מיט אַ ניגון די שיינע מכּות. פּלוצעם...

ז.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, און נאָך אַ קלאַפּ, און נאָך צוויי קלעפּ. ווער זאָל דאָס זײַן?... „עפֿענען, אָדער נישט עפֿענען?"... און עס איז געבליבן, אַז יאָ עפֿענען, וואָרעם דאָס קלאַפּן איז געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. און דער מלך און די מלכּה און די פּרינצן זײַנען אַלע געבליבן שטיל, און זלאַטקע די דיסטמויד האָט געעפֿנט די טיר, און אין שטוב זײַנען אַרײַן דאָס גאַנצע בינטל בחורים מיט זייער לידער, שמואל־אבא פֿינגערהוט, בראָש, מיט אַ ברייטן „גוט יום־טובֿ!"... אונדזער נגיד בנימין לאַסטעטשקע, כאָטש די נשמה איז אים שוין געווען אין די פּיאַטעס, האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ און אַ זאָג געטאָן צו דער חבֿרה:

— אַ גוט יום־טובֿ, אַ גוט־יאָר. סקאַצל קומט. וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

איז אַרויסגעטראָטן שמואל־אבא פֿינגערהוט, דער גענעראַל־רעדנער מיט אַ דרשה, ווי זײַן שטייגער איז, אויף דער געמישטער האַלב־רוסישער שפּראַך, און האָט אַזוי געזאָגט:

— איר זיצט דאָ אין דער ליכטיק בײַ אַ גלאָז ווײַן און פּראַזדניוועט דעם הייליקן יום־טובֿ, און מיר, אָרעמע פּראָלעטאַריער, פּראָפּאַדאַיען פֿון הונגער. איך געפֿין, אַז ס'איז ניעספּראַווערליווע. איך פּריקאַזעווע אײַך, איר זאָלט הײַנט אונדז אָפּגעבן אײַער יום־טובֿדיקע וועטשערע און איר זאָלט נישט סמעיען אַרויסלאָזן אַ פּיפּס, נישט עפֿענען קיין פֿענצטער, נישט רופֿן קיין פּאָליציי און טאָמו פּאָדאָבנע, וואָרעם מיר וועלן מאַכן פֿון אײַך אַש... חבֿר משה, ווו איז די באָמבע?...

• •

די לעצטע עטלעכע ווערטער זײַנען שוין געווען גענוג, דאָס גאַנצע

געזינדל זאָל בלײַבן ווי געליימט, ווי צוגעקאָוועט צו די ערטער. נאָר אַז דער „חבר משה", אַ שוואַרצער שוסטער־בחור מיט אַ שוואַרצער פּאַטלע און מיט שוואַרצע פינגער, איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט געגעבן אַ שטעל אַוועק עפּעס אַ הויכע זאַך און אַ קײַלעכיקע, איבערגע־דעקט מיט אַ שמאַטקע, — איז פונעם גאַנצן הויזגעזינד געוואָרן דאָס, וואָס ס'איז אַמאָל געוואָרן פון לוטס ווײַב, אַז זי האָט זיך אויסגעדרייט, געוואָלט זען, וואָס איז געוואָרן פון די שטעט סדום און עמורה...

און זלאַטקע די דינסטמויד האָט מיט קלאַפּנדיקע ציין אונטערגע־טראָגן צום טיש פרײַער די הייסע פּעפּערדיקע פיש, נאָכדעם די יויך מיט די פעטע קניידלעך, לאַטקעס מיט אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, און חברה האָבן דאָס אויפגעקלאַפּט מיט אַזאַ אַפּעטיט, גלײַך ווי זיי האָבן טאַקע באמת שוין לאַנג נישט געגעסן, און האָבן אַלע מאָל פאַרטרונקען מיט ווײַן, און האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, נישט איבערלאָזן קיין טראָפּן, אפילו דאָס איי מיט דער זרוע מיטן כרפס מיטן מרור מיטן חרוסת האָבן זיי צורעכט געמאַכט, נישט איבערגעלאָזט קיין זכר, קיין סימן פונעם סדר, אחוץ די הגדות. און בשעת מעשה האָט דער גענעראַל־רעדנער, שמואל־אבא פינגערחוט, נאָך געמאַכט חוזק פונעם כתריל׳עווקער גביר, דעם עקספּלאָאַטאַטאָר בנימין לאַסטעטשקע. ער האָט צו אים אַזוי גע־זאָגט:

— אַלע מאָל זאָגן מ י ר די הגדה און א י ר עסט די קניידלעך; נאָר וו'נאַסטאַיאַשטשעיע ווערעמיאַ זאָגט א י ר די הגדה און מ י ר עסן די קניידלעך... לחיים, בורזשוי, זאָל גאָט געבן, איר זאָלט ווערן אַ פּראָלעטאַרי אַזוי ווי מיר!... לשנה הבאה בקאָנסטיטוציע!...

דער עפּילאָג פון דער טראַגעדיע

עס איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט, און דער אָרעמער נגיד בנימין לאַסטעטשקע מיט זײַן הויזגעזינט זײַנען נאָך אַלץ געזעסן אַרום טיש, נאָך אַלץ אין איין שרעק! אַפן טיש איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָס „אומגליק" — דאָס הויכע, דאָס קײַלעכיקע, מיט דער שמאַטע איבער־געדעקט. די „חברה־לײַט" האָבן אָנגעזאָגט פאַרן אַוועקגיין, זיי זאָלן בלײַבן זיצן צוויי שעה אויף די ערטער, אַנישט — וועט זײַן שלעכט...

יענע נאַכט איז אין דער שטוב קיינער נישט געשלאָפן; מע האָט גע־דאַנקט גאָט, וואָס מען איז אַרוים מיטן לעבן...

— נו, און וואָס איז געוואָרן מיט יענעם הויכן קנעלעביקן „אומגליק", וואָס אפֿן טיש, מיט דער שמאַטע איבערגעדעקט?... אַזוי פֿרעגט דער נײַגעריקער לעזער. און מיר באַרויִקן אים: אַ בלעכענע פּושקע פֿון שוואַקס, אָנגעפּיל מיט מצה־מעל, איז נישט געפֿערלעך. זי מעג שטיין טויזנט יאָר, וועט זי נישט אויפֿרייסן, סײַדן חלילה... אַ גוטן יום־טוב!

געשריבן אין יאָר 1908

מילכיקס

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ כתרילעווקער פּרעסער)

אַ חכם, הערט איר, איז געווען דער, וואָס האָט אײַנגעפירט אַ מנהג, אַז שבועות אינדערפרי זאָל מען עסן מילכיקס. וואָרעם, לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס קאָן זײַן בעסער און פרישער און זיסער און געשמאַקער און װעלװעלער פון מילכיקס? אמת, צו מילכיקס באַדאַרף מען אויך האָבן געלט, נאָר ווי קומט דאָס צו פלייש? באַ פלייש איז פאַראַן ביינער; און מילכיקס האָט אין זיך מילך, און קעז, און פּוטער, און סמעטענע, און פּיד־סמעטענע און זויערמילך און סיראָװעטקע... הײַנט נעמט די מאכלים, וואָס מע קאָן מאַכן פון מילכיקס. פון פלייש האָט איר אַ יויך, אַ ראָסלפלייש, און עסיקפלייש, אַ געבראָטנס — און שוין... פון מילך אָבער האָט איר קאַשע מיט מילך, לאָקשן מיט מילך, רײַז מיט מילך, און טייגלעך מיט מילך, און באַלאַבעשקעס מיט מילך, און פאַרפל מיט מילך, און גלאַט מילך; הײַנט די מאכלים פון קעז און פּוטער האָבן דען אַ שיעור? באַרעכנט נאָר: קרעפּלעך, און וואַרעניקעס, און וואַר־ניטשקעס, און אַ קוגל, און אַ מאַהינע, און אַ טייגעכטס, און קני־שעס, און מנישקעס, און בלינצעס, און צרות־קניידלעך, און קאַש־ניקעס, און װערטליקעס, און װערטוטן. און וויפל איז פאַראַן מאכלים, וואָס מע קאָן זיך נישט אָנגעדענקען! למשל: קאָרזש מיט קעז, מאָס־ליטשקענע קאַשע, און פיש געפּרעגלטע אַף פּוטער, און אַ באָרשט אַ מיל־כיקער, און ראַזשענקע, און מאַסלינקע — אַלץ אַזעלכע פּאַטראַװעס, וואָס קיינער זאָגט זיך פון דעם נישט אָפּ, סײַדן שוין גאָר אַן אָפּגעריסענער נאַר, וואָס מע באַדאַרף אים געבן קײַען שטרוי...

וואָרעם איך, מע זאָל מיך אויפוועקן אין מיטן נאַכט און מיר דער־לאַנגען מילכיקס, איז אַבי איך בין נאָר נישט פליישיק, איז מיטן

גרעסטן כּבֿוד! למאי זאָל איך לייקענען? איך האַלט פֿון מילכיקס. און נישט אַזוי איך, ווי „זי". בײַ אונדז אין בתּרילעווקע הייסן מיר „די פּרע־מערס", כּמעט עסן מיר עסן גלײַך מיט אַלע ייִדן, דאָס הייסט: קדחת אין אַ קליין טעפּעלע. אַ, די קשיא: פֿון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען „פּרעסערס"? לאָז מיך אַזוי וויסן בייז! עס קאָן זײַן עס נעמט זיך דערפֿון, וואָס מיר האָבן ליב ריידן פֿון עסן. למשל, איך אַליין האָב ליב אַרויסצוגיין אין מאַרק און שטיין בײַ די פֿיש. פֿיש איז בײַ מיר דאָס חיות. פּאָר פֿיש וואָלט איך אַוועקגעגעבן מי יודע וואָס! און אפֿשר נעמט זיך עס פֿון דעם, וואָס מען עסט בײַ אונדז אַ סך ברויט. למשל, בײַ מיר גייט אַוועק, קיין עין־הרע, אַ סך מעל אויף שבת, וואָרעם ס'איז פֿאַראַן בײַ מיר, נישט צו פֿאַרזינדיקן, ווער ס'זאָל קײַען. איך האָב, זיי זאָלן לעבן און געזונט זײַן, דרײַ פּערטל טוץ, און אַלע, ברוך השם, האָבן אַפּעטיט צום עסן, מע דאַרף מיט זיי חלילה צום רבין נישט אָנ־קומען, באָם דאָקטער קיין עצות נישט פֿרעגן. הלוואַי וואָלט נאָר געווען וו אָ ס צו עסן, וואָרעם איך בין, לא עליכם, נישט פֿון די גרויסע נגידים, דאָס הייסט, חלילה נישט קיין אָרעמאַן, נאָר קיין גבֿיר אַוודאי נישט! איך בין אַליין אַ קרעמער בין איך; מאָלט אײַך, אַ קראָם בײַ מיר אויף אַלע ייִדישע שונאים! ס'איז נאָר אַן אויסרייד, נישט קיין קראָם; איך באַדאַרף זי האַלטן צוליב דעם קרובֿ, די קראָם הייסט עס. איך האָב, פֿאַרשטייט איר מיך, מײַן אייגענעם אַ קרובֿ אַ רײַכן, פֿון „איר" צד: זײַן פֿאָטער און איר מוטערס מוטער זײַנען געווען אייגענע געשוועסטער־קינדערלעך; אַפֿילו אַ ווײַטלעכער קרובֿ, נאָר דאָך אַ קרובֿ. ער איז אַ יאַמפּעלער איז ער, דאָס הייסט, ער זיצט אין יאַמפּעלע און רעכנט זיך דאָרט צווישן די גבֿירים, דאָס הייסט, אַמאָל האָט ער זיך גערעכנט גאָר צווישן די ג ר ו י ס ע גבֿירים, הײַנט איז ער אַביסל דאַסיק, איך מיין פֿאַרדרייט... נאָר פֿונדעסטוועגן געהער זיך נישט אָן איינס מיטן אַנ־דערן, זײַן שאַדן אויף מיר געזאָגט געוואָרן. וואָס ער צאָלט איבער נאָך הײַנט אַ יאָר פּראָצענט — וואָלט געווען גענוג פֿאַר אונדז ביידן.

קומען מיר, הייסט עס, אַ מאָל צו אים אויף קבֿר־אָבֿות — אַ מאָל איך, אַ מאָל „זי". מע ווייַנט זיך אויס אַביסל, בייזערט ער זיך אַפֿילו, ווײַל נישט לײַדן, נאָר עס העלפֿט אים, ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי. ער מוז, ער מוז געבן, נישט געלט — איז סחורה, נישט סחורה — איז אַ וועקסל. ער האָט דען אַן אַנדער ברירה? וואָרעם „זי", אַז זי צעוויינט זיך, איז

מען גערן, אַז זי הערט אויף: „נאַ דיר, הייסט דאָס, אַבי ווייַן נישט!"...
אַז זיי דערזעען זי פֿון דער ווייַטן, ווערט זיי צען לעבער אין האַרצן. זיי פּרוּוון זיך מיט תּירוצים: „מען איז נישטאָ אין דער היים, אַוועקגעפֿאָרן פֿון יאַמפּעלע, שטאַרק פֿאַרנומען — בלאָטע! ווי אַ טויטן באַנקעס! „אונדזערס" מוז אָפּגעגעבן ווערן גאָר אָן אַ שום תּירוץ!... נאָר וואָס זאָלט איר קלערן? ס'איז אַוודאי נישט גוט, אַז מע דאַרף אָנקומען צו־נ־אַ מענטשן, נאָר וואָס זאָל מען טאָן? ווי זאָגט מען דאָס: כּל זמן שהנשמה בקרבי — איז רבי, מאָטיע! אַ מענטש, כּל זמן ער לעבט, דאַרף ער עסן!...

שייַך זאָגן עסן? נישט צוליב דאָס עסן לעבט אַ מענטש. אַ מענטש איז דאָך נישט קיין בהמה. אַ בהמה איז אַ בהמה, און אַ מענטש איז אַ מענטש; און אַ מענטש, אַז ער וועט נישט עסן, פֿון וואַנען וועט ער לעבן? אָט דערפֿון אַליין קאָנט איר שוין פֿאַרשטיין, אַז מע האָט אַ ווייַב מיט, קיין עין־הרע, נייַן פּיקערס, באַדאַרף האָבן אַ שיין פּנים אַ ברויט אָדער אַ בולקע, אַז מע לייגט אַוועק אָפּן טיש. און אַפֿילו אַ שיסל קאַרטאָפֿל, זי מעג זייַן מיט אַ באַרג, איז גענוג אַ יי ן פֿערטל שעה, ס'זאָל נישט בלייַבן קיין שריד ופליט, גלייַך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל קיין קאַרטאָפֿל נישט געווען אויף דער וועלט אַפֿילו! ס'איז אַ מחיה צו קוקן, זאָג איך אייַך, ווי מען עסט, קיין עין־הרע, באַ מיר. איך האָב ליב צו זען ווי זיי עסן, איך האָב דערפֿון פֿאַרגעניגן. און ווער שמועסט פּרייטיק, אַז מע נעמט אַרויס די פֿרישע שמעקעדיקע חלה פֿונעם אויוון, רוף איך צונויף מייַן חבֿרה און זאָג זיי: „קינדער, ראַטעוועט!" — זאָלט איר זען, ווי מע ראַטעוועט — מחיה נפֿשות! און אַז גאָט העלפֿט, ס'איז פֿאַראַן צו דער פֿרישער חלה אַ ראָסלפֿלייש, אַ היים, מיט קנאָבל און מיט „סאָוועסט", מיט יויך הייסט עס, געוויינלעך, מער יויך ווי פֿלייש, מע קאָן זאָגן כּמעט סאַמע יויך, דעמאָלט קאָן מען טונקען און טונקען —און, נשקשה, מען איז, ברוך השם, גאַנץ צופֿרידן. וואָרעם וואָס טוט מען חלילה, אַז ס'איז דאָס אויך נישטאָ? האָט מען אַ ברירה דעמאָלט עסן חלה מיט ברויט, דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגן ברויט מיט חלה. אַ ביס ברויט, אַ ביס חלה, און גלייבט מיר — פֿאַר אַ הונגעריקן מאָגן איז דאָס אויך אַ מאכל. והראיה, נעמט לימאָנאַד — איר האָט וועון געגעסן ברויט מיט לימאָנאַד? קיינמאָל נישט? פֿאַרזוכט אַ מאָל אויף ציקאָוועסט, נאָר בתּנאַי, איר זאָלט זיך פֿריִער רעכט אויסהונגערן,

אַזוי, אַז ס'זאָל אײַך חלשן דאָס האַרץ, ציטערן די הענט און ציִען די אָדערן פון די פיס, וועט איר דעמאָלט בנאמנות פילן טעם גן־עדן. אַזוי שטיפלט דאָס אַפילו בײַ דער צונג, ווי, געוויינלעך, לימאָנאַד, נאָר אַז מען איז הונגעריק, און מען עסט דאָס מיט ברויט, איז דאָס אַ מאכל־מלכים!

איך זע, איר חידושט זיך, וואָס איך בין אַזוי קלאָר אין „הלכות אכילה"? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז בײַ אונדז אין כתרילעווקע הייס איך פון די „פרעסערס", דערפאַר, פאַרשטייט איר מיך, וואָס איך גיי מיט דעם גאַנג, אַז אַ מענטש לעבט איין מאָל, נישט קיין צוויי מאָל, און אַז מען עסט אַ גאַנצע וואָך מכות און שבת קדחת, דאַרף מען זען כאָטש יום־טוב זיך אָנטאָן אַביסל ווױלטאָג. וואָס זאָגט איר, נישט אַזוי? דעריבער אַז עס קומט בײַ מיר שבועות, מעג זיך איבערקערן די וועלט. פאַראַן פאַר וואָס, צי ס'איז נישטאָ פאַר וואָס, — אַ מילכיקע סעודה דאָס מוז זײַן, גאָר אָן אַ שום תירוץ! קודם כל — ציקאָריע מיט מילך; דאָס איז שוין אַ חוק ולא יעבור, וואָרעם „זי", אַז עס קומט שבועות־צײַט, הייבט איר שוין אָן צו ציִען, זאָגט זי, דאָס האַרץ נאָכן גלעזל ציקאָריע! דאָס גלעזל ציקאָריע איז בײַ איר, זאָגט זי, טײַערער פונעם גאַנצן מילכיקס! מאָלט אײַך, לאָז זיך אײַך דאַכטן, אַז ס'איז נאָר גערעדט אַזוי; וואָרעם נאָכן גלעזל ציקאָריע ווילט זיך נאָך עפּעס — למשל, באָרשט. איך מיין דעם שיינעם גרינעם מילכיקן שבועותדיקן באָרשט, וואָס מיט באָטווינע, מיט ציבעלקעלעך און מיט יונגע בורעקלעך פאַרבראָקט און מיט סמעטענע פאַרווײַסט. אַ כפּרה, הערט איר, אַלע עסנס פאַר איין מילכיקן באָרשט אַ גוטן! בײַ אונדז, אין געמיינעם גראַד, ווען עס זאָל חלילה נישט זײַן קיין באָרשט, וואָלט מען געווים נישט אויסגעהאַלטן ייִדישקייט, נישט פּסח, נישט שבועות! דער חילוק איז נאָר אין דעם, וואָס צום פּסחדיקן באָרשט מוז מען האָבן אַ שטיקל פלייש, אָדער אַ ביינדל, אָדער אַ לעפל שמאַלץ, און צום שבועותדיקן באָרשט באַדאַרף מען נישט האָבן גאָרנישט נישט! איז פאַראַן אַ קאָפּ מילך אַף צו פאַרווײַסן דעם באָרשט — איז גוט, אלא נישט — מוז מען זיך באַגיין דערמיט, וואָס ער איז געקאָכט אין אַ מילכיקן טאָפּ. וואָרעם מײַן כאַ־ליאַסטרע, קיין עין־הרע, מע זאָל זיך צו זיי ווען צולאָזן און געבן כליעפּטשען ריינע מילך, איז נישט שײַך צו זאָגן אַ ציג, — דרײַ ציגן וואָלט געווען ווינציק, און מיר בסך הכל פאַרמאָגן אונדזער אײגנס אַ

האַלבע ציג, מיר האָבן, הייסט דאָס, בשותפות מיט אַ שכן אַ ציג האָבן מיר. אַ ווילדע זאַך, זי גייט באַ אונדז אַלע מאָל אין שאָדן, און מיר האָבן פון איר אָפּגעשניטענע יאָר! נישט לאַנג האָט זי זיך מיישב געווען, די ציג הייסט עס, און הערט זיך גאָר אויף צו מעלקן, דאָס הייסט, מעלקן מעלקט זי זיך, נאָר קיין מילך גיט זי נישט; הײַנט גיי צי אַרויס פון אַזאַ חיה קרעפּלעך מיט וואַרעניקעס! „אוי, זאָג איך צו מײַן ווײַב, קרעפּלעך! איך וואָלט אָוועקגעגעבן, זאָג איך, פּאַר מילכיקע קרעפּלעך אָדער וואַרעניקערס איך ווייס אַליין נישט וואָס! טאָמער וואָלסטו טאַקע געזען, שרה־זיסל, ס'זאָל זײַן, זאָג איך, קרעפּלעך, אם ירצה השם, אַף שבועות?"... מאַכט זי צו מיר: „פון וואָס, למשל?" זאָג איך: „דערויף ביסטו דאָך עפּעס אַ בעל־הביתטע באַ מיר". זאָגט זי: „צו קרעפּלעך באַדאַרף זײַן אייער — דאָס ווייסטו?" זאָג איך: „איך ווייס, פּאַר וואָס זאָל איך נישט ויסן? אַ קונץ, זאָג איך, צו מאַכן קרעפּלעך מ י ט אייער? ווײַז אַ בריהשאַפט אָ ן אייער!" זאָגט זי: „חכם בלילה! וואָס זשע טוט מען מיט קעז?" זאָג איך: „מ י ט קעז וואָלט שוין געווען נישקשה, שלעכט איז, וואָס אָ ן קעז!" זאָגט זי: „הײַנט וואָס זשע ווילסטו?" זאָג איך: „וויל איך, זאָלסט כאָטש מאַכן רעטשענע וואַרניטשקעס". זאָגט זי: „צו וואַרניטשקעס דאַרף מען פּוטער". זאָג איך: „ווו שטייט דאָס געשריבן? אין ספר פּראַלניק?" זאָגט זי: „דו דאַרפסט בעסער ויסן ווו עס שטייט גע־שריבן, דו האָסט געלערנט אין חדר". זאָג איך: „ווייסטו וואָס, מײַן ווײַב, וואָס איך וועל דיר זאָגן? אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין אייער, און נישט קיין קעז, און נישט קיין פּוטער, טאָ לאָמיר כאָטש אַזוי אַביסל ריידן פון מילכיקס. וואָס וואָלסטו, כדומה למשל, געמאַכט אַף שבועות צו דער סעודה, ווען דו זאָלסט, אַשטייגער, האָבן מיט וואָס?" זאָגט זי: „צײַט איך לעב האָב איך נישט געזען, אַ מענטש זאָל אַזוי זײַן אַרײַנגעטאָן אין דער אכילה!" זאָג איך: „וואָס וועט דיך אַרן, אַז מיר וועלן אַביסל ריידן? עס קאָסט דיך געלט? לאָז זיך דיר דאַכטן, עלעהיי דו האָסט אַלצדינג, אי קעז, אי פּוטער, אי אייער — וואָס פּאַר אַ מילכיקע סעודה וואָלסטו מיר דעמאָלט מאַכן?"... זאָגט זי: „וואָס וואָלסטו וועלן, איך זאָל מאַכן?" זאָג איך: „אַ טייגעכץ"... זאָגט זי: „ זולל־וסובאַניק דאָס איז! אַ טייגעכץ נעמט צו די גאַנצע פּוטער"... זאָג איך: „לאָז זײַן אַ מאַהינע"... זאָגט זי: „וואָס עפּעס אַ מאַ־

הינע?"... זאָג איך: „ווילסט נישט קיין מאַהינע — לאָז זײַן קני־שעס"... זאָגט זי: „מיט וואָס? מיט קאַשע?"... זאָג איך: „ס'אַ משל! מיט קאַשע איז דאָך עס שוין קאַשניקעס!"... זאָגט זי: „ווערדליק דײַן מאַנצבילשער קאָפּ פּאַרטראָגט, קומט אויס באַ דיר קאַשניקעס". זאָג איך: „מסתמא פאַרשטייסטו בעסער, איך וויל זיך מיט דיר נישט שפּאַרן. איך האָב פאַרגעסן, זאָג איך, ריעכענען פיש פיש געפּרעגלטע אַף פּוטער. ווי מיינסטו?"... זאָגט זי: „אַלצדינג ווילט זיך אים! מיינסט אוודאַי קאַרעשלעך?"... זאָג איך: „עס מעג זײַן קאַרפּ, און עס אַרט מיך נישט קיין שלײַען, און מיט העכטלעך, זאָג איך, וועט מען זיך אויך נישט סמען, און אַפילו טאָמער חלילה פּלאָטוויצעס, וועל איך דיר אויך קיין גט נישט געבן, אַבי ס'זאָל זײַן, זאָג איך, גוט געפּרעגלט"... זאָגט זי: „אַ טרפהנער האַלדז דאָס איז! איך האָב מורא, דו וועסט זיך נישט אָפּזאָגן פון געקאָכטע פּעפּערדיקע רויג מיט קאַרטאָפל"... זאָג איך: „אָך! מיטן גרעסטן כבוד! אַבי ס'זאָל זײַן, זאָג איך, נאָכדעם גוטע מנישקעס"... זאָגט זי: „אַ קישקע אָן אַ דנאָ! בלינצעס קערסטו מיינען?"... זאָג איך: „ניין, בפירוש מנישקעס! בלינצעס איז זיך בלינצעס, און מנישקעס איז מנישקעס! מנישקעס — דאָס איז אַזאַ מין מאכל, זאָג איך, וואָס האָט אַ טעם פון צרות־קניידלעך. וואָלסט מאַכן צרות־קניידלעך. זאָג איך, צי אפשר, גלאַט קניידלעך מיט מילך?"... זאָגט זי: „אים איז קנאַפּ די וועלט! איך וואָלט דיר אפשר מאַכן אַ מילכיקן קאָליש?"... זאָג איך: „מיינסט אַוודאַי, מיט האָלעשקעס אָדער מיט באַלאַבעשקעס?"... זאָגט זי: באַלאַבעשקעס? פּע! אַ קבצנישע מאַכל!" זאָג איך: „ביסטו די גרויסע גבירטע, אַפּנים?"... זאָגט זי: „קיין גבירטע בין איך נישט, האָב איך כאָטש אַ משפּחה אַ רײַכע"... זאָג איך: „אַ סאַך האָסטו פון דײַן משפּחה!"... זאָגט זי: „מערער ווי דו פון דײַן משפּחה אוודאַי!"...

בקיצור, מײַן משפּחה, דײַן משפּחה — אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ווי געוויינלעך מאַן און ווײַב, אַז זיי צעווערטלען זיך; מע צעקריגט זיך און מע בעט זיך גיך איבער, וואָרעם עס איז דאָך יום־טוב, שבועות אַף דער וועלט! און שבועות איז דאָך דער בעסטער ליבסטער יום־טוב פון אַלע ימים־טובים, וואָרעם ווו האָט איר נאָך אַזאַ ליבע, זיסע, געשמאַקע זאַך, ווי אַז מען איז פרײַער אַ גאַנצע נאַכט אויף, מע זאָגט זיך אָן, ווי אַ פּויק, מיט תּקון־שבועות, מע גייט דורך פּאַוואָלינקע אַלע תרי"ג

מצוות, די גאַנצע תורה הייסט דאָס, און מע שטייט אויף גאַנץ פרי פונעם תקון־שבועות און גלײַך אין שול אַרײַן, און דאָרטן, אויפן ניכטערן האַרצן, הערט מען זיך דאָס אָן אַביסל פונעם שיינעם „אַקדמות" יענע טײַערסטע מאכלים, פונעם לויתן מיטן שור־הבר, וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט אַליין אָנגעגרייט פאַר זײַנע ייִדעלעך אין גן־עדן, וואָס טײַכן וועלן דאָרטן פליסן בוימל, און דער אַלטער טײַערסטער ווײַן שטייט שוין דאָרטן פון ווען־אָן פאַרקאָרקעוועט אין די פלעשער און וואַרט, וואַרט אויף אונדז... ס'איז דאָך נישט שײַך צו זאָגן! ווי האָט איר נאָך אַזאַ אומה ולשון, ווי ייִדן, מיט אַזויפיל גוטע זאַכן, ווי בײַ ייִדן?... ס'איז נאָר אַ גרײַזאַטע, כ'לעבן, וואָס מיר האָבן מער נישט ווי איין מאָל אין יאָר שבועות!... האָט איר נישט בײַ זיך אַ סיגאַרעטל?...

געשריבן אין יאָר 1903

אַ גרינגער תענית

אַ בילד לכבוד תשעה־באָב

דאָס, וואָס ס'האָט נישט געקאָנט אויספירן דער בארימטער דאָקטער טאַנער, האָט דורכגעפירט חיים חײַקין, אַ קליין אָרעם ייִדל פונעם קליינעם אָרעמען כתרילעווקע.

דער דאָקטער טאַנער האָט געוואָלט ווײַזן, אַז אַ מענטש קאָן פאַסטן פערציק טעג, און האָט זיך אָפּגעמוטשעט בסך־הכל אויב נישט אַ טאָג אכט און צוואַנציק, נישט מער, שיער נישט געשטאָרבן. אי דאָס, האָט מען אים אונטערגעגאָסן מיט לעפעלעך וואַסער, געגעבן שלינגען שטיקלעך אײַז, צוגעהאַלטן דעם דופק — אַ גאַנצן טאַראַראַם!

חיים כײַקין האָט באַוויזן, אַז ע קאָן פאַסטן אַ סך מער ווי פערציק טעג, געוויינלעך נישט רצופים, נישט איין טאָג נאָכן אַנדערן, נאָר דורכן יאָר זאָל זיך אָננעמען אַ מאה טעג — אויב נישט מער.

נאָר פאַסטן!

וואָס מיר טראָפּנס וואַסער? ווער מיר שטיקלעך אײַז? פאַסטן הייסט: נישט געגעסן, נישט געטרונקען אַ מעת־לעת, אמתע פיר און צוואַנציק שעה.

און קיין דאָקטוירים זיצן נישט בײַ דער זײַט, און האַלטן נישט בײַם דופק. שאַ, שטיל!

וואָס איז די מעשה?

חיים כײַקין איז נעבעך אַ גרויסער אביון און אַ מטופּל מיט קינדער — און פון זיי, פון די קינדער, איז ער זיך מפרנס.

קינדער האָט ער, מיינסטנס, מיידלעך, און זיי זײַנען אויף דער „פאַבריקע", זיי אַרבעטן גילזן, און פאַרדינען ווער אַ גילדן און ווער אַ האַלבן

גילדן אַ טאָג. אי דאָס — נישט אַלע טאָג: ווו איז שבתים? ימים־טובים? ווו זײַנען די טעג פון „שטרײַק? דאַנקען גאָט, אומעטום, אַפּילו דאָ אין כתריל עווקע, ווייס מען שוין: שטרײַק!

און דערפון דאַרף מען צאָלן דירע־געלט — אַ נאָס ווינקל ערגעץ אין אַ קעלער.

און דערפון דאַרף מען קליידן אַלעמען און שוכן, משטיינס געזאָגט! קליידלעך האָבן אַלע, נאָר שיך, — אַ פּאָר אַף צווייען.

און דערפון דאַרף מען עסן, משטיינס געזאָגט! מכות עסט מען. ברויט אַ שטיקל, אָנגעשמירט מיט קנאָבל, אַ מאָל אַ קרופּניק, אַ מאָל טאַראַן אַ שטיקל, וואָס ברענט־אַרויס דאָס האַרץ, קאָן מען נאָכדעם טרינקען, טרינקען אַ גאַנצע נאַכט.

קומט צום עסן, דאַרף מען טיילן, אַלעמען אַרויסטיילן דאָס שטיקל ברויט, ווי לעקעך.

— אוי דאָס עסן! אוי דאָס עסן זייערס!

אַזוי זאָגט כאַיקע, חיים כײַקינס ווײַב, אַ קראַנקע נעבעך, הוסט, הוסט גאַנצע נעכט.

— קיין עין־הרע! — זאָגט דער פאָטער חיים כײַקין, און ער קוקט, ווי די קינדער שלינגען גאַנצע שטיקער ברויט, און אַליין וואָלט ער אויך עפּעס אַ בעלן זײַן נעמען אין מויל אַרײַן, נאָר אַז ער וועט נעמען — וועלן די צוויי קליינינטשקע, פריידקע און ביילקע, בלײַבן אָן וועטשערע.

און ער צעשנײַדט זײַן חלק ברויט אַף צווייען און גיט אַוועק די צוויי קליינינטשקע פריידקען און ביילקען.

— פריידקע! ביילקע! נאָט אײַך נאָך צו שטיקלעך ברויט, וועט זײַן אַף וועטשערע.

פריידקע און ביילקע צײַען־אויס די דאַרע שוואַרצע הענטלעך, קוקן דעם פאָטער אין די אויגן אַרײַן, גלייבן נישט: אפשר טרײַבט ער דאָס קאַטאָוועס?... קינדער זײַנען נאַשערס: שפּילן זיך מיטן טאַטנס חלק ברויט אַזוי לאַנג, ביז זיי בײַסן אָפּ אַלע מאָל אַ שטיקל. דערזעט די מוטער און הייבט אָן שרײַען און הוסטן בשעת מעשה:

— רק מען עסט, רק מען עסט!

דער פאָטער קאָן דאָס נישט האָרכן, ווײַל איר אָפּענטפערן, נאָר ער שווײַגט; ער קאָן נישט ריידן, ער ט אָ ר נישט ריידן. וואָס איז ער

דאָ? אַ צעבראָכענער שאַרבן. ער איז דאָ דער לעצטער שבלעצטער, איבעריק באַ אַלעמען, איבעריק באַ זיי, איבעריק באַ זיך אַליין.

וואָס, משטיינס געזאָגט, אַז טאָן טוט ער גאָרנישט. לחלוטין גאָר־נישט; נישט מחמת ער וויל נישט, אָדער מחמת עס שטייט אים נישט אָן, נאָר ווײַל ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן! נישטאָ און גענוג! דאָס גאַנצע שטעטל קלאָגט זיך, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו טאָן! צונויפגע־טריבן קיין עין־הרע, אַביסל ייִדן, אַ שמחה, נו־נו!

„גם זו לטובה!" — אַזוי טראַכט חיים כּײַקין. גוט, וואָס ער האָט כּאָטש קינדער, אַנדערע האָבן דאָס אויך נישט. נאָר אַרויסקוקן אַף קינדער!?

הערט איר? נישט גוט, אַז מע דאַרף אַרויסקוקן אַף קינדער. נישט מחמת זיי זשאַלעווען אים — חלילה! נאָר ער אַליין קאָן נישט. ע ר ק אָ ן נ י ש ט!

ער ווייס, ווײַזוי די קינדער האָרעווען זיך אָן דעם טאָג; ער ווייס, אַז מע קוועטשט פון זיי אַרויס דעם שווייס ביזן לעצטן טראָפּן. ער ווייס!

יעדער ביסן ברויט איז באַ אים אַ טראָפּן בלוט; ער טרינקט די קינדערס בלוט. איר הערט? ער, חיים כּײַקין, טרינקט זייער בלוט. ע ר ק אָ ן נ י ש ט!

— טאַטע, פאַר וואָס עסטו נישט? — פרעגן אים די קינדער.

באַ מיר איז הײַנט... אַ תענית. — ענטפערט זיי חיים כּײַקין.

— ווידער אַ תענית? וויפל תעניתים האָסטו דאָס?

— ווינציקער, וויפל טעג אין וואָך.

און חיים כּײַקין זאָגט נישט קיין ליגן. באַ אים איז אָפט אַ תענית. און דאָך איז פאַראַן טעג אַזעלכע, וואָס ער עסט.

און דער טאָג, וואָס חיים כּײַקין פאַסט, איז באַ אים דער בעסטער טאָג.

ראשית, איז דאָך דאָס אַ מצווה פאַר גאָט. מער מיט אַ שטיקל עולם הבא, וואַקסט פּראָצענט, ווערט גרעסער דאָס קאַפּיטאַל...

והשנית, גייט נישט אַוועק אַף מיר קיין פּרוטה, איך דאַרף פאַר קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון. אמת, קיינער פרעגט טאַקע נישט באַ מיר; נאָר צו וואָס דאַרף איך דאָס, אַז איך קאָן זיך באַגיין אַזוי?...

און וואָס איז ווערט אָט דאָס, וואָס איך פיל זיך עטוואָס העכער

פון אַ בהמה? אַ בהמה עסט אַלע טאָג, איך קאָן מיך באַגיין אַ טאָג איבער אַ טאָג. אַ מענטש דאַרף שטיין העכער פון, להבדיל, אַ בהמה.

— אַך, ווען אַ מענטש זאָל קאָנען דערגיין צו דער מדרגה, אַז מע זאָל זיך באַגיין גאָר אָן עסן!... איז אָבער די קישקע, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — אַזוי זאָגט חיים כּײַקין צו זיך אַליין, און מחמת הונגער הייבט ער אָן צו חקירהן, זיך אַרײַנלאָזן אין פילאָזאָפיע.

— איבער דער קישקע, איבער דער תאווה פון עסן, נעמען זיך אַלע צרות אויף דער וועלט. איבער דער קישקע, איבער דער תאווה פון עסן, בין איך אַ קבצן און מײַנע קינדער באַדאַרפן האַרעווען מיטן בלוטיקן שוויים, ריזיקירן מיטן לעבן פאַרן שטיקעלע ברויט.

„וואָס וואָלט זײַן, למשל, ווען אַ מענטש זאָל נישט באַדאַרפן עסן? אײ־אײ־אײ! מײַנע קינדער וואָלטן דעמאָלט זײַן אַלע אין דער היים! אויס האַרעווען! אויס שוויצן! אויס שטרײַקעווען! אויס ריזיקע! אויס פאַבריקן! אויס פאַבריקאַנט! אויס נגיד! אויס קבצן! אויס קנאה! אויס שנאה! אויס, אויס, אויס! — אַ גן־עדן! אַ גן־עדן!"...

אַזוי טראַכט זיך חיים כּײַקין און פאַרטיפט זיך ווײַט אין חקירות און באַדויערט די וויסטע וועלט, און עס טוט אים באַנג, זייער באַנג, פאַר וואָס גאָט האָט באַשאַפן אַזוי דעם מענטשן, אַז ער איז גאָרנישט ווײַט פון, להבדיל, אַ בהמה...

דער טאָג, וואָס חיים כּײַקין פאַסט, זאָג איך אײַך, איז דער בעסטער טאָג פאַר אים, און דער טאָג פון אַן אמתן תענית, פון תשעה־באָב, למשל, — איז פאַר אים (ער שעמט זיך מודה זײַן) אַ יום־טוב!

איר פאַרשטייט? אי נישט געגעסן, אי נישט קיין בהמה, אי נישט נהנה געווען די קינדערס בלוט, אי פאַרדינט אַ מצווה, אי רעכט אויס־געוויינט זיך אויף חורבן בית־המקדש.

וואָרעם ווי קאָן מען וויינען, אַז מען איז זאַט? ווי קאָן אַ זאַטער פילן צרות? אום צו פילן צרות באַדאַרף חלשן דאָס האַרץ!

— דער גוטער יאָר וויים זיי! גיבן נאָך דער קישקע, האָבן מורא פאַסטן, שענקען זיי כּאַבאַר דעם רבונו של עולם — אַ גראָשן!

אַזוי פלעגט זאָגן חיים כּײַקין און האָט געפּײַערט אויף די, וואָס קויפן זיך אויס פון תענית און וואַרפן אַרײַן אין צדקה־פּושקע אַ האַרטן דרײַער.

דער שערסטער גון אַלע תעניתים איז תשעה־באָב. אַזוי האָט די וועלט.

חיים כּײַקין פאַרשטייט נישט, פאַר וואָס? דער טאָג איז גרויס? איז די נאַכט קלענער. ס'איז היים אין דרויסן? ווער הייסט אײַך אַרומ־דרייען זיך אַף דער זון? זיצט אין שול און זאָגט. פאַראַן, דאַנקען גאָט, וואָס צו זאָגן.

— און איך זאָג אײַך, — אַזוי דרינגט חיים כּײַקין — אַז תשעה־באָב איז דער גרינגסטער פון אַלע תעניתים, ווײַל ער איז דער בעסטער. דער בעסטער תענית!

למשל: יום כפור אַ תענית. „ועניתם את נפשותיכם" שטייט גע־שריבן: „און איר זאָלט פּײַניקן אײַערע לײַבער". בכדי וואָס? בכדי איר זאָלט אײַך אויסבעטן אַ גוט קוויטל, אַ גוט יאָר.

תשעה־באָב שטייט נישט, איר זאָלט פאַסטן, נאָר איר פאַסט אַליין, וואָרעם ווי קאָנט איר עסן דעם טאָג, ווען ס'איז חרוב געוואָרן דאָס בית־המקדש און יידן האָט מען געהרגעט, ווײַבער צעשניטן, קינדער גע־קוילעט?...

תשעה־באָב שטייט נישט, מע זאָל וויינען, נאָר עס וויינט זיך אַליין, וואָרעם ווי קאָן מען זיך אײַנהאַלטן פון טרערן, אַז מע דערמאָנט זיך, וואָס מיר האָבן יענעם טאָג פאַרלוירן?...

— אַן עבירה, וואָס נאָר א יי ן תשעה־באָב! — זאָגט חיים כּײַקין. — אַן עבירה, וואָס נאָר א יי ן יום־כּפור...

— נו, און שבעה־עשר־בתמוז? — רופט זיך אָפּ איינער פון דער זײַט.

— מער נישט איין שבעה־עשר בתמוז! — ענטפערט אים חיים כּײַקין מיט אַ זיפץ.

— נו, און צום־גדליה? און אסתר־תענית? — פרעגט אים יענער ווײַטער.

— מער נישט, אַז איין צום־גדליה! איין תענית־אסתר! — ענט־פערט חיים כּײַקין ווידער מיט אַ זיפץ.

— ע, רב חיים! איר זײַט דאָך עפּעס גאָר אַ זולל־וסובאניק אַף תעניתים!

— קאַרג תעניתים, קאַרג תעניתים! — זאָגט חיים כּײַקין, און ער

נעמט אַף זיך פֿון איצט אָן און ווײַטער פֿאַסטן ערב תשעה־באָב אויך, צוויי טאָג רצופים, איינס נאָכן אַנדערע.

א ווילע זאַך צוויי טאָג כסדר פֿאַסטן. הערט איר? מחיה נפשות! שווער איז נאָר דאָס טרינקען! דאָס הייסט: שווער איז דאָס, וואָס מע קאָן נישט טרינקען! חיים כּײַקין נעמט זיך אונטער: מיט איין גלאָז וואַסער אַלע טאָג פֿאַסט ער אײַך אַ גאַנצע וואָך ביז שבת.

איר מיינט, ס'איז נאָר געזאָגט? בלאָטע! חיים כּײַקין איז אַ מענטש, וואָס בא אים איז אומר ועושה — געזאָגט און געטאָן.

די גאַנצע וואָך, וואָס פֿאַר תשעה־באָב, האָט ער שוין אויפֿגעהערט עסן, געלעבט מיט אַביסל וואַסער.

ווער האָט זיך אַף אים אַרומגעקוקט? אַז כּאַיקע זײַן ווײַב איז נעבעך קראַנק, די עלטערע קינדער זײַנען בא די גילזעס, די קלענערע פֿאַרשטייען נאָך נישט. פֿריידקע און ביילקע ווייסן נאָר, אַז זיי זײַנען הונגעריק (און הונגעריק זײַנען זיי תמיד), ציט זיי נעבעך דאָס האַרץ און זיי ווילן עסן.

— הײַנט האָט איר נאָך אַ חלק ברויט. — זאָגט זיי דער פֿאָטער און צעשנײַדט זיי אַף צווייען זײַן חלק ברויט, און פֿראַדקע און ביילקע ציִען אוים די דאַרע שוואַרצע הענטלעך און קוועלן.

— טאַטע, דו עסט נישט? — זאָגן אים די עלטערע אַף דער נאַכט בשעת וועטשערע. — הײַנט איז דאָך נישט קיין תענית!

— אָסור אויב איך פֿאַסט! — זאָגט זיי דער פֿאָטער און טראַכט זיך: „אי אָפּגענאַרט, איז קיין ליגן נישט געזאָגט. וואָרעם וואָס איז אַ טרונק וואַסער? וואַסער איז נישט געגעסן און נישט געפֿאַסט".

און אַז ס'איז געקומען ערב תשעה־באָב, פֿילט זיך חיים אַזוי גוט און אַזוי גרינג, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער פֿילט, אַז נישט נאָר ער דאַרף באַרפֿאַסטן זיך, אַז נישט נאָר ער וויל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, פֿאַרקערט — ער פֿילט, אַז ווען ער נעמט עפּעס אַ האַרטע זאַך, קריכט דאָס נישט אין האַלדז. עס קריכט נישט — נו!

דאָס הייסט: עס חלשט טאַקע דאָס האַרץ זייער גוט, און הענט און פֿיס ציטערן טאַקע; עס ציט, עס ציט צו דער ערד, די כּוחות גייען אוים, און עס מלאַכנעט, און עס נודעט אַף צו חלשן. נאָר פֿע! וואָס

הייסט? א גאנצע וואך געפאסט און געקומען ערב תשעה באב — נישט אויסגעהאלטן!?

און חיים כניקין נעמט זיין חלק ברויט מיט בולבעס, רופט צו די קליינע פריידקע מיט דער קליינער ביילקע און זאגט זיי שטילערהייט:

— קינדער, נאט אייך, עסט, און די מאמע לאז נישט זען.

און פריידקע און ביילקע נעמען דעם טאטנס חלק ברויט מיט בול־בעס, קוקן אפן פאטערס פנים, ווי ס'איז טויט, און אף די הענט ווי זיי ציטערן און טרייסלען זיך.

און חיים קוקט, ווי די קינדער כאפן, עסן, שלינגען, און ער שלינגט די שליים, מאכט־צו די אויגן, הייבט זיך אויף פון ארט, קאן זיך נישט דערוואַרטן אף די קינדער, וואס זיינען בא די גילזעס, נעמט מיט זיך די קינות, טוט אוים די שיך, גייט אוועק אין שול, קוים וואס ער שלעפט די פיס.

אין שול איז ער כמעט דער ערשטער. פארכאפט ער אן ארט לעבן כאזן, אף דער איבערגעקערטער באנק, וואס ליגט מיט די פיסלעך ארויף, באוואַרנט זיך מיט א שטיקל שנויץ, וואס ער שמעלצט דא צו צום פיסל פון דער באנק, און אליין שפארט ער זיך אן צום ווענטל פון דער בימה, עפנט אויף די קינות: „אלי ציון ועריה — קלאג, ציון, מיט אלע אלע שטעט"... און ער פארמאכט די אויגן און זעט: „ציון", א פארשוין, א בילד פון א נקבה, שטייט אנגעטאן אין שווארצן, מיט א שווארצן שלייער אפן פנים, קלאגט און וויינט און ברעכט די הענט, באדויערט אירע קינדער, וואס פאלן אלע טאג, אף פרעמדע ערדן, פאר פרעמדע זינד.

. . . .

צי ווילסטו, ציון, דען בא מיר נישט פרעגן
אף דיינע עלנטע, וואס זיפצן אזוי שווער?
אט טראג איך זייערע גרוסן דיר אקעגן —
דיין רעשטל, וויי! דו האסט דאך שוין נישט מער!...

און ער עפנט־אויף די אויגן און זעט שוין נישט מער ציון, די בילד־שיינע נקבה. ער דערזעט:

פונעם פאַרפאַראַשעטן שטויביקן פענצטער מיט די פאַרברודיקטע שויבן קוקט אַרײַן אַ שאַרפער שטראַל פון דער זון, וואָס האַלט בײַ אונטערגיין אַף יענער זײַט שטעטל. און כאָטש ער מאַכט די אויגן צו, דאָך זעט ער דעם שטראַל, און נישט נאָר דעם שטראַל אַליין — די גאַנצע זון, די שיינע ליכטיקע זון, וואָס קיינער קאָן זי נישט זען, קיינער, נאָר ער אַליין! חיים כײַקין קוקט אַף איר און זעט זי — און גאָרנישט! פאַר וואָס? דערפאַר, אַפנים, וואָס ער איז אויסגעטאָן פון דער וועלט מיט אַלע אירע תאוות... אים איז גוט... אים איז גרינג... ער קאָן שוין אַלץ איבערטראָגן... ער וועט האָבן אַ גרינגן תענית! איר ווייסט. ער וועט הײַנט האָבן אַ גרינגן, גרינגן תענית!

און חיים כײַקין האַלט די אויגן צו און זעט פאַר זיך אַ מאָדנע וועלט, אַ נײַע וועלט, אַזעלכע, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט געזען. מלאכים עפּעס שוועבן אים פאַר די אויגן, און ער קוקט אַף זיי און דערקענט אין זיי זײַנע קינדער, אַלע, די גרויסע און די קליינע, און ער וויל עפּעס זאָגן, און ער קאָן נישט ריידן... ער וויל זיך פאַרענטפערן פאַר זיי, אַז ער איז נישט שולדיק. נישט ער איז שולדיק!... וואָס איז ער, חיים, שולדיק, אַז, קיין עין־הרע, אַזויפיל ייִדן האָבן זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט אַלע אַף איין שטיקל אָרט, קוועטשן, דריקן, עסן איינס דאָס אַנדערע? וואָס איז ער שולדיק, אַז מענטשן דאַרפן יענעמס שוויים, אַז מענטשן דאַרפן מענטשן־בלוט? וואָס איז ער שולדיק, אַז מענטשן זײַנען נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז אַ מענטש אַ מענטשן זאָל נישט טרײַבן, ווי מע טרײַבט אַ פערד צו דער אַרבעט? אַז אַף אַ פערד איז אויך אַ רחמנות — גאָטס באַשעפעניש, צער בעלי־חיים?...

און חיים כײַקין האַלט צו די אויגן און זעט, זעט אַלצדינג, די גאַנצע וועלט, אַלע וועלטן, און אַלץ איז העל און גרינג, און עס קײַקלט זיך ווי אַ רויך, און ער פילט, אַז עס גייט עפּעס פון לײַב בײַ אים, פון אינעווייניק, פון האַרצן, און ציט זיך, ציט זיך גלײַך אַרויף, און טיילט זיך אָפּ פון גוף, און ער פילט זיך גרינג, זייער־זייער גרינג, און לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ, אַ לאַנגן, לאַנגן קרעכץ, און עס ווערט אים גרינג, און נאָכדעם פילט ער — גאָרנישט, גאָלע גאָרנישט...

אַז בערע דער שמש, אַ רויטקאַלטענעוואַטע ייִדל מיט אַ בולבעוואַ־טער ליפּ, איז געקומען צו גיין אין שול אַרײַן אין די זאָקן מיט די אויס־געטרעטענע פּיאַטעס און דערזען, ווי חיים כּנײַקין זיצט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַרויף, די אויגן אָפֿן, האָט דאָס אים פֿאַרדראָסן. גערעכנט, אַז ער דרעמלט, און האָט אָנגעהויבן וואָרטשען, בייזערן און וואַרפֿן זיך:

— אַן עזות פֿון אַ ייִדן... זיך צעלייגט אַביסל... דער גראַף פּשאַנגוצקי דאַרף אַזוי נישט זיצן... אַפּנים, רעכט פֿאַרביסן... אַהער געקומען שלאָפֿן... רב חיים, זײַט זשע מוחל, ע, רב חיים!... רב ח־יי־ם!...

די לעצטע שטראַלן פֿון דער זון האָבן אַרײַנגעשאָסן דורכן שול־פֿענצטער און געפֿאַלן גלײַך אױף חיים כּנײַקינס רויק פּנים מיט די שוואַרצע גלאַנצנדיקע גרײַזלדיקע האָר, מיט די שוואַרצע געדיכטע ברעמען, מיט די האַלב־אָפֿענע גוטע, שוואַרצע, הונגעריקע אויגן, און האָבן דורכגע־לײַכט דאָס טויטע, בלאַסע, שטענדיק הונגעריקע פּנים דורך און דורך.

* * *

יאָ, חיים כּנײַקין האָט געהאַט אַ גרינגן־גרינגן תּענית.

געשריבן אין יאָר 1993

צוויי טויטע

(לכבוד פורים)

פאררעדע

„טויטע״? „לכבוד פורים״? אין אזא יום־טוב, וואָס איז אַ מצווה, אַז אַ ייִד זאָל זיך מאַכן שכור און אַ מחבר זאָל זיך מאַכן נאַריש, פאַר־שטעלן זיך פאַר אַ מאַרשעלאָק?! איך ווייס, לעזער, אַז ס׳איז הײַנט פורים און אַז דו דאַרפסט זיך מאַכן שכור און אַז איך דאַרף זיך מאַכן נאַריש — און איך גיב דיר פּאָרט אַ מעשה פון צוויי טויטע — פאַרפאַלן! דאָס איינציקע, וואָס איך קאָן דיר העלפן, איז נאָר מיט אַן עצה: אויב דו האָסט שוואַכע נערוון, זאָלסטו אַקעגן נאַכט די מעשה נישט לייענען.

א.

כלאַוונע, אַ שוואַרץ, אַ נידעריק־געוואַקסן און גוט־געפּאַקט ייִדל, איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט דעם טרונק. אַ גליק, וואָס ער איז געבוירן פון אַ ייִדן מיט אַ ייִדענע, אַנישט וואָלט ער זיכער געווען אַ שכור. איך וועל אײַך נישט ערב זײַן, אַז ווײַל ער איז געווען אַ ייִד, האָט אים די ייִדישקייט נישט געלאָזט טרינקען אַ סך. עס קאָן זייער שיין געמאָלט זײַן, אַז טרינקען וואָלט ער אפשר געקאָנט פאַר דרײַ גויִם, האָט ער אָבער נישט געהאַט פאַר וואָס. זײַן ווײַב גיטל האָט געפירט זײַנע פינאַנצן, נישט געלאָזט, ס׳זאָל אַרײַנפאַלן צו אים אין די הענט אַרײַן אַ מזומנער גראָשן. אומעטום, וווּ ס׳איז נאָר געווען שײַך צו געלט, האָט

זיך אַרויסגעשטעלט גיטל. אַרבעטן האָט טאַקע געאַרבעט ער, כלאַוונע, הייסט עס (ער איז געווען, ער זאָל מיר מוחל זײַן, אַ שוסטער), נאָר אָפּטראָגן די אַרבעט און אָפּנעמען דאָס געלט — דאָס פֿלעגט שוין זי אַליין, גיטל, הייסט עס. פֿאַרשטייט זיך, אַז כלאַוונען איז אַזאַ מעשה נישט אָנגעשטאַנען.

— וואָס בין איך עפּעס באַ דיר, אַ גנב, צי וואָס?

אַזוי האָט געזאָגט כלאַוונע צו זײַן ווײַב גיטל און באַקומען פֿון איר אַ קלאָרע תשובה אָפּן אָרט:

— חלילה! ווער זאָגט דען אַ גנב? ביסט נאָר אַ שכור. זאָ אפשר, אַז ניין?

אינגאַנצן אָפּלייקענען און זאָגן ניין — איז כלאַוונען איבער דער טבע. און ווידער צוריק, נעמען און מודה זײַן זיך, אַז ער האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן, איז אים אָבער אויך נישט זייער אָנגענעם. פֿאַלט ער אַף אַ שכל און וויל אָפּקומען מיט אַ ווערטל, ווי זײַן שטייגער איז, מחמת כלאַוונע דער שוסטער האָט ליב נישט נאָר אַביסל בראָנפֿן — ער האָט ליב אויך אַ ווערטל, ווי אַלע כסרילעווצעס און כתרילעווקע. ער קראַצט זיך אין באָרד, קוקט אַף דער סטעליע און זאָגט צו זײַן ווײַב גיטל:

— בראָש ווערט אַלצדינג אָנגערופֿן באַ איר מיטן נאָמען שכור! האָסט מיך געזען, איך זאָל עמעצן שיקן? איך, אַז איך וויל אַביסל בראָנפֿן, גיי איך און קויף.

— מעגסט שוין גיין טאַקע אין דער ערד אַרײַן.

— אָך! אַבי מיט דיר — אין פֿײַער און אין וואַסער!

— נאַ דיר און ווער אַנטשטומט!

דאָס זאָגט גיטל צו איר מאַן דעם שוסטער און איז אים מכבד פֿון יענער זײַט וואַרסטאַק מיט אַ פֿליִענדיקן שטיוול, וואָס איז שוין כמעט אינגאַנצן פֿאַרטיק, נאָר עס פֿעלט אים אַ קאַרעק מיט צוויי ציילן פֿלעק־לעך אין דער פּאָדעשווע. כלאַוונע נעמט צו די מתנה מיט אַ געלעכטער און מיט אַ גלײַכווערטל, ווי אַלע מאָל. און ווער שמועסט, אַז גיטל קומט מיט געלט פֿאַר זײַן אַרבעט און איז אים אויך מנדר אַ פּאָר מזומנע גראָשנס, אַף פּאָדעם און אַף וואַקס און אַף חזיר־האָר, דעמאָלט איז ער גאָר ווייך ווי פּוטער און זיס ווי האָניק און האָט פֿון זײַן ווײַב גיטל און פֿון אַלע ווײַבער פֿון דער גאַנצער וועלט־בעת־מעשה אַן אומגעהייער

היכע מיינונג. ער גלעט זיך דעם היכן ווײַסן שטערן (אַלע שוסטערס האָבן הויכע ווײַסע שטערנס) און רעדט פאַרטראַכט, מעשה פילאָזאָף:

— איך ווייס נישט, וואָס האָט דער שלמה המלך, זאָל מיר מוחל זײַן, געהאַט צו די ווײַבער, וואָס ער פלעגט זיי אַזוי לייגן אין דער ערד אַרײַן? דו ווייסט דאָך, וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט אָף אַ ײַך, צי ניין?

— וואָס דײַן „שלמה־מלך" האָט דאָרטן געזאָגט — וויל איך גאָר נישט וויסן. דו בעסער גיי אין מאַרק אַרײַן נאָך פאָדעם און נאָך וואַקס און נאָך חזיר־האָר, און זע נאָר, פאַרבלאָנדזשע נישט אין שענק אַרײַן.

כלאַוונע האָט זיך אַזש צעלאַכט פון אַזא ווילדן געדאַנק.

— אַ משל! עס האָט אַזא פנים, אַ שטייגער כדומה, ווי מע זאָל זאָגן פרײַטיק צונאַכט יקום־פורקן, אָדער שבת אינדערפרי לכה־דודי... ווו איז דער מאַרק און ווו איז דער שענק! און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר אַן עובדה אין מיטן מיטוואָך שבת־צונאַכטס אין אַ שענק אַרײַן!...

בעת מעשה ציילט כלאַוונע די גראָשנס און לייגט איבער די מטבעות פון איין האַנט אין דער אַנדערער, קוקט פילאָזאָפיש אָף דער סטעליע מיט איין אויג, רעכנט אויס פינקטלעך, וויפל געלט ער באַדאַרף האָבן אָף פאָדעם, וויפל אָף וואַקס און וויפל אָף חזיר־האָר, און מיט אַ טיפן־טיפן זיפץ און מיט שטילע טריט לאָזט ער זיך אַוועק גלײַך אין שענק אַרײַן.

ב.

וויִאַזוי האָט געהייסן יענער חכם, וואָס האָט דערקלערט מיט זײַן שכל, אַז פורים זײַנען אַלע שכורים ניכטער? איך וואָלט אים געזאָגט, אַז ער איז מחילה אַ בהמה. פאַר וואָס זאָל אַ שכור דורכלאָזן אַזא טאָג ווי פורים, ווען ס'איז אַ מצווה, אַז אַ ייִד זאָל זיך אָנטרינקען ווי אַ גוי און זאָל זײַן שכור ווי לוט? דער ערשטער וואָלט פּראָטעסטירט קעגן דעם כלאַוונע דער שוסטער. איידער ער האָט דערלעבט דעם הייליקן פורים, זײַנען אים שיער די אויגן אַרויס. און אַז ס'איז געקומען פורים, איז ער קודם אַוועק אין שול צו דער מגילה, זיך אָפּגערעכנט מיט המנען, אים אויפגעהאַנגען אָף אַ בוים פופציק איילן די הייך אינאיינעם מיט זײַנע צען בנים, און אָנשטאָט דעם, ער זאָל גיין אַהיים פאַרזוכן דעם

יום־טובדיקן המן־טאַש, האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אַף אַ ווײַלע צו אַ פּאָר באַקאַנטע שוסטערס, גוטע ברידער, און האָט מיט זיי געגעבן אַ לעק און געטרונקען לחיים: „גאָט זאָל געבן, אַז המן מיט זײַנע צען בנים זאָלן דערלעבן איבעראַיאָר, און מיר זאָלן זיי ווײַטער אויפהענגען אין שול אַלע אַף איין תליה פּופּציק איילן די הייך, בכדי מיר זאָלן ווידער אַ מאָל קאָנען נעמען צו ביסלעך בראָנפן, ונאמר אָמן"... פון אָט די לחיימס איז אונדזער העלד געוואָרן אַזוי בגילופין, אַז וויפל ער איז נישט געגאַנגען און געגאַנגען, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט טרעפן צו זיך אַהיים. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס געסל, ווו ער וווינט, שפּילט זיך מיט אים אין „באַהעלטערלעך": אָט שטייט דאָס, דאַכט זיך, אַקעגן אים און ווינקט צו אים מיט אַ סך פײַערלעך פון די קליינע פענצטערלעך, אָט טוט ער זיך אַ לאָז און אָט טרעפט ער מיטן שטערן אין וואַנט אַרײַן. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַהער אַ וואַנט? פון זינט כלאָוונע איז צו זײַן שכל געקומען, געדענקט ער נישט, אַז דאָ זאָל זײַן אַ וואַנט; נישט אַנדערש, אַז דאָס האָט עמעצער אַוועקגעשטעלט אַ סוכה. אַ פּאָטעפּאַלנאָסט פון אַ יידן נעמען אַוועקשטעלן אין מיטן שטאָט אַ סוכה! דאָס דאַרף זײַן רב יאָסיע דעם נגידם אַרבעט. וואָס אַ נגיד קאָן אײַנפאַלן — איז דיר גאָר קיין קאַטאָוועס נישט! עס וועט אָבער אַ רוח אין זײַן שוויגערס טאַטן אַרײַן!...

— זאָל מײַן נאָמען נישט הייסן אחשוורוש!...

און כלאָוונע דער שוסטער נעמט זיך אָן מיטביידע הענט אָן וואַנט, טוט אַ צי צו זיך, וויל אומוואַלגערן רב יאָסיעס דעם נגידם „סוכה" און טוט אַ פּראַל אין דער ערד אַרײַן און ציט זיך אויס ווי אַ גראַף איבער דער באַרימטער כתּריִלעווקער בלאָטע. און דאָרט לאָזן מיר אים ליגן אַ ווײַלע, ביז מיר וועלן אַראָפּברענגען דעם צווייטן העלד פון אונדזער געשיכטע, וואָס ער הייסט מיט אַ גלענצניקן גבירישן נאָמען — רויט־שילד.

ג.

מיט דעם נאָמען רויטשילד האָט אים כתּריִלעווקע געקרוינט דערפֿאַר, ווײַל ער איז געווען אין שטאָט דער גרעסטער קבצן. דאָס הייסט אַזעלכע קבצנים, ווי ער, זײַנען אין כתּריִלעווקע פֿאַראַן אַזויפֿיל, וויפל שטערן אין הימל, נאָר אַזאַ אַן אומגליקלעכער קבצן, אַזאַ קבצן אַ שלימזל, —

איז שוין אפילו אין כתרילעווקע נישט געווען צו אים דער צווייטער. עס גייט ארום אף דער וועלט א ווערטל (שטאמט געווים פון כתרילעווקע), אז „צום שלימזל דארף מען אויך האבן מזל". זאל איר טאקע וויסן: א גלײַכווערטל איז, להבדיל, א תורה.

ווער איז געווען אט דער רויטשילד און פון וואנען האט ער זיך גענומען, — קאן איך אײַך נישט זאגן. ער איז געווען אן ארעמאן — דאס ווייסט איר שוין, און זײַן עובדה איז געווען — גיין. איר מיינט, איבער די הײַזער? בעטן נדבות? האט איר א טעות. זײַן גאנג איז געווען גלאט אזוי א מין שפאציר איבער דער בלאטע, נאר מיט דריבנע טריט, און גיך־גיך, ווי א מענטש, וואס טוט עסק און האט קיין צײַט נישט. אפ־שטעלן פלעגט ער זיך נאר דעמאלט, ווען מע האט אים אפגעשטעלט.

— שלום עליכם, וווהין גייט עס א ייד רויטשילד?

רויטשילד בלײַבט שטיין, ווישט זיך אפ מיט דער פאלע דעם שווייס. קוקט מיט מאדנע איבערגעשראקענע אויגן, און דאס געל־אויסגעהונ־גערטע פנים פארקנייטשט זיך בא אים אין א מין שמייכעלע, און ער טוט א זאג שטיל, קוים וואס מע הערט:

— גלאט אזוי זיך, מע גייט, טאמער וועט דער אייבערשטער עפעס צושיקן...

אפגעזאגט, לאזט זיך רויטשילד גיין ווײַטער מיט זײַנע דריבנע טריט, און דער, וואס האט אים אפגעשטעלט, בלײַבט שטיין, קוקט אים נאך א ווײַלע, פארציט מיט די פלייצעס, צעלאכט זיך און טוט א שפײַ:

— טפו! נאט אײַך אזא שלימזל!

זינט אט דער שלימזל הייסט רויטשילד, געדענקט קיינער נישט אין כתרילעווקע, אז ער זאל עמעצן אנמוטן מיט א בקשה וועגן עסן, בעטן א טרונק, אדער אן ארט אף איבערצונעכטיקן, כאטש ווײסן ווייסן אלע, אז רויטשילד איז געווים הונגעריק און אז ער האט געווים נישט ווו דעם קאפ אנצושפארן. אף א הונגעריקן איז מען אין כתרילעווקע גרויסע מבינים, מע קאן זאגן, ספעציאליסטן. זיי ווילן אײַך דערקענען אין דער פינצטער נאכן קול אליין, ווער ס'איז גלאט אזוי הונגעריקלעך און וואלט א בעלן געווען, מהכתיתי, עפעס איבערבײַסן, און ווער ס'איז טאקע שטארק הונגעריק, אזוי אז ממש עס גייט אים אוים דאס חיות! מסתמא האבן זיי שוין דערויף אזעלכע סימנים, ווי, להבדיל, די דאקטוירים, וואס

ווײַלן אײַך טרעפן נאָכן דופק, וועלכער חולה איז גלאַט אַזוי נישט־געזונט און וועלכער איז מסוכן חלילה אַף צו שטאַרבן.

אויב מיר זאָלן קאָנען אײַנטיילן די מענטשלעך, וואָס הונגערן, אַף אַזעלכע, וואָס זײַנען גלאַט הונגעריק, און אַף אַזעלכע, וואָס זײַנען טויט־הונגעריק, וואָלט מיר מיט רעכט געקאָנט זאָגן, אַז אונדזער העלד רויטשילד געהערט צו די טויט־הונגעריקע, מחמת בײַ אים איז אָפּטמאָל אַוועקגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט, וואָס ער האָט אין זײַן מויל נישט געהאַט. און ער וואָלט געווים אַזוי אויסגעגאַנגען אין מיטן גאַס, ווען אַ גוטע נשמה זאָל זיך נישט ארומקוקן, אַז אָן גייט דער שלימזל רויטשילד. אַז מע גיט אים עפּעס, זאָגט ער זיך נישט אָפּ, און אַז מע פּרעגט אים, צי ער איז הונגעריק, שווײַגט ער, און אַז מע פרעגט אים, צי איז ער שטאַרק הונגעריק, ענטפערט ער אויך נישט, נאָר דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים זײַנס קנייטשט זיך צונויף אין אַ מין שמייכעלע, און די איבערגעשראָקענע אויגן קוקן אַראָפּ, אַפּנים, פאַר בזיון, וואָס אַ מענטש קאָן זײַן אַזוי הונגעריק, און אַ שטילער זיפץ רײַסט זיך אַרויס בײַ אים נישט־ווילנדיק — ווער ווייס, וואָס דער זיפץ קאָן באַדײַטן!...

די כתרילעווקער לײַט, וואָס האָבן ליב אַ שפּאַס, גיבן אים פריִער עפּעס עסן און נאָכדעם טרײַבן זיי מיט אים אַביסל קאַטאָוועס:

— פאַני רויטשילד, זאָגט דעם אמת, וויפל געלט פאַרמאָגט איר און ווו ליגן פאַרבאָרגן אײַערע אוצרות?

רויטשילד לאָזט אַראָפּ די איבערגעשראָקענע אויגן, קנייטשט צונויף דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמייכעלע און שווײַגט... יונגע לײַט, עזות־פּנימער, שטייען־צו צו אים נענטער, טוען אים אַ צי בײַ אַרבל:

— שלום עליכם, וואָס מאַכט אַ ייִד רב רויטשילד? וואָס הערט זיך עפּעס בײַ אײַך דאָרט אין פאַריזש?

רויטשילד לאָזט אַראָפּ די איבערגעשראָקענע אויגן, קנייטשט צונויף דאָס געל־אויסגעהונגערטע פּנים אין אַ מין שמייכעלע און שווײַגט... חדר־ייִנגלעך, יונגע צוצעקלעך, קליינוואַרג, — די לאָזן אים די גאַס נישט דורכגיין. זיי האָבן געמאַכט אַף אים אַ לידל:

רויטשליד איז אַן עושר,
איז אַ גביר אַ גרויסער,
אָנגעשטאָפּט מיט געלט
און מיט שאַלעמויזן.
ווייסט איר, וואָס אים פעלט?
מער נישט אַ פּאָר הויזן.

פאַר קליינוואַרג האָט רויטשילד מורא, נעמט ער די פּיס אַף די פּלייצעס און מיט זײַנע דריבנע טריט לאָזט ער זיך לויפן אין דער וועלט אַרײַן. קליינוואַרג לויפט אים נאָך און זיי הערן נישט אויף צו זינגען... דערזעען די עלטערע און שרײַען אַן אַף זיי:

— אַ נישט געדאַכט זאָלט איר ווערן, שקצים, הולטײַעס, ימח שמוניקעס! אין חדר אַרײַן, ממזרים, אין חדר אַרײַן!

פאַר דעם שלימזל רויטשילד וואָלט אפשר געווען אין כתרילעווקע אַלע מאָל ווער ס'זאָל זיך אָננעמען זײַן קריוודע, און הונגערן וואָלט מען אים אפשר אויך נישט געלאָזט אַזוי שטאַרק. נאָר ווער איז זיי שולדיק, אַט די שלימזלען, וואָס ווילן אײַך גיכער שטאַרבן, איידער אויסצו׳ען אַ האַנט?... און אויסערדעם, לאָמיר שמועסן על־פּי יושר: איז דען די שטאָט כתרילעווקע טאַקע מחויב צו טראָגן אַפן קאָפּ יעדן שלימזל? קאַרג האָט מען אייגענע צרות מיט אייגענע ווייטיקן מיט דאגות פּרנסה? מע דאַנקט גאָט, אַז מע קומט אַליין דורך דעם טאָג און מע לעבט איבער ווי עס איז די וואָך מיט ווײַב און קינדער.

דערפאַר אָבער — וואָס אמת איז אמת — אַז עס קומט דער הייליקער שבת, איז רויטשילד אַ באַוואָרנטער מענטש. אַלע יידן זײַנען דאָך דעמאָלט אין שול, און רויטשילד איז פאַר די אויגן. וועט דען אַ שטאָט דערלאָזן, אַז אַ ייד זאָל שבת הונגערן? מילא, וואָס גאָט גיט אָבי אינאײנעם, און אַן איבעריקער מענטש צום טיש איז דאָך, אייגנטלעך, נישט מער, ווי אַן איבעריקער לעפל... האָט קיין יסורים נישט, ער וועט הונגעריק נישט אַוועקגיין, און טאָמער אפילו איז די סעודה נישט אַזוי פויגלדיק, איז אויך אָן אַן אומגליק, די קישקע וועט מוחל זײַן, אָבי מע זיצט מיט יידן באַם טיש, אַפן טיש זײַנען פאַראַן סימנים פון שבת־דיקער חלה, ביינדלעך פון פיש און אַ פּאָר מעשענע לייכטער פון די נעכטיקע בענטש־ליכט... דאָס אַלצדינג, אינאײנעם גענומען, ווען עס

ווערט באַזונגען מיט די שיינע זיסע שבתדיקע זמירות, האָט דאָך דאָס טאַקע דעם זיבעטן חן, און אַ כפּרה אַלע מאכלים מיט אַלע פּאַטראַוועס און נאַשערײַען, וואָס דעם מענטשנס יצר־הרע האָט אויסגעטראַכט, בכדי אַרײַנצונאַרן אונדז וואָס טיפער אין גיהנם...

גרויס איז דער כוח פון דעם הייליקן יידישן שבת! איר וועט נישט דערקענען דעמאָלט נישט דעם כתרילעווקער בעל־הבית, נישט דעם אורח זײַנעם, דעם שלימזל רויטשילד.

ד.

אָפּגעפּאַסט אַזאַ טאָג, ווי אסתר־תענית, קוים דערלעבט פאַרנאַכט גיין אין שול הערן די מגילה, רעכט נוקם געווען זיך אין המנען און אָפּ־געבאַפּט אַף איין פוס דעם „הרב את ריבנו" מיט די איבעריקע זאָגעכצן, — האָבן זיך די אויסגעהונגערטע כתרילעווצעס אין איין אימפּעט געלאָזט לויפן אַהיים וואָס גיכער אָפּצופּאַסטן זיך, איטלעכער „אונטער זײַן ווײַנ־שטאָק און אונטער זײַן פײַגנבוים", מיט אַ פרישן, אַ הייסן, אַ פּורימדיקן המן־טאַש מיט מאָן. און מחמת גרויס אימפּעט, הונגער און אײַלעניש האָט מען גאָר פאַרגעסן אָן רויטשילדן גלײַך ווי עס וואָלט קיין רויטשילד גאָר אַף דער וועלט נישט געווען. און רויטשילד, דערזען, אַז דער עולם לויפט, האָט זיך אויך געלאָזט לויפן מיט זײַנע דריבנע טריט, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן, איבער די בלאָטיקע גאַסן און געסלעך פון דעם געבענטשטן כתרילעווקע.

געלאָפן פאַרבײַ די האַלב־אײַנגעפאַלענע און האַלב־באַלויכטענע הײַזער און הײַזלעך, האָט אונדזער הונגעריקער העלד פון צײַט צו צײַט געכאַפּט אַ קוק אַרײַן אַהין, דורך די פענצטער, און געזען קײַענדיקע מײַלער און שלינגענדיקע העלדזער. וואָס האָבן די דאָזיקע מײַלער געקײַט אַזוי געשמיידיק, וואָס האָבן די העלדזער אַזוי געשמאַק געשלונגען — איז אים שווער געווען צו זען, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער על־פּי סברא, אַז דאָס באַדאַרפן זײַן פרישע, זיסע דרײַעקעכיקע המן־טאַשן, אָנגעפילט מיט זיסן, צוקערדיקן מאָן, וואָס צעגייט זיך אין מויל — טעם גן־עדן. און עמעצער האָט זיך אויפגעכאַפּט בײַ רויטשילדן אינעווייניק אין מאָגן און האָט אים געגעבן אַ צי בײַם האַרצן און אַ זאָג אין אויער אַרײַן: „נאַר איינער, וואָס דרייסטו זיך אַרום אין עולם־התוהו? עפּן

אויף א טיר, גיי אריין און זאָג: „אַ גוט יום־טוב, ייִדן! עפּשר איז פֿאַראַן בײַ אײַך מיט וואָס אָפּצופּאַסטן זיך? שוין דעם דריטן טאָג אין מײַן מויל נישט געהאַט"... און רויטשילד דערשרעקט זיך פֿאַר זיך אַליין. עס איז אים נאָך קיינמאָל אַזאַ געדאַנק נישט געקומען — אַרײַנרײַסן זיך צו יענעם אין שטוב אַרײַן מעשה גזלן! און בכדי דער יצר־הרע זאָל אים נישט אַרויספֿירן דער שוואַרץ יאָר ווייס אַף וועלכע זאַכן, לאָזט ער זיך גיין אין מיטן גאַס, סאַמע אין דער רעכטער בלאָטע, און שלאָגט זיך אָן אין דער פֿינצטער אַף עפּעס אַ ווייכס, אַ גראַבס און אַ לעבעדיקס, און גיט אַ פֿאַל אַנידער אין בלאָטע אַרײַן, גלײַך אַף אונדזער העלד נומער איינס — אַף כלאַוונע דעם שוסטער.

לאָמיר לאָזן ליגן אַ ווײַלע רויטשילדן און געוואָרע ווערן, וואָס מאַכט עפּעס כלאַוונע דער שוסטער.

ה.

כלאַוונע דער שוסטער (מיר בעטן בײַ אים הונדערט מאָל מחילה, וואָס מיר האָבן אים געלאָזט ליגן אַזוי לאַנג אין דער בלאָטע) האָט זיך געפֿילט גאָרנישט אַזוי שלעכט אין זײַן נײַער לאַגע, ווי דער לעזער שטעלט זיך פֿאָר. עס ליגט שוין אַזוי אין דער טבֿע פֿונעם מענטשן, ער זאָל זיך צופּאַסן צו יעדער לאַגע, ווי ביטער און פֿינצטער זי זאָל נישט זײַן. קוים איז אים באַשערט געוואָרן, אַז די בלאָטע, די באַרימטע כתריזנער בלאָטע, זאָל זײַן זײַן געלעגער, האָט ער געזען אָנווענדן כּל המעגלעכקייטן, אַז ער זאָל ליגן ווי אַ מענטש, און נישט גלאַט אַזוי ליידיק, אָן אַ שום אַרבעט. ער האָט געפֿײַערט אַף די נגידים און האָט אויסגעלאָזט כּל חמתו אַף רבֿ יאָסיע דעם נגיד, ער זאָל נישט מיינען, אַז ער, כלאַוונע דער שוסטער, איז חלילה שכּור. ער האָט אים געשוווירן, ער זאָל אַזוי דערלעבן פֿירן ווײַזתאַן צו דער חופּה, ווי ער הייבט נישט אָן צו זײַן שכּור. ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט אַף אים, אַף כלאַוונען, אַז ער איז אַ שכּור? דאָס וואַקסט אוודאי פֿון איר, פֿון זײַן ווײַב ושתי, אײַנגעזונקען זאָל זי ווערן!...

אַרויסגעלאָזט דעם נאָמען ושתי, בלײַבט כלאַוונע דער שוסטער שטיל און פֿאַרטראַכט זיך. דער נאָמען ושתי איז אַרײַן צו אים אין מוח, ווי אַ פּלעקל, וואָס מע זעצט דאָס אַרײַן אין אַ שטיוול אַרײַן. ער געדענקט,

דאכט זיך, גאנץ גוט, אז אמאל האט זײַן ווײַב געהייסן גיטל, פלוצעם נא דיר גאר „ושתי״!... וויאזוי איז דאס געווארן פון גיטל — ושתי? און נישט נאר דער נאמען — זי אליין האט זיך איבערגעביטן, גארנישט דאס ווײַב, וואס פרײַער. אנגעטאן גייט זי, ווי א קייסערינע, מיט א גילדענעם ספאדעק, און איז אינגאנצן אײַנגעטונקען פון קאפ ביז פיס אין גינגאלד. ער באטראכט זיך, אז ס'איז גאר קיין פלאן נישט פאר אים אצינד מיט איר זיך צו קריגן. אדרבה, מיט אזא יפהפיה דארף מען שלאגן בלאט. און ער רוקט זיך צו צו איר נענטער און נענטער, נאר זי רוקט זיך אפ... זי וויל אים נישט. אפנים, דערפאר, וואס ער האט ליב אט דאס, וואס מע מאכט דערויף שהכל נהיה בדברו... א מכה דער מאמען, עס שטייט נישט אין דעם טאטן אירן, טאמער וועט מען זאגן אין שטאט, אז ושתי האט א מאן א שכור!

— זאל איך נישט דערלעבן אויפשטיין פון דעם ארט, אויב ס'וועט קומען אמאל א טראפן בראנפן אף מײַנע ליפן! ושתי, דו הערסט, צי ניין? טאמער גלייבסטו מיר נישט, נא דיר א האנט תקיעת־כף...

און כלאוונע ציט אוים זײַן פעטקע גראבע האנט מיט די קורצע שווארצע פינגער אין דער בלאטע ארײַן, און ס'איז אים א חידוש, וואס ושתי האט אזא קאלטע נאסע האנט מיט אזעלכע קאלטע גלימשיקע פינגער. ס'איז אוממעגלעך זי אנצונעמען פאר דער טאליע אזוי, אז די נשמה זאל איר ארוים! און ער צענעמט די הענט און כאפט ארום... דעם שלימזל רויטשילד!

ה.

די מחקרים זאגן, אז פון א דערשרעק קומט אלצדינג. פון א דערשרעק איז חלילה א מעוברתע מפיל, פון א גוטן איבערשרעק קאן א מענטש אראפ פון זינען, און א מאל, די שעה זאל נישט זײַן, באקומען אפאפלעקציע און שטארבן. זיי זײַנען ד׳ערגאנגען מיטן שכל, אז פון אן איבערשרעק קאן א שכור זיך אויסניכטערן אין איין מינוט. אזוי זאגן די מחקרים. און דעריבער וועט אונדז קיין חידוש נישט זײַן, וואס אונדזער העלד, כלאוונע דער שוסטער, ווײַבאלד ער האט ארומגעכאפט דעם שלימזל רויטשילד, אזוי האט ער פאר שרעק זיך שוין אויסגעניכטערט, דאס הייסט, נישט אף אזויפיל, ער זאל קאנען אויפשטיין פון דער בלאטע

און ווערן א מענטש, ווי מע רופט עס, א זעלבסטשטענדיקער; נאָר אַף אַזויפיל האָט ער אָנגעהויבן קומען צו זיך, אַז איינציקוויַיז האָבן זיך אומגעקערט צו אים כמעט אַלע זיַינע חושים. קודם כל איז ער דערגאַנגען דורך זיַין חוש המשוש, אַז ושתי איז אַ ייִד מיט אַ באָרד. נאָכדעם האָט באַ אים אויפגעוואַכט דער חוש השמיעה, און ער האָט דערהערט ריינע, קלאָרע דבורים: „שמע ישראל, גוואַלד, ייִדן, ראַטעוועט!" דער חוש הריח האָט אים געזאָגט, אַז זיי ביידע ליגן אין דער בלאָטע, אין דער באַרימטער כתרילעווקער עיפּושדיקער בלאָטע. נאָר וויפל ער האָט נישט אָנגעווענדעט זיַין חוש הראיה אַף צו דערזען, ווער איז אָט דער דאָזיקער נפש, האָט זיך עס אים בשום אופן נישט איַינגעגעבן, מחמת די לבנה האָט זיך באַהאַלטן אין די געדיכטע וואָלקנס, און די פינצטערע נאַכט האָט פאַרשפּרייט אירע שוואַרצע פליגלען איבער גאַנץ כתרילעווקע.

איך רויטשילד האָט אָנגעהויבן ביסלעכוויַיז קומען צו זיַינע געדאַנקען, און דער שרעק, פון וועלכן ס'איז אים געווען אַ מינוט צום טויט, איז שטילערהייט אַוועק פון אים, און ביידע אונדזערע העלדן האָבן באַקומען לשון. אָט וואָס פאַר אַ מין געשפּרעך צווישן זיי איז פאָרגעקומען. מיר גיבן אים איבער פּינקטלעך, וואָרט אין וואָרט:

כלאָוונע: ווער ביסטו?

רויטשילד: ס'איז איך.

כלאָוונע: וואָס טוסטו דאָ אין דער בלאָטע?

רויטשילד: גאָרנישט.

כלאָוונע: וועלכער רוח האָט דיך אַהער געבראַכט?

רויטשילד: כ'ווייס נישט.

כלאָוונע: טפו זאָלסטו ווערן! וואָס ביסטו? אַ בעל־מלאכה, אַ שוסטער?

רויטשילד: ניין.

כלאָוונע: וואָס־זשע, אַ בעל־הבית?

רויטשילד: ניין,ניין.

כלאָוונע: וואָס־זשע דען ביסטו, צו אַלדי שוואַרצע יאָר?

רויטשילד: איך בין... איך בין... טויט־הונגעריק.

כלאָוונע: אַזאַ מעשה! דו ביסט טויט־הונגעריק? המ... און איך בין טויט שכור... שאַ! אויב איך האָב קיין טעות נישט, ביסטו נישט אָפּטמאָל רויטשילד? יאָ, ווי איך בין אַ ייִד! איך האָב

דיך באַלד דערקענט, אַז דאָס ביסטו... ווײַבאַלד אַזוי, טאָמער וואָלט געווען אַ סברא, ברודער ראָטשילד, אַז דו זאָלסט מיר העלפן אַרויסקריכן פון דער דאָזיקער בלאָטע, און אויב דו פּילסט, אַז דו האָסט פּיס, וואָלטן מיר ביידע זיך דורכגעגאַנגען צו מיר אַהיים עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, וואָרעם עס באַמבלט מיר אין קאָפּ, אַז מיר האָבן הײַנט יום־טוב אויף דער גאַנצער וועלט. שמחת־תורה? פּורים? — איך קאָן דיר נישט זאָגן אַקוראַט, נאָר יום־טוב האָבן מיר געוויס. לאָזן קומען כל מלכי מזרח ומערב און זאָגן מיר, אַז ניין, וועל איך זיי אָנשפּײַען אין פּנים!

עס האָט גענומען אַ קליינע ווײַלע, ביז די צוויי האָבן זיך אַרויסגע־קאַראַטשקעט פון דער בלאָטע און האָבן זיך מיט גרויס מי געלאָזט אין וועג אַרײַן, איינער אָנגעלענט אָפן אַנדערן, דאָס הייסט, ראָטשילד האָט אונטערגעהאַלטן כלאַוונען, ער זאָל נישט פֿאַלן. מחמת אויסגעניכטערט האָט זיך באַם שוסטער נאָר דער קאָפּ — די פּיס אָבער האָבן זיך אים נאָך געפּלאָנטעט, און אַז זיי זײַנען געקומען צו...

דאָ האָבן מיר בדעה איבערלאָזן אונדזערע ביידע העלדן אָפן שפּאַציר און אַרײַנקוקן אויף אַ מינוט צו כלאַוונע דעם שוסטער אין שטוב אַרײַן, זען, וואָס מאַכט זײַן ווײַב גיטל.

ז.

וויפל די קריטיקער זאָלן נישט קריטיקירן, וויפל די אָפּשפּעטער זאָלן נישט לאַכן און חוזק מאַכן — אַ ווײַב בלײַבט אַ ווײַב. עס האָט נאָר אָנגעהויבן נאַכט ווערן, האָט גיטל שוין גענומען ריכטן זיך אויף איר מאַן, אַז אָט קומט ער פון דער מגילה אָפּפּאַסטן זיך. צוליב דעם האָט זי איבערגעדעקט דעם טיש יום־טובדיק און אַוועקגעשטעלט קודם דאָס, וואָס איר כלאַוונע האָט ליב — אַ פלעשל מיט אַ גלעזל. עס קאָן זײַן, אַז אין פלעשל איז מער נישט געווען ווי איין גלעזל, נאָר אפשר איז דאָרט צוליב יום־טוב געווען צוויי גלעזלעך. דערפאַר איז געזעסן אָפן טיש אַ דרײַעקעכיקער המן־טאַש מיט מאָן, אַ מוראדיקער, אַ גרויסער, אַ ברייטער, אַן אמתער, אַ שוסטערשער המן־טאַש. עס האָט זיך אויס־געדאַכט, ווי דער המן־טאַש וואָלט גערעדט ווערטער: „כלאַוונע, וווּ ביסטו? קום עס מיך!" נאָר כלאַוונע האָט נישט געהערט; ער איז

גאָר געווען בשעת־מעשה באַ זײַנע חברים די שוסטערס און געמאַכט מיט זיי דעם גרויסן טרונק לכבוד דעם הייליקן פּורים.

אומזיסט האָט די שוסטערקע נעבעך געקוקט דורכן פענצטערל, זיך צוגעהערט צו דער טיר. יעדער שאָרך האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס גייט כלאָוונע. נאָר כלאָוונע איז נישט געגאַנגען; ער איז גאָר געלעגן בעת־מעשה איינער אַליין אין דער בלאָטע און האָט זיך אויסגעשמועסט מיט ושתין. גיטל האָט איבערגעטראַכט אַף איר מאַן אַלצדינג, וואָס אַ ווײַב קאָן איבערטראַכטן, און אַז ס'איז געוואָרן רעכט שפּעט, האָט זי געכאַפּט די יופּע אַף די פּלייצעס און איז אַוועק זוכן איר מאַן כלאָוונע. זי האָט אים נישט געפונען. די שוסטערס, מיט וועלכע כלאָוונע האָט אויסגעטרונקען לכבוד יום־טוב, האָבן איר געשוואָרן, זיי זאָלן אַזוי דער־לעבן איבעראַיאָר פּורים, אַז כלאָוונע איז גלײַך פון שול אַוועק צו זיך אַהיים און קיין טראָפּן איז צו זיי קיינעם אין מויל נישט געקומען. סײַדן אפשר — אַזוי האָבן געזאָגט די שוסטערס — ער האָט זיך ערגעץ באַגעגנט מיט שמעון־וואָלפן.

באַ דעם נאָמען שמעון־וואָלף האָט גיטל אַזש אַ ציטער געטאָן. אָט דער שמעון־וואָלף קאָסט איר נעבעך געזונט.

שמעון־וואָלף איז אויך אַ שוסטער, אַזוי ווי איר מאַן כלאָוונע, און האָט אויך ליב דאָס, וואָס איר מאַן כלאָוונע האָט ליב. נאָר ווי קומט כלאָוונע צו אים! יענער האָט אַ שם אַף דער גאַנצער וועלט — מע רופט אים גאָר אַנדערש נישט, ווי שמעון־וואָלף דער שכור. ס'איז אַ סברא, אַז זײַן טאַטע איז דערפון געשטאָרבן: איינמאָל שמחת־תורה האָט ער זיך אָנגעטרונקען, און עס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים דער בראָנפן און ער איז פאַרברענט געוואָרן, אַזוי ווי אַ ליכט. מיט שמעון־וואָלפן האָט זיך שוין אויך איין מאָל געטראָפן די אייגענע מעשה, האָט מען אים אָפּגעלאָשן. גיטל האָט אָבער נישט געגלויבט. אַז איר מאַן זאָל זיך ווידער אַ מאָל צונויפגיין מיט דעם שכורניק, נאָכדעם ווי ער האָט איר געגעבן אַ האַנט תקיעת־כּף און געשוואָרן באַ אַ פּאָר תפילין, אַז צײַט ער וועט לעבן, וועט ער זיך מיט אים קיינמאָל נישט באַגעגענען. איבער דעם איז אַרויס אין יענער צײַט אַ גרויס מחלוקת צווישן כלאָוונעס ווײַב גיטל און שמעון־וואָלפס ווײַב חנה־זיסל. דאָס מחלוקת האָט זיך אָנגעהויבן מיט ווערטער און מיט ווערטלעך, און אויסגעלאָזט האָט זיך עס זייער מיאוס: ביידע ווײַבער האָבן זיך אַרײַנגעפּלאָנטעט איינע דער

אַנדערער אין די שלייערס, און מע האָט זיי קוים צענומען. פון דעמאָלט אָן ריידן נישט צווישן זיך אָט די צוויי ווײַבער, און אַז זיי באַגעגענען זיך, טרעטן זיך אָפּ איינע דער אַנדערער דעם וועג און שפּײַען אויס דרײַ מאָל.

גיטל האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס זאָל זי טאָן: צי זאָל זי גיין צו אָט דער הולטײַקע חנה־זיסל געוואָרע ווערן וועגן איר מאַן, צי ניין? זי האָט מורא געהאַט, ס'זאָל נישט אַרויס דערפון קיין נײַער סקאַנדאַל — און עפּעס טאַקע נאָר ווי גאָט אַליין האָט זיך אַרײַנגעמישט און איז איר געקומען צו הילף. נאָך איידער זי האָט זיך אַ ריר געטאָן, דערזעט זי, עפּעס אַ נפש, אײַנגעהילט אין שוואַרצן, גייט איר אַקעגן. זי קוקט זיך אײַן אין דער פינצטערניש און זי דערקענט חנה־זיסלען.ביידע ווײַבער זײַנען גרייט געווען אָפּשפּרינגען איינע פון דער אַנדערער און אויסשפּײַען דרײַ מאָל, ווי תמיד. נאָר עפּעס אַ פאַרבאָרגענער כוח האָט זיי ביידע אָפּגעהאַלטן, און זיי האָבן ביידע מיט אַ מאָל אָנגעהויבן ריידן. זייער געשפּרעך איז געווען אַ קורצער, נאָר זייער אַ פאַרשטענדלעכער:

— וווּהין איז אַזוי שפּעט?

— און איר וווּהין?

— איך זוך מײַן מאַנצביל.

— דאָס אייגענע וואָס איך.

— ווו קאָנען זיי זײַן?

— איך זאָל אַזוי וויסן פון אים.

— מײַנער איז געווען אין שול צו דער מגילה.

— מײַנער אויך דאָרטן.

— זײַנען זיי, אַפּנים, פון דאָרטן אַוועק ביידע?

— אַזוי ווײַזט דאָס אויס.

און ביידע ווײַבער לאָזן אַרויס אַ טיפן זיפץ און צעגייען זיך די אַהער, די אַהין.

ח.

פאַרוויסט און פאַרפינצטערט איז נעבעך גיטל געקומען אַהיים, געכאַפּט אַ קוק פאַרבײַגייענדיק אויפן המן־טאַש, און עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ער קוקט אויף איר און זאָגט צו איר: „וואָס איז די מעשה

מיט כלאָוונען?" פאַר צרות גיט זי זיך אַ וואָרף אין בעט אַרײַן און ליגט אַזוי לאַנג, ביז זי ווערט אַנטשלאָפן. זי ווערט אַנטשלאָפן און עס חלומט זיך איר, אַז מע קלאַפּט אין פענצטער און מע רופט זי אָן באַם נאָמען. זי וויל אויפהייבן דעם קאָפּ און קאָן נישט. פרעגט זי ליגנדיק פון בעט אַרויס: „ווער איז דאָרטן?" און באַקומט תשובה, אַז דאָס איז חנה־זיסל די שוסטערקע מיטן שמש פון חברה־קדישא געקומען צו איר נאָך תכריכים. גיטל פאַרשטייט נישט, פון וואַנען עס נעמט זיך צו איר אַזויפיל כוח צו ריידן וועגן אַזאַ זאַך, און זי פרעגט חנה־זיסלען גאַנץ קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי עס רעדט זיך וועגן אַ דייזשע ברויט אָדער וועגן אַ פערטל עופֿ אַף שבת: „זיי זײַנען פאַרברענט געוואָרן?" — „פאַרברענט געוואָרן". „ביידע אינאיינעם?" — „ביידע אינאיינעם". כאַר פּחד פאַלט גיטל שיער נישט אַראָפּ פונעם בעט, זעצט זיך אויף און דערהערט, ווי עטלעכע הענט מיט אַ מאָל שאַרן אין דער טיר, און עס שטעלן זיך איר די האָר קאַפּויר. קוים־קוים וואָס זי רעדט אַרויס:

— ווער איז?

— ס'איז מיר.

— ווער איז דער מיר?

— עפן אויף די טיר וועסטו וויסן, ווער איז דער מיר.

— די טיר איז אָפן.

— מיר קאָנען נישט געפינען די קליאַמקע.

נאָכן קול האָט גיטל באַלד דערקענט, אַז דאָס איז איר מאַן, און זי כאַפּט זיך אויף געשווינט און זי עפנט אויף די טיר און דערזעט צוויי נפשות, אויסגעשמירטע, ווי די שדים, און טוט אַ שפּרונג אָפּ צוריק.

— אַ גוט יום־טוב דיר, גיטל! — אָט אַזוי רופט זיך אָן צו איר כלאָוונע און קאַטשעט זיך אַרײַן אין שטוב אַרײַן אינאיינעם מיט קוטשילדן. — זאָל מײַן נאָמען נישט הייסן כלאָוונע, אויב דו ווייסט, ווער צו דיר איז געקומען! צו דיר זײַנען געקומען צו גאַסט לעקאָוועד בורים צוויי טויטע... גאָט איז מיט דיר. וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? צוויי טויטע זײַנען מיר טאַקע, נאָר נישט פון יענער וועלט... איינער איז טויט־שכור, דער אַנדערער איז טויט־הונגעריק... ווער איז דאָ טויט־שכור און ווער איז טויט־הונגעריק — דאָס דאַרפסטו

שוין אַליין פּאַרשטיין, אויב דו ביסט אַ קלוגע... וואָס קוקסטו אַזוי? האָסט אים נישט דערקענט? ס'איז דאָך רויטשילד. אײַנגעזויקען זאָל ווערן רב יאָסיע דער נגיד מיט דער כתרילעווקער בלאָטע אינאיינעם! רויטשילד האָט זיך נעבעך אויסגעשמירט, אַז ס'איז אים נישט צו דער־קענען. מע וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער האָט זיך דאָרט געקאַטשעט מיט אַלע חזירים... הערסטו, גיטל, ביסט טאַקע אַ ייִדענע אַ חכמה! ושתי מעג זײַן פּאַר דיר די כּפּרה! איך זע באַ דיר דאָס שבתדיקע פֿלעשל אויפֿן טיש. דאָס האָרץ האָט דיר, אַפּנים, געזאָגט, אַז מיר האָבן הײַנט יום־טוב אויף דער גאַנצער וועלט און מע דאַרף מאַכן קידוש און פֿאַרבײַסן מיט אַ דעם דרײַעקעכדיקן ממזר, ס'זאָל אויף אים קומען אַ מיתה משונה, אַזוי ווי אויף זײַן טאַטן המנען!... לחיים, רויטשילד! לאָז גאָט געבן, המן זאָל דערלעבן איבעראַיאָר, און מיר זאָלן אים ווידער אַ מאָל אויפֿ־הענגען אין שול מיט זײַנע צען בנים אַלע אויף איין תליה, פּונקט אַזוי ווי די הייך! וואָס שווײַגסטו, גיטל? זאָג אָמן!

געשריבן אין יאָר 1909

חרוסת

א.

— מויד! מע וועט אַ מאָל דערלעבן זען דיך אָנגעטאָן, צי ניין? נעם דאָס גלעזערנע טעלערל און גיי זיך דורך צום פעטער יאָסיע, וועסטו ברענגען חרוסת. אַז דו וועסט אַרײַנקומען צום פעטער יאָסיען, זאָלסטו זאָגן: „דער בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע האָבן אײַך געשיקט זאָגן, איר זאָלט דערלעבן איבעראַיאָר, און געבעטן, איר זאָלט זיי געבן חרוסת. וועסט שוין געדענקען, וואָס מע זאָגט דיר אָן? צי מע דאַרף מיט דיר איבערחזרן נאָך אַ מאָל צוואַנציק?

— ס'איז נישט אַזוי שווער, מע זאָל דאָס נישט געדענקען אױף אויסווייניק.

און לאה די מויד (אַזוי האָט מען זי גערופן אין דער דינסט, כאָטש באַ זיך און באַ אירע באַקאַנטע האָט זי געהייסן „ליזאַ") האָט זיך געאײַלט אָנטאָן יום־טובדיק, און כאָטש דער גאַנצער אָנטאָן אירער איז באַשטאַנען נישט מער ווי אין אַ ציצן קליידל מיט אַ קאַפּטל, נײַע שיך און אַ סטענגע אױף די האָר, פונדעסטוועגן באַברעט זי זיך שוין ווייס איך וויפל צײַט און איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק. ס'איז תמיד אַזוי: אַז מע וויל גיך, גערווערט עס, און אַז מע שלאָגט האַלדז־און־נאַקן, פאַלט פון די הענט. ליזאַ (לאָמיר איר טאָן צוליב און רופן זי אַזוי, ווי איר גע־פעלט) האָט זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק און איז צוגעגאַנגען צו דער בעל־הביתטע ווײַזן, אַז זי איז פאַרטיק. די בעל־הביתטע (אַביסעלע שפּע־טער וועלן מיר זיך מיט איר באַקענען נענטער) האָט געגעבן אַ פליעסק מיט די הענט:

— זע־נאַר, ווי זי האָט זיך אויסגעסטראָצלט! אַ ריינע פּרינצעסן! פּסנו! קיין עין־הרע! קיין בייז אויג! פאַרניץ געזונט און גיב כאָטש אכטונג אַף די שיך, זאָלסט נישט אַרײַן מיט זיי אין אַ קאַליזשע! און דאָס קליידל, נישקשה, מעגסטו אויך אונטערהייבן אין דער בלאָטע. ס'איז פאַר מײַן געלט, וואָס דו האָסט באַ מיר פאַרדינט, מעג איך דיר, דאַכט דיר זאָגן אַ דעה, צי ניין?

ליזאַ האָט גענומען דאָס גלעזערנע טעלערל און איז אַוועקגעגאַנגען נאָך חרוסת אָן ווערטער. וואָס וועט זי איר ענטפערן, אַזאַ „פּערעוואַריכע", אַז זי פאַרשטייט אפילו נישט, אַז דאָס געלט, וואָס די דינסט האָט באַ איר פאַרדינט, געהער צו דער דינסט, נישט צו איר? איר מאַקס זאָל דאָ זײַן — ער וואָלט שוין וויסן וואָס צו ענטפערן אַזאַ בורזשויקע!.. אַ רעכטער יאַט, אָט דער מאַקס! ערשט הײַנטיקן פאַר־פּסח האָט זי זיך מיט אים באַקענט, גייענדיק פון פּאָדריאַד איינמאָל פאַרנאַכט אַהיים. דעם גאַנצן וועג האָט ער מיט איר גערעדט פון אַזעלכע זאַכן, וואָס זי האָט זיי קיינמאָל נישט געהערט, נאָר באַלד געכאַפּט מיטן שכל. פון בעלי־בתים האָט ער מיט איר גערעדט און פון אַרבעטער. ביז אַהער האָבן געוועלטיקט זיי, די בעלי־בתים; אָט באַלד וועלן אָנהייבן געוועלטיקן מיר, אַרבעטער.

שוין אַז זיי זײַנען געווען באַ דער טיר, האָט ער זי אַ פרעג געטאָן, צי זי קאָן לייענען אַ ביכל?

— אַ וואָסערס? אַ יידיש?

— פאַרשטייט זיך, אַ יידיש.

— פאַר וואָס נישט? איך נעם אַלע פרייטיק באַ רב אַלטערן אַ מעשה־ביכל אַף איבערלייענען. אַז איך לייען איבער דאָס ביכל, גיט ער מיר איבעראַכטאָג פרײַטיק אַן אַנדערס, דאָס הייסט, טאַקע די אייגענע מעשה, נאָר אין אַן אַנדער ביכל. מחמת די מעשה איז אַ לאַנגע מעשה, זי ציט זיך פון סוכות אָן...

מאַקס הערט זי אויס מיט אַ האַלבן שמייכל:

— נישט די ביכלעך דאַרף מען לייענען. אָט וועל איך אײַך געבן אַ ביכל, וועט איר וויסן „פּאָקראַנימיר"...

און ער קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן, ציט אַרויס פון דער כאָליווע פון שטיוול אַ קליין פאַרשמאָלצעוועט ביכעלע און גיט דאָס איבער איר, ווי עפּעס אַ הייליקע זאַך, בעט, זי זאָל דאָס נישט האַלטן אויבן־אויף...

— וואָס איז דען?
— אַז מע זאָגט אײַך, זאָלט איר נישט פרעגן פאַר וואָס...

ליזאַ האָט דאָס ביכל באַ אים צוגענומען מיט דעם אייגענעם רעספּעקט, ווי ער האָט דאָס איר געגעבן, און אַז זי איז געקומען מיט דעם אַהיים, האָט זי געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון דער בעל־הביתטע, דערפאַר, וואָס זי, אַז זי גייט אַוועק, פאַרגעסט זי דעם זײַ־געזונט. און אַז אַלע האָבן זיך געלייגט שלאָפן, האָט זי אַרויסגעדרייט דאָס לעמפּל און האָט זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס ביכל, וואָס מאַקס האָט איר געגעבן. אויפן ערשטן בלעטל, גאַנץ אויבנאָן, איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: אַרבעטער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אײַך!...

ב.

פון דעמאָלט אָן זעט זיך ליזאַ מיט מאַקסן אַלע פאַרנאַכט, און זי קאָן זיך נישט דערמאָנען, פון וואָסער מאָמענט זיי זײַנען איבערגעגאַנגען פון „איר" אויף „דו". זי ווייס נאָר, אַז ווען זי זעט אים נישט, ציט דאָס זי צו אים, ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען, און אַז זיי באַגעגענען זיך, ווייס זי נישט, וווּהין די צײַט גייט אַוועק. זיי האָבן אַזויפיל צו ריידן אַז עס ווערט, דאַכט זיך, באַ זיי קיינמאָל נישט אויסשעפּן זיך, און אַלץ, וואָס ער רעדט, איז צוקער־זיס. אַ נײַע וועלט האָט ער פאַר איר אויפגעעפנט מיט זײַנע רייד. ביז אַהער האָט זי געוווּסט, אַז ווײַל זי, ליזאַ, איז אַ דינסט, און „פּרעוואָריכע" איז אַ נגידית, דאַרף זי, ליזאַ, זײַן באַ „פּרעוואָריכען" אין גלות, דאַרף קאָכן און באַקן און וואַשן און רייניקן אויף דער גאַנצער שטוב. איצט לאָזט זיך אויס אַ מעשה גאָר פאַרקערט: אַז ווײַל די גאַנצע שטוב שטייט אויף איר, אויף ליזאַן, דאַרף „פּרעוואָריכע" וויסן דרך־ארץ. ווו איז געווען איר שכל ביז אַהער? נישט געווען מאַקס, איז נישט געווען קיין שכל; געקומען מאַקס, איז געוואָרן גאָר אַנדערש. דאָס הייסט, דערווײַלע איז נאָך אַלץ אַזוי ווי פריִער: ליזאַ איז אַ דינסט, און „פּרעוואָריכע" — אַ נגידית. ליזאַ קאָכט און באַקט און וואַשט און רייניקט אויף דער גאַנצער שטוב, און פּרעוואָריכע שילט און קאַרעניעט, דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו. ס'איז אָבער אַלצדינג נאָר דערווײַל, ביז אַ צײַט. עס גייט אַ צײַט, אַ גאָלדענע צײַט...

אזוי טראַכט זיך ליזאַ, גייענדיק מיטן גלעזערנעם טעלערל צום פּעטער יאָסיע נאָך חרוסת, און קוקט זיך אַרום אױף אַלע זײַטן, טאָמער וועט זי באַגעגענען מאַקסן. זי זעט גאָרנישט, ווי די רויטע זון האַלט בײַ אונטערגיין אױף יענער זײַט שטאָט און באַפאַרבט מיט גינגאָלד אַ גאַנצן שטיק הימל. זי זעט גאָרנישט, ווי ייִדן לויפן מיט פולע פלעשלעך ווײַן אױף אַרבע־כוסות, געקויפט בײַ מאָטיע ווימאַראַזיג. דער ווײַן פינקלט זיך אַפּ אױף דער פאַרגייענדיקער זון און שפּילט און צעגיסט זיך אין אַלערליי קאָלירן. ליזאַ באַמערקט דאָס אָבער נישט. וואָס איז איר די זון? וואָס איז איר כתרילעווקע מיט אירע ייִדן און מיט זייער ווײַן אױף אַרבע־כוסות, אַז ס'איז נישטאָ דער, וועמען זי זוכט? נאָר אָט דערהערט זי אַ קול פון הינטן:

— ליזאַ!

— מאַקס!

און זיי שטעלן זיך אַוועק אַביסל שמועסן, היטן זיך, מע זאָל חלילה נישט באַמערקן, וואָרעם כתרילעווקע קאָן נאָך אַלץ נישט לײַדן, אַז אַ בחור מיט אַ מיידל זאָלן שטיין פראַנק און פרײַ אין מיטן גאַס און ריידן...

און אַזוי פליִען די מינוטן, ביז ליזאַ טוט זיך אַ כאַפּ:

— אוי! אַ מכה דער פערעוואַריכע מײַנער! איך דאַרף דאָך גאָר גיין צו איר פעטער יאָסיע נאָך חרוסת!

— גיי, גיי, איך וועל דאָ צוּוואַרטן אַ ווײַלע, ביז דו וועסט זיך אומקערן, וועל איך דיך שוין באַגלייטן ביז אַהיים.

און ליזאַ לאָזט זיך לויפן צום פעטער יאָסיע נאָך חרוסת.

ג.

„דער פעטער יאָסיע" — אַזוי האָט מען אים גערופן אין כתרילעווקע דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ שיינער ייִד און אַן אַלטער און אַ בכבודער און אַ נגיד און האָט קיין קינדער נישט געהאַט, אַחוץ פּלימעניקעס און פּלימעניצעס אָן אַ שיעור. כמעט אַ האַלבע שטאָט זײַנען געווען זײַנע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און אַלע האָבן זיי אַרויסגעקוקט אױף איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר...

וויפל פאַרמאָגט דער פעטער יאָסיע — דאָס האָט קיינער נישט געוווּסט, און דער פעטער יאָסיע אַליין אויך נישט. אַזוי האָט מען גע־

שמועסט אין שטאָט. געזאָגט האָט מען, אַז דער פּעטער יאָסיע איז אָנגעשטאָפּט ממון־קרח; מע ווייס אפילו, אַז ער האָט אַ צוואה און דאָרט איז באַ אים אויסגערעכנט ביז דער לעצטער פּרוטה. אַלע יאָר, אַז ס'איז געקומען ערב ראש־השנה, פלעגט ער איבערשרייבן די דאָזיקע צוואה, צונויפרופן אַלע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און נעמען באַ זיי „תקיעת־כף", אַז טאָמער חלילה שטאַרבט ער, זאָל מען זאָגן נאָך זיין נשמה אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר קדיש און לערנען אַלע טאָג אַ פּרק משניות. נאָכן תקיעת־כף האָט ער זיי אָנגעגאָסן צו גלעזלעך בראָנפן און געגעבן צו שטיקלעך לעקעך. די פּלימעניקעס האָבן געטרונקען לחיים, די פּלימע־ניצעס האָבן אים געווינטשעוועט, ער זאָל דערלעבן משיחן און דער פּעטער יאָסיע האָט געשמייכלט מיט זיינע שטענדיק נאַסע אויגן, גע־שאָמקעט מיט די ליפּן און געענטפערט: אָמן, אָמן.

אָט אַזוי האָט זיך עס געצויגן פון יאָר צו יאָר. די פּלימעניקעס מיט די פּלימעניצעס האָבן אַרויסגעקוקט מיט סכנת־נפשות, נאָר דער פּעטער יאָסיע האָט זיך עפּעס נישט אַזוי געכאַפּט. געהוסט האָט ער דווקא גאַנץ געשמאַק, אַ זאַדישקע, אַ מין אַסטמע האָט ער געהאַט, וואָס אַז ער פלעגט זיך פאַרהוסטן, האָט מען געמיינט, ס'איז אַן עק, אַז מע דאַרף שוין גיין נאָכן שמש פון חברה־קדישא. צום סוף — גאָרנישט, אַ נעכטיקער טאָג... אַלע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס פלעגן אין אַזאַ צייט נישט אָפּטרעטן פון זיין בעט:

— ווי פילט איר זיך, פּעטער, אַצינד?

— אַ דאַנק גאָט, פיל בעסער, פיל בעסער, איר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבן, קינדערלעך; מיין טאַטע, זכר לברכה, האָט אויך געהאַט דעם אייגענעם הוסט, וואָס איך, מיר צו לענגערע יאָר, און האָט געלעבט פונדעסטוועגן הונדערט מיט דריי יאָר, נאָך מיט אַ האַלבן. און מיין מאַמע, עליה השלום, — די האָט געלעבט נאָך מער מיט אַנדערהאַלבן יאָר... אונדזער שטיקל גליק איז, וואָס מיר היטן זיך; מיר עפענען קיינמאָל קיין טיר און קיין פענצטער, און אפילו קיין קוואַטירל פון אַ פענצטער אויך נישט, מחמת ס'איז אַ פּשוטע זאַך: לופט איז פאַר אַ הוסט אַ שחיטה, און פאַר אַ זאַדישקע — סם־המוות...

אָט אַזוי האָט זיי אויסגערעדט דאָס האַרץ דער פּעטער יאָסיע און אָפּגעשיקט זיי אַהיים, פאַרן אַוועקגאַנג געדאַנקט, וואָס זיי פאַרגעסן אים נישט...

אים פֿאַרגעסן? ווי קאָן מען פֿאַרגעסן אָן אַזאַ געטרײַען פּעטער, וואָס טראָגט אױפֿן קאָפּ, קיין עין־הרע, אַזױפֿיל פּלימעניקעס מיט פּלימעניצעס? אָן אײגענהער טאַטע דאַרף נישט מער טאָן, ווי דער פּעטער יאָסיע טוט פֿון זײערטװעגן אַלע יום־טוב. למשל, סוכות בענטשן זײ אַלע אױף זײַן אתרוג. חנוכה גרײט ער אָן פֿון זײערע קינדערס וועגן דרײדלעך, איטלעכן באַזונדער אַ דרײדל. פּורים מוזן די פּלימעניקעס מיט די פּלימעניצעס קומען צו אים אַלע מיט קינד און קײט האָרכן די מגילה. טאָמער חלילה פֿאַרפֿעלט אַ קינד צו דער מגילה — איז חיות נישט זיכער! דער פּעטער יאָסיע גיט אַכטונג. אים וועט איר נישט נאַרן. נישקשה, ער ווײס, ווער ס'איז געווען צו דער מגילה און ווער נישט. און אַז ער האָט דערטאַפּט דעם, וואָס איז נישט געווען, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פֿאַר אַן אויער: „פּוסטעקראַט מײנער! ווּ ביסטו געווען צו דער מגילה?" און יענער האָט געמוזט זיך פֿאַרענטפֿערן, אויסזוכן עפּעס אַ רעכטן תירוץ, וואָרעם דעם פּעטער יאָסיע טאָר מען נישט דערגרזענען...

נאָר מער ווי אַלע יום־טובים האָט ער זיך מפֿקיר געווען צוליב זײ, אַז ס'איז געקומען פּסח. דעם גאַנצן טאָג ערב־פּסח האָט איר געקאָנט זען דעם פּעטער יאָסיע זיצן אין שטוב און שטויסן צימערינג, רײַבן עפּל מיט ווײַן און מיט וועלישע נים. דער פּעטער יאָסיע האָט אַלײן געמאַכט חרוסת פֿאַר אַלע זײַנע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס. אַזוי איז שוין געווען בײַ אים דער מנהג אַלע ערב־פּסח — אָנמאַכן אַ פֿולע שיסל מיט חרוסת און אויסטײלן זײ אײנציקווײַז אױף טעלערלעך. און אױף מאָרגן נאָכן טיש, אַז די פּלימעניקעס מיט די פּלימעניצעס זײַנען געקומען צום פּעטער גוט יום־טוב בעטן, פֿלעגט מען נישט רײדן פֿון קײן זאַך, נאָר פֿונעם חרוסת. זײ פֿלעגן זיך גאָרנישט קאָנען זאַט אָפּלויבן פֿונעם חרוסת:

— דער חרוסת איז אײַך הײַנטיקס יאָר אָפּגעראָטן, פּעטער, מער ווי אַלע יאָר.

— פֿון אײַער חרוסת איז מיר נישט איבערגעבליבן צום אַנדערן סדר, איר זאָלט זאָגן, פּעטער, אױף אַ רפֿואה.

— מיט אײַער חרוסת האָבן מיר זיך, פּעטער, געטײלט, ווי מיט קרעפּל־פֿלײש.

— וואָס טוט איר אַרײַן, פּעטער, אַזעלכעס אינעם חרוסת, וואָס ער קומט אַרויס באַ אײַך אַזוי באַטעמט?

דער פּעטער יאַסיע האָט אויסגעהערט די דאָזיקע אַלע זיסע רייד און נישט געענטפערט גאָרנישט, נאָר געשמאַקט מיט די ליפּן. ער האָט געוווּסט גאַנץ גוט זייער ווערט, און דאָך פּלעגט ער אַנקוועלן פון זיי, ווערן ברייטער ווי לענגער.

גייט, טענהט, ווערט הייזעריק ריידנדיק — ס'איז אַ פּאַרפּאַלענע זאַך: חניפה איז אַ זיסער ביסן, מענטשן האָבן עס ליב, ווי צוקערלעקעך.

ד.

צוויי אינטערעסאַנטע פּאַרשוינען, מיט וועלכע מיר וועלן אײַך באַלד באַקענען, זײַנען ליזאָס בעלי־בתים: „פּערערוועּ" און „פּערעוואַריכע".

„פּערערוועּ" — איז אַ צונעמעניש, וואָס לאָזט זיך נישט איבער־זעצן אויף קיין אַנדער לשון, סײַדן אויף אונדזער ייִדיש, זאָל לעבן. אויף אונדזער ייִדיש וועט דאָס הייסן אַזוי גרויס, ווי „אַ קישקע אָן אַ דנאָ". מיט איינעם וואָרט, „פּערערוועּ" איז אַ מענטש, וואָס ס'איז אים קאַרג די וועלט — און אָט אַזעלכער איז ער טאַקע. די גרעסטע קראָם אין כתרילעווקע איז זײַנע, און דער גרעסטער פּדיון איז באַ אים. וואָס ער קאָן אַ מאָל אָפּלייזן אין איין שעה, וועלן דאָס דרײַ קרעמער נישט לייזן אין אַ וואָך — און ס'איז אים נאָך קאַרג. ער שלעפּט קונים, שלעפּט זיי באַ די פּאָלעס, שעמט זיך נישט אַרויסשלעפּן זיי פון יענעמס קלייט, כאַפּט אָפּטמאָל פון די קרעמער אַ מיאוסן פּסק — מיט אַ נאַסן בעזעם איבערן פּנים, אָדער מיט אַ קאַנאַווקע קאַלט וואַסער איבערן קאָפּ: „אַ ייִד אַ פּערערוועּ זאָל נישט האָבן קיין טבע שטעקן די נאָז, ווו מע דאַרף נישט!"... אַזעלכע סקאַנדאַלן פּלעגן זיך אויסלאָזן אַ מאָל נאָך מיט אַ גרעסערן סקאַנדאַל באַם מיראָוואָי. דער מיראָוואָי, אונדזער אַלטער באַקאַנטער פון מיליניעווסקי, פּלעגט אויסהערן ביידע צדדים מיט די עדות, אויסמוסרן דעם בעל־דבר אַליין:

— נאַווישטשאָ טי טאַקע פּערערוואַ? (וואָס ביסטו אַזוי זשעדנע?) כיבאַזש בעזדיטנעי יאַסיקאַ טובי ניע דיאַדיקאַ? (איז דען דער אָנקינ־דערדיקער יאַסיע דיר קיין פּעטער?).

און כּדומה אַזעלכע רייד פּלעגט אַרײַנזעצן אין אים דער מיראָוואָי,

און די גאַנצע שטאָט האָט געמאַכט פֿון אים חוכא וטלולא. און פֿערערווע זאָל זיך עס אַפֿילו פֿאַרקרימען. גאָרנישט, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען, אָט אַזאַ נפֿש איז פֿערערווע. אַצינד וועלן מיר אײַך פֿאָרשטעלן זײַן ווײַב הצנועה מרת „פֿערעוואַריכע״ שתחיה.

יעדער מאַן פֿאַרמאָגט פֿונקט אַזאַ ווײַב ווי ער איז ווערט. פֿערערווע האָט אַ ווײַב, דאַרף זי הייסן פֿערעוואַריכע. דאָס הייסט, הייסן הייסט זי ראַצל, נאָר אַ נאָמען האָט מען איר געגעבן פֿערעוואַריכע, איבער איר כאַראַקטער. זי איז אַביסל אָן אײַנגעגעסענע. איטלעכן באַזונדער קאָכט זי אויס דאָס וואַסער. מען קען זי אומעטום, ווי אַ בייזן שילינגער: „אָט איז זי שוין דאָ די פֿערעוואַריכע!״ — אַזוי זאָגט מען אױף איר אין מאַרק, אַז מע דערזעט זי פֿון דער ווײַטן. פֿערעוואַריכע, אַז זי וויל עפּעס קויפֿן, דינגט זי זיך אַזוי לאַנג, ביז מע זאָגט איר אין די אויגן, אַז זי איז אַ פֿערעוואַריכע. און דאָס האָט זי דווקא פֿײַנט:

— מיט וואָס בין איך אַ פֿערעוואַריכע? דערמיט, וואָס איך וויל נישט איבערצאָלן? פֿאַר מײַן געלט מעג איך מיך, דאַכט מיר, אַביסל דינגען, צי ניין? זאָגט אפֿשר, אַז ניין? אָדער אפֿשר איז באַ מיר גנבהיש געלט? אָדער אפֿשר מיינט איר, אַז מיר האַנדלען מיט פֿאַלשע סיגנאַ־ציעס? אָדער אפֿשר איז גלאַט אַ מצווה באַ מיר נעמען טײַערער?...

פֿערעוואַריכע איז אַ ייִדענע, וואָס לייגט נישט קיין כבוד אױף קיינעם. אַפֿילו איר אייגענער פֿעטער יאָסיע (ער איז א י ר פֿעטער, נישט איר מאַנס), וואָס אַלע האָבן פֿאַר אים דרך־ארץ, האָט מורא מיט איר אָנצוהייבן. און אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל ער פֿאַרטשעפּעט זי מיט אַ וואָרט, קאָן ער זיך פֿון איר נישט אויסבאָדן אין צען וואַסערן. דער פֿעטער יאָסיע כאַפּט זיך דעמאָלט מיט ביידע הענט באַ די אויערן, לויפֿט אַרויס אין דרויסן מיט אַ גוואַלד:

— רבונה של עולם! שטראָף מיך מיט כף־הקלע, מיט גיהנם, מיט וואָס דו ווילסט, אַבי לייז מיך אויס פֿון פֿערעוואַריכעס מויל!

דער פֿעטער יאָסיע האָט שוין געפּרוּווט אַ פּאָר מאָל סטראַשען זי מיט דער צוואה — האָט דאָס אויך נישט געהאָלפֿן. אדרבה, ס'איז נאָך געוואָרן פֿיל ערגער. זי האָט זיך אין אים אַזוי אײַנגעגעסן אין די ביינער, אַז ער האָט געשוואָרן פֿאַר אַ גאַנצן מנין ייִדן, אַז זיי זאָלן וויסן, אַז טאָמער חלילה גייט ער פֿון דער וועלט, איז דאָס נאָר איבער איר, איבער אָט דער פֿערעוואַריכע!

אצינד ווען מיר לערנען א קל־וחומר: מה־דאך דער פעטער יאסיע וואס אלע קוקן ארויס אף זיין ירושה, האט פון איר אפגעשניטענע יארן, היינט לא־כל־שכן א מאן, און נאך אזא מאן, ווי פערערווע, על אחת כמה וכמה — מעג מען דאך אוודאי באגראבן ניין איילן אין דער ערד, ער זאל קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין! איך בין נישט פערעוואריכעס מליץ־יושר, נאר איך גיב איר אפ דעם גערעכט: א מצווה אף פערערווען. ער האט געוווסט נאך פאר דער חתונה, אז זי איז א שלאק פון זיין ליבן נאמען, און האט געהאט ביד נאך דער חתונה דרייסיק מאל זי אפגטן; נאר ער האט דאס נישט געטאן צוליבן פעטער יאסיעס ירושה. כן יאבדו — אזא סוף מעגן האבן אלע זשעדנע נשמות, וואס פארקויפן זיך פאר געלט!

מיר לאזן איבער פערערווען מיט פערעוואריכען און קערן זיך אום צוריק צו אונדזער ליזאן מיט איר געליבטן מאקס.

ליזא איז ארויסגעגאנגען פונעם פעטער יאסיען מיטן חרוסת און האט נאך נישט געמאכט קיין פינף טריט, איז שוין אויסגעוואקסן מאקס, און דאס פארל האט זיך געלאזטביידע שפאצירן איבער דער בארימטער כתרילעווקער בלאטע, וואס באווייזט זיך ארויס מיט איר גאנצן חן, אז עס קומט פסח. אלטע לייט דערציילן, אז זיי געדענקען נישט, ווען ס'זאל זיין א מאל אין כתרילעווקע א טרוקענער פסח. יידן, זאגן זיי, האבן שוין אזא גליק, אז עס קומט פסח, ווערט א דערטרינקעניש איבער דער גאנצער שטאט. נאר ערגער ווי אומעטום איז דער גרויסער פלאץ, אדער דער שול־הויף, דארט, ווו עס שטייען אלע שולן, בתי־מדרשים און קלייזלעך. די כתרילעווקער בעל־עגלות, וואס זיינען שארף אף צונעמענישן, האבן דא א נאמען געגעבן „דאס טינטערל". אהין, זאגן זיי, אז מע פארט ארייַן מיט א וואגן ערב־פסח, דארף מען זיך אפגעזעגענען מיט ווייב און קינדער ביז העט נאך שבועות.

פונדעסטוועגן — לעבן זאלן די כתרילעווקער יידן! איר זאלט זען, ווי מע גייט אין שול ארייַן, אז סע קומט די ערשטע נאכט פון פסח, און דווקא אנגעטאן יום־טובדיק, און דווקא מיט לאנגע קאפאטעס, און דווקא אטלעסענע. א סך האבן זיך פארשפעטיקט, לויפן זיי אין איין אטעם, כאטש פארכאפן א ברכו. נאר איין מאקס כאפט זיך עפעס נישט אזוי אין שול ארייַן. מאקס איז פארנומען מיט ליזאן. ער האלט מיט איר אינמיטן א שמועס נאך פון פריער. זיי גייען הארט בא די ווענט,

זוכן אַ סטעזשקע, און האָבן זיך אַזוי פאַרטיפט אין זייער געשפּרעך, אַז זיי האָבן גאָרנישט באַמערקט, ווו די צײַט איז אַהינגעקומען. פּלוצעם האָבן זיך אַ שאָט געטאָן יידן פון די שולן, און ליזאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אימפּעט:

— אוי, אַ מכה אַף פערעוואַריכען! מע גייט שוין פון שול, און דער חרוסת, משטיינס געזאָגט...

ליזאַ האָט נישט געענדיקט די פראַזע. עס האָט זיך געטראָפן מיט איר דאָס, וואָס עס טרעפט זיך גאַנץ אָפט מיט אַ מיידל אין בתרילעווקע: זי האָט זיך אויסגעגליטשט און האָט אַרויסגעלאָזט דאָס טעצל מיטן חרוסת גלײַך אין בלאָטע אַרײַן. אַזאַ אומגליק! ליזאַ איז געווען אויס מענטש! סע פאַרשטייט זיך, אַז וויפל ס'איז דאָ קללות אַף דער וועלט — זײַנען זיי געפלויגן אַף פערעוואַריכעס קאָפּ. מאַקס האָט זי אָבער גיך באַרויִקט:

— כאַפּט זיי בעניע, דײַנע בורזשוקעס! לייג זיי אָן אַ פול טעלערל מיט בלאָטע און לאָז דאָס זײַן פאַר חרוסת! נישקשה, זיי האָבן גוטע מאָגנס. זיי וועלן דאָס פאַרדײַען...

פאַר אַזאַ מין עצה האָט זיך ליזאַ פרוּער ווי דערשראָקן: וואָס הייסט, זי וועט אָנהאָדעווען אירע בעלי־בתים מיט בלאָטע? נאָכדעם איז דער געדאַנק איר אַזוי געפעלן, אַז זי האָט זיך אַזש צעלאַכט פון דער דאָזיקער המצאה און האָט געטאָן אַזוי, ווי מאַקס האָט איר געהייסן, און האָט זיך געלאָזט לויפן אַהיים וואָס גיכער, זיך דרײַ מאָל געזעגנט מיט מאַקסן, שטאַרק געקוועטשט בײַ די הענט.

ה.

עס ליגט שוין עפּעס אַזעלכעס אין דער טבע פון אַ מענטשן, אַז גאָט שיקט אונדז צו עפּעס אַ גוטע זאַך, טיילן מיר זיך דערמיט גערן מיטן צווייטן. ובפרט אַזאַ זאַך, וואָס איז אַ מצווה און סע קאָסט קיין געלט נישט. אונדזער העלד פערערווע, ווי דער לעזער ווייס שוין, איז עפּעס נישט אַזאַ מילדער נדבן, וואָס זאָל זיך מפקיר זײַן לטובת הכלל; נאָר אַז עס קומט די ערשטע נאַכט פון פּסח, דערוועקט זיך אין אים אַ געפיל פון צדקה, עס דערוואַרעמט זיך בײַ אים דאָס האַרץ, די האַנט ווערט בײַ אים אויפגעבונדן און ער פאַרזאָרגט אַלע זײַנע

נאָענטע שכנים מיטן פעטער יאָסיעס חרוסת, איטלעכן צו ביסלעך. בעת מעשה שײַנט באַ אים דאָס פּנים, ווי באַ אַ מלאך, און אַז מע ווינטשט אים, ער זאָל דערלעבן איבעראַיאָר און זײַן רײַך (דאָס האָט ער דווקא ליב!), ענטפערט ער מיט אַ זיס שמייכעלע, וואָס איז זעלטן אַף זײַנע ליפּן: „גם אתם! גם אתם!"...

איצטיקס מאָל האָט זיך פערערווע אַביסל פאַרשפּעטיקט מיטן חרוסת אויסטיילן. און איבער וועמען? איבער דער דינסט. זי איז שפּעט געקומען. אַן עזות פון אַ דינסט! אַ תירוץ האָט זי צוגעטראַכט אַפילו זייער אַ קלוגן: דער פעטער יאָסיע האָט זיך פאַרהוסט, זאָגט זי, מיט סכנת־נפשות. אַלע האָבן, זאָגט זי, געמיינט, אַז ס'איז שוין אַן עק, אויס פעטער יאָסיע!

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס־זשע איז געוועזן?

— וואָס זאָל זײַן? געזונט און שטאַרק, אַף אַלע ייִדישע קינדער...

דער מלך מיט דער מלכה, דאָס הייסט, פערערווע און פערעוואַריכע, קוקן זיך איבער אָן ווערטער, לאָזן אַרויס אַ טיפן זיפץ און מע זעצט זיך אַוועק צום סדר.

דער „סדר" איז שוין אַזויפיל מאָל באַשריבן געוואָרן פון מיר און פון מײַנע קאָלעגן, אַז אַלץ, וואָס איך וועל אײַך איצטער זאָגן, וועט זײַן נישט מער, ווי איבערגעקײַט פון פאַראַיאָרן. דאָס, וואָס איך וואָלט יאָ וועלן זאָגן איצט, איז נאָר איין זאַך: וואָס פאַר אַ כוח ליגט אין דעם ליבן הייליקן יום־טוב פסח, אַז אַפילו אַזאַ קאַלטע זאַך, אַזאַ טרוקענע בריאה, ווי פערערווע — אָסור, אויב איר וועט אים דערקענען! און פערעוואַריכע? ווו איז אַהינגעקומען איר מויל, וואָס קאָן זיך קיינמאָל נישט באַרויִקן? פון וואַנען האָט זיך גענומען צו זיי ביידע אַזאַ מילדע ווייכקייט, אַזויפיל פרײַנטלעכקייט און יום־טובדיקער חן אַף זייערע פּנימער? עס איז, כ'לעבן, כדאי צו שטיין פון דער ווײַטן און צוזען, וויִאַזוי עס גייט צו באַ זיי דער סדר. ווי אַלץ איז נײַ, אַלץ איז ריין, אַלץ גלאַנצט, ווי גינגאָלד, און אַלץ זיצט באַם טיש מיט רעספּעקט, און אַלע אויגן קוקן אַהין, אַף איין מענטשן, אַפן גוטן ליבן קעניג פון דער דאָזיקער נאַכט, אַף פערערווען, ווי ער טיילט אויס פון זײַן פולער האַנט איטלעכן באַזונדער אַף אַ שטיקל מצה זײַן חלק מרור און חרוסת. פריִער

פון אַלע באַקומט איר חלק, ווי דער עטיקעט פֿאָדערט עס, די קעניגן (פּערעוואַריכע). נאָך דער קעניגן באַקומען צו ביסלעך מרור און חרוסת די פּרינצן (די קינדער זייערע), וואָס קוקן אַרויס אַף דעם, ווי אַף עפּעס רעכטס. נאָך די קינדער באַקומט אויך די דינסט אַ היפּשן חלק (דאָס איז שוין מחמת גוטסקייט), און ערשט אַז די גאַנצע קעניגלעכע פֿאַמיליע איז שוין אַרומגעטיילט מיט מרור און חרוסת, נעמט דער קעניג (פּעּ־רערווע) און לייגט זיך אָן אַליין אויך אַ היפּשע פּאָרציע, זאָגט דעם „הנני מוכן ומזומן" מיט אַ שיינעם ניגון, מאַכט די ברכה און עסט אָנגעלענט, מיט ברייטקייט, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ מלך. אַף אים קוקנדיק, נעמט זיך די מלכה אויך צום עסן, ווי דער עטיקעט פֿאָדערט עס, און אַף זיי קוקנדיק, טראָגן אויך די קינדער צו צום מויל דעם חרוסת און פֿאַרקרימען זיך:

— אוי! וואָס איז דאָס פּאַר אַ מין חרוסת?... קריצט אונטער די ציין און שמעקט מיט... פּע!

אַן אַנדערס מאָל וואָלטן חברה קליינוואַרג זיך נישט געניאַרט פּאַר אַזאַ עזות: זאָגן אַף חרוסת „פּע"!... איצטיקס מאָל אָבער איז זיי אָפּגעלאָפֿן גלאַט, ווײַל דער מלך מיט דער מלכה זײַנען אַליין אויך געבליבן זיצן מיט פֿולע מײַלער, נישט אַהין, נישט אַהער: אײַנשלינגען — קאָן מען נישט, אויסשפּײַען — טאָר מען נישט... נאָר איין ליזאַ איז געזעסן און געקײַט, ווי אַ קאַלב, איר חלק מצה (דעם חרוסת האָט זי באַצײַטנס אַראָפּגעלאָזט אונטערן טיש...). מיט אַ שיינעם חרוסת האָט זיי הײַנטיקן פּסח דער פּעטער יאָסיע מכבד געווען! וואָלט כאָטש דער פּעטער יאָסיע געווען ז ײַ ן פּעטער, נישט א י ר ע ר, וואָלט שוין פּערעוואַריכע אָפּגעשפּילט פּערערוועןּ אַ סדר, אַז עס וואָלט אים פֿינצטער געוואָרן די וועלט און נמאס דאָס קעניגן... הײַנט די בזיונות פֿון די שכנים — וואָס וועלן די שכנים זאָגן? און כל הוה — אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט: זיי זײַנען נאָך נישט פֿאַרטיק געוואָרן מיטן ערשטן האַלבן סדר, האָט זיך געעפֿנט די טיר און עס האָבן אָנגעהויבן גיין שלוחים פֿון די שכנים איינס נאָך דאָס אַנדערע:

— נאַט אײַך אָפּ אײַער חרוסת...

— דער טאַטע האָט אײַך געשיקט זאָגן אַ דאַנק פֿאַרן חרוסת...

— אַזאַ חרוסת עסט שוין בעסער איר אַליין געזונטערהייט...

אַף מאָרגן פּסח נאָכן טיש זײַנען אַלע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס

מיט זייערע קינדער געקומען, ווי דער מנהג איז, צום פעטער יאָסיע יום־טוב בעטן. דער פעטער יאָסיע האָט זיי אָנגעגרייט אַ טיש פון כל־טוב: דעם בעסטן ראָזשינקעס־ווײַן (צעמישט מיט פסחדיקן וואַסער), אַ סך וועלישע נים (צום מיינסטן, פּוסטע) און זילבערנע כוסות מיט פּסחדיקע גלעזלעך אָן אַ שיעור. דער פעטער יאָסיע אין זײַן יום־טובדיקן צעריסענעם, נאָר זײַדענעם אויסגעניצטן כאַלאַט, מיט דער געשטיקטער יאַרמלקע אױפֿן קאָפּ, האָט אויסגעזען ווי אַ טערקישער פּאַשאַ. וואָס האָט אַזוי ליב געסט, אַז ער וואָלט זיי אָוועקגעגעבן די נשמה. ער האָט נישט גערוט, נישט געקאָנט זען, טאָמער זיצט איינער אָן אַרבעט, און האָט אַלץ געבעטן:

— קנאַקט, קינדערלעך, קנאַקט נים און פאַרטרינקט מיט ווײַן, נאָר ווערט נישט שכור... פאַרגעסט נישט, אַז מיר האָבן הײַנט באַנאַכט נאָך אַ סדר מיט נאָך אַ מאָל ארבע־כוסות, מיט נאָך אַ מאָל מרור און חרוסת...

— דער חרוסת איז אײַך הײַנטיקס יאָר אָפּגעראָטן, פעטער, מער ווי אַלע יאָר.

— פון אײַער חרוסת איז מיר נישט איבערגעבליבן צום אַנדערן סדר, איר זאָלט זאָגן, פעטער, אױף אַ רפואה.

— מיט אײַער חרוסת האָבן מיר זיך, פעטער, געטיילט, ווי מיט קרעפּל־פלייש.

— וואָס טוט איר אַרײַן פעטער, אַזעלכעס אינעם חרוסת, וואָס ער קומט אַרויס בײַ אײַך אַזוי באַטעמט?

אָט אַזעלכע קאָמפּלימענטן זײַנען געפלויגן פון אַלע זײַטן, פּונקט ווי אַלע יאָר. נאָר איין פערעלע מיט פערעלע... האָבן געשוויגן, געקוקט איינס אױף דאָס אַנדערע און געקאָכט זיך שטילערהייט אינע־ווייניק, אַזוי לאַנג, ביז פערעלע האָט דערפילט, אַז עס פּלאַצט אין איר די גאַל, אַז טאָמער וועט זי שווײַגן נאָך איין מינוט, איז אָן עק פון איר לעבן! — און זי האָט אויפגעעפנט איר מויל און האָט אַוועקגעלייט אַ מענה־לשון, אַזוי ווי זי קאָן, און האָט זיי אַלעמען אָנגערופן מיטן אמתן נאָמען, וואָס זיי האָבן פאַרדינט:

— פאַרשטאָכענע אויגן! פאַלשע מענטשן! פאַרקויפטע נשמות! כאַליפּאָסניקעס! טעלערלעקער!... מע גיט אײַך אַביסל ווײַס איך וואָס,

אביסל גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, און מע זאָגט אײַך, ס׳איז חרוסת, — לעקט איר די פינגער!? ...

א באַמבע זאָל געוועז אַראָפּפאַלן פון סטעליע און פּלאַצן באַם פעטער יאָסיען אין שטוב, וואָלט זי נישט באַדאַרפט אָנמאַכן אַזאַ רעש, ווי עס האָבן געמאַכט פּערעוואַריכעס ווערטער. סטײַטש! זאָגן אױף דעם פעטער יאָסיעס חרוסת, אַז ס׳איז „אביסל וויים איך וואָס", „אביסל גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד", און נאָך ווי? באַם פעטער יאָסיען אין שטוב, פאַרן פעטער יאָסיען אין די אויגן! נישט אַנדערש, אַז פּערעוואַריכע איז געווירט, נישט באַ אַלע געדאַנקען.

— ראַצל! וואָס רעדט איר דאָס? גאָט איז מיט אײַך! איר זײַט מעשוגע? צי חסר־דעה?

אַזוי זײַנען אָנגעפאַלן אױף איר אַלע איבעריקע פּלימעניקעס און פּלי־מעניצעס און פּערעוואַריכע איז געוואָרן נאָך מער אויפגעבראַכט און האָט זיי אָנגעגעבן בכפל־כפלים:

— משוגע מעגט איר שוין אַלע ווערן פאַר מיר און פאַר מײַן מאַן און פאַר מײַנע קינדער! איך בין אַ מענטש, וואָס קאָטאָרי כ׳האָב ליב זאָגן דעם אמת — איך וועל נישט גיין לעקן די פינגער פון אַזאַ, איך בעט איבער אײַער כבוד, אביסל...

— אביסל וואָס?

— אַ ביסל דאָס!...

— פעטער! איר הערט, וואָס זי זאָגט? זי זאָגט אױף אײַער חרוסת, אַז ס׳איז, איך בעט איבער אײַער כבוד, אביסל דאָס!...

ווער איז דאָ אומשטאַנד אָפּמאָלן דעם פעטער יאָסיעס געקנייטשט פּאַרמעט־פּנים, מיטן פעטער יאָסיעס נאַסע אויגן, מיטן פעטער יאָסיעס אומגעלומפּערט שמייכעלע, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אױף זײַנע האַלב־טויטע ליפּן? ער האָט זיך עפּעס מאָדנע אײַנגעבויגן, געוואָרן מיט אַ מאָל קלענער, און אַ זאָג געטאָן צו אַלעמען און צו קיינעם נישט, נאָר אין דער לופט אַרײַן:

— א ל ה ת ו ל ד ו ת פ ע ר ע ו ו א ר י כ ע!...

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. פּערעוואַריכע, אַז זי האָט דערהערט איר אמתן נאָמען, האָט דאָס זי אַזוי אויפגעטראָגן, אַז זי האָט אָנגעהויבן שיטן פעך און שוועבל, נישט נאָר אױף די קרובים, נאָר אפילו אױפן פעטער יאָסיען אַליין. וואָס ס׳איז איר געקומען אױפן מויל — דאָס האָט זי אים

גענזאָגט. עס האָט נישט געהאָלפֿן פֿערערוועס אַרײַנמישן זיך און פֿערערוועס צוהאַלטן זי פֿאַר די הענט:

— לאָז מיך! איך בין אַ מענטש, וואָס קאַטאָרי איך האָב ליב זאָגן דעם אמת! — האָט זי געשריגן און געריסן זיך צום פֿעטער יאָסיען און האָט אים אָנגערופֿן מיט אַ סך מאָדנע נעמען: „אָפּגאָט!" „גאָלדענער זאַק!" „קול שטרוי!" „ציגענע ביבקע!" „אַלטער תּרח!" „אויסגענייטע יאַמפּערקע!" „חרוסת־פֿאַבריקאַנט!"...

איך ווייס נישט, וועלכער פֿון די דאָזיקע שונד־נעמען האָט אַף אים אַממערסטן געווירקט, נאָר דעם פֿעטער יאָסיען איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטאַרק שלעכט און ער האָט זיך פֿאַרהוסט אַף אַ גאַנצער שעה — די „זאַדישקע" האָט זיך אין אים צעשפּילט מיט סכנת־נפֿשות. מען איז געלאָפֿן און מע האָט געבראַכט דעם דאָקטער און מע האָט געטאָן וואָס מע האָט געקאָנט. נאָר ס'איז געווען אַרויסגעוואָרפֿן: דעם זעלבן אָפּדערנאַכט, פּונקט צום אַנדערן סדר, האָט דער פֿעטער יאָסיע אָפּגעגעבן גאָט די נשמה.

עפּילאָג

תּכף נאָך פּסח האָבן זיך צונויפֿגעקליבן באַם פֿעטער יאָסיע אין שטוב אַלע זײַנע פּלימעניקעס און פּלימעניצעס, און מע האָט איבערגעלייענט די צוואה, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פֿעטער יאָסיע (זאָל ער מיר מוחל זײַן אַף יענער וועלט!) האָט זיי אַלע געפּירט אין באָד אַרײַן. זײַן גאַנץ עשירות, אַז מע האָט דאָס אײַנגעטיילט צווישן אַלע קרובים, האָט זיך אָנגענומען אַרום און אַרום בסך־הכּל עטוואָס מער, ווי אַ הונדערטער אַף אַ פּאַרשוין. ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט אין יענער צײַט אונדזער העלד פֿערערווען, דער האָט קיינמאָל אַף זײַן לעבן קיין אמתן צער נישט געזען. אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַרײַן. און פֿערעוואַריכע האָט אויסגעלאָזט איר גאַנץ ביטער האַרץ מיט אַלע צרות אַף פֿערערוועןן. עד היום נאָך פֿײַלט זי אים און פֿידלט אים אַף וואָס די וועלט שטייט, און פֿערערוועע נעבעך מוז דאָס שטילערהייט אַראָפּשלינגען. אַ ברירה האָט ער? ס'איז, זאָג איך אײַך, אַ גאָטס רחמנות אַף דעם ייִדן!...

ליזאַ האָט נישט חתונה געהאַט פֿאַר מאַקסן, ווײַל ער איז געפֿאַלן,

ווי אַ סנאָפּ, אינעם ערשטן גרויסן שטרײַק נאָכן ערשטן גרויסן שאָס... איז זי אין אַמעריקע. זי אַרבעט דאָרטן מיט אירע צוויי יינגערע שוועס־טערלעך אין אַ „שאָפּ" און גייט מיט זיי אויף אַלע „מיטינגען". און כאָטש זי איז נאָך אַ „גרינע" און ווערט פֿאַרשוואַרצט, ווי די יידן אין מצרים, פֿונדעסטוועגן, אַז איר פֿרעגט זי, וואָס זי מאַכט, ענטפֿערט זי אײַך, אַז זי איז „אָלרייט" און האָפֿט נאָך אַלץ אויף דער גאָלדענער צײַט... מיר וועלן זיך נאָך מיט איר אַמאָל באַגעגענען. זי האָט אונדז וואָס צו דער־ציילן... דערווײַל ווינטשן מיר אײַך אַ גוטן, אַ פֿריילעכן, אַ כשרן פּסח.

געשריבן אין יאָר 1909